STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04144

DER TSEYKHEN FUN NEKOME

Shelomo Ben-Israel

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. בן-ישראל / דער צייכען פון נקמה

צו פריינט [illegible]

[illegible] בן-ישראל

2.14.62

שלמה בן־ישראל

דער צייכען פון נקמה

דעטעקטיוו ראָמאַן

פארלאג "שחף" תל־אביב
תשכ"ב 1961

©
כל הזכויות שמורות
All Rights Reserved
to "Shahaf" Publishing
Printed in Israel, 1961
דפוס ורד, רח׳ צ׳לנוב 61, ת״א

אינהאַלט

אַ פריהע באַזוכערין 7
דער שידוך 11
„מיט אויגען פון אַ פאַרליבטער“ 14
ירמיהו איבערראַשט זיינע צוויי געהילפען 18
אַ דעליקאַטע מיסיע 22
דער געהיימניספולער צייכען 26
אַ פיינטליכע אויפנאַמע 29
אַ קענטליכער נאָמען 34
דער געהיימניספולער „לעצטער פאַציענט“ 38
דייטשע „פילבאַרקייט“... 43
דער קליינער מאַן מיט די פאַרפלעקטע פינגער 46
אַ פיינטליכע באַגעגעניש 50
יאָהאַן גרונט פון גיזעלא שטראַסע 54
מיצי האָט אומזיסט געוואַרט 58
דער וואָלענער שאַל אין די גרוי־שוואַרצע קראַטען 61
סענדער׳ס פראַגע בלייבט ניט פאַרענטפערט 64
די פרוי הינטער דער טיר 68
ירמיהו איז נייגעריג און מאַכט אַ ענטדעקונג 72
די אלמנה הילדע גאַבלער דערציילט 78
אַן אומדערוואַרטע געשעהניש 81
סענדער פאַרשטעהט ניט וואָס איז די שמחה 84
ירמיהו׳ס פאַרדאַכט 87
דר. וועלינגער איז בייז און ירמיהו דערוויסט זיך עפעס 91
דער ערשטער שפור... 95
דער צייכען פון נקמה 99
די „אידען פראַגע“... 102
מיט אַ געזונטען קאָפ אין אַ קראַנקען בעט 105
„די שענסטע פרוי אין מינכען“ 109
סענדער געהט אויס ווי אַ ליכט 116
אַן אַנגסטליכע ערוואַרטונג 119
די שטימע ביים פענסטער 123
אַ נעסט פון נאַציס 127
דער פאָליציי־שעף איז איינגעשפאַרט 130
אַן איבערראַשענדע ענטדעקונג 134

מאַרטאַ כאַפּט אַ פּראַסק אין פּנים 137
דער פערטער קרבן 146
דער לעצטער טאָג פון דר. דיטריך 150
סענסאַציאָנעלע ענטדעקונג רופט אַרויס אַ פּאַניק 154
דער ערשטער שפּור 158
ירמיהו פליהט קיין ישראל 162
אין אַ הייסען כאַמסין־טאָג 165
די שעהנע באַזוכערין 169
סעדיה „פּראַוועט קונצען” און „גבור” ווערט „משוגע” 174
אַ באַזוך אין „יד ושם” 179
דער דאָקומענט פון דר. הילאַרי ברענזאַ 182
די ליסטע פון די 36 185
די 4 וועלכע זענען אַוועק 189
די איבערראַשענדע ענטדעקונג 193
די געשיכטע פון אבא נעכעס 196
צוריק אין דייטשלאַנד 201
אין זוכעניש פון זעקסטען קרבן 205
דער „עקסידענט” אויף דער פּאַפּענהיים שטראַסע 207
דער בייזער דאָקטאָר 212
סענדער דערוויסט זיך אינטערעסאַנטע איינצעלהייטען 217
ירמיהו פאַרשפּרייט „די נעץ” 223
אָנפאַלען פון משוגעת 227
דער געהיימניספולער מאַן אין בלויען סוט 232
סענדער קומט אָן צו עוואַ'ן נאָך הילף 235
די נייעס אויף דער ראַדיאָ 239
„דו ביסט נישט קיין מערדער” 245
דר. ברענזאַ'ס צוואה 248
דר. וועלינגער'ס פראַגע 252

אַ פֿריהע באַזוכערין

דער הונט האָט זיך אויפֿגעשטעלט אויף די הינטערשטע לאַפּעס, האָט אָנגעדריקט מיט די פֿאָדערשטע אויף דער טיר וואָס האָט געפֿירט פֿון עס־צימער צום קיך.

רחל האָט זיך געפּאָרעט ביים צוגרייטען פֿרישטיק. דער טאָפּ מיט די קאַווע האָט שוין געזאָטען פֿאַרשפּרייטענדיג אַן אנגענעמען גערוך. זי האָט נישט באַמערקט דעם הונט׳ס אַריינקומען אין קיך, זייענדיג פֿאַרטאָן אין אויפֿקלאַפּען אייער פֿאַר אַ פּיינקוכען.

דער הונט האָט זיך צוגעשאַרט צו רחל׳ען, האָט אָנגענומען מיט די ציין דעם זוים פֿון איר פֿאַרטוך און אַ לייכטען ציי געטאָן. די פֿרוי האָט אויפֿגעצאַפּעלט.

— אוי! טפֿו זאָלסטו ווערן! — האָט זי אויסגעשריגען — עס האָט זיך מיר אָפּגעריסען אין האַרצען! זאָלסט עס מער ניט טאָן, מיך איבער־שרעקען, דו הערסט! גאָט האָט דיר געגעבען אַ שטימע צו האווקען, טאָ האַווקע!

גלייך ווי דער הונט זאָל האָבען פֿאַרשטאַנען רחל׳ס רייד האָט ער אַ שטילען האַווקע געטאָן.

— אָט אַזוי, „גבור״, אַזוי פֿירט זיך אַן אַנשטענדיגער הונט — האָט רחל אַ גלעט געטאָן „גבור׳ן״ איבער׳ן קאָפּ — איך ווייס וואָס דו ווילסט! ביזט הונגעריג און דורשטיג, כ׳ווייס. איך האָב פֿאַרשפּעטיגט היינט, עס איז אָבער ניט געווען מיין שולד.

אַזוי רעדענדיג האָט זי אָנגעגאָסען אין אַ שיסעלע מילך און עס אַראָפּגעשטעלט אויף דער ערד. דער הונט האָט ווידער צוויי מאָל שטיל צוגעהאַווקעט.

רחל האָט אויפֿגעעפֿענט דעם רעפֿרידזשערעיטאָר און אַרויסגענומען אַן אָרענדזש.

— זעה נאָר דעם פֿיינשמעקער! ער האָט זיך צוגעוואוינט צום אָרענדזש־זאַפֿט און אַנדערש פּאַסט עס אים ניט — האָט זי געבורטשעט. בשעת מעשה האָט זי צושניטען דעם אָרענדזש אין דער העלפֿט און גענומען אויסדריקען דעם זאַפֿט.

— עס איז ניט דיין שולד, „גבור". דאָס איז סענדער׳ס משוגעת! — האָט זי גערעדט צום הונט — געהערט אַזוינס? אַ הונט דאַרף האָבען וויטאַמינען! אַ נייער פּראָפעסאָר...

רחל האָט עס ניט געקענט מוחל זיין סענדער׳ן פּאַרוואָס יענער האָט אויסגעלערענט דעם הונט צו טרינקען אינדערפרי אָרענדזש־זאַפט צוגעמישט צו זיין פּאָרציע מילך. ירמיהו און סעדיה פלעגען אָפּלאַכען פון סענדער׳ס טעאָריע, אַז אַ הונט דאַרף האָבען די וויטאַמינען פון אָרענזשען פונקט ווי אַ מענש דאַרף עס. סענדער האָט אָבער געטאָן זיינס און „גבור׳ן" האָט דער מאַכל פאַרשמעקט און ער האָט זעהר גערן געזשליאָקעט יעדען פרימאָרגען די באַזאַפּטיגטע מילך.

„גבור" האָט ווידעראַמאָל אַ האַווקע געטאָן, דעם מאָל שטאַרקער און אומגעדולדיגער. רחל האָט שוין געוואָלט אָנשרייען אויף אים ער זאָל ניט זיין אַזוי פאַרריסען ביי זיך און האָבען מער געדולד, אָבער ווי נאָר זי האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם הונט האָט זי פאַרשטאַנען אַז די האַווקעריי האָט ניט צו טאָן מיט זיין אומגעדולד.

„גבור" איז געשטאַנען אַן אָנגעשטייפּטער, די אויערען אָנגעשפּיצט, די מאָרדע געווענדעט צום פענסטער אין דער ריכטונג צום גאָס. אַ קוים הערבאַרע בורטשעניש האָט געכאָרכעלט אין זיין גאָרגל. רחל האָט צו־לאַנג געקענט „גבור׳ן" ניט צו וויסען אַז ער שפּירט אַן אָנקומענדען מענשען. דאָס איז געווען „גבור׳ס" שטייגער פון וואָרנען, אַז אַ פרעמדער דערנעענטערט זיך צום הויז.

עס איז אָבער געווען אַ רוהיגע וואָרנונג, ניט קיין שטרענגע און בייזע. דער הונט האָט געהאַט אַ חוש פאַר די אָנקומענדע מענשען. ער האָט געקענט פיהלען און אונטערשיידען אַ בייזוויליגען באַזוכער פון אַ פריינדליכען. אַ בייזע ברומעריי פון הונט פלעגט וואָרענען אַז דער פרעמדער איז באוואפענט. „גבור" האָט געקענט אָנשמעקען אַ שונא אַ מייל ווייט.

רחל האָט אַוועקגעשטעלט דעם אָרענדזש־זאַפט און איז שנעל צו־געגאַנגען צום פענסטער געווענדעט צום בלומען גאָרטען וואָס האָט אָפּגעטיילט די הויז פון גאָס. אַ יונגע בלאָנדע מיידעל האָט געשפּרייזט אויף דער סטעזשקע וואָס האָט געפירט צום אַריינגאַנג אין הויז. רחל׳ס ערשטער געדאַנק ביים אנבליק פון דער מיידעל איז געווען, אַז אַזאַ קאָליר בלאָנדקייט איז נאַטירליך, ניט געפאַרבט.

— וואָס וויל זי דען אַזוי פריה? — האָט רחל אַ בורטשע געטאָן. זי האָט גענומען אַרומווישען די הענט מיט׳ן ברעג פון פאַרטוך און זיך געלאָזט

געהן צום האָל וואו עס האָט זיך געפונען דער אַריינגאַנג. „גבור״ האָט איר נאָכגעפאָלגט.

דער גלעקעל ביים טיר האָט אויפגעשאַלט מיט אַ שוואַכען קלונג. אַזוי קלינגען אַן געוועהנליך מענשען וואָס זענען ניט זיכער ביי זיך, וואָס וואַקלען זיך, וואַגען נישט צו קומען, און צווייפלען צו זייער שריט איז דער ריכטיגער. ירמיהו האָט אַמאָל געגעבען רחל׳ען אַ גאַנצע לעקציע וועגען דעם ווי אַזוי זי קען דערקענען לויט׳ן קלאַנג וואָס פאַראַ סאָרט באַזוכער צו ערוואַרטען.

רחל האָט געעפענט די טיר. די באַזוכערין איז געוועזן נישט עלטער פון 20 יאָר, אַ שעהנע מיידעל מיט בלויע אויגען וואָס האָבען פאַרמאָגט אַ גרינליכען שיין. זי איז געווען קענטליך נערוועאיש און די פינגער פון אירע הענט האָבען זיך געקלאַמערט אין די פרענזען פון שאַל וואָס איז געווען אַריבערגעוואָרפען איבער אירע אַקסלען און פאַרבונדען פון פאַרענט אין אַ לויזען קנופּ.

— בוקר טוב! (גוט מאָרגען!) — האָט זי באַגריסט רחל׳ען — איך וויל זעהן מר. אַלמוג׳ן.

אַליין ניט וויסענדיג פאַרוואָס, האָט רחל געהאַט אַ וואַרימען געפיהל צו דער מיידעל. עפּעס האָט אַרויסגעשיינט פון יענער׳ס אויגען אַ שטומער געבעט וואָס האָט ערוועקט מיטלייד צו איר.

— עס איז אַביסעל צו פרי — האָט רחל אויסגערופען — עס איז ערשט האַלב נאָך זיבען. מר. אַלמוג נעמט אויף פון ניין.

— זאָגט אים ביטע אַז עס איז דרינגענד... איך בעט אים ער זאָל מיך זעהן אויב ער קען... איך דאַרף זיין באַלד ביי דער אַרבעט... איך האָב געהאָפט אַז ער וועט מיך אויפנעמען...

— קומט אַריין! — האָט רחל אַ זאָג געטאָן, אַריינלאָזענדיג די באַזוכערין און האָט צוגעמאַכט די טיר. — קומט, זעצט זיך. איך וועל אים זאָגען אַז איר וואַרט. וואָס איז אייער נאָמען?

— רבקה נישרי.

רחל האָט געלאָזט די באַזוכערין אין ירמיהו׳ס אָפיס־צימער. „גבור״ איז דאָרט פאַרבליבען מיט איר. דער הונט האָט זיך אויסגעצויגען ביים וואַנט מיט דעם ביכער שראַנק און האָט זיך געמאַכט דרעמלענדיג. עס האָט אים שטאַרק געצויגען צוריק צו דער קיך, וואו עס האָט געוואַרט אויף אים די שיסעל מיט מילך, אָבער „גבור״ האָט געקענט זיינע פליכטען און געוואוסט ווי זיך צו פירען. און כאָטש ער האָט געפיהלט אַז פון דער מיידעל דראָהט

נישט קיין געפֿאַר, האָט ער פֿונדעסטוועגן געטאָן ווי מען האָט אים געלערענט.

— ווער איז דאָרט געווען? — האָט ירמיהו אַ פֿרעג געטאָן אַריינקומענדיק אין עס־צימער.

דער דעטעקטיוו איז נאָר וואָס פֿאַרטיק געוואָרען מיט זיין טואַלעט און עס האָט געשמעקט פֿון אים דער ביטערער גערוך פֿון לעמאָן אַדעקאָלאָן וואָס ער פֿלעגט באַנוצען נאָכ׳ן ראַזירען. רחל האָט ניט געקענט פֿאַרטראָגען דעם גערוך און פֿלעגט זיך שטענדיג באַקלאָגען פֿאַרוואָס ער נוצט נישט עפּעס אַנדערש אַנשטאָט די „שטינק וואַסער״.

— אַ יונגע מיידעל פֿון אַ יאָר 20. רבקה נישרי. זי בעט זאָלסט זי אויפֿנעמען אַצינד אויב מעגליך.

— רבקה נישרי! זעהר גוט. איך וועל זי זעהן. קענסט שטעלען דעם עסען. סענדער וועט אויך באַלד אַריינקומען. ער האָט פֿאַרפֿאַפֿט אַביסעל, געקומען אַהיים אַרום 2 פֿאַרטאָג.

— אַ נאָווינע ביי אים — האָט רחל אַ בורטשע געטאָן געהענדיג צום קיך — ער און „גבור״, אַ פּאָר. מען לויפֿט אַרום נעכט... ביי „גבור׳ן״ איז עס כאָטשיק נאָר אין סעזאָן, ביי סענדער׳ן איז אַן אייביגער סעזאָן... קליידעל־יעגער...

ירמיהו האָט גענומען לאַכען.

— וואָס ווילסטו פֿון אים? ער איז אַ פֿרייער בחור און איצט איז זיין צייט.

— דו ביזט אויך אַ בחור, פֿונדעסטוועגען ביזטו נישט ווי ער. יעגער שמ׳ט אין גאַנץ תל־אביב.

— געה שוין געה, רחל! דו ווערסט מיר צו אַלטמאָדיש, אַן אמת׳ע באָבע אָהן אַ שייטעל.

— איך פֿאַרגין אים דען ניט? איך זאָג נאָר אַז אַ יונג דאַרף זיך אויפֿפֿירען מער סטאַטעטשנע. נאָך אַלעמען איז ער אַלמוג׳ס אַ שותף, אַ פֿירמע מיט אַ רעפּוטאַציע.

זי איז אַריין אין קיך און ירמיהו האָט געעפֿענט די טיר צום אָפֿיס־צימער און געבליבען שטעהן ביים שוועל.

— שלום, גברת נישרי! — האָט ער באַגריסט די מיידעל וועלכע איז אויפֿגעשפּרונגען פֿון שטול — זיצט, זיצט! איך בין ירמיהו אַלמוג. איר האָט מיך געוואָלט זעהן?

— איך מוז האָבען אייער הילף, מר. אַלמוג — האָט רבקה אויסגערופען. איר שטימע האָט פלוצים איינגעבראָכען און זי האָט גענומען וויינען.

— ירמיהו, וואו ביזטו? האָט זיך דערהערט סענדער׳ס שטימע. ער איז ערשינען ביי דער טיר, דערזעהן די באַזוכערין און געבליבען שטעהן אַ פאַרגליווערטער.

— ענטשולדיגט! איך האָב ניט געוואוסט אַז דו האָסט...

— עס מאַכט ניט אויס. קום אַריין! גברת נישרי, דאָס איז מיין שותף סענדער. פריילין נישרי איז געקומען בעטען אונזער הילף. האָט איר שוין געגעסען פרישטיק?

די מיידעל האָט צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

— מיר האָבען נאָך ניט געגעסען. איך נעם ניט אויף קיין באַזוכער פאַר ניין. פאַר אייך וועלען מיר מאַכען אַן אויסנאַם, אָבער אויפ׳ן הונגעריגען מאָגען טויג אַפילו דער בעסטער דעטעקטיוו אויף כפרות. קומט, איר וועט אונז האַלטען געזעלשאַפט ביים טיש און טרינקען מיט אונז קאַווע...

דער שידוך

דער פריינטליכער טאָן און די צוגעלאָזענקייט פון דעטעקטיוו האָבען באַרוהיגט רבקה׳ן. זי האָט זיך מודה געווען אַז אויסער אַ גלאָז טיי האָט זי נאָך יענעם פרימאָרגען גאָרניט געהאַט גענומען אין מויל; אויף ירמיהו׳ס צודרינגליכען פאַרלאַנג האָט זי ענדליך צוגעשטימט צו נעמען אַ שטיקעל ברויט מיט פוטער צו איר קאַווע.

מיט׳ן מאָמענט וואָס ירמיהו איז ערשינען האָט „גבור״ פאַרלאָזט דעם צימער און איז אַוועק אין קיך צו זיין שיסעל מיט מילך און אָרענדזש־זאַפט. רחל האָט מיט אַ כיוון געלאָזט אָפען די טיר פון קיך צום עס־צימער.

זי האָט זעלטען געהאַט אַ געלעגענהייט צו הערען וואָס מענשען רעדען מיט די דעטעקטיווס. דערצו האָט די בלאָנדע מיידעל ערוועקט אין איר אַ טיפען געפיהל פון נייגעריגקייט. „עס וואָלט געווען ניט שלעכט ווען סענדער פאַרליבט זיך אין איר און האָט חתונה... אפשר איז עס אַ שידוך צוגעשיקט פון שיקזאַל״, האָט זי אַ טראַכט געטאָן, אָבער באַלד פאַרטריבען פון זיך דעם געדאַנק.

— איר וועט מיר ענטשולדיגען וואָס איך בין אַריינגעפאַלען צו אַייך אַזוי פריה, שטער אייך עסען...

— איר דאַרפט זיך ניט ענטשולדיגען — האָט סענדער זי באַרוהיגט — פאַרקערט, מיר דאַרפען אייך אָפּדאַנקען. עס טרעפט זעלטען ווען אַ שעהנע מיידעל באַשיינט אונזער טיש.

„אַ בראַנד אויף דיר, סענדערקע!”, האָט רחל אַ טראַכט געטאָן. עס פלעגט טרעפען זעהר אָפט וואָס זי, רחל, פלעגט מיטעסען לאַנטש מיט די דעטעקטיווס און די באַמערקונג פון סענדער׳ן האָט ערוועקט אין איר אַ פאַרדרוס. אמת, זי איז ניט קיין 20 יאָר איצט, איז אַ מאַמע פון דריי קינדער, אָבער באַשיינען אַ טיש קען זי נאָך אַלץ. „אַזאַ קליידעל יעגער”, האָט זי אַ בורטשע געטאָן.

— איך אַרבעט אין אַן אָפיס און איך מוז זיין ביי דער אַרבעט האַלב נאָך אַכט, האָב איך געהאָפט אַז איר וועט מיך אויפנעמען אַצינד — האָט רבקה געזאָגט — איך בין אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפען וואַרטענדיג אויף דעם פרימאָרגען צו קענען קומען צו אייך.

— נו, איר זענט שוין דאָ, טאָ לאָמיר הערען וואָס עס ברענגט אייך אַהער — האָט ירמיהו געזאָגט.

— איך דאַרף אייער הילף און איך בין גרייט צו באַצאָלען... קיין סך געלט האָב איך ניט, אָבער איך וועל זיך אָנשטרענגען...

ירמיהו האָט אַ גוטמוטיגען שמייכעל געטאָן.

— מיין ליבע גברת נישרי, איר פאַרנעמט זיך מיט דעם לאַנגען וועג... לאָמיר עס מאַכען קירצער. עס האַלט נאָך ניט ביים געלט. אפשר קענען מיר אייך גאָרניט העלפען! לאָמיר צוערשט הערען וואָס איז אייער פּראָבלעם.

— אָה, איך האָף אַז איר וועט מיר יאָ וועלען העלפען! — האָט רבקה אויסגעשריגען.

— עס איז דאָ ניט קיין פראַגע פון וועלען, נאָר פֿון קענען — האָט ירמיהו געזאָגט — אין וואָס האַנדעלט זיך דאָ? איר האָט אַ חתן און ער איז אין טראָבעל?

רבקה איז געבליבען זיצען אַ געפלעפטע, האָט אָנגעקוקט דעם דעטעקטיוו מיט ברייט אויפגעריסענע אויגען.

— ווי... ווי האָט איר עס געוואוסט? — האָט זי אַרויסגעשטאַמעלט.

— איך פּרוביר טרעפען! האָב איך געטראָפען? — האָט ירמיהו געפרעגט שמייכלענדיג.

— איר מוזט קענען לייענען מענשליכע געדאַנקען! — האָט רבקה אויסגעשריגען — דאָ האַנדעלט זיך טאַקע וועגען מיין חתן. ער ווערט

באַשולדיקט אין מאָרד, אָבער ער איז אומשולדיק. איך שווער אַז ער איז אומשולדיק.

סענדער, וועלכער האָט די גאַנצע צייט זיך צוגעהערט צום געשפּרעך, האָט אַ בליק געטאָן אויף ירמיהו'ן און זיך גענומען רייבן די קיהן פון באַק. ער האָט גוט געוואוסט, אַז ירמיהו קען ניט לייענען יענעמ'ס געדאַנקען. דער יונג האָט זיך דעריבער געוואונדערט ווי אַזוי ירמיהו האָט פּלוצים געטראָפן וואָס עס האָט געבראַכט די שעהנע מיידעל אַהער.

סענדער האָט בשעת מעשה געפיהלט אַ טיפען פּאַרדרוס. ירמיהו פלעגט אים אָפטמאָל איבעראַשען מיט זיין בעאָבאַכטונגס קראַפט, אָבער אין דעם פאַל האָט ער, סענדער, בשום אופן ניט געקענט באַגרייפן וואָס אַזוינס ירמיהו האָט אַרויסגעלייענט פון רבקה'ס געזיכט און רייד, וואָס האָט אים געגעבען אַ שפּור צו אירע געדאַנקען. „פאַרוואָס קען איך עס ניט אַרויס־לייענען פון איר?", האָט ער געטראַכט, און דער פאַרדרוס האָט גענומען גריזשען זיין האַרץ.

— דערצעהלט געגוי און מיט אַן אָרדענונג — האָט ירמיהו זיך אָפּגערופען.

— דאָס וויל איך טאַקע טאָן. איך ווייס נאָר ניט וואו אָנצוהויבען — האָט רבקה געזאָגט.

— הויבט אָן פון אָנהויב, דאָס איז דאָס לייכטסטע — האָט ירמיהו באַמערקט.

רבקה האָט פאַרקלעמט די פינגער און פאַרביסען די אונטערשטע ליפּ. סענדער האָט באַוואונדערט אירע זאַפטיגע ליפען און שניי־ווייסע ציין. ער האָט אויפמערקזאַם באַטראַכט איר געזיכט און איז געקומען צום באַשלוס אַז זי האָט אַ סך געוויינט די פאַרגאַנגענע נאַכט.

— איך בין אַ געבוירענע אין תל־אביב. ביז מיט אַ האַלב יאָר צוריק האָב איך געדינט אין דער אַרמיי און נאָך דער באַפרייאונג האָב איך באַקומען אַ דזשאָב און איך אַרבעט. מיט אַנדערהאַלבען יאָר צוריק האָב איך זיך באַקאַנט מיט מיין איצטיגען חתן. ער הייסט שמעון ווייס. ער איז געבוירען געוואָרען אין מינכען אין 1937, און זיין מאַמע האָט אים געבראַכט אַהער ווען ער איז אַלט געווען 11 מאָנאַטען. ער איז, קען מען זאָגען, כמעט אַ „סאַברע", אַ היגער געבוירענער. געקומען אַהער איז ער מיט זיין מוטער, ווייל דער פאָטער איז געהאַט פאַרבליבען אין דייטשלאַנד צו ליקווידירען זיינע ביזנעס. ער האָט שוין ניט דערלעבט אַרויסצוקומען פון דאָרט...

שמעון אַרבעט אין אַ גאַראַדזש אַלס אַ מעכאַניק. ווען מיר האָבען זיך

באַקאַנט און פאַרליבט, האָבען מיר געלאָזט וויסען אונזערע עלטערן. זיין מוטער איז דאַמאָלס געווען קראַנק און מיר האָבען געשריבען תנאים, אַזוי צו זאָגען, ביי שמעון׳ען אין הויז מיט זיין מוטער ליגענדיג אין בעט. דאָס איז געווען מיט אַכט מאָנאַטען צוריק. זי איז געשטאָרבען מיט צוויי וואָכען שפּעטער. שמעון האָט דאָ קיינעם ניט, אויסער מיך און מיין פאַמיליע. מיר האָבען באַשלאָסען חתונה צו האָבען קומענדען ל״ג בעומר.

רבקה איז שטיל געבליבען אויף אַ ווײַלע, האָט צוגעדריקט איר טיכעל צו די אויגען.

— איך מאַך עס קורץ און דערצעהל אייך נאָר די הויפּט זאַכען וואָס זענען וויכטיג צו וויסען איידער מיר קומען צום אומגליק וואָס האָט מיט אונז פּאַסירט — האָט זי געזאָגט — איך האָף אַז ביז איצט איז אייך קלאָר וואָס איך האָב דערצעהלט.

— געהט אָן, איר דערצעהלט זעהר זאַכליך! — האָט ירמיהו אויס־געררופען.

— שמעון׳ס פאָטער איז געווען אַ רייכער מאַן און די נאַציס האָבען צוגערויבט פון אים זיין גאַנצען פאַרמעגען. שמעון׳ס מוטער האָט געהאַט אָנגעגעבען אויף שאָדענערזאַץ איינצומאָנען פון דייטשלאַנד פאַר׳ן פאַרלוסט פון איר מאַן און פאַרמעגען. אַ טייל געלט האָט זי באַקומען און עס באַוויזען צו פאַרקרענקען פאַר׳ן טויט. דער גרעסטער טייל פון שאָדענערזאַץ קומט נאָך און עס איז דערמיט פאַרבונדען אַ סך קאָמפּליקאַציעס. שמעון׳ס לאָיער אין דייטשלאַנד האָט אים דעריבער געראָטען, אַז ער זאָל קומען צופאָרען כדי אויפ׳ן אָרט צו העלפען איינמאָנען דעם שאָדענערזאַץ אָפּצאָל. עס האַנדעלט זיך וועגען אַ היבשער סומע, אַרום הונדערט און זעכציג טויזענט מאַרק, וואָס באַטרעפט 40 טויזענט דאָלאַר. מיר האָבען געהאָפּט פאַר דעם געלט זיך איינצואָרדנען אַ דירה מיט מעבל און שמעון האָט גע׳חלומ׳ט פון עפענען אַן אייגענעם גאַראַדזש צו פאַרריכטען אָטאָמאָבילען.

אָט מיט די האָפענונגען איז שמעון אָפּגעפאָרען מיט זיבען וואָכען צוריק קיין מינכען.

„מיט אויגען פון אַ פאַרליבטער"

— די ערשטע צוויי וואָכען האָט ער פאַרבראַכט אין קעלן און דאַן איז ער געפאָרען קיין מינכען. איך ווייס ניט גענוי ווי און ווען דאָס איז געשען, אָבער פלוצים האָב איך אויפגעהערט צו באַקומען פון אים בריוו; ער פלעגט

מיר שרייבען כמעט יעדען טאָג. איך בין געוואָרען שטאַרק אומרוהיג. פאַראַכטאָגען האָב איך געשיקט אַ טעלעגראַמע צום אַדוואָקאַט, וועלכער פאַרטרעט שמעונ׳ען אין מינכען. מיט צוויי טעג צוריק האָב איך באַקומען פון אַדוואָקאַט אַ בריוו. אַט איז ער דאָ. ער שרייבט קורץ: שמעון איז אַרעסטירט געוואָרען אין מינכען אויף דער באַשולדיגונג פון מאָרד. וואָס מאָרד, ווען מאָרד, וואו און ווי אַזוי — דאָס אַלץ שרייבט ער ניט. מען קען אַראָפּגעהן פון זינען...

זי איז צוגעפּאַלען מיט׳ן קאָפּ צום טיש און זיך צעכליפּעט. ירמיהו האָט באַטראַכט דעם בריוו פון דייטשען אַדוואָקאַט, געשריבען אין ענגליש. עס איז געווען ווי רבקה האָט עס באַצייכענט, אַ טרוקענע, לאַקאָנישע מעלדונג אָהן דעם מינדסטען אויסדרוק פון מיטגעפיהל. פון בריוו איז געווען קלאָר, אַז דער אַדוואָקאַט, גוסטאַוו גרין, וויל וואָס וועניגער האָבען צו טאָן מיט דעם ענין.

— גברת נישרי — האָט ירמיהו אַרויפגעלעגט זיין האַנט אויף איר ציטערענדען אַקסעל — איר האָט שוין גענוג געוויינט ביז איצט. מיט טרערען קען מען דאָ גאָרניט אויפטאָן. אויב איר ווילט העלפען שמעונ׳ען, דאַן שטאַרקט זיך און לאָמיר רעדען פון תכלית. איך פאַרשטעה, אַז איר ווילט מיין הילף.

— איר... איר זענט די איינציגע האָפענונג... — האָט רבקה געזאָגט מאַכענדיג קענטליכע אָנשטרענגונגען צו באַהערשען זיך — מיין טאַטע איז מיט מיר געגאַנגען צו אַ היגען אַדוואָקאַט און יענער האָט געראָטען מיר זאָלען זיך ווענדען צו דער פּאָליציי דאָ הי און צום אויסערן מיניסטעריום. אין דער פּאָליציי האָט מען אונז געזאָגט אַז זיי קענען פון דאַנען ניט טאָן קיין זאַך. אין מיניסטעריום האָט מען אונז צוגעזאָגט זיך צו פאַראינטערע־סירען דורך אַן אָנפראַגע... אויב נויטיג וועט מען אָנשטעלען דאָרט אַ קרימינעלען אַדוואָקאַט. אַלע זענען קאַלט צו אונז... קיינער וויל זיך ניט צורייסען דעם ספּאָדעק... זיי פאַרדעכטיגען אַז אפשר איז שמעון טאַקע אַ מערדער. איך ווייס אָבער אַז ער איז אומשולדיג. איך קען אים זעהר גוט; ער איז ניט פעהיג צו הרג׳ענען אַ פליג...

— וואָס זשע ווילט איר איך זאָל דאָ טאָן? — האָט ירמיהו געפרעגט.

איך וויל אַז איר זאָלט פאָרען קיין מינכען און דאָרט אויסגעפינען דעם אמת, באַפרייען שמעונ׳ען. דער פּאָליציי קאָמענדאַנט האָט מיר נעכטען געגעבען דעם ראַט. שטעלט אָן אַלמוג׳ן, האָט ער געזאָגט. אויב שמעון איז אומשולדיג דאַרף מען די אומשולד זיינע פעסטשטעלען און דאָס קען מען

טאָן נאָר דאָרט אויפ׳ן אָרט, און נאָר אַלמוג קען עס טאָן. די היגע פּאָליציי קען זיך ניט מישען אין אַ פרעמדען לאַנד, נאָך דייטשלאַנד דערצו... דעריבער בין איך געקומען צו אייך, מר. אַלמוג. מיר האָבען אָפּגעשפּאָרטע געלט, מיין פאָטער און איך, 3,000 פונט האָבען מיר. מיר וועלען עס אייך געבען אינגאַנצען אויב נויטיג אַבי איר זאָלט זיך אונטערנעמען צו באַפרייען שמעון׳ען.

די דרויסענדיגע טיר האָט געטאָן אַ קלאַפּ. אין פאָרהויז איז ערשינען סעדיה, ירמיהו׳ס צווייטער געהילף און שותף. ירמיהו האָט אים פאָר־געשטעלט פאַר דער באַזוכערין, און סעדיה האָט, ווי עס איז געווען זיין שטייגער יעדען טאָג, זיך צוגעזעצט ביים טיש און אָנגעגאָסען פאַר זיך אַ גלאָז קאַווע.

ירמיהו האָט אין קורצען אויפגעקלערט פאַר סעדיה׳ן ווער די באַזוכערין איז און צוליב וואָס זי איז געקומען. דאַן האָט ער זיך געווענדעט צו רבקה׳ן און געזאָגט.

— איידער איך גיב אייך מיין ענטפער וויל איך אייך שטעלען אַ צאָל פראַגען. פון אייערע ענטפערס וועט זיין אָפּהענגיג צו איך וועל זיך אונטערנעמען די אויפגאַבע וואָס איר ווילט מיר אָנפאַרטרויען.

— איך בין גרייט צו ענטפערן אויף אַלע פראַגען — האָט רבקה געזאָגט.

— פונוואַנעט נעמט זיך ביי אייך די איבערצייגונג אַז שמעון איז טאַקע אומשולדיג ?

רבקה׳ס אויגען האָבען אויפגעשימערט און איר קיהן האָט גענומען ציטערען.

— איידער איר ענטפערט, טראַכט זיך גוט אַריין אין דעם — האָט ירמיהו פאָרטגעזעצט — מיר ווייסען אַבסאָלוט ניט ווי אַזוי דער מאָרד, אין וועלכען ער ווערט באַשולדיגט, איז פאָרגעקומען. מיר ווייסען ניט ווער דער ערמאָרדעטער איז, צי עס איז אַ מאַן צי אַ פרוי, יונג צי אַלט, צי עס איז פאָרגעקומען אין אַ שענק צי אין אַ וואַלד, אָדער גאָר אין אַ צימער פון אַ האָטעל. מיר ווייסען פאָרלויפיג אַבסאָלוט גאָרניט פון די איינצעלהייטען פון דער באַשולדיגונג געגען אייער חתן. וואָס גיט אייך די איבערצייגונג אַז וואָס די אומשטענדען זאָלען ניט האָבען געווען איז שמעון אומשולדיג ?

— ווייל איך קען שמעון׳ען ! — האָט רבקה אויסגעשריגען קוקענדיג שאַרף אויף דעם דעטעקטיוו — איך קען אים ווי זיך אַליין. מיר האָבען פאַרבראַכט אַ סך שטונדען רעדענדיג פון פאַרשידענע זאַכען אין לעבען און איינמאָל האָט ער מיר געזאָגט, אַז עס עקעלט אים פון געדאַנק צו קריגען

געלט פון די דייטשען, ווייל עס איז מערדעריש געלט... שמעון האָט געדינט אין דער אַרמיי בשעת דעם סיני קריג און ער האָט שפּעטער דערצעהלט, אַז ער איז געווען גליקליך וואָס אים איז ניט אויסגעקומען צו שיסען, וואָס אַלץ האָט זיך פאַרענדיגט שנעל און אָהן בלוט פאַרגיסונג. ער וואָלט געשאָסען ווען מען וואָלט עס באַדאַרפט, אָבער ער האָט אַ געפיהל פון עקעל צו מאָרד, אַפילו אין זעלבסט־באַשיצונג. שמעון איז איינער פון די ערליכסטע און פיינסטע מענשען וואָס איך קען.

— איר האָט אים שטאַרק ליב, ליבע פאַרבלענדעט אַמאָל די אויגען — האָט ירמיהו געזאָגט.

— אפשר פאַרבלענדעט ליבע די אויגען, אָבער איך רעד דאָ ניט וועגען דעם וואָס מיינע פאַרליבטע אויגען האָבען געזעהן, נאָר איך דערצעהל וואָס שמעון אַליין האָט מיר געזאָגט, זיך געטוישט מיט זיינע מיינונגען און געפיהלען, מיט זיין לעבענס פילאָזאָפיע. ניין, שמעון איז ניט קיין מערדער. איך וועל אייך וויזען זיינע בריוו פון דייטשלאַנד. איך האָב אַ מאָדנעם געפיהל דאָ — שרייבט ער — אַ געפיהל אַז יעדער דייטש וועמען איך טרעף האָט פאַרבלוטיגטע הענט, אפשר די בלוט פון מיין פאָטער. דאָך פיהל איך ניט צו זיי קיין האַס, עס איז גיכער אַ געפיהל פון רחמנות געמישט מיט עקעל. ווען איך טרעף אָן אַ אַדאָלף אייכמאַנ׳ען וואָלט איך ניט געווען אימשטאַנד אים אומצובריינגען. איך וואָלט אפשר מער ווי אַ שפּיי אין זיין פנים...

— ...ענטשולדיגט מיר, גברת נישרי — האָט ירמיהו איבערגעשלאָגען אירע רייד — האָט איר אַלע בריוו וואָס שמעון האָט געשריבען צו אייך פון דייטשלאַנד?

— איך האָב זיי אַלע, יעדען איינציגען פון זיי.

— קען איך זיי קריגען פון אייך דורכצולייענען... איך פאַרשטעה, אַז בריוו פון אַ געליבטען זענען ניט פאַר פרעמדע אויגען — האָט ער צוגעגעבען באַמערקענדיג איר פאַררויטלונג — איך מוז עס אָבער בעטען ביי אייך, ווייל אויב כ׳וויל זיך אונטערנעמען די אויפגאַבע, דאַרף איך זיין באַקאַנט מיט אַלע מעגליכע איינצעלהייטען.

— איך האָב די בריוו אין הויז און איך קען זיי אייך געבען צום לייענען.

— זעהר גוט. איצט ענטפערט מיר אויף נאָך אַ פראַגע: פאַרוואָס איז אייער פאָטער ניט געקומען מיט אייך אַהער?

— ער האָט געוואָלט מיטקומען אָבער איך האָב אים אָפּגערעדט

דערפון — האָט רבקה געענטפערט — אויב איר ווילט אים זעהן קען ער דאָ קומען.

— יאָ, איך וועל אייך בעטען עס צו טאָן. אין אָוועגט, נאָך דער אַרבעט, קומט דאָ מיט אייער פאָטער און ברענגט מיר אַלע בריוו פון אייער חתן: איך בין פאַראינטערעסירט נאָר אין די בריוו וועלכע ער האָט געשריבען פון דייטשלאַנד.

— וואָס פאַרא אַנדערע בריוו קענען דען זיין? — האָט סענדער אַ פרעג געטאָן.

— אַה, עס קען אַמאָל זיין, אַז ער האָט געשריבען צו רבקה׳ן ווען זי איז געווען אין דער אַרמיי.

— צוויי מאָל אַ טאָג פלעגט ער שרייבען. איך אויך! — האָט רבקה אַ קוים מערקבאַרען שמייכעל געטאָן. עס איז געווען דער ערשטער שמייכעל אירער יענעם פרימאָרגען און סענדער האָט באַמערקט אַז בשעת מעשה האָט זיך געשאַפען אַ חן גריבעלע אין איר לינקער באַק.

— אַלזאָ, ברענגט מיר זיינע בריוו פון דייטשלאַנד און איר וועט אויך אונטערשרייבען צוזאַמען מיט אייער פאָטער אַ באַפולמעכטיגונג, אַז איר שטעלט מיך אָן אַלס אייער פאַרשטעהער צו העלפען אייער חתן. איר וועט מיר אויך איינצאָלען פינף הונדערט פונט פאַר די אויסגאַבען.

— אַזוי ווייניג? — האָט רבקה אויסגערופען — איך וויל דאָך אַז איר זאָלט פאַרען קיין דייטשלאַנד. די רייזע אַליין קאָסט דאָך אַזוי פיל.

— מיר וועלען זיך שוין אויסרעכענען — האָט ירמיהו זי באַרוהיגט מיט אַ שמייכעל — איך וועל וואַרטען אויף אייך היינט זיבען אַזייגער אין אָוועגט. פאַרגעסט ניט מיטברענגען אַלע בריוו.

ירמיהו איבעראַשט זיינע צוויי געהילפען

רחל איז אַריינגעקומען אין צימער מיט אַ טאַץ אין האַנט אָפצורוימען די געפעס פון טיש. ירמיהו האָט זי באַטראַכט מיט אַ שמייכעל און אַ פרעג געטאָן:

— נו, רחל, ווי געפעלט דיר די געשיכטע?

— וועלכע געשיכטע? — האָט רחל זיך פאַרוואונדערט.

— די געשיכטע מיט רבקה׳ן און איר חתן. האָסט דאָך אַוודאַי געהערט אַלצדינג. די טיר פון קיך איז געווען אָפען.

רחל האָט זיך פאַררויטעלט.

— וואָס קען איך זיך העלפֿען, אַז „גבור" צעעפּענט די טיר — האָט זי אַ מורמעל געטאָן.

— עס מאַכט ניט אויס. עס זענען ניט געווען דאָ קיין סודות — האָט סענדער באַמערקט.

— עס איז אַ רחמנות אויף דער מיידעל — האָט רחל געזאָגט.

— יאָ, אַ שטאַרקער רחמנות — האָט סענדער צוגעשטימט.

— האָסט געדאַרפֿט זעהן סענדערקע'ס אויגען ווען ער האָט געקוקט אויף איר — האָט סעדיה באַמערקט — זיי זענען שיער ניט אַרויסגעשפּרונגען פון קאָפּ. פאַרוואָס קלייבסטו זיך ניט אויס אַזאַ מיידעל, סענדער, און האָב חתונה?

— תימנ'ער לאַכודרע, הויבסט שוין אָן דערגעהן די יאָרען? — האָט סענדער אַ בייזען בורטשע געטאָן — הער אויף צו זאָרגען פאַר מיר. איך וועל זיך שוין אַליין פאַרזאָרגען.

— איך זאָרג דען פאַר דיר? — האָט סעדיה זיך געמאַכט תמ'עוואַטע — איך זאָרג פאַר דיינע קוקערס. ווען זיי דערזעהן אַ פאַר שעהנע פּיס אין אַ קליידעל נעמען זיי ביי דיר אַרויסקריכען פון קאָפּ. טו כאַטש אָן טונקעלע ברילען מען זאָל עס ניט באַמערקען.

— נעם איין אַ שטומעניש! — האָט סענדער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

זיי האָבען זיך אויפגעשטעלט פון טיש און האָבען נאָכגעפאָלגט ירמיהו'ן אין אָפיס־צימער. „גבור" איז אויך נאָכגעגאַנגען, האָט זיך אויסגעצויגען אין מיטען פון צימער באַטראַכטענדיג ירמיהו'ן ווי יענער פּילט אָן זיין לולקע מיט טאַבאַק.

— וואָס איז דיין מיינונג, סענדער, וועגען דעם ענין מיט שמעון ווייס'ן? — האָט ירמיהו אַ פרעג געטאָן צוטראָגענדיג אַ ברענענדע שוועבעלע צום טאַבאַק וואָס האָט גענומען אויפגליהען.

— קענענדיג דיך נעם איך אָן אַז דו גלויבסט אין זיין אומשולד, אַנישט וואָלסטו ניט אונטערגענומען צו פאַרען קיין דייטשלאַנד — האָט סענדער געזאָגט.

— דאָס איז ניט קיין באַווייז — האָט ירמיהו באַמערקט.

— ביי דיר איז שווער צו געפינען באַווייזען? אָפּטמאָל איבערראַשט דו מיך, אָט ווי היינט מיט צוטרעפען, אַז עס געהט איר וועגען איר חתן — האָט סענדער געזאָגט — ווי אַזוי איז דיר איינגעפאַלען אַזאַ זאַך?

ירמיהו האָט געהיימניספול געשמייכעלט. סעדיה, וועלכער האָט ניט באַגריפֿען וועגן וואָס מען רעדט דאָ, האָט צופּירט מיט די הענט און סענדער האָט אים דערצעהלט אין קורצען ווי אַזוי ירמיהו האָט געטראָפֿען וועגען וואָס רבקה נישרי איז געקומען צו אים.

— טאַקע, ווי אַזוי איז עס דיר איינגעפֿאַלען? — האָט סעדיה געוואָלט וויסען דעם סוד.

— אויב איך זאָל עס אייך דערצעהלען וועט איר נאָך מער איבערראַשט ווערען — האָט ירמיהו געזאָגט — דעריבער שלאָג איך זיך מיט דער דעה צי איך זאָל עס אייך אויסזאָגען. איצט זעה איך אויס ביי אייך ווי אַ נביא וועלכער טרעפֿט. ווען איך וועל אייך איבערראַשען מיט'ן אמת וועט מיין פּרעסטיזש פֿאַלען אין אייערע אויגען.

— עס מאַכט ניט אויס. ביי מיר וועסטו שטענדיג בלייבען דער חכם — האָט סענדער אויסגערופֿען — שוין מיט יאָרען צוריק האָב איך אויפֿגעגעבען די האָפֿענונג צו דערגרייכען צו דיין שטאַנד. דו ביזט געבוירען געוואָרען מיט אַ זעקסטען חוש, וועלכען מיר פֿאַרמאָגען ניט...

— דעם מאָל איז עס ניט קיין חוש — האָט ירמיהו געזאָגט און אַרויס־נעמענדיג זיין בייטעל פֿון דער הינטערשטער הויזען־קעשענע האָט ער אים צועפֿענט און אַרויסגענומען אַ צונויפֿלעגטען שטיקעל פּאַפּיר. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט צו זיין אַן אויסשניט פֿון אַ צייטונג. ירמיהו האָט עס אַוועק־געלייגט פֿאַר זיינע פֿריינט אויפ'ן טיש.

— איר זעהט די בילד? דאָס איז שמעון ווייס, רבקה'ס חתן, און דאָס איז די בילד פֿון איינעם אַ דר. זיגפֿריד ברונער וועמען שמעון ווייס זאָל האָבען דער'הרג'עט. אָט האָט איר די גאַנצע באַשרייבונג אין אַ מינכענער צייטונג.

סעדיה און סענדער זענען געבליבען זיצען פֿאַרבלעפֿטע. ווי קומט דער אויסשניט פֿון דער צייטונג אין ירמיהו'ס באַזיץ? און פֿאַרוואָס, ווען ער האָט ביי זיך די גאַנצע צייט די באַשרייבונג, פֿאַרוואָס האָט ער עס נישט דערמאָנט בשעת די מיידעל איז דאָ געווען? צו וואָס האָט ער איר געשטעלט פֿראַגען, ווען ער האָט געהאַט מער פֿאַקטען ווי זי?

— לייען עס שוין דורך פֿאַר מיר! — האָט סעדיה אויסגערופֿען צושאַרענדיג דעם אויסשניט צו סענדער'ן. סעדיה האָט פֿאַרשטאַנען אַביסעל דייטש, ווייל ער האָט געקענט רעדען אידיש, אָבער לייענען דייטש האָט ער ניט געקענט. „עס איז גענוג פֿאַר אַ תימנ'ער צו פֿאַרשטעהן דייטש, אָבער

ברעכען די ציין מיט דער פאַרשאָלטענער שפּראַך זאָלען די שיקנאָזים (אַשכנזים)״, פלעגט ער זאָגען.

סענדער האָט גענומען לייענען. עס איז געווען אַ נייעס אונטער אַ דריי שפּאַלטיגען קעפּעל, ווי עס זעהט אויס נישט דער ערשטער באַריכט וועגען דעם געשעהענעם. דער קאָפּ האָט זיך געלייענט: „ישראל־איד אַרעסטירט אויף פאַרדאַכט פון דאָקטאָר׳ס מאָרד״. די בילדער פון דאָקטאָר און דעם ישראל־איד זענען געווען פון ביידע זייטען פון דער נייעס. אינמיטען האָט זיך דער טעקסט געלייענט ווי פאָלגט:

„אַ באַזוכער פון ישראל, איינער אַ הער שמעון ווייס, איז היינט פאַרטאָג אַרעסטירט געוואָרען אין האָטעל מעטראָפּאָל אונטער׳ן פאַרדאַכט אַז ער איז דער מערדער פון דר. זיגפריד ברונער.

„דאָס איז דער ערשטער אַרעסט דורכגעפירט פון דער פּאָליציי אין דער אויספאָרשונג. ווי דער לעזער געדענקט, איז דר. ברונער ברוטאַל דערשטאָכען געוואָרען אין זיין היים מיטוואָך ביינאַכט. פּאָליציי־שעף האַנס וועלינגער פירט פערזענליך אָן מיט דער אויס־פאָרשונג און פאָרלויפיג ווערען קיינע איינצעלהייטען ניט ארויס־געגעבען. מיר דערוויסען זיך אָבער פון פאַרלעסליכע קוואַלען וועלכע שטעהען אין קאָנטאַקט מיט דער קרימינאַל פּאָליציי, אַז דער מערדער האָט געלאָזט נאָך זיך אַ געוויסען געהיימען שפּור וואָס זאָל האָבען געגעבען דער פּאָליציי אַ שטויס אין אַ געוויסער ריכטונג. דער אַרעסט פון דעם באַזוכער פון ישראל, וועלכער געפינט זיך אין דייטשלאַנד אַ קורצע צייט איז געקומען אַלס רעזולטאַט פון ענערגישער אויספאָרשונג אונטער דער לייטונג פון פּאָליציי־שעף דר. האַנס וועלינגער. קיין ווייטערדיגע איינצעלהייטען ווערען ניט ארויסגעגעבען, אָבער מען דאַרף ערוואַרטען היבשע סענסאַציאָנעלע אַנטוויקלונגען אין דער זאַך״.

— וואָס פאַראַ שוואַרץ־יאָר איז דאָס?! — האָט סענדער אויס־געדופען — ווי קומט עס צו דיר און פון ווען אָן ווייסטו פון דער געשיכטע?

— אָה, איך האָב געוואוסט מער ווי דאָס — האָט ירמיהו געענטפערט פּיפּקענדיג רוהיג זיין לולקע — איך האָב אויך ערוואַרטעט רבקה נישרי׳ס באַזוך ביי מיר. נאָך מעהר: איך האָב נאָך נעכטען באַשטעלט צוויי פלעצער אויף דער עראָפּלאַן וואָס פליהט אָפּ איבערמאָרגען קיין מינכען.

— צוויי פלעצער? — האָט סעדיה זיך פאַרוואונדערט.

— יאָ, צוויי. איינער פאַר מיר און דער צווייטער פאַר סענדער׳ן. דו, סעדיה, וועסט מוזען פאַרבלייבען דאָ אָנצופירען מיט דעם ביוראָ און מיט דער לויפענדער ארבייט. איך ווייס ניט ווי לאַנג עס וועט אונז אויסקומען צו פאַרברענגען אין אויסלאַנד.

— אָבער פון וואַנעט האָסטו געוואוסט אַז רבקה נישרי וועט קומען דיך בעטען אָנצונעמען די קעיס? פון וואַנעט האָסטו דעם אויסשניט פון דער צייטונג? — האָט סענדער געשטעלט פראַגען אין אַ טאָן וואָס פאָדערט אַן אויפקלערונג.

— דאָס בין איך אייך גרייט צו ערקלערען אַצינד — האָט ירמיהו אויסגערופען — עס איז אַן ענין וואָס איז ניט אַזוי איינפאַך ווי עס קען זיך דוכטען.

— איינפאַך?! — האָט סענדער אַ בורטשע געטאָן — ביי מיר זעהט עס אויס מעהר קאָמפּליצירט ווי דער „זוהר״ אויף כינעזיש.

— נו, אַזוי שלעכט איז עס ניט — האָט ירמיהו געשמייכעלט.

אַ דעליקאַטע מיסיע

— קודם כל לאָמיר אייך ערקלערען פאַרוואָס איך האָב זיך געמאַכט ניט וויסענדיג פון דער מעשה די גאַנצע צייט פון געשפּרעך מיט רבקה נישרי׳ן — האָט ירמיהו ערקלערט פאַרוויכערענדיג אויפדאָסניי די פאַר־לאָשענע לולקע. — ניט רבקה, ניט איר פאָטער און אויך ניט זייער אַדוואָקאַט — קיינער דאַרף ניט וויסען דאָס וואָס איך געה אייך דערצעהלען. פאַר זיי דאַרף בלייבען קלאָר אַז איך פאָר קיין דייטשלאַנד אויף זייער ביטע און פאַרלאַנג אַלס זייער פאָרשטעהער צו העלפען ריינוואַשען שמעון׳ען, אויב ער איז באמת אומשולדיג.

— דו צווייפעלסט דערין? — האָט סעדיה געפרעגט.

— איך ווייס גאָרניט. אַלץ וואָס איך ווייס איז דאָס וואָס איך האָב געלייענט אין דעם אויסשניט פון דער צייטונג און וואָס רבקה האָט מיר געזאָגט. דו ביזט פונקט אַזאַ קלוגער דאָ ווי איך בין. קענסטו באַשטימען צי ער איז ריין פון שולד? מיר ווייסען אַפילו ניט וואָס עס האָט פאַראורזאַכט דעם מאָרד, וואָס עס שטעקט דאָ הינטער דער זאַך... איך וויל האָפען אַז שמעון איז אומשולדיג, אָבער מעהר ווי דאָס קען מען אין איצטיגען מאָמענט ניט זאָגען. דעריבער פאָרען מיר קיין דייטשלאַנד.

— גוט, לאָמיר זיך צוריקקערען צום ענין — האָט סענדער אויסגערופען מיט קענטיגער אומגעדולד.

— צוריקקערענדיג זיך צום ענין דאַרף בלייבען קלאָר אַז רבקה און אַלע אַנדערע וועלכע וועלען הערען פון דער זאַך מוזען גלויבען אַז איך בין געפאָרען אויף רבקה׳ס פאַרלאַנג. און איצט קום איך צו דעם איבעריגען וואָס שטעקט דאָ.

נעכטען פאַרנאַכט, ווען אירביידע זענט אַוועק פון דאַנעט, איז דאָ געקומען אַ ספּעציעלער שליח מיט אַ בריוו פון אויסערן מיניסטעריום. אַ געוויסער מענש האָט מיך געלאַדען, אויב מעגליך, קומען אים זעהן. דער שליח האָט געהאַט מיט זיך אַן אָטאָמאָביל און מיר זענען געפאָרען זעהן יענעם מאַן. ווער ער איז, איז דאָ ניט וויכטיג.

איך האָב זיך באַלד אָנגעשטויסען אַז וויבאַלד מען שיקט נאָך מיר אַ שליח אַנשטאָט מיך אָפּצורופען אויפ׳ן טעלעפאָן, אָדער אַנשטאָט שיקען אַ בריוו דורך פּאָסט — איז עס אַ העכסט פּאַרטרויליכער ענין. און אַזוי איז עס טאַקע. פאַר דער עפענטליכקייט דאַרף עס הייסען, אַז איך פאָר קיין דייטשלאַנד אויף דעם אויפטראג פון אַ כלה וועמענ׳ס געליבטער איז אין טראַבעל. אומבאַקאַנט פאַר דער וועלט, נאָר פאַר אונז אַליין צום וויסען, פאָרען מיר קיין דייטשלאַנד אין אַ גאַנץ וויכטיגער שליחות. אונזער אויפגאַבע בלייבט אָבער די זעלבע: פעסטשטעלען די שולד אָדער אומשולד פון שמעון ווייס׳ן.

אָנקומענדיג נעכטען אָוונט צום פּלאַץ וואו דער שליח האָט מיך געבראַכט, האָב איך דאָרט געטראָפען דריי מענשען. איינער פון אויסערן מיניסטעריום, דער צווייטער, אַ פאָרשטעהער פון דער מאָנונגס־קאָמיסיע פון שאָדענערזאַץ, וועלכע האָט איר אָפיס אין קעלן, דייטשלאַנד, און דער מאַן איז טאַקע ערשט נעכטען אָנגעקומען פון קעלן קיין תל־אביב. און דער דריטער איז געווען אונזער גוטער פריינט, דער פּאָליציי־שעף קאָמענדאַנט פון תל־אביב, וועלכען רבקה האָט דערמאָנט.

איך דאַרף אייך ניט זאָגען, אַז דער אַרעסט פון שמעון׳ען האָט אַרויס־גערופען אַ שטאַרקע באַזאָרגונג ביי דער ישראל׳דיגער מאָנונגס־קאָמיסיע אין קעלן ווי אויך ביי אונזער רעגירונג. עס שטעלט זיך אַרויס אַז שמעון ווייס, וועלכער טענה׳ט אַז ער איז אומשולדיג, קען ניט צושטעלען קיין אַליבי צו ווייזען אַז ער איז געווען ערגיץ אַנדערשוואו ווען דער מאָרד פון דר. ברונער איז באַגאַנגען געוואָרען. עס זענען דאָ עדות וועלכע האָבען

דערקענט אין שמעונ׳ען דעם פאַרדיכטיגטען פאַרשוין ווען זיי האָבען געזעהן אין הויז פון דאָקטאָר ברונער די נאַכט פון מאָרד.

וואָלט עס געווען אַ געוועהנליגער מאָרד — דאַן וואָלט די גאַנצע זאַך ניט אַרויסגערופען אַזאַ אומרוה ביי אונזער צד. אָבער דאָ שטעקט עפּעס אַ געהיימניס.

ירמיהו האָט אַ נעם געטאָן פון טיש דעם צייטונגס־אויסשניט און דורכ־געליינט פאָלגענדען זאַץ:

„פון קוואַלען וואָס שטעהען נאָהענט צו דער קרימינעלער פּאָליציי דערוויסען מיר זיך, אַז דער מערדער האָט געלאָזט נאָך זיך אַ געוויסען געהיימען שפּור וואָס זאָל האָבען געגעבען דער פּאָליציי אַ שטויס אין אַ געוויסער ריכטונג״...

— לויט ווי דער פאַרשטעהער פון דער מאָגונגס־קאָמיסיע אין קעלן האָט אונז נעכטען דערצעהלט — האָט ירמיהו פאָרטגעזעצט — האַנדעלט זיך דאָ פון אַ צייכען וואָס דער מערדער האָט אָפּגעשטעמפּעלט אויפ׳ן שטערן פון זיין קרבן. די פּאָליציי לייגט גרויס געוויכט אויף דעם צייכען און דער מאָרד נעמט אָן, לויט דער מיינונג פון דער דייטשער פּאָליציי, אַ פּאָליטישען כאַראַקטער. די אויספאָרשונג פאַרנעמט זיך אויף אַ וועג וואָס קען דערפירען צו אַן אַנשטרענגונג אין די באַציהונגען צווישען דייטשלאַנד און ישראל. דאָס קען שאַדען די איינמאָנונג פון דעם שאָדענערזאַץ וואָס ביז איצט געהט עס אָן גלאַט און אָהן שום שטערונגען.

דער פאַרשטעהער פון קעלן האָט דערצעהלט אַז זיינע בעאַמטע האָבען פאַרהאַנדעלט מיט שמעון ווייס׳ן, ווען ער איז געווען אין קעלן. האָבען ערלעדיגט זיינע פּאַפּירען און אים געגעבען די נויטיגע אַנווייזונגען וועגען די שריט וואָס ער דאַרף נעמען איינצומאָנען די ענטשעדיגונגס סומע וואָס קומט אים. זיי געדענקען אים אַלס פיינעם, רוהיגען, זאַכליכען, סימפּאַטישען יונגערמאַן וואָס עס איז שווער צו פאַרבינדען זיין פּערזענליכקייט מיט אַ מערדער. אָבער, פון דער צווייטער זייט, ווער קען אורטיילען אַזעלכע זאַכען? האָט זיך דען ניט געפונען אין אַמעריקע אַ בלוט־דורשטיגער מערדער וועמען מען האָט גערופען „בעיבי־פעיס״ (קינדערישער פּנימ׳ל)?

דעריבער האָט ישראל גרונט צו זיין באַזאָרגט וועגען דער געשעהעניש. מיר האָבען אָבער ניט קיין אָפיציעלע פאַרבינדונגען מיט דייטשלאַנד אויסער די מאָגונגס־קאָמיסיע אין קעלן וואָס טראָגט אַ האַלב־אָפיציעלען דיפּלאָ־מאַטישען סטאַטוס. און אַזוי ווי מדינת ישראל קען דאָ אָפיציעל גאָרניט טאָן איז באַשלאָסען געוואָרען, אַז איך זאָל פאָרען אַלס פּריוואַטער דעטעקטיוו

אויף דער אויפפאָדערונג פון שמעונ׳ס כלה און איר פאַמיליע. אַלס אַזעלכער פאַרטרעט איך ניט די מדינה נאָר איך פאַרטרעט אַ פערזאָן. אַלס אַזאַ קען איך קריגען די נויטיגע קאָאָפּעראַציע פון דער דייטשער פאָליציי און מיין אויפגאַבע וועט זיין צו קאָאָפּערירען מיט איר אין ענטדעקען דעם מערדער. עס איז ניט אויסגעשלאָסען, אַז מיר וועלען אַנטדעקען שמעון ווייס׳ן אַלס דעם מערדער. איך האָב אָבער אַ געפיהל, פון דעם אַלעמען וואָס איך האָב זיך דערוואוסט, אַז פיליכט איז שמעון טאַקע אומשולדיג. אויב אַזוי האָבען מיר אַ שווערע אויפגאַבע צו ערפילען — האָט ירמיהו געווענדעט זיין בליק צו סענדער׳ן — מיר דאַרפען געפינען דעם אמת׳ן מערדער.

— ס׳איז ניט קיין גרינגע אויפגאַבע, נאָך דערצו אין אַ פרעמדען לאַנד — האָט סענדער באַמערקט.

— האָב איך דאָך געזאָגט, אַז מיר האָבען אַ שווערע אויפגאַבע — האָט ירמיהו געזאָגט — מיר מוזען זי אָבער אָננעמען, צי עס איז אונז צום האַרצען אָדער ניט. דאָ שטעהט אין קאָן אַ סך מעהר ווי דער שיקזאַל פון שמעון ווייס און די צוקונפט פון רבקה נישרי. כאָטש צוריקגערעדט אין דאָס אַליין אַ גענוגענדע אורזאַכע אָנצונעמען די קעיס.

— וואָס איז דען דאָ צו רעדען? מיר פאָרען! — האָט סענדער אויסגערופען.

— יאָ, מיר פאָרען. דאָס איז שוין באַשלאָסען געוואָרען נעכטען. דו, סעדיה, וועסט ווי איך האָב שוין געזאָגט, מוזען בלייבען איינער אַליין אָנצופירען מיט דעם ביורא. מיר וועלען שטעהען מיט דיר אין פאַרבינדונג. איך האָף אַז דו וועסט זיך אַליין קענען ספּראַווען מיט דער אַרבעט.

— און פאַרגעס ניט אַכטונג צו געבן אויף „גבור׳ן״, זיין אַרענדזש־זאַפט יעדען פריהמאָרגען. רחל האָט אַ טבע צו פאַרגעסען...

— דו מיט דיינע הינטישע וויטאַמינען! — האָט סעדיה אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — מיר תימנ׳ער האָבען אָפּגעלעבט הונדערטער דורות און איבערגעלעבט טויזענטער שונאים אָהן וויטאַמינען.

— „גבור״ איז אָבער ניט קיין תימנ׳ער. ער איז אַן אַשכנזי —האָט סענדער באַמערקט.

— געה שוין, געה! — האָט סעדיה אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — „גבור״ האָט צופיל שכל פאַר אַן אַשכנזי. ער איז אַן אונזעריגער...

דער געהיימניספולער צייכען

„גבור", ווען־מענס „עטנישע אַנגעהעריגקייט" האָט אַרויסגערופן אַזאַ היציגע דיסקוסיע, האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געפּירט זיין בליק פון סענדער'ן צו סעדיה'ן און צוריק, אַנשפּיצענדיק זיינע אויערן און שלענגלענדיק מיט'ן עק יעדן מאָל ווען זיין נאָמען איז דערמאָנט געוואָרן.

— עס, הערט שוין אויף מיט די נאַרישקייטן — האָט אויסגערופן ירמיהו, וועלכער האָט ניט געקענט דערשטיקן אין זיך דעם שמייכעל — עס פּאַסט פאַר קינדער, ניט פאַר אַזעלכע צוויי אַלטע בעק ווי איר.

„גבור" האָט פלוצים פאַרלוירן דעם אינטערעס אין דעם געשפּרעך. דער הונט האָט זיך געטאָן אַ שטעל אויף און ווענדענדיג די מאָרדע צום פענסטער האָט ער אַ שאַרפן האַווקע געטאָן. דאָס איז געווען אַן אָנזאָג אויף עמיצן וואָס קומט באַוואָפנט. עס האָט אָבער געפעלט די בייזקייט אין „גבור'ס" קול — אַ סימן אַז דער קומענדער איז אים ניט פרעמד.

אַלע דריי דעטעקטיווס האָבן געווענדעט זייערע בליקן צום פענסטער און באַמערקט אינספּעקטאָר גאַפּני אַריינקומענדיג פון גאַס אין גאָרטן פאַר'ן הויז. דער אינספּעקטאָר איז געווען אָנגעטאָן אין ציווילע קליידער, אָהן אַ הוט. ער האָט געאיילט צום הויז און סענדער איז אַוועק עפענען די טיר פאַר אים.

„גבור" האָט פריינטליך באַגריסט דעם גאָסט אָבער פאַר זיכערקייט וועגן האָט ער נאָך אַמאָל אַ קורצען האַווקע געטאָן צו לאָזן וויסען זיינע פריינט, אַז דער געקומענער גאָסט טראָגט ביי זיך געווער. נאָר די דריי דעטעקטיווס האָבן זיך אויסגעקענט אויף „גבור'ס" סימנים. דער הונט ווידער האָט קיינמאָל ניט פאַרגעסען דאָס וואָס מען האָט אים אויסגעלערענט פון קינדהייט אָן. אַפילו צו אַ פריינטליכען באַזוכער, ווי אינספּעקטאָר גאַפּני, וואָלט געווען אַך און וועה ווען ער נעמט אַרויס זיין רעוואָלווער פון קעשענע. „גבור" וואָלט מאָמענטאַל געוואָרן אויף אים, איינבייסענדיג זיך אין אָרבעל און אומשליידערנדיג אים אויף דער ערד. אַ פרעמדען וואָלט דער הונט אָנגעכאַפּט ביים גאָרגעל.

— איך האָב נייעס — האָט גאַפּני אויסגערופן אַראָפּזינקענדיג אין טיפען שטול ביים דעסק — עס איז אָנגעקומען מיט אַ שעה צוריק.

— גוט צי שלעכט? — האָט ירמיהו געפרעגט.

— דאָס ווייס איך ניט... איך וועל עס דיר לאָזן באַשטימען...

— לאָמיר הערען — האָט סענדער אויסגערופן מיט אומגעדולד.

— עס איז נעכטען פֿאַרגעקומען נאָך אַ מאָרד אין דייטשלאַנד, אין אַ שטעטעלע ניט ווייט פֿון מינכען. אַלטענאו... אַ דאָקטאָר איז דאָרט דערשטאָכען געוואָרען צום טויט.

— איך פֿאַרשטעה ניט — האָט ירמיהו געטאָן אַ צוק מיט די אַקסלען — מאָלע וואָס אַ דאָקטאָר ווערט דערשטאָכען... וואָס מיינט עס? וואָס פֿאַראַ פֿאַרבינדונג האָט עס דען מיט אונזער ענין?

— דער צייכען... — האָט אינספּעקטאָר גאַפּני אויסגערופֿען — דער נייער קרבן איז אויך אָפּגעשטעמפּעלט געוואָרען מיט'ן זעלבען צייכען... געננוי דער זעלבען צייכען... אויפ'ן שטערן... דער זעלבער קאָליר. עס מיינט אַז די זעלבע האַנט האָט אומגעבראַכט די צוויי דאָקטוירים.

— אויב אַזוי איז עס גוטע נייעס! — האָט ירמיהו אויסגערופֿען — ווי ווייט מיר ווייסען איז שמעון ווייס נאָך אַלץ אַן אַרעסטאַנט אין מינכען. ווייבאַלד ער זיצט אין טורמע האָט ער דאָך ניט געקענט אומברענגען דעם צווייטען דאָקטאָר. דאָס מיינט, אַז דער מערדער איז אויף דער פֿריי און זיצען זיצט אַן אומשולדיגער מענש.

סענדער און סעדיה האָבען צוגעשאָקעלט מיט די קעפּ. ירמיהו'ס רייד זענען געווען לאָגיש.

אינספּעקטאָר גאַפּני האָט אָבער אויסגעזען פֿאַרזאָרגט און ירמיהו'ס לאָגישע רייד האָבען ניט פֿאַרטריבען דעם אויסדרוק פֿון זאָרג אויף זיין געזיכט.

ער האָט אַרויסגענומען אַ קאָנווערט פֿון טאַש.

— עס איז ניט אַזוי איינפֿאַך — האָט ער אויסגערופֿען — לאָמיר אייך דורכלייענען די טעלעגראַמע פֿון דייטשלאַנד וואָס איז היינט אָנגעקומען פֿון פֿאָרשטעהער פֿון דער מאָנונגס־קאָמיסיע:

„פֿריץ גאָבלער, רעספּעקטירטער און באַליבטער דאָקטאָר אין אלטענאו, באַוואַריע, איז געפֿונען געוואָרען, היינט פֿאַרטאָג, טויט פֿון אַ מעסער־וואונד אין האַרץ".

— די טעלעגראַמע איז געשיקט געוואָרען נעכטען ביינאַכט — האָט אינספּעקטאָר גאַפּני צוגעגעבען — דאָס מיינט אַז דער מאָרד איז פֿאָר־געקומען אייערנעכטען אָוונט און ענטפּלעקט געוואָרען נעכטען פֿאַרטאָג.

ער האָט פֿאָרטגעזעצט צו לייענען:

„דער מאָרד איז פֿאָרגעקומען, לויט דער מיינונג פֿון דער פּאָליציי, צווישען 8—7 אָוונט. דער מערדער האָט איבערגעלאָזט אַ צייכען — אַ שטעמפּעל אויפ'ן שטערן פֿון ערמאָרדעטן, אין בלויער פֿאַרב. עס איז דער

זעלבער צייכען וואָס איז געפונען געוואָרען אויפ'ן שטערן פון "אַקטאָר זיגפריד ברונער, וועלכער איז ערמאָרדעט געוואָרען אין מינכען פאַר צוויי וואָכן מיטוואָך. די אויספאָרשונג האָט געפונען צוויי עדות וועלכע האָבן געזעהן, ווי מען גלויבט, דעם מערדער די נאַכט פון מאָרד. זיי באַשרייבען אַ נידעריגען פאַרשוין, אומגעפער פינף פוס די הויך, אָנגעטאָן אין אַ טונקעלען, לאַנגען רעגען־מאַנטעל און ברוינעם הוט. ער האָט געהאַט וואָנצעס און געטראָגען אַ שטעקען אָדער אַ פאַראַסאָל. די עדות צוגעהען זיך וועגען דער איינצעלהייט".

גאַפּני האָט פאַררויכערט אַ סיגאַרעט און קוקענדיג גלייך אויף ירמיהו'ן, האָט ער באַמערקט:

— דאָ קום איך צום וויכטיגען פונקט וואָס מאַכט צונישט דיין לאָגיק. הער וואָס עס ווערט דאָ געזאָגט:

„אַזוי ווי אַלטענאָ ליגט אין דער פּראָווינץ פון מינכען און אַזוי ווי עס איז דאָ אַן ענליכקייט צווישעןביידע מאָרדען, האָט פּאָליציי־שעף האַנס וועלינגער איבערגענומען פּערזענליך די אויספאָרשונג אין אַלטענאָ. ער האָט פאַרגליכען ביידע שטעמפּעל אָפּדרוקען און זיי זענען ביידע גענוי די זעלבע געמאַכט פון זעלבען שטעמפּעל מיט דער זעלבער פאַרב. וועלינגער האָט היינט געמאָלדען דעם רעכטסאַנוואַלט (אַדוואָקאַט) פון שמעון ווייס'ן, אַז ער פאַרדעכטיגט, אַז דאָ האָט מען צו טאָן מיט אַן אָרגאַניזירטער גרופּע פון פאַרברעכער וואָס דער אַרעסטירטער שמעון ווייס געהערט צו איר. ער וויל ווייס זאָל זיך מודה זיין און אַרויסגעבען די אַנדערע פון דער גרופּע, ווי אויך דעם מאָטיוו וואָס שטעקט הינטער די צוויי מאָרדען. פאָרלויפיג ווערט די פאַרבינדונג פון די צוויי מאָרדען געהאַלטען אין געהיים און די פּרעסע ווייסט ניט פון דעם צייכען".

גאַפּני האָט צונויפגעלייגט דעם בויגען פּאַפּיר און געווענדעט זיין בליק צו ירמיהו'ן.

— נו, וואָס זאָגסטו דערצו? איז עס גוט צי שלעכט? בעסער צי ערגער? וואָס פאַראַ שוואַרץ־יאָר שטעקט דאָ?

ירמיהו איז געזעסען אָנגעלעהנט אויפ'ן ווענטעל פון שטול, זויגענדיג די האַלב־אויסגעלאָשענע לולקע.

— איך וואָלט געוואָלט אַ בעלן צו זעהן דעם צייכן... בלויע פאַרב... געהיימניספולער צייכען... אַ שטעמפּעל... עס איז זעהר געהיימניספול, אָבער עס קען אַמאָל זיין אַ שפור צו דער רעטעניש.

— וואָס איך פאַרשטעה ניט איז דער ענין פון די דאָקטוירים. פאַרוואָס

עפעס גראַדע צוויי דאָקטוירים? האָט סענדער געפרעגט — דערצו נאָך הערען מיר, אַז דער צווייטער קרבן, ווי הייסט ער דאָרט?...

— גאַבלער; דאָקטאָר פריץ גאַבלער! — האָט סעדיה אים אַרויס־געהאָלפען.

— יאָ, גאַבלער...

— ...זעהסט, אַ תימנ׳ער קאָפּ איז שטאַרקער!

— אָ, ברעך אַ פוס!

אינספּעקטאָר גאַפּני האָט אַנגעקוקט די יונגען מיט שטוינונג.

— וואָס אַזוינס...?

— ...לעג ניט קיין אַכט אויף זיי... נאַרישע ראַסען־פּאַטריאָטען... — האָט ירמיהו אים אויפגעקלערט מיט אַ שמייכעל און ווענדענדיג זיך צו סענדער׳ן האָט ער געפרעגט:

— וואָס אַזוינס האָסטו געוואָלט אַרויסברענגען?

אַ פיינטליכע אויפנאַמע

— וואָס איך האָב געוואָלט זאָגען איידער דער פליאָסקעדריגע האָט מיך איבערגעשלאָגען, איז געווען, אַז גראַדע הערען מיר וועגען דעם דאָקטאָר פריץ גאַבלער פון אַלטענאָ, אַז ער איז געווען אַ באַליבטער און רעספּעק־טירטער מענש אין שטאָט. דאָס מאַכט די זאַך נאָך מער אומפאַרשטענדליך. ערשטענס, פרעגט זיך פאַרוואָס עפּעס זיינען די קרבנות פון מערדער צוויי דאָקטוירים. צווייטענס, פאַרוואָס זאָל ער אומברענגען אַ פיינעם, רעספּעק־טירטען און באַליבטען מענשען?

ירמיהו האָט צוגעפּויקט מיט די פינגער איבער׳ן דעסק. די לולקע האָט פלוצים אויפגעלעבט און זיך צורויכערט מיט בלויע קנוילען.

— צוויי זאַכען, צוויי זאַכען — האָט ער געמורמעלט און פלוצים האָט ער זיך אויסגעגליכען אין שטול, און עס איז געווען קענטיג אַז ער האָט געפּאַסט אַ וויכטיגען באַשלוס.

— גאַפּני, די זאַך איז ניט אַזוי איינפאַך ווי עס זעהט אויס. ס׳איז פיל, פיל מער קאָמפּליצירט ווי מיר מיינען! — האָט ער אויסגערופען. סענדער׳ס פראַגע ענטהאַלט דעם ענטפער אויף דער רעטעניש. געפין די פאַרבינדונג צווישען די צוויי דאָקטוירים, דר. ברונער פון מינכען און דר. גאַבלער פון אַלטענאָ, און דו וועסט באַקומען דעם מאָטיוו פאַר׳ן טאָפּעלטען מאָרד. עס

איז פאַראַן נאָך אַ וועג וואָס קען פירען צו לייזען די רעטעניש: געפּין אויס די באַדייטונג פון שטעמפּעל און דו האָסט די לייזונג. דאָס קען מען אָבער ניט טאָן זיצענדיג דאָ־הי. קענסטו אומבייטען די רעזערוואַציע אויף אַ פריהערדיגען עראָפּלאַן?

— מען דאַרף אויסגעפינען — האָט גאַפּני געזאָגט.

— איך וועל אָפּרופען דעם לופט־פעלד אין לוד — האָט ירמיהו אַ נעם געטאָן דעם טעלעפאָן.

— וואַרט צו! האָט אויסגערופען סעדיה — אָט האָב איך די היינטיגע צייטונג מיט׳ן פלאַן פון אַלע עראָפּלאַנען. ווען ווילסטו פליהען?

— אַזוי שנעל ווי מעגליך.

— מינכען! ס׳איז דאָ! עלף ביינאַכט, „עיר פרענס״! — האָט סעדיה אויסגערופען.

— פיין! דאָס וועט אונז געבען צייט צו באַקומען פון רבקה נישרי די נויטיגע באַפולמעכטיגונג — האָט ירמיהו געזאָגט; ווענדענדיג זיך צו סענדער׳ן האָט ער צוגעגעבען:

— נעם זיך פאַקען אין וועג אַריין.

— שאַ, פאַק זיך נאָך ניט! — האָט סענדער אויסגערופען — פרעג אָן צוערשט צי עס זענען דאָ פרייע פלעצער אויפ׳ן עראָפּלאַן.

גאַפּני האָט אַ שמייכעל געטאָן.

— זאָרג זיך ניט, סענדער. מיר וועלען זאָרגען דערפאַר אַז עס זאָלען זיין צוויי פלעצער פאַר אייך. ירמיהו, גיב מיר דעם טעלעפאָן...

*

סענדער׳ס זאָרג איז געווען אַן אומזיסטע און אינספּעקטאָר גאַפּני׳ס „איינפלוס״ איז געווען אומנויטיג.

דער עראָפּלאַן פון „עיר פרענס״ איז אָפּגעפלויגען פון לוד אַ האַלב לעדיגער. עס איז געווען אַ וואַרימע נאַכט אין מאַנאַט מערץ און די אָראַנדזש גערטנער האָבען פאַר׳שיכור׳ט די לופט מיט׳ן גערוך פון זייער בליהעכץ. אין לופט־פעלד פון לוד איז געווען טומעלדיג. דריי עראָפּלאַנען זענען יענעם אָוונט אָנגעקומען אָנגעפּאַקט מיט רייזענדע, מערסטענס טוריסטען. דער פריהלינג סעזאָן האָט זיך שוין אָנגעהויבען און אין גרויסען טומעל ביים לופט־פּאָרט איז די צוויי דעטעקטיווס געלונגען דורכמאַכען די פּאַספּאָרטען קאָנטראָל און איינשטייגען אין עראָפּלאַן כמעט אומבאַמערקט פון קיינעם.

אינספּעקטאָר גאַפּני איז געווען דער איינציגער וואָס איז געקומען זיי באַגלייטען, ניט אַזוי אויס פריינטשאַפט ווי צוליב באַקוועמליכקייט. ירמיהו

איז געווען פֿאַראינטערעסירט אַז זיין רייזע זאָל דורכגעהן אומבאַמערקט און גאַפּני האָט געזאָרגט אַז דאָס זאָל צושטאַנדקומען.

דער עראָפּלאַן איז אָפּגעפֿלויגען גענוי אין צייט און מיט צוויי שטונדען שפּעטער האָבען סענדער מיט ירמיהו'ן געטרונקען טיי אין עס־צימער פֿון לופֿט פּאַרט אין אטענס. פֿיר שעה שפּעטער האָט זייער עראָפּלאַן אַראָפּ־געגנידערט אין רוים וואו סענדער איז אויסגעשטיגען.

דאָס איז געווען ירמיהו'ס פּלאַן, אַז זיי זאָלען ניט אָנקומען קיין מינכען צוזאַמען. סענדער האָט געדאַרפֿט נעמען אין רוים די באַן קיין מינכען און דאָרט נעמען אַ צימער אין איינעם פֿון דריי האָטעלס. ירמיהו האָט אים צוגעזאָגט אַז אויב ער וועט זיין פֿריי וועט ער צוקומען צום באַנהויף אים טרעפֿען ביים אָנקומען. אויב ניט וועט ער אים שפּעטער אויפֿזוכען אין איינעם פֿון די אָפּגערעדטע האָטעלס.

ירמיהו האָט אַליין ניט געוואוסט פֿאַרוואָס ער האָט באַשלאָסען אָנצו־נעמען אַזעלכע פֿאָרזיכטיגקייט שריט. ער האָט אָבער געהאַט אַ געפֿיהל, אַז עס איז בעסער אָנצוקומען אַליין און זיך פֿאָרשעלען אַלס דער פֿאַרטרעטער פֿון שמעון ווייס'עס כלה און גלייכצייטיג האָבען סענדער'ן פֿאַרשטעקט אין הינטערגרונט.

ווייל ירמיהו האָט ניט געאַהנט וואָס עס ערוואַרטעט אים אין מינכען, ניט געוואוסט ווי אַזוי ער וועט אויפֿגענומען ווערען פֿון דער דאָרטיגער פּאָליציי און ווי ער וועט זיך אַריינפּאַסען אין דעם גאַנג פֿון דער אויס־פֿאָרשונג. דער פּלאַן פֿון צעטיילען זיך האָט אים דעריבער אויסגעזעהן צו זיין אַ פּראַקטישע נויטווענדיגקייט. אַלענפֿאַלס האָט עס ניט געקענט שאַדען.

*

אַ גרויער, טריבער הימעל איז געהאַנגען איבער מינכען ווען דער ריזיגער שטאָלענער פֿויגעל האָט דאָרט אַראָפּגענידערט אויף דעם לופֿט־פֿעלד. עס האָט גערעגענט און אַ שניידיגער ווינט האָט זיך איינגעפּרעסען אין די ביינער, געשמיסען דעם קאַלטען רעגען אין געזיכט.

ירמיהו האָט זיך איינגעהילט אין מאַנטעל, פֿאַררוקט דעם הוט ביז די אויגען־ברעמען און האָט מיט שנעלע טריט דורכגעשפּאַנט די שטרעקע פֿון עראָפּלאַן ביז צו דער געביידע פֿון צאָל־אַמט.

די טריבקייט פֿון פֿרימאָרגען האָט געהערשט אויך אין זיין האַרץ. דאָס איז געווען זיין דריטער באַזוך אין דייטשלאַנד נאָך דער ענדע פֿון קריג. אָבער יעדען מאָל ווען זיין פֿוס האָט באַטראָטען די דייטשע ערד האָט ער

געהאַט אַ פריקרען געפיהל, וואָס האָט זיך ניט אָפּגעטאָן פון אים אַזוי לאַנג ווי ער האָט פאַרבראַכט אין דייטשלאַנד.

דער צאָל־בעאַמטער איז געווען העפליך, האָט געבעטען עפענען דעם טשעמאָדאַן און זיך נאָכגעפרעגט צי די רייזע איז דורכגעגאַנגען גוט. אָבער אַזוי שנעל ווי ער האָט דערזעהן דעם ישראל׳דיגען פּאַספּאָרט און איבער־געלייענט אַז דער געקומענער איז פון באַרוף אַ פּריוואַט־דעטעקטיוו — איז זיין פריינטליכקייט פאַרשוואונדען.

ער איז נאָך אַלץ געווען העפליך, אָבער ירמיהו האָט דערפיהלט אַ קאַלטען האַס אין דעם בעאַמטענ׳ס בליק. די ערשיינונג איז ניט געווען ניי פאַר׳ן דעטעקטיוו. יעדען מאָל ווען ער איז געקומען קיין דייטשלאַנד ביי די פריהערדיגע צוויי געלעגענהייטען, איז געשעהן דאָס זעלבע. די דייטשען האָבען, ווי עס ווייזט אויס, אַ טיפען געפיהל פון שולד. זיי ווייסען אַז אַ גרויסע צאָל נאַצישע פאַרברעכער און מערדער לעבען צווישען זיי, און זיי שרעקען זיך פאַר יעדן וועמענ׳ס ביזנעס עס איז „אַריינצושמעקען אין יענעמ׳ס געשעפטען״. איבערהויפּט שרעקט זיי אָפּ אַזאַ סאָרט פאַרשוין וועלכער איז נאָך אַ ישראל־איד דערצו.

ווי עס זעהט אויס האָט די גרעניץ־פּאָליציי אין מינכען באַקומען שטרענגע אָנווייזונגען וועגען ישראל־בירגער נאָך די צוויי געשעהענע מאָרדען. ירמיהו האָט עס דערפיהלט ווען זיין פּאַספּאָרט האָט גענומען וואַנדערען פון איין באַאַמטען צו אַ צווייטען. אין דער צייט ווען דער צאָל־אינספּעקטאָר האָט דורכגעקוקט זיינע זאַכען, האָבען צוויי דעטעקטיווס ביים פּאַספּאָרט־פענסטער זיך געשושקעט און נאָכגעקוקט אַ ליסטע מיט נעמען.

ירמיהו האָט געדולדיג געוואַרט ביים פענסטער. ער האָט געזעהן ווי איינער פון די צוויי בעאַמטע האָט אָפּגערופען עמיצען אויפ׳ן טעלעפאָן. ווען ער האָט פאַרענדיגט רעדען האָט ער אָפּגעשטעמפּעלט ירמיהו׳ס פּאַספּאָרט און עס אים דערלאַנגט.

— וואו וועט איר איינשטעהן אין מינכען? — האָט ער אַ פרעג געטאָן ביים דעטעקטיוו.

ירמיהו האָט אים אָנגעגעבען דעם נאָמען פון האָטעל „מעטראָפּאָל״.

— האָט איר דאָרט רעזערווירט אַ פּלאַץ? — האָט דער דייטש געפרעגט.

— ניין, אָבער איך האָף אַז עס וועט זיין פּלאַץ, אויב ניט וועל איך פּרובירען אַ צווייטען האָטעל.

ירמיהו האָט אָנגערופען דעם נאָמען פון האָטעל. דער בעאַמטער האָט באַמערקט מיט אַ קוים מערקבאַרען שמייכעל.

— איר זעהט אויס צו זיין באַקאַנט מיט אונזער שטאָט. עס איז ניט דאָס ערשטע מאָל וואָס איר זענט דאָ?

— דאָס ערשטע מאָל אין מינכען — האָט ירמיהו געענטפערט — איך בין געווען אין דייטשלאַנד צוויי מאָל פאַר דעם, אָבער ניט אין מינכען.

— טאָ ווי קענט איר אונזערע האָטעלען?

— די רייזע־ביוראָ אין תל־אביב האָט מיר רעקאָמענדירט עטליכע — האָט ירמיהו געענטפערט.

ער איז אַרויס צוריק אין רעגענדיגען דרויסען טראָגענדיג זיין טשעמאָדאַן אין האַנט. אַ טעקסי איז צוגעפאָרען צום אַרויסגאַנג און ער האָט זיך אַריינגעזעצט און אָנגעגעבען דעם שאָופער דעם נאָמען פון האָטעל.

פון ירמיהו׳ס בליק איז ניט פאַרהוילט געוואָרען אַז דער יונגער דייטש, וועלכער איז געשטאַנעןביים אַרויסגאַנג כלומר׳שט וואַרטענדיג דער רעגען זאָל אויפהערען, האָט שנעל פאַרצייכענט עפּעס אין אַ ביכעלע און איז אַריין צוריק אין דער לופט־פאָרט געביידע. פאַר דעם דעטעקטיוו איז געווען קלאָר אַז דער מאַן האָט אים געהיט.

ירמיהו וואָלט ניט געווען איבערראַשט ווען ער זעהט ווי מען פאָלגט אים נאָך, אָבער די טעקסי איז פון קיינעם ניט נאָכגעפאָלגט געוואָרען. דער שאָפעי פון לופט־פעלד צו דער שטאָט איז געווען לעדיג און אין פינף און צוואַנציג מינוט אַרום איז די טעקסי פאַרפאָרען צום האָטעל „מעטראָפּאָל״.

ירמיהו האָט אויסגעקליבען דעם האָטעל ווייל דאָרט איז איינגעשטאַנען שמעון ווייס ווען די פּאָליציי האָט אים אַרעסטירט. דער דעטעקטיוו האָט געהאַט אַ מאָדנעם געפיהל וואָס האָט אים דיקטירט צו זיין נאָהענט דאָרט וואו דער אַרעסטירטער האָט זיך געפונען. ער וואָלט ניט געקענט אויפקלערען פאַרוואָס ער האָט געהאַט דעם געפיהל.

ווען ער איז אויסגעשטיגען פון טעקסי און איז אַריין אין האָטעל, איז די טעקסי אָפּגעפאָרען ביז צום ראָג פון גאַס, זיך פאַרקירעוועט און שטעהן געבליבען. דער שאָופער איז אויסגעשטיגען, איז אַריין אין אַ באַר און פון דאָרט טעלעפאָנירט צו עמיצען.

— יאָ וואָל! ער האָט זיך אַריינגעצויגען אין „מעטראָפּאָל״ — האָט ער באַריכטעט.

מיט אַ מינוט שפּעטער האָט דער דעסק־קלוירק פון האָטעל באַקומען אַ טעלעפאָנישע אָנפראַגע פון דער הויפּט־פּאָליציי פון מינכען: צי האָט זיך געמאָלדען ביי אייך אַ מאַן מיט אַ ישראל׳דיגען פּאַספּאָרט, מיט׳ן נאָמען

ירמיהו אַלמוג? האָט ער באַקומען אַ צימער? וואָס איז דער נומער פון צימער? אַ דאַנק!

ירמיהו האָט ניט געאַהנט פון דעם אַלעמען. ער האָט זיך רוהיג גענומען אויספּאַקען זיין טשעמאָדאַן, אויפהענגען די קליידער און צולייגען די וועש. דאַן האָט ער זיך אַרומגעוואַשען, געביטען די העמד מיט׳ן סוט און איז אַרונטער אין עס־צימער עסען פרישטיק.

ער האָט ניט געהאַט מיט זיך קיין געוועהר אָבער פונדעסטוועגען האָט זיין הינטערשטע הויזן־קעשענע עטוואָס אַרויסגעשטאַרצט. ירמיהו האָט דאָרט געהאַט אַ פּעקעל מיט בריוו, די ליבע־בריוו וואָס שמעון ווייס האָט געשריבען צו זיין כלה רבקה. דער דעטעקטיוו האָט ניט געהאַט קיין צייט צו לייענען די בריוו אין תל־אביב צוליב דער איילעניש מיט וועלכער ער איז אָפּגעפאָרען. ער האָט די בריוו מיטגענומען און זיי געלייענט אויף דעם עראָפּלאַן. איצט האָט ער די בריוו געהאַלטען ביי זיך ניט געטרויענדיג זיי איבערצולאָזען אין האָטעל־צימער, ווייל נאָר ער האָט באַקומען די ערלויבניש פון רבקה׳ן די בריוו צו לייענען. און כאָטש זיי זענען אַלע געווען געשריבען אין העברעאיש, האָט ער די בריוו ניט געטרויט איבערצולאָזען אַליין.

זיצענדיג ביים פרישטיק־טיש און זופּענדיג זיין קאַווע האָט דער דעטעקטיוו דורכגעבליקט די פרימאָרגען צייטונגען. ער האָט דאָרט גאָרנישט געפונען וועגען דעם לעצטען מאָרד פון דר. פריץ גאַבלער.

די צייטונגען זענען געווען פול מיט באַריכטען פון דעם געפּלאַנטען באַזוך פון קאַנצלער אַדענאַוער אין וואַשינגטאָן. איין קאָרעספּאָנדענץ פון ניו־יאָרק האָט באַריכטעט אַז אין געוויסע קרייזען ספּעקולירט מען וועגען דער מעגליכקייט פון אַ צוזאַמענקום פון אַדענאַוער׳ן מיט דעם ישראל פּרעמיער דוד בן־גוריון, וועלכער וועט אויך זיין אין אַמעריקע די זעלבע צייט... די צייטונגען האָבען אויך געווידמעט אַ סך פּלאַץ די צוגרייטונגען פאַר אַ „שפּיץ קאָנפערענץ״ פון די וועלט פירער וואָס זאָל צושטאַנד קומען אין מאַי אין פּאַריז.

אַ קענטליכער נאָמען

עס האָט שוין מעהר ניט גערעגענט ווען ירמיהו איז אַרויסגעקומען פון האָטעל אין גאַס. דער קאַלטער ווינט האָט אָבער אָנגעהאַלטען טרייבענדיג שווערע וואָלקענס וואָס זענען געהאַנגען נידעריג.

עס איז געווען אַ פּערטעל נאָך ניין. ירמיהו האָט באַשלאָסען אַז עס איז שוין צייט פאַר אים אַנצוהויבען דאָס וועגען וואָס ער איז געקומען. ער האָט גענומען אַ טעקסי און זיך געהייסען פירען צו דער הויפּט־פּאָליציי.

נאָך תל־אביב האָבען די מינכענער גאַסען אויסגעזעהן גרויס און ברייט, און כאָטש די שטאָט האָט ניט פאַרמאָגט קיין צו הויכע געביידעס האָט אָבער ירמיהו געהאַט דעם איינדרוק אַז ער פאַרט צווישען וואָלקען־קראַצערס.

די באַוועגונג אין די גאַסען האָט אים שטאַרק דערמאַנט תל־אביב. מענשען האָבען געאיילט צו דער אַרבעט. ביי די טראַמווייי סטאָפּס זענען געשטאַנען לאַנגע רייען פון מענשען. לאַסט און פּאַסאַזשיר אָטאָמאָבילען האָבען אָנגעפילט די גאַסען מיט אַ געדיכטען שטראָם. די שוי־פענסטער פון די קראָמען זענען געווען העל באַלויכטען און ביי אַ גרויסער דעפּאַרט־מענט סטאָר, וואָס האָט זיך נאָך נישט געעפענט, זענען געשטאַנען פרויען וואַרטענדיג צו זיין די ערשטע אויסצוכאַפּען מציאות. גרויסע פּלאַקאַטען אין די פענסטער האָבען דערצעהלט פון ווינטער אויספאַרקויף, און די פרילינג פאַסאָנען האָבען געמאַכט פאַרגעסען דעם קאַלטען בייזען ווינט, מיט זייער אָנזאָג פון זונענשיין און בלומענדיגער פילפאַרביגקייט.

✶

דער פּאָליציי־שעף, דר. האַנס וועלינגער, האָט שוין געהאַט דעם באַריכט פון ירמיהו'ס אָנקום אין מינכען. דער באַריכט, באַצייכענט „דרינגענד" מיט אַ רויטען בלייפעדער, האָט פאַרנומען צען שורות און איז געלעגען אויף זיין דעסק ווען ער איז אריינגעקומען ניין אַזייגער אין אָפיס.

„ירמיהו אַלמוג"! דער נאָמען האָט געקלונגען קענטליך. דר. וועלינגער האָט זיך אָבער ניט געקענט דערמאָנען וואו ער האָט דעם נאָמען געהערט. ער האָט אויפגעמישט אַ בלעטעל אין דעם קאַטאַלאָג פון דער אינטער־נאַציאָנאַלער פּאָליציי „אינטערפּאָל", וואו עס געפינט זיך די נעמען פון אַלע דעטעקטיוו־אַגענטורען אין דער וועלט. ירמיהו אַלמוג איז געווען דער איינציגער נאָמען געליסטעט אין ישראל.

וועלינגער האָט אַ נעם געטאָן דעם טעלעפאָן און אָנגעדריקט אַ קנעפּעל.

— וואַלטער, קום אַריין אויף אַ ווײלע! — האָט ער אויסגערופען.

באַלד האָט זיך געעפענט די טיר פון דערבייאיגען צימער און עס איז ערשינען וועלינגער'ס געהילף וואַלטער קנאַבע. ער איז געווען אַ נידעריגער, דיקער מאַן, פיל עלטער פון זיין שעף.

— וואַלטער, איך האָב דאָ אַ באַריכט, אַז היינט איז געקומען צופליהען קיין מינכען ירמיהו אַלמוג פון תל־אביב.

— יאָ. איך האָב דעם באַריכט. מיר שטעהן אויף דער וואַך, ניכט וואַר?

— האָט קנאַבע זיך געריבען די הענט.

— דער נאָמען איז מיר באַקאַנט.

— גאַנץ באַשטימט, האַנס! דו דאַרפסט אים געדענקען. הער אַלמוג האָט געהאַט צו טאָן מיט דער לייזונג פון דער גרויסער דימענטען גנבה אין אַמסטערדאַם אין יאָר 1954. מיר זענען דאַן געווען פאַרמישט אין דער אויספאָרשונג ווייל אַ טייל פון די אינדוסטריעלע דימענטען האָט מען געפונען דאָ אין מינכען...

— אָ, יאָ! איך דערמאַן זיך אַצינד! — האָט וועלינגער אויסגערופען — די באַנדע אין דאַן געכאַפּט געוואָרען פון אים... איך געדענק עס! ער איז אַ „היבשער קערל״.

— היבש איז ניט דאָס וואָרט. ער איז איינער פון די בעסטע אין דער פּראָפעסיע — האָט קנאַבע צוגעשטימט — איך וואונדער זיך נאָר וואָס האָט אים געבראַכט אַהער צו אונז. איך האָב אַ פאַרדאַכט, אַז עס האָט צו טאָן מיט אונזער איצטיגער אויספאָרשונג.

— פאַרדאַכט?! — האָט וועלינגער אויסגערופען אַרויסנעמענדיג אַ ציגאַר פון קעשענע — איך וועל זיך וועטען מיט דיר, אַז ער איז געקומען וועגען דעם. איך גלויב ניט אין קיין צופאַלען, ווי דיר איז גוט באַקאַנט. זיין קומען איז ניט קיין צופאַל.

— אויב אַזוי וועט ער לאַנג ניט לאָזען וואַרטען אויף זיך און דאַרף דאָ קומען צו אונז — האָט קנאַבע געזאָגט.

— דאָס בלייבט צו זעהן — האָט דער פּאָליציי־שעף אויסגערופען פאַררויכערנדיג דעם ציגאַר — דאָס בלייבט צו זעהן... די פּריוואַטע דעטעקטיווס האָבען ליב צו אָפּערירען אַליין, ווי איינזאַמע וועלף. זיי האַלטען זיך פון ווייטענס פון די אָפיציעלע אינסטאַנצען... זיי האַלטען זיך קליגער פון אונז, געשיקטער...

— איך האָב אָבער אַ געפיהל אַז ער וועט קומען צו אונז — האָט קנאַבע באַמערקט — ער איז צו קלוג ניט צו וויסען אַז זיין קומען אין איצטיגען מאָמענט איז ניט קיין געהיימניס פאַר אונז. אַפילו ווען ער זאָל זיך קלייבען צו אַרבעטען אויף זיין אייגענער האַנט וועט ער דאָך איינשטעלען מיט אונז אַ קאָנטאַקט, כאָטש פאַר אַן אנשטעל...

— דאָס וועלען מיר זעהן... ער מאַכט אָבער אַ טעות אויב ער מיינט אַז ער קען מיך פירען ביי דער נאָז. קאָאָפּעראַציע — דאָס יאָ. איך בין גרייט, אָבער נאָר ווען די קאָאָפּעראַציע איז געגענזייטיג. וואָס איז די לעצטע נייעס אין דער „צייכען געהיימניס"?

קנאַבע האָט ניט באַוויזען צו ענטפערען אויף דער פראַגע. דער טעלעפאָן אויף וועלינגער'ס דעסק האָט גענומען קלינגען.

דער פּאָליציי־שעף האָט אַ נעם געטאָן דעם טרייבעל, זיך איינגעהערט אַ ווײַלע, אַ זאָג געטאָן: „שיק אים אַריין!" און צוריקלייגענדיג דעם טרייבעל האָט ער געווענדעט אַ שטראַלענדען פּנים צו זיין געהילף.

— קנאַבע! דו האָסט רעכט געהאַט! ער האָט זיך געמאָלדען ביי אונז!

עס האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר.

— הערײַן! — האָט וועלינגער אויסגערופען.

אַ פּאָליציי לייטענאַנט אָהן אַ היטעל איז ערשינען און זיך אויסגעצויגען ווי אַ סטרונע.

— הער אַלמוג אויס איזראַעל! — האָט ער אויסגערופען אַרויסהאַווי־קענדיג יעדען וואָרט קורץ און אָפּגעהאַקט ווי אַ מעכאַנישער ראָבאָט.

וועלינגער האָט זיך אויפגעשטעלט צו באַגריסען דעם גאַסט. ער האָט פאָרגעשטעלט זיין געהילף צו ירמיהו'ן און אים איינגעלאַדען זיך צו זעצען. קנאַבע האָט זיך אויך צוגעזעצט ביי דער זייט.

— וואָס קען איך טאָן פאַר אייך, הער אַלמוג? — האָט וועלינגער געפרעגט.

דער דעטעקטיוו האָט אַרויסגענומען פון טאַש די באַפּולמעכטיגונג פון רבקה נישרי און איר פאָטער וואָס דער אַדוואָקאַט האָט צוגעגרייט קוים 14 שטונדען צוריק. ער האָט דערלאַנגט דעם דאָקומענט צום פּאָליציי שעף. יענער האָט אים פאָרזיכטיג דורכגעלייענט.

— אַך זאָ? איר קומט הייסט עס צו פאַרטרעטען די אינטערעסען פון שמעון ווייס'ן! — האָט וועלינגער אויסגערופען.

— דאָס קען אַזוי הייסען — האָט ירמיהו געזאָגט — כאָטש עס וואָלט געווען ריכטיגער צו זאָגען אַז איך פאַרטרעט די אינטערעסען פון מיינע קליענטען רבקה נישרי און איר פאָטער. זיי האָבען מיך אָנגעשטעלט. דעם הער ווייס האָב איך קיינמאָל פאַר מיינע אויגען ניט געזעהן.

— סאַי ווי סאַי באַקומט זיך אַז איר פאַרטרעט ווייס'ן ווייל ווי איך זעה פון דער באַפּולמעכטיגונג איז רבקה נישרי אָפיציעל זיין כלה.

— דאָס איז ריכטיג.

— זעהר פיין. וואָס קענען מיר טאָן פאַר אייך? — האָט וועלינגער געפרעגט אַנלעהנענדיג זיך אופ׳ן ווענטעל פון זיין שטול און פאַרציהענדיג דעם סיגאַר.

— מיין קליענטין איז איבערצייגט אין דער אומשולד פון איר חתן — האָט ירמיהו געזאָגט — איך וואָלט דעריבער געווען זעהר דאַנקבאַר צו אייער דעפּאַרטמענט אויב איר וועט מיר ערלויבען זיך צו באַקענען מיט די פאַקטען און אַלע איינצעלהייטען פון דער באַשולדיגונג געגען אים. לויט ווי מען האָט אונז אינפאָרמירט איז די באַשולדיגונג מאָרד.

דער געהיימניספולער „לעצטער פּאַציענט״

— הער אַלמוג! — האָט אויסגערופען דער פּאָליציי־שעף — איר האָט אַ רעפּוטאַציע פון אַן ערליכען און פעהיגען דעטעקטיוו...

— אַ דאַנק, דר. וועלינגער — האָט ירמיהו געשמייכעלט.

— איך וועל גערן קאָאָפּערירען מיט אייך, הער אַלמוג. מיר דא האָבען ניט פאַרגעסען אייער קאָאָפּעראַציע אין דער קעיס פון די דימאַנטען אין 1954.

— אה, איר געדענקט עס?! — האָט ירמיהו זיך פאַרוואונדערט.

— מיר האָבען אַ גוטען זכרון — האָט וועלינגער געשמייכעלט מיט צופרידענהייט.

— איך האָב זיך טאַקע געוואונדערט ביי מיין אָנקומען מיט וואַסערע 3 שטונדען צוריק צי מען געדענקט מיך — האָט ירמיהו געזאָגט — מען האָט מיך „באַטאַפּט״ אַזוי צוזאָגען פון אַלע זייטען, ניט אַזוי מיך ווי מיין פּאַספּאָרט, און מען האָט געמאַכט זיכער אַז איך פאָר טאַקע אין דעם האָטעל וועלכען איך האָב אָנגעגעבען...

וועלינגער און קנאַבע האָבען זיך דורכגעבליקט. ירמיהו האָט עס באַמערקט, אָבער האָט זיך געמאַכט ניט זעהענדיג.

— איר מוזט פאַרשטעהן, הער אַלמוג... מיר האָבען דאָ צו טאָן מיט אַ טאָפּעלטען מאָרד — האָט וועלינגער געזאָגט — דער פאַרדאַכט פאַלט אויף אַן ישראל׳דיגן בירגער. יעדער ישראל׳דיגער פּאַספּאָרט מוז דעריבער ערוועקען ביי אונז אַ געוויסען פאַרדאַכט, איר וועט עס באַגרייפען, האָף איך...

— עס איז מעהר ווי דאָס — האָט זיך אָפּגערופען קנאַבע — וואָלט מען

דאָ געהאַט צו טאָן מיט איין פאַרדעכטיגטען, וואָלט עס ניט געווען אַזוי שלעכט. מיר האָבען אָבער אַ פאַרדאַכט, אַז דאָ איז פאַרמישט מעהר ווי איין מענש... אפשר דריי, צי פיר, צי מעהר.

— אַה, איך פאַרשטעה עס! איך האָב ניט קיין טענות. איך זאָג עס נאָר אַנטקעגען דעם וואָס איר מאַכט מיר פיהלען אַזוי וויכטיג, אָבער אין פראַקטישען לעבען בין איך אַ פאַרדעכטיגטער — האָט ירמיהו געזאָגט שמייכלענדיג — אָבער לאָמיר בעסער צוטרעטען צום הויפטציל פון מיין קומען, וואָס איז אייגענטליך אויך אייער הויפט זאך: די אויספאָרשונג. איך בין זעהר צופרידען און דאַנקבאַר פאַר אייער וויליגקייט צו קאָאָפערירען מיט מיר.

— יאָ, דאָס זענען מיר גרייט — האָט וועלינגער זיך אָפגערופען — אָבער איך וויל אייך וואָרנען באַלד פון אָנהויב, אַז די אויסזיכטען פאַר אייער קליענט זענען זעהר שוואַכע. שמעון ווייס ענטזאגט זיך צו קאָאָפערירען. ער לייקענט שטיין אוןביין טראָץ דעם וואָס ער האָט ניט קיין אליבי.

— ניט האָבען קיין אליבי מיינט נאָך ניט אַז מען איז שולדיג — האָט ירמיהו באַמערקט — אַמאָל איז אפילו אָן אליבי ניט קיין באַווייז פון אומשולד... לאָמיר צוטרעטען צום הויפט־פונקט: די איינצעלהייטען פון דער געשיכטע. פאָרלויפיג האָב איך ניט קיין אהנונג וועגען וואָס דאָ געהט.

— און דאָך נעמט איר אָן „אַפריאָרי" (פון פאָראויס), אַז שמעון ווייס איז אומשולדיג. ניט וויסענדיג קיין זאַך נעמט איר אָן אַזאַ שטעלונג — האָט וועלינגער באַמערקט מיט קענטליכער ערגערניש.

ירמיהו האָט אַרויסגענומען פון טאַש זיין לולקע און זי גענומען אָנפילען מיט טאַבאַק. דערפיהלענדיג די ביטערקייט אין וועלינגער'ס שטימע האָט ער געוואונדעט זיין בליק צום פאָליציי־שעף און געזאָגט:

— דר. וועלינגער, זאָל איך זיין אָפענהאַרציג מיט אייך?

— איך ערוואַרט עס פון אייך — האָט יענער אויסגערופען.

— איך האָב אַנדערש ניט גערעכענט צו זיין — האָט ירמיהו פאָרטגעזעצט — אָבער איך געה איצט אַריבערטרעטען די אַנגענומענע פאָרמען פון געזעלשאַפטליכען קאָנטאַקט. איך קען זיין אָפענהאַרציג ביז אַ גרעניץ. איך וועל אָבער די גרעניץ אַריבערטרעטען און זיך טיילען מיט אייך מיט מיינע אינערליכע געפיהלען און געדאַנקען.

— עס פרייט מיר דאָס צו הערען, עס איז אַ כבוד פאַר מיר! — האָט וועלינגער אויסגערופען.

— ווען איך האָב צום ערשטן מאָל געהערט פון דער געשיכטע — האָט ירמיהו געזאָגט — האָב איך ניט געהאט די זיכערקייט, אַז שמעון ווייס איז אומשולדיק. ווי געזאָגט קען איך ניט דעם מאַן, האָב אים קיינמאָל ניט געזעהן פאַר די אויגען. אָבער אין איצטיקען מאָמענט זיצט פאַר אייך אַן ערפאַרנער דעטעקטיוו וועלכער איז געניי‍גט אָנצונעמען 99 געגען איינס, אַז שמעון ווייס איז ניט דער מערדער. איך וויל האָפען אַז מיין געפיהל וועט זיך אַרויסשטעלען צו זיין ריכטיג. און דערפאַר ווייל איך גלויב אין זיין אומשולד קען איך ניט צושטימען מיט אייך אַז מיין קליענט האָט שוואַכע אויסזיכטען ווייל ער קאָאָפערירט ניט מיט אייך. אפשר האָט ער ניט מיט וואָס צו קאָאָפערירען? דער פאַקט וואָס אַ צווייטער מענש איז ערמאָרדעט געוואָרען ווען מיין קליענט איז געווען אַרעסטירט איז געגוגענדער באַווייז אַז ער איז ניט דער מערדער.

— איר מאַכט אַ טעות! — האָט וועלינגער אויסגערופען און קנאַבע האָט צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ זיין צושטימונג צו די רייד פון זיין שעף — איר מאַכט אַ טעות! ער האָט טאַקע אַן אליבי צו ווייזען אַז ער האָט ניט ערמאָרדעט דאָקטאָר פריץ גאַבלער׳ן אין אלטענאו, אָבער דאָס מיינט ניט אַז שמעון ווייס האָט ניט ערמאָרדעט דר. זיגפריד ברונער׳ן דאָ אין מינכען — דער ערשטער מאָרד... דער פאַקט וואָס איןביידע מאָרדען האָט דער מערדער זיך באַנוצט מיט׳ן זעלבען געהיימען צייכען וועלכען ער האָט אָפּגעשטעמפּעלט אויפ׳ן שטערן פון זיין קרבן — דאָס ווייזט אַז ביידע מאָרדען האָבען אַ שייכות. עס ווייזט אויך אַז מיר האָבען צו טאָן מיט מער ווי איין מערדער.

— דאָס איז נאָר אַ טעאָריע — האָט ירמיהו זיך אָפּגערופען — איך וויל ניט זאָגען אַז די טעאָריע פון מעהר ווי איין מערדער איז אַ פאַלשע. מעגליך אַז די צוויי דאָקטוירים זענען אומגעקומען פון צוויי פאַרשידענע הענט — איך בין אָבער ניט איבערצייגט דערין.

— מיר וועלען אייך איבערצייגען! — האָט וועלינגער אויסגערופען און וועגדענדיג זיך צו זיין געהילף האָט ער געזאָגט:

— וואַלטער, גיב מיר אַלע דאָקומענטען פון דער קעיס.

קנאַבע איז שנעל אַרויס פון צימער און האָט באַלד צוריקגעקערט מיט אַ דיקער פאַפקע איבערגעבונדען מיט אַ גרינעם שנור.

— איך וועל אָנהויבען מיט דעם ערשטען מאָרד וואָס איז געשעהן

מיטוואָך, דעם 24טען פעברואַר — האָט וועלינגער געזאָגט — דער מאָרד איז געשעהן אין אָוועגט, אַרום זיבען אָדער האַלב נאָך זיבען.

— איך וועל פאַר אייך שילדערן די אומשטענדען: דאָקטאָר זיגפריד ברונער, 59 יאָר אַלט, האָט געלעבט אויף רהײַן שטראַסע איינער אַליין אין אַ וואוינונג פון פינף צימערן פון וועלכע איינער איז געווען זיין קאַבינעט. די וואוינונג איז אופ׳ן ערשטען שטאָק. ער פלעגט אויפנעמען פאַציענטען פון 9 ביז 12 אינדערפרי און פון 5 ביז זיבען אין אָוועגט. ער איז געווען אַ שטילער, צוריקגעצויגענער מענש, האָט געהאַט ווייניג פּרייַנט און ניט קיין צו גרויסע פּראַקטיק. ער שטאַמט פון וויסבאַדען און האָט זיך באַזעצט אין מינכען מיט אומגעפער צוועלף יאָר צוריק. ער איז געווען זעהר אַ גוטער אַרצט (דאָקטאָר), האָט זיך אָבער ניט געריסען צו שטאַרק צו פאַרדינסטען און דעריבער האָט ער זיך באַנוגענט מיט אַ קליינער פּראַקטיק. ער פלעגט לייענען אַ סך, האָט געהאַט אַ פולע הויז מיט ביכער, האָט ליב געהאַט קאָנצערטען, פלעגט געהן דריי מאָל אַ וואָך אין אַ דערבייאיגען ביר־קעלער טרינקען אַ גלאָז ביר און געהן אַהיים פרי, קיינמאָל ניט שפּעטער פון צען אין אָוונט.

די פרוי וואָס האָט געפירט זיין ווירטשאַפט הייסט מאַריאַ לאַנגע, וואוינט אין זעלבען הויז אין הויף. איר מאַן איז דער אויפּפּאַסער פון הויז. די פרוי לאַנגע פלעגט רוימען און קאָכען פאַר׳ן דאָקטאָר. דאָנערשטאָג, אַריינקומענדיג אינדערפרי אין הויז, האָט זי אים געפונען אַ דערשטאָכענעם אין זיין אָפּיס. ער איז געלעגען אויף דער ערד מיט׳ן פנים אַראָפּ. אָט איז אַ בילד ווי מען האָט אים געפונען און אָט איז אַ צווייט בילד פון זיין געזיכט — האָט וועלינגער אַרויסגענומען פון דער פּאַפּקע צוויי פאָטאָגראַפיעס און זיי דערלאַנגט דעם דעטעקטיוו.

— אַהאַ, איך זעה שוין! — האָט ירמיהו אויסגערופען — אָט דאָס איז דער צייכען ביי אים אויפ׳ן שטערן!

— יאָ, אַ שטעמפּעל, אַ בלויער שטעמפּעל — האָט וועלינגער געזאָגט — און דאָ האָט איר אַ פאָטאָגראַפיע פון דעם שטעמפּעל, דעם געהיימען צייכען ווי מיר רופען עס.

ירמיהו האָט באַטראַכט דאָס בילד וואָס האָט געוויזען אין אַ פאַרגרעס־סערטער פאָרם דעם צייכען — אַ קיילעכדיגע ראָד און אינווייניג דריי פּאַסען איינער לעבען דעם צווייטען. דער מיטעלסטער פּאַס איז געווען עטוואָס לענגער פון איין זייט. פון דער צווייטער זייט זענען אַלע דריי פּאַסען געווען

גלייך, מעהר ניט די זייטיגע צוויי האָבען געהאַט אַ סאָרט פּיסעלע יעדער געוועוודעט אין אַ זייט.



— אָט דער צייכען איז געווען געשטעמפּעלט אין בלויער פאַרב אויפ'ן שטערן פון גע'הרג'עטען? — האָט געפרעגט ירמיהו.

וועלינגער האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— מיר האָבן באַלד געגומען פאַרדעכטיגען אַז דער צייכען האָט פּיל צו זאָגען אין דער געשיכטע. דער ערמאָרדעטער האָט געהאַט ביי זיך אין הויז אַ סך צירונג. ער האָט געהאַט ביי זיך העכער 1,500 מאַרק אין קעש, אַ גאָלדענעם זייגער באַזעצט מיט דימענטען. קיין זאַך האָט ניט געפעלט. דער מערדער האָט גאָרניט גענומען. אָבער קוקט זיך גוט איין אין בילד — האָט וועלינגער אָנגעוויזען מיט'ן פינגער — זעהט דעם אויסדרוק אויפ'ן געזיכט פון דערשטאָכענעם דאָקטאָר ברונער. עס איז פאַרקרימט אין שרעק. מיט דער שרעק איז ער געשטאָרבען. מיר נעמען אָבער אָן, אַז דער דאָקטאָר האָט דעם מערדער געטרויט. ווען נישט וואָלט ער אים ניט אריינגענומען צו זיך אין אָפיס. מיר האָבען עדות וועלכע האָבען געזעהן דעם מערדער און דעם דאָקטאָר צוזאַמען.

— דאָס איז אינטערעסאַנט — האָט אויסגערופען ירמיהו.

— יאָ, עדות. צוויי עדות. אַ יונגערמאַן מיט'ן נאָמען פריץ לובקע און אַ פרוי, דער שטאָרקסטער פון די צוויי עדות געגען שמעון ווייס'ן; די פרוי הייסט מאַרגאַריטע פליישענבאָרג און זי איז די אינהאָבערין פון אַ גרינצייג קראָם וואָס געפינט זיך פינף הייזער פון דאָקטאָר'ס הויז.

פריץ לובקע או פראַו פליישענבאָרג זענען ביידע געזעסען אין וואַרט־צימער פון דאָקטאָר ברונער, די לעצטע צוויי פּאַציענטען יענעם מיטוואָך אָוונט. ווען דער דאָקטאָר איז ערשינען אַריינצורופען פריץ לובקע'ן אין ביורא, איז אַריינגעקומען אַ נייער פּאַציענט און זיך אַוועקגעזעצט. פריץ האָט אים נאָך באַוויזען אָנצוקוקען איידער ער איז אַריין צום דאָקטאָר אין צימער. לובקע איז אַרויס פון אַ צווייטער טיר וואָס פירט פון דאָקטאָר'ס

ביודאָ אין קאָרידאָר פון הויז. דעם דאָקטאָר׳ס פּאַציענטען פלעגען קיינמאָל ניט אַרויסגעהן צוריק דורך דעם וואַרט־צימער.

דער נייער פּאַציענט איז אַריינגעקומען אַרום אַ פערטעל צו זיבען. פריץ לובקע האָט פאַרבראַכט ביים דאָקטאָר אין ביוראָ ניט מער פון 5 מינוט צייט. ער האָט באַקומען אַן איינשפּריצונג פון פּעניסילין... ער פלעגט עס קומען נעמען לויט דעם דאָקטאָר׳ס אָנווייזונג, ווייל ערליידט פון אַ ווענערישער קראַנקהייט ווי מיר פאַרשטעהען.

דייטשע „פּילבאַרקייט״...

דער פּאָליצײ־שעף, האַנס וועלינגער, האָט פאַררויכערט אַ נייעם ציגאַר און פאָרטגעזעצט זיין שילדערונג:

— אַרום 10 צו זיבען איז פראַו פליישענבאַרג אַריינגערופען געוואָרען צום דאָקטאָר אין ביוראָ. זי איז דאָרט געווען ניט מעהר ווי 10 מינוט און אפשר נאָך ווייניגער. זי איז געווען אַ שטענדיגער פּאַציענט ביים דאָקטאָר ברונער און האָט זיך באַקלאָגט אויף אַ שטייפקייט אין נאַקען. ער האָט איר פאַרשריבען אַ זאַלב און געהייסען צולייגען הייסע פלעשער. זי איז אַרויס פון דאָקטאָר׳ס ביוראָ דורך דער אַנדערער טיר, איבערלאָזענדיג דעם לעצטען פּאַציענט אין וואַרטע־צימער.

מיר האָבען געפונען ביים דאָקטאָר אויפ׳ן דעסק די קאַרטלעך פון זיינע פּאַציענטען וועלכע ער האָט באַהאַנדעלט יענעם אָוונט און אַזוי אַרום האָבען מיר זיי אַלעמען געפונען און געפּאָרשט. אָבער מיר האָבען ניט געפונען קיין קאַרטעל פון לעצטען פּאַציענט. מעגליך אַז ער האָט עס צוגענומען און אפשר האָט דער דאָקטאָר ניט באַוויזען אויסצומאַכען אַזאַ קאַרטעל.

פעסטשטעלענדיג אַז פריץ לובקע און מאַרגאַריטע פליישענבאַרג האָבען געזעהן דעם מערדער, האָבען מיר זיי גרינטליך אויסגעפאָרשט. פריץ לובקע האָט געגעבען אַן אויבערפלעכליכע באַשרייבונג און האָט זיך עטוואָס געפּלאָנטערט. איך האָב אַ פאַרדאַכט אַז ער איז געווען עטוואָס שיכור יענעם אָוונט. אָבער מעהר ווייניגער שטימט זיין שילדערונג מיט דער פון פראַו פליישענבאַרג. דער לעצטער פּאַציענט איז געווען אַ יונגערמאַן פון עטליכע און צוואַנציג יאָר, אומגעפער זעקס פוס הויך, אַ שוואַרצער, סעמיטישער טיפּ, אָנגעטאָן אין אַ טונקעלען מאַנטעל, אַ טונקעל־גרויע הוט. פראַו פליישענבאַרג האָט עס אונז געגעבען די גענויערע באַשרייבונג, כאָטש זי

האַט ניט געהאַט צופיל צייט צו לייגען אַכט אויף אים. ווען ער איז אַריינ־געקומען האָט ער זיך גענומען באַלד לייענען „די אילוסטרירטע וואָכע" און אויך זי האָט געבלעטערט אַ מעגעזין. גערעדט צו אים האָט זי ניט און דער יונגערמאַן האָט אויך געשוויגען. ער האָט נאָר געזאָגט „גוטען אָווענט" ווען ער האָט געעפענט די טיר ביים אַריינקומען אין וואַרט־צימער.

מיר האָבען אויך געפונען אַ טעקסי־דראַיווער וועלכער האָט אומגעפער אַרום צוואַנציג נאָך זיבען, שפּעטסטענס האַלב נאָך זיבען, גענומען אַ פּאַסאַזשיר וואָס ענטשפּרעכט די באַשרייבונג פון די עדות. דער פּאַסאַזשיר האָט אויסגעזעהן צו זיין אין איילעניש און האָט זיך געהייסען פיהרען צום באַנהויף, אָבער שפּעטער, פאָרענדיג, האָט ער געביטען די אָנווייזונג און געהייסען צופאָרען צום האָטעל „מעטראָפּאָל".

— עס איז כמעט איינס און דאָס זעלבע — האָט ירמיהו באַמערקט — דער האָטעל געפינט זיך דאָך ביים סאַמע באַנהויף. איך שטעה דאָרט אַיין...

— יאָ, כ'ווייס... — האָט זיך אַרויסגעכאַפּט ביים פּאָליציי־שעף. ירמיהו האָט זיך געמאַכט ניט הערענדיג. אים איז איצט ניט אָנגעגאַנגען די האַנדלונג פון דער פּאָליציי געגען אים. דער שיקזאַל פון שמעון ווייס'ן האָט אים אינטערעסירט.

— וואָס זשע איז געשעהן ווייטער? — האָט ער געפרעגט.

— מיר האָבען זיך פאַראינטערעסירט מיט די איינוואוינער פון „מעט־ראָפּאָל" און שמעון ווייס איז געווען דער וואָס האָט געשטימט מיט דער שילדערונג פון די צוויי עדות און פון דעם טעקסי דראַיווער — האָט וועלינגער פאָרטגעזעצט. — מיר האָבען אים ניט אַרעסטירט אויף דער שטעל, נאָר געוואַרט, אים נאָכגעפאָלגט עטליכע טעג, גענומען בילדער פון אים און געוויזען די עדות. זיי האָבען צוגעשטימט, אַז ער זעהט אויס ווי דער מאַן וועמען זיי האָבען געזעהן.

ירמיהו האָט אָנגעקוקט דעם פּאָליציי־שעף מיט פאַרוואונדערונג.

— איר מיינט צו זאָגען, אַז איר האָט געהאַט אַ פאַרדיכטיגטען און אים ניט אַרעסטירט מאָמענטאַל, נאָר אָפּגעוואַרט עטליכע טעג? — האָט ער געפרעגט.

— ערלויבט מיר אייך עס צו ערקלערען — האָט זיך אָפּגערופען וואַלטער קנאָבע, וועלכער איז ביז איצט געזעסען שטיל — מיר האָבען דאָך געוואוסט, אַז הער שמעון ווייס איז אַ איד, אַ ישראלי... מיר ווייסען אַז ער איז דאָ געבוירען געוואָרען... מיט איין וואָרט, מיר האָבען פעסטגעשטעלט זיין גאַנצע פאַרגאַנגענהייט און די אורזאַכע וואָס האָט אים געבראַכט קיין דייטשלאַנד

אַצינד. איר דאַרפט פאַרשטעהן אַז מיר דייטשען זענען זעהר פּיהלבאַר ווען עס קומט צו די מענשען... איך מיין אידען, וועלכע האָבען געליטען פון די נאַצישע ברוטאַליטעטען. מיר האָבען ניט געוואָלט אַרעסטירען שמעון ווייס'ן ביז מיר'ן ניט זיין הונדערט פּראָצענט זיכער... צו וואָס שאַפען אומזיסטע סקאַנדאַלען. סאַי מיר און סאַי איר זענען פּיהלבאַר צו דער פאַרגאַנגענהייט...

— איך פאַרשטעה, כ'פאַרשטעה — האָט ירמיהו געמורמעלט — הייסט עס איר זענט געווען זיכער אַז שמעון איז דער מערדער ווען איר האָט אים אַרעסטירט?

— כמעט ווי זיכער — האָט וועלינגער אויסגערופען.

— און ווען איר האָט געוויזען שמעון'ס בילדער צו די עדות, דעם שיכור, ווי הייסט ער דאָרט? פריץ, פריץ לובקע, און די פרוי פליישענבאָרג און דעם טעקסי־דראַיווער — האָט איר זיי געגעבען בילדער פון עטליכע מענשען זיי זאָלען אויסקלייבען דעם פאַרדעכטיגטען? אָדער איר האָט זיי געוויזען בילדער פון שמעון'ען?

— בילדער וואָס מיר האָבען גענומען פון שמעון ווייס'ן אָהן זיין וויסען, אין האָטעל, אין גאַס, אין פּאַרק... עס איז דאָ דאָך ניט געווען קיין פראַגע פון בלעטערען אַן אַלבום מיט בילדער פון געזוכטע פאַרברעכער. מיר האָבען געוואָלט זיין זיכער אַז זיי דערקענען דעם מאַן — האָט וועלינגער זיך פאַרענטפערט. ירמיהו האָט אָבער דערפיהלט אין זיין טאָן אַז ער רעאַליזירט אַצינד די אומרעכט פון זיין האַנדלונג.

— איר האָט שלעכט געטאָן — האָט דער ישראל'דיגער דעטעקטיוו אויסגערופען — איך גלויב, אַז אין געריכט וועט אָט די האַנדלונג זיין געגען דער באַשולדיגונג און אַ געווינס פאַר דער פאַרטיידיגונג. איר האָט איינפאַך געוויזען די עדות בילדער פון פאַרדעכטיגטען, שפּעטער אַרעסטירט איר אים און די עדות דערקענען אים אָהן צווייפלונגען, דערקענען אים פון די בילדער.

— עס איז פיללייכט ניט געווען די אַנגענומענע פּראָצעדור, אָבער, ווי וואָלטער האָט עס אייך ערקלערט, האָבען מיר ניט געקענט האַנדלען אַנדערש — האָט וועלינגער אויסגערופען.

— איך וויל נאָר האָפען, אַז עס וועט ניט דערגעהן צו אַ משפט — האָט ירמיהו באַמערקט — אין געריכט וועט מען אייך טאַדלען. נו, און וואָס איז געווען ווען איר האָט אַרעסטירט שמעון ווייס?

— ער האָט געלייקענט... ער האָט קיינמאָל ניט געהערט פון דאָקטאָר ברונער, קיינמאָל ניט געזעהן די עדות... און וואָס אַנבאַלאַנגט דער פראַגע וואו ער איז געווען מיטוואָך, דעם 24־טען פעברואַר, צווישען אַ פערטעל צו

זיבעט ביז האַלב נאָך זיבעט — האָט ער אונז געזאָגט אַז ער איז געווען אין קינאָ זעהן אַ בילד וואָס רופט זיך „דער סקאַנדאַל פון אָסקאַר וואַילד". ער קען טאַקע דעם אינהאַלט פון בילד אָבער ער האָט עס געקענט זעהן פאַר דעם. קיין עדות וואָס זאָלען קענען זאָגען אַז זיי האָבען אים געזעהן אין קינאָ זענען ניטאָ. דער נאַכט־פּאָרטער פון האָטעל האָט ניט געדענקט ווען שמעון ווייס איז געקומען אין האָטעל יענע נאַכט.

— און ער האַלט זיך ביי זיינס די גאַנצע צייט, אַז ער ווייסט פון גאָרניט? — האָט געפרעגט ירמיהו.

— שטאָל און אייזען. מיר קענען אים ניט איינברעכען — האָט וועלינגער געענטפערט.

דער קליינער מאַן מיט די פאַרפלעקטע פינגער

— ווען קען איך זיך זעהן מיט שמעון'ען? — האָט ירמיהו געפרעגט. וועלינגער און קנאַבע האָבען זיך דורכגעוואָרפען מיט בליקען.

— עס וועט זיין... כ'מיין, עס איז עטוואָס ניט מעגליכעס... — האָט וועלינגער זיך געבראָכען די ציין אַרויסצוזאָגען זיין געדאַנק — עס איז געגען די געזעצען... איר זענט ניט קיין אַדוואָקאַט... אַן אַדוואָקאַט קען קומען צו זיין קליענט אין טורמע...

— זאָל זיין ניט אין טורמע — האָט ירמיהו געזאָגט — לאָמיר זאָגען איר ברענגט אַהערצו שמעון ווייס'ן פאַר אַן אויספאָרשונג און איך געפין זיך צופעליג אין צימער. איך וויל ניט רעדען מיט אים אונטער פיר אויגען, כאָטש אויך דאָס קען מען טאָן ווען איר פאַרלאָזט דעם צימער אויף עטליכע מינוט. אָבער איך באַשטעה ניט דערויף. מיר אַרט ניט אויב איך וועל רעדען מיט אים אין אייער אנוועזענהייט.

— אין העברעאיש? — האָט וועלינגער געפרעגט.

— ניין, אין דייטש... און אַפילו אין העברעאיש קענט איר עס דאָך רעקאָרדירען און שפּעטער לאָזען איבערזעצען. פאַרקערט: אין העברעאיש קענט איר אַמאָל אַרויסגעפינען פון אים סודות — האָט ירמיהו צוגעגעבען מיט אַ שמייכעל.

— וואָס זאָגסטו, וואַלטער? — האָט וועלינגער געווענדעט זיין בליק צו זיין געהילף.

— מען קען עס מאַכען — האָט וואַלטער צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— זעהר גוט. ווען קען מען עס דורכפירען? האָט ירמיהו געפרעגט.

— אַפּילו היינט. איך וועל באַלד געבען דעם באַפעל מען זאָל אים דאָ אַהער ברענגען — האָט וועלינגער אויסגערופען.

ער האָט גענומען דעם טעלעפאָן, זיך געהייסען פאַרבינדען מיט אַ נומער און שטילערהייט אַרויסגעגעבען די אָנווייזונגען צו ברענגען דעם אַרעסטאַנט שמעון ווייס.

— לאָמיר איצט הערען די געשיכטע מיט׳ן צווייטען מאָרד — האָט ירמיהו געזאָגט ווען וועלינגער האָט פאַרענדיגט טעלעפאָנירען.

— וואָלטער, דו דערצעהל דעם פאַל פון אַלטענאַו — האָט דער פּאָליציי־שעף זיך געווענדעט צו זיין געהילף.

יענער האָט צוגעשאַרט צו זיך די פּאַפּקע און אַרויסגענומען פון דאָרט אַ פּעקעל מיט דאָקומענטען און בילדער.

— דער מאָרד פון דאָקטאָר פריץ גאַבלער איז פאַרגעקומען מיט צוויי וואָכען שפּעטער, אַ דאָנערשטאָג, דעם 10־טען מערץ — האָט וואָלטער קנאַבע גענומען דערציילען — דער מאָרד איז זעהר ענליך צום ערשטען און ער איז אויך פּונקט אַזוי אומפאַרשטענדליך ווי דער ערשטער.

דאָקטאָר פריץ גאַבלער איז אינגאַנצען אַלט געווען 45 יאָר ווען ער איז דער׳הרג׳עט געוואָרען פון מערדער׳ס האַנט. אויך ער איז געשטאָכען געוואָרען אין האַרץ און אויך ביי אים אויפ׳ן שטערן האָט דער מערדער געלאָזט זיין געהיימניספולען צייכען. פאַרגלייך אָט דאָס בילד פון צייכען מיט דעם ערשטען. זיי זענען גענוי די זעלבע. עס איז דער זעלבער שטעמפּעל, די זעלבע פאַרב. באַמערק ווי דער רעדל איז עטוואָס טונקלער, טיפער. די דריי פאַסען זענען אויך די זעלבע, עטוואָס לייכטער ביים שפּיץ, איינער איז עטוואָס דיקער פון די אַנדערע. אַלע צוגלייכען אונטער אַ פאַרגרעסערונגס־גלאָז צייגען אַז עס איז גענוי דער זעלבער שטעמפּעל.

— יאָ, דאָס זעהט מען אַפּילו מיט׳ן נאַקעטען אויג — האָט ירמיהו זיך אָפּגערופען פאַרגלייכענדיג די צוויי בילדער — וואָס איז וועגען דער וואונד? דער זעלבער אינסטרומענט איז גענוצט געוואָרען?

— ניין, דאָקטאָר גאַבלער איז דערשטאָכען געוואָרען מיט אַ דינעם שפּיז, דין אָבער שאַרף. ברונער׳ן האָט דער מערדער דערשטאָכען מיט אַ ברייטען קינזשאַל.

— ווייטער! ווער איז געווען דאָקטאָר גאַבלער? — האָט ירמיהו געפרעגט.

— ער איז געווען פון די סאַמע אָנגעזעהנסטע בירגער פון שטעטעל. יעדעס קינד אין אַלטענאַו האָט געקענט דאָקטאָר פריץ גאַבלער׳ן. ער איז

געבוירען געוואָרען אין אַלטענאַו, האָט שטודירט אין האַידעלבערג און אויך אין ווין, געווען אַ גוטער דאָקטאָר, איינער פון די בעסטע כירורגען אין באַוואַריע. זיין פרוי איז אינגער פון אים מיט 5 יאָר, זיי האָבען דריי קינדער, דער עלטסטער אינגעלע איז צוועלף יאָר אַלט.

יענעם דאָנערשטאָג אינדערפרי איז די פרוי פון דאָקטאָר גאַבלער׳ן אַוועקגעפאָרען מיט די קינדער קיין מינכען וואו עס וואוינען אירע עלטערן. דאָקטאָר גאַבלער האָט געדאַרפט קומען צומאָרגענס, עס הייסט פרייטאָג אָוונט, און פאַרברענגען דאָ מיט פרוי, קינדער און שוויגער־עלטערן ביז מאָנטאג פרי. ער האָט צוגעפירט די פרוי מיט די קינדער צום באַן, אַליין האָט ער געדאַרפט קומען מיט זיין אָטאָמאָביל.

דאָנערשטאָג אָוונט האָט דר. גאַבלער אַרויסגעלאָזט זיין לעצטען פאַציענט אַ פערטעל צו זיבען. צווישען 5 און אַ פערטעל צו זיבען האָט ער געהאַט אויפגענומען זיינע פאַציענטען — אַלע איינוואוינער פון שטעטעל; צומאָרגענס, פרייטאָג אינדערפרי, ווען דער דאָקטאָר האָט ניט געענטפערט אויף דעם טעלעפאָן און שכנים האָבען באַמערקט אַז ער האָט ניט אַריינ־גענומען די צייטונג וואָס איז געלעגען ביי דער טיר, און אַז זיין אָטאָמאָביל שטעהט פאַר׳ן הויז — איז מען געוואָרען פאַרדיכטיגט. אַ שכן האָט אָנגעקלאַפט אין טיר, קיינער האָט ניט געענטפערט, די טיר איז געווען אָפען. דער שכן איז אַריין און געפונען דעם דאָקטאָר אין זיין ביוראָ־צימער אַ דערשטאָכענעם. ער איז געלעגען אויף דער סאָפע. דער בלויער שטעמפעל האָט באַפלעקט זיין שטערן מיט׳ן געהיימען צייכען.

דער מאָרד האָט פאַראורזאַכט אַ גרויסען טומעל ווייל, ווי געזאָגט, האָבען אַלע געקענט און רעספעקטירט דעם דאָקטאָר און זיין פרוי. אלטענאַו איז אַ קליין שטעטעלע, אַלע קענען זיך דאָרט, און אַ פרעמדער וואַרפט זיך אין די אויגען.

אַזאַ פרעמדען האָט מען געזעהן דאָנערשטאָג אָוונט אין שטעטעל. צוויי עדות געדענקען אים זעהר גוט און ביידע האָבען געגעבען, יעדער באַזונדער, איינער נישט הערענדיג פון צווייטען, אַ גענויע שילדערונג פון דעם פרעמדען.

די עדות זיינען: דער קצב אַדאָלף זיגלער, און דער ווירט פון באַנהאָף „גאַסט־שטאַטע״ (בופעט) ווילי וואַסערמאַן. זיי האָבען געשילדערט דעם פאַרדעכטיגטען מאַן אַלס אַ זעהר נידעריגען פאַרשוין, ניט העכער פון פינף פוס, אָנגעטאַן אין אַ ברוינעם רעגען־מאַנטעל מיט אַ ברוינעם הוט פאַררוקט ביז די אויגען. ער האָט געהאַט אַ סאָרט טשאַרלי טשאַפלין

וואַנצעס, ווי היטלער, קורצע, אונטער'ן נאָז. אין האַנט האָט ער געטראָגען אַ שטעקען. אַזוי זאָגט אַדאָלף זיגלער. אָבער ווילי וואַסערמאַן זאָגט אַז עס איז געווען אַ רעגען־שירעם.

דער קצב האָט געטראָפען דעם קורצען מאַן אין גאַס געהענדיג פון דער ריכטונג פון דאָקטאָר גאַבלער'ס הויז אַרום צען מינוט נאָך אַכט. ער האָט אין דער פינצטער ניט געקענט זעהן געגוי זיין געזיכט אָבער ביים שיין פון אַ לאַמטערנע האָט ער באַמערקט די וואַנצעס. זיגלער האָט זיך געוואונ־דערט ווער עס קען זיין דער פרעמדער ווייל ער האָט קיינמאָל ניט געזעהן פאַר דעם.

ווילי וואַסערמאַן דערצעהלט, אַז דער פרעמדער איז אַריין אין זיין באַנהאָף גאַסט־שטאַטע און האָט באַשטעלט אַ ביר. ער האָט געפרעגט ביי ווילי'ן ווען די באַן קומט אָן. ווילי האָט געפרעגט ביי אים וועלכע באַן ער האָט אין זינען, פאַראַן איין באַן וואָס פאָרט קיין מינכען, אַ צווייטע פאָרט קיין גאַרמיש. דער פרעמדער האָט געענטפערט אַז ער וואַרט אויף דער באַן קיין מינכען. ווילי האָט דאַן אַ קוק געטאָן אויפ'ן זייגער, עס איז געווען 10 מינוט נאָך אַכט. די באַן האָט געדאַרפט אָנקומען 24 נאָך אַכט נאָר זי האָט פאַרשפעטיגט אויף 8 מינוט. דעריבער געדענקט עס ווילי אַזוי גענוי די צייט.

— וואָס פאַראַ אויסשפּראַך האָט דער קליינער מאַן געהאַט? — האָט ירמיהו געפרעגט.

— ער האָט גערעדט אַ פּערפעקטען דייטש. ער האָט באַצאָלט פאַר'ן ביר, האָט באַדאַנקט ווילי'ן פאַר דער אינפאָרמאַציע און האָט צוגעגעבען אַז דער וועטער אין גאַס בייט זיך און עס „שמעקט מיט שניי". ווילי האָט זיך נאָך געוויצעלט, זאָגענדיג אַז שניי איז גוט פאַר די סקי־רעזאָרטען אין די אַלפּען־בערג, אָבער ניט פאַר זיינע ביזנעס, ווייל ווען עס שנייט טרינקט מען ווענינגער ביר. דאַן איז אָנגעקומען די באַן און דער פרעמדער איז אַרויס צום פעראָן.

— עס איז גאָר אינטערעסאַנט, אָבער איך זעה נאָך אַלץ ניט וואָס עס גייט אייך די זיכערקייט, אַז דער נידעריגער פאַרשוין אין רעגענמאַנטעל מיט די וואַנצעלעך און רעגען־שירעם איז דער מערדער פון דאָקטאָר גאַבלער'ן — האָט ירמיהו אויסגערופען.

— איין מאָמענט! — האָט וועלינגער זיך אַריינגעמישט — וואָלטער האָט מיט אַ כיוון פאַרפלעט צו דערמאָנען זעהר אַ וויכטיגען פאַקט. דאָס האָט אונז ווילי דערצעהלט ניט וויסענדיג די איינצעלהייטען פון מאָרד. ער

האָט זיך דערמאָנט אַז ביים פּרעמדען זענען די פינגער פון דער רעכטער האַנט געווען אויסגעשמירט אין בלויע טינט. אַזוי האָט עס אויסגעזעהן ביי אים, בלויע טינט. ווען מיר האָבען געוויזען ווילי׳ן עטליכע בלויע פאַרבען אויסצוקלייבען די מער־ווייניג פּאַסיגע צום קאָליר פון דעם טינט — האָט ער אויסגעוועהלט אַ פאַרב וואָס איז גענוי די פון דעם שטעמפּעל אויפ׳ן שטערן פון קרבן... די פאַרב פון „געהיימניספולען צייכען״...

אַ פּיינטליכע באַגעגעניש

— דאָס איז אויסערגעוועהנליך אינטערעסאַנט און וויכטיג — האָט ירמיהו אויסגערופען — איר ווייסט גאָרניט ווי וויכטיג עס איז... — האָט ער איבערגע׳חזר׳ט אַ צווייטען מאָל.

— וואָס הייסט מיר ווייסען ניט? — האָט וועלינגער באַמערקט מיט איראָניע — מיר האָבען עס דאָך פעסטגעשטעלט! איך אַליין בין געפאָרען קיין אַלטענאַו אַנצופירען מיט דער אויספאָרשונג און איך האָב פּערזענליך אויסגעפרעגט די צוויי עדות. עס איז קלאָר אַז דער נידעריגער פאַרשוין מיט די וואָנצעלעך און מיט די אויסגעשמירטע פינגער איז געווען דער מערדער פון דר. פריץ גאַבלער.

— יאָ, יאָ... דאָס האָב איך טאַקע געהאַט אין זינען ווען איך האָב געזאָגט, אַז עס איז זעהר וויכטיג — האָט דער דעטעקטיוו פון ישראל צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ. דר. וועלינגער האָט אָבער געהאַט אַ מאָדנעם געפיהל, אַז דער דעטעקטיוו פאַרבאַהאַלט עפּעס פון אים, אַז נישט דאָס האָט ער געמיינט.

— איצט שטעהען מיר פאַר דער געהיימניס פון דעם „בלויען צייכען״ — האָט וועלינגער באַמערקט. — עס איז קלאָר אַז דער צייכען אָפּגעשטעמפּעלט אויף דעם שטערן פון ביידע אומגעבראַכטע שאַפט אַ פאַרבינדונג צווישען די צוויי מאָרדען.

— צווישען די מאָרדען, דאָס בין איך גרייט איינצושטימען, אָבער ניט צווישען שמעון ווייס׳ן און דעם קורצען פאַרשוין מיט די וואָנצעס — האָט ירמיהו געזאָגט.

וועלינגער האָט מיט אומגעדולד אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— הער אַלמוג! מיך וואונדערט וואָס איר זעהט ניט איין די פאַר־בינדונג. שמעון ווייס איז דערקענט געוואָרען פון...

— ...ער איז פון קיינעם ניט דערקענט געוואָרען! — האָט ירמיהו איבערגעשלאָגען די רייד פון פּאָליציי־שעף — שמעון ווייס איז געקומען קיין מינכען איינמאָנען ענטשעדיגונג וואָס אים קומט. ער שטעהט אַיין אין האָטעל „מעטראָפּאָל". איך שטעה אויך אַיין אין זעלבען האָטעל, נו, איז וואָס? עמיצער נעמט אַ טעקסי פון רהיין שטראַסע און הייסט זיך פירען צום באַנהאָף, שפּעטער ענדערט ער דעם אַדרעס אויף האָטעל „מעטראָפּאָל". ביי מיר לייגט זיך אויפ׳ן שכל אַז אויב איך וואָלט געווען דער מערדער, וואָלט איך ניט אָנגעגעבען אַ טעקסי־דראַיווער מיין ריכטיגען אַדרעס. איך וואָלט אפשר אָנגעגעבען באַנהויף און דאָרט אויסגעשטיגען און שפּעטער געגאַנגען צופוס די עטליכע צענדליג טריט פון באַנהויף צום האָטעל. אויב דער מאַן האָט געהייסען פאָרען צום האָטעל איז אַ סימן אַז ער האָט ניט געוואוינט אין האָטעל, אויב מיר נעמען טאַקע אָן אַז ער איז דער מערדער.

ירמיהו האָט אָנגענומען פון טיש אַ בילד פון שמעון ווייס׳ן און עס אויפגעהויבען פאַר׳ן פּאָליציי־שעף און זיין געהילף.

— איר פאַרלייגט זיך אויף שמעונ׳ען — האָט ער פאַרטגעזעצט — איר פאָטאָגראַפירט אים אָהן זיין וויסען דערפון און שפּעטער ווייזט איר די בילדער צו די צוויי עדות פון וועלכע איינער איז אַ שיכור און די צווייטע, אַ פרוי, וואָס לאָזט זיך אויך לייכט באַאיינפלוסען. אַוודאי האָבען זיי „דערקענט" דעם „מערדער" נאָכדעם ווי איר ווייזט זיי די בילדער. מיין מיינונג איז, אַז איר האָט ניט קיין גענוגענדע אורזאַכע צו האַלטען שמעון׳ען אונטער אַרעסט. זוכט בעסער דעם קורצען מאַן מיט די וואָנצעס פון אַלטענאַו.

— עס איז לעכערליך! — האָט זיך אָפּגערופען וואַלטער קנאַבע — אייער אָפּשאַצונג איז אַ נאַאיווע און פּאַסט ניט פאַר אַ פּראָפעסיאָנעלען קרימינאַלאָג. מיר האַלטען שמעון ווייס׳ן ניט אַלס מערדער נאָר אַלס פאַרדעכטיגטען אין מאָרד און מיר האָבען די פולסטע באַגרינדונג דערויף.

— איך ווייס, אַז מיינע רייד זיינען אַרויסגעוואָרפען — האָט ירמיהו זיך אָנגערופען — איך בין שוין געוואוינט דערצו. עס איז אַ מאָדנע ערשיינונג, אָבער זי איז ניט ביי פאַר מיר. איר און איך זענען פון זעלבען באַרוף, אָבער יעדען מאָל, אָדער כמעט יעדען מאָל, ווען מיר קומט אויס צו אַרבעטען האַנט־אין־האַנט מיט דער פּאָליציי — צוגעהען מיר זיך אין אונזער אָפּשאַצונגען, און געוועהנליך שטעלט זיך שפּעטער אַרויס אַז איך בין גערעכט — האָט ער צוגעגעבען מיט אַ שמייכעל.

— דעם מאָל, האָלט איך, וועלען מ י ר בלייבען די גערעכטע — האָט וועלינגער אויסגערופען — אַלץ וואָס עס איז נויטיג אַצינד איז צו געפינען,

ערשטענס: די פֿאַרבינדונג צווישןביידע מאָרדן, אָדער בעסער געזאָגט, דעם מאָטיוו וואָס האָט געפֿירט צו די מאָרדן. צווייטענס, אויסגעפֿינען די פֿאַרבינדונג צווישן ביידע מערדער. ווייל איין זאַך איז דאָך קלאָר און ניט אָפּפֿרעגבאַר, נעמליך, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט צוויי פֿאַרשידענע מערדער.

— אָננעמענדיק אַז שמעון ווייס איז געווען דער ערשטער מערדער — האָט ירמיהו באַמערקט.

— אַפֿילו ניט אָננעמענדיק אַז שמעון ווייס איז שולדיק — האָט קנאַבע זיך אַריינגעמישט — לאָמיר זאָגן, אַז ער איז אומשולדיק, אַז ער איז אין דער צייט פֿון מאָרד געווען אין אַ קינאָ, ווי ער זאָגט. מיר ווייסן אָבער ווי דער ערשטער מערדער האָט אויסגעזעהן. מיר האָבן צוויי עדות, שוין ניט רעכענענדיק דעם טעקסי־דראַיווער. פֿריץ לובקע און פֿרוי פֿליישענבאָרג האָבן געזעהן. ער איז ניט געווען קיין קורץ וויקסיגער נאָר אַ זעקס פֿוסיגער און ער האָט ניט געהאַט קיין וואָנצעס...

— ...און ער איז אפֿשר ניט געווען דער מערדער. אפֿשר איז ער געקומען צום דאָקטאָר פֿאַרקויפֿן עפּעס אָדער איינמאָנען אַ חוב — האָט ירמיהו באַמערקט — אפֿשר איז ער שפּעטער אַוועק און נאָך אים, ווען קיינער האָט אים ניט געזעהן, איז אַריינגעקומען דער קורצער מאַן מיט די וואָנצעס און דערשטאָכן דעם דאָקטאָר.

— דאָס זענען אַלץ ספּעקולאַציעס — האָט דר. וועלינגער זיך אָפּגערופֿן — און איך מוז זאָגן גאַנץ לאָגישע ספּעקולאַציעס.

— מיר וועלן זיך ניט רירען פֿון אָרט אַזוי לאַנג ווי מיר וועלן ניט פֿעסטשטעלן די פֿאַרבינדונג צווישן די צוויי דאָקטוירים — האָט ירמיהו געזאָגט — ספּעקולאַציעס האָבן ניט קיין ווערט אָהן לאָגישע באַגרינדונגען.

— דאָס זוכען מיר פֿעסטצושטעלן — האָט וואָלטער קנאַבע אויסגערופֿן — ביז איצט האָבן מיר ניט געפֿונען די מינדסטע שייכות צווישן דר. ברונער און דר. גאַבלער.

— די איינציגע זאַך וואָס פֿאַרבינדט זיי איז דער געהיימניספֿולער צייכען אין בלויער פֿאַרב — האָט דר. וועלינגער צוגעגעבן.

ירמיהו האָט געוואָלט עפּעס זאָגן ווען עס האָט זיך געהערט אַ קלאַפּ אין טיר און דער ליוטענאַנט איז ערשינען.

— דער אַרעסטאַנט איז געבראַכט געוואָרען — האָט ער געמאָלדען.

— ברענג אים אַריין — האָט וועלינגער באַפֿוילען.

שמעון איז ערשינען אין צימער און דר. וועלינגער האָט אים באַגריסט און געבעטען זיך זעצען. דער יונגערמאַן האָט אויסגעזעהן גוט, איז געווען גלאַט אָפּגעראַזירט, האָט געטראָגען אַ ריינע העמד און אַ גרויען סוט אָהן אַ קראַוואַט. ער האָט זיך געזעצט אויף דעם אָנגעוויזענעם שטול אָהן אַרויס־צורעדען אַ וואָרט. ירמיהו האָט באַמערקט אַ ביטערניש איינגעקריצט אין די ווינקלען פון זיין מויל. עס איז געווען קענטיג אַז שמעון האַלט די ציין שטאַרק פאַרקלעמט. זיין בליק געווענדעט צום פאָליציי־שעף איז געווען אַ פיינטליכער.

— הער ווייס, דאָס איז הער אַלמוג פון איזראַעל — האָט דר. וועלינגער אָנגעוויזען מיט'ן האַנט אויף ירמיהו'ן.

— עס פרעהט מיך זעהר! — האָט שמעון אַרויסגעבורטשעט. ער האָט געוואָרפען אַן אומפריינטליכען בליק אויף דעם דעטעקטיוו און ניט אַרויס־געוויזען דעם מינדסטען אינטערעס אין אים.

— הער אַלמוג איז געקומען אייך העלפען — האָט דר. וועלינגער געזאָגט.

— איך דאַרף ניט קיין הילף! איך בין אומשולדיג! עס איז מיר שוין דערעסען עס צו איבער'חזר'ן פאַר אייך! — האָט שמעון אויסגערופען.

— איך פאַרשטעה אייער פאַרביטערונג, שמעון — האָט ירמיהו זיך אָפּגערופען — איר דאַרפט אָבער ניט אָנווענדען דעם געפיהל אויף געגען מיר. איך קום אויף דער ביטע פון רבקה בישרי. זי און איר פאָטער האָבען מיך געדונגען איך זאָל קומען אַהער אייך העלפען.

ביים דערהערען דעם נאָמען פון זיין געליבטער האָט שמעון אויפ־געצאַפּעלט און האָט זיך ראַפּטום אויסגעדרעהט צום דעטעקטיוו.

— איר קומט... זי האָט אייך געשיקט?! — האָט ער אויסגעשריגען און זיין געזיכט האָט אויפגעפלאַמט ווי אַ רויטער צוויק. פּלוצים איז די שיין אויסגעלאָשען געוואָרען אין זיינע אויגען.

— פון וואַנעט בין איך זיכער אַז איר זאָגט אמת? — האָט ער געפרעגט — אפשר איז עס אַ טריק אונטערגעשטעלט פון זיי? — האָט ער אָנגעוויזען מיט'ן בליק אויף דעם פּאָליציי־שעף און זיין געהילף.

— אָט איז דער פּאַפּיר וועלכען רבקה און איר פאָטער האָבען נעכטען אונטערגעשריבען איידער איך האָב פאַרלאָזט תל־אביב — האָט ירמיהו אים דערלאַנגט דעם דאָקומענט וואָס דער אַדוואָקאַט האָט צוגעגרייט.

דר. וועלינגער האָט זיך אויפגעשטעלט.

— איר וועט אונז ענטשולדיגען — האָט ער אויסגערופען — הער

קנאַבע און איך דאַרפֿען עפּעס ערליידיגען און מיר וועלען אייך מוזען איבערלאָזען אַליין אויף אַ ווײַלע.

דער פּאָליציי־שעף און זיין געהילף זענען אַרויסגעגאַנגען אין דער־בייאיגען צימער איבערלאָזענדיק די צוויי ישראלים אַליין.

— איך האָב אויך געלייענט אייערע בריוו וואָס איר האָט געשיקט צו רבקה'ן פון דייטשלאַנד — האָט ירמיהו געזאָגט — זי האָט מיר די בריוו געוויזען אָהן חשק, אָבער איך האָב זיך געוואָלט באַקענען מיט אייך דורך די בריוו.

יאָהאַן גרונט פון גיזעלא שטראַסע

— וואָס מאַכט רבקה? ווי זעהט זי אויס? ווי אַזוי נעמט זי די גאַנצע זאַך פון מיין אַרעסט? — האָט שמעון גענומען פאַרוואַרפען דעם דעטעקטיוו מיט פראַגען אין עברית.

— לאָמיר רעדען דייטש. איך וויל ניט זיי זאָלען מיינען, אַז מיר באַהאַלטען עפּעס אויס פון זיי — האָט ירמיהו באַמערקט — רבקה זעהט אויס זעהר שעהן. זי איז פאַרשטעהט זיך באַזאָרגט און אומרוהיג און דערפאַר איז זי עס געקומען בעטען מיין הילף.

— איר זענט עס דער באַרימטער אַלמוג? דער דעטעקטיוו?

ירמיהו האָט געשמייכעלט.

— איך ווייס ניט ווי באַרימט איך בין, אָבער אַ דעטעקטיוו בין איך.

— איר מוזט מיר העלפען! זיי האָבען זיך דאָ פאַרלייגט אויף מיר. עס איז אַנטיסעמיטיזם. זיי ווילען גראַדע האָבען אַ אידישען מערדער. איך בין אַבסאָלוט אומשולדיג...

ירמיהו האָט אים געוואָלט אָפּשטעלען, באַרוהיגען, אָבער שמעון איז געווען שטאַרק אויפגערעגט און עס איז געווען קענטיג אַז ער מוז זיך אַראָפּרעדען פון האַרצען.

— ...איך ווייס פון גאָרניט, איך האָב דעם דאָקטאָר ברונער אויף מיין לעבען ניט געזעהן פאַר מיינע אויגען. איך ווייס ניט וואָס זיי ווילען פון מיר, מיט דעם צייכען... איך פאַרשטעה ניט ווי אַזוי איך בין פאַרפלאָנטערט געוואָרען אין דער גאַנצער זאַך... גלויבט מיר, גלויבט מיר אַז איך בין גאָט די נשמה שולדיג...

— איך גלויב אייך, שמעון! — האָט ירמיהו אויסגערופען — איך האָף אַז דער טעות וועט זיך אויפקלערען. איר מוזט אָבער האָבען געדולד. איך בין

ערשט היינט אָנגעקומען קיין מינכען. נעכטען ביינאַכט האָב איך נאָך גערעדט מיט רבקה׳ן און איר פאָטער...

דער דעטעקטיוו האָט געשילדערט פאַר׳ן אַרעסטאַנט ווי רבקה איז געווען אָנגעטאָן, ווי זי האָט אויסגעזעהן, וואָס זי האָט דערצעהלט ; שמעון האָט געשלונגען יעדען וואָרט. זיין בליק האָט איצט געשיינט מיט מוט און האָפענונג. ווען דר. וועלינגער און קנאַבע זענען צוריק ערשינען אין צימער האָבען זיי באַמערקט די ענדערונג וואָס איז פאָרגעקומען אין זייער אַרעסטאַנט.

— עס איז גוט צו קריגען אַ גרוס פון דער היים — האָט ירמיהו באַמערקט — שוין צוליב דעם אַליין איז מיין פאָרען אַהערצו ווערט געווען.

— איך האָף אַז איר וועט זיך ניט באַנוגענען נאָר מיט דעם ערמוטיגונג וואָס איר האָט מיר געבראַכט — האָט שמעון אויסגערופען און צום ערשטען מאָל האָבען וועלינגער און קנאַבע געזעהן, אַז ער קען שמייכלען.

*

עס איז שוין געווען פינף מינוט נאָך עלף ווען ירמיהו האָט זיך אויפ־געשטעלט גרייט זיך צו געזעגענען מיט וועלינגער׳ן און זיין געהילף.

— געהט נאָך ניט אַוועק ! — האָט דער פאָליציי־שעף אויסגערופען — לאָמיר קומען צו אַ פעסטער פאַרשטענדיגונג איידער מיר שיידען זיך.

ירמיהו האָט זיך צוריקגעזעצט אויפ׳ן שטול.

— מיר דוכט זיך, אַז אַלץ איז קלאָר פעסטגעשטעלט געוואָרען וואָס אַנבאַלאַנגט אונזערע שטעלונגען — האָט ער געזאָגט — איך האַלט אַז שמעון איז ניט שולדיג. איך האַלט אויך אַז די לייזונג פון די געהיימניספולע מאָרדען ליגט אין דעם צוזאַמענהאַנג וואָס פאַרבינדט דר. ברונער׳ן מיט דר. גאַבלער׳ן, סאַידען מיר נעמען אָן אַז מיר האָבען דאָ צו טאָן מיט אַ מאַניאַק וועלכער האָסט דאָקטוירים און ער הרג׳עט זיי אַוועק און לאָזט איבער אַ געהיימען צייכען אויף זייערע שטערענס. אָבער דאָס איז ניט אַננעמבאַר אַלס לאָגישער ענטפער. עס איז ניט אָננעמבאַר צוליב דעם וואָס דער מערדער, אָדער די מערדער, ווי איר ווילט עס זעהן, קלייבט אויס היינט אַ קרבן אין מינכען און מאָרגען אין אַלטענאַו. עס פעלען ניט קיין דאָקטוירים אין מינכען ער זאָל דאַרפען פאָרען קיין אַלטענאַו זוכען אַ קרבן. דעריבער נעם איך אָן אַז דאָ איז מער ווי צופאַל. דאָ איז פאַראַן אַ פאַרבינדונג.

וועלינגער האָט פאַררויכערט אַ פרישען ציגאַר און האָט אַ ווײלע לאַנג נאָכגעטראַכט.

— לאָמיר אָננעמען אייער שטעלונג וואָס איז אַ לאָגישע — האָט ער

זיך אָפּגערופן אויסגלייכענדיק זיך אין שטול — וואָס פאַר אַ פאַרבינדונג פאַרדעכטיגט איר דאָ?

— דאָס ווייס איך ניט — האָט ירמיהו געזאָגט — איך וואָלט אָבער גענומען פאָרשן און זוכן די פאַרבינדונג צווישן די צוויי דאָקטוירים. אויב איר וועט עס ניט טאָן וועל איך עס אַליין טאָן. איך זעה דערין דעם איינציגן וועג וואָס קען פירן צו אַ לייזונג, קען געבן דעם ענטפער אויף דער פראַגע.

— און איר גיט־אויף דעם פאַרדאַכט געגען שמעון ווייס׳ן?

ירמיהו האָט צופירט מיט די הענט.

— איר האָט אים דאָ געזעהן צוגלייך מיט מיר. אייער פאַרדאַכט איז ניט קיין באַגרינדעטער, דאָס איז מיין פעסטע איבערצייגונג. אָבער לאָמיר אַפילו אָננעמען אַז איר האָט רעכט. וואוהין קען אייך אייער פאָרשונג פירען? אַז ער לייקענט שטיין און ביין. דעריבער זאָג איך אַז איר זאָלט פאַרגעסען אין שמעון ווייס׳ן. זאָל ער זיצען אין טורמע. אַנשטאָט צו גריבלען זוכענדיג די פאַרבינדונג צווישען די צוויי מערדער פון די דאָקטוירים — לאָמיר זוכען די פאַרבינדונג צווישען די צוויי אומגעבראַכטע. איך האָב אַ געפיהל אַז דאָרט ליגט דער ענטפער אויף...

דער טעלעפאָן אויף דר. וועלינגער׳ס דעסק האָט אויפגעשאַלט.

— יאָ! יאָ! ווי ביטע? ווי? יאָ, יאָ, איך הער...

דער פנים פון פאָליציי־שעף האָט אָפּגעשפּיגעלט זיין צורודערונג. זיין האַנט האָט מערקבאַר געציטערט. ירמיהו און וואָלטער קנאַבע האָבען געקענט פיהלען די אַנגעשפּאַנטקייט אין דער לופט. זיי האָבען ניט אַראָפּגענומען זייערע בליקען פון אים.

— איך קום באַלד אַרויס! אַ דאַנק, לויטענאַנט אַפּעל, אַ דאַנק!

— וואָס האָט פּאַסירט, האַנס?! — האָט קנאַבע אויסגעשריגען ווען דער שעף האָט צוריקגעלייגט די טרייבעל פון טעלעפאָן.

— אַ דריטער מאָרד! די נאַכט! אַן אַרצט (דאָקטאָר)... — האָט דר. וועלינגער אַרויסגערעדט מיט אַ דערדריקטער שטימע.

— וואו?

— דאָ אין מינכען... אַ דאָקטאָר גרונט, יאָהאַן גרונט... גיזעלאַ שטראַסע...

ירמיהו און קנאַבע זענען אויפגעשפּרונגען אויף זייערע פיס.

— דער צייכען? איז עס דער צייכען? — האָט קנאַבע אויסגעשריגען.

דר. וועלינגער האָט צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

— בלויער צייכען... אויפ׳ן שטערן... אַ רעדעל מיט דריי פּאַסיקלאַך...

גיזעלאַ שטראַסע געפינט זיך אין צפון טייל פון מינכען כמעט ביים ענדע שטאָט; די פּאָליציי־קאַר האָט מיט רעווענדע סירענס זיך דורכגעריסען אַ וועג אין דער טראַפיק פון לודוויג שטראַסע דורך דער לעאָפּאָלד גאַס און דערגרייכט דעם אָנגעגעבענעם אַדרעס אין וואָסערע צען מינוט צייט.

פאָרענדיג אין קאַר האָט דר. וועלינגער נערוועז געקייט דעם שפּיץ פון זיין ציגאַר. דער דריטער מאָרד האָט אים געמאַכט פיהלען אָנמעכטיג און נידערגעשלאָגען. ער האָט געוואוסט, אַז ער וועט מער ניט קענען איינצוימען די פּרעסע, אַז דער געזעלשאַפטליכער דרוק אויף דער פּאָליציי וועט ווערען אומדערטרעגליך. ער האָט אַלץ געהאָפט צו קענען לייזען די געהיימניספולע מאָרדען אין אַ קורצער צייט, אָבער דער דריטער מאָרד האָט אָנגעוואָרפען אַ וויסטע שרעק אויף אים. ער האָט געפיהלט, אַז די געהיימניס איז גרעסער ווי ער האָט געמיינט און אַז דער פינצטערער כוח וואָס שטעקט הינטער איר איז שטאַרקער פון אים.

טיף אין האַרצען האָט ער געפיהלט אַ צופרידענהייט וואָס דער באַרימטער ישראל דעטעקטיוו געפינט זיך מיט אים. ער וואָלט עס ניט מודה געווען אין דער עפענטליכקייט, אָבער ביי זיך האָט ער שוין געהאַט באַשלאָסען אַז יענעמ׳ס אָפּשאַצונג פון די געשעהנישען איז אַ ריכטיגע. דר. וועלינגער האָט איצט מער ניט געהאַט די זיכערקייט אַז שמעון ווייס איז דער מערדער פון דר. זיגפריד ברונער.

ביים הויז וואו די פּאָליציי־קאַר האָט זיך אָפּגעשטעלט איז געשטאַנען אַ רעדעל מענשען און צוויי פּאָליסלייט האָבען געהאַלטען דעם עולם ווייט פון אַריינגאַנג. ביים ערשיינען פון פּאָליציי־שעף האָבען די פּאָליסלייט אים סאַלוטירט און געמאַכט אַ וועג פאַר אים, טרייבענדיג דעם עולם ער זאָל זיך פאַנאַנדערגעהן.

לויטענאַנט אַפּעל איז געקומען דעם שעף אַנטקעגען און אים אַריינגעפירט אין הויז. קנאַבע און ירמיהו האָבען נאָכגעפאָלגט. אַפּעל האָט זיי געפירט צו דער קיך. אויף דער ערד, אָנגעטאָן אין אַ לאַנגער, אַלטמאָדישער נאַכט־העמד מיט אַ נאַכט־מיצעל אויפ׳ן קאָפּ, איז געלעגען דער קערפּער פון אַ העפטיגען, שווער־לייביגען מאַן. זיין געזיכט האָט געטראָגען די פאַרגליווערטע מאַסקע פון שרעק. עס איז געווען אַ פאַרקרימטער, העסליכער פּנים פון טויט.

אַ בלויער צייכען פון אַ רעדעל מיט דריי פּאַסיקלעך אינעווייניג האָט זיך אָנגעזעהן אויף דעם שטערן פון טויטען. דער צייכען איז געווען אַזוי בולט, אַז עס האָט זיך געדוכט, אַז ער איז געמאַכט פון בלויען פּלאַסטיק און איז צוגעקלעפּט צום שטערן...

מיצי האָט אומזיסט געוואַרט

דר. וועלינגער׳ס שרעק פאַר די צייטונגען האָט זיך דאָס מאָל באַשטעטיגט. די געשיכטע פון דעם דריטען מאָרד פון אַ דאָקטאָר איז צושמירט געוואָרען אַלס די גרעסטע סענסאַציע.

„דער צייכען פון טויט", „דעם מערדער׳ס שטעמפּעל", „דער געהיימניס־פולער מאָרד", „דער בלויער אָפּדרוק פון טויט" און ענליכע צייטונגס קעפּ האָבען צובלאָזען די געשיכטע פון די דריי מאָרדען און די זאַך איז געוואָרען די טעמע פון געשפּרעך איבעראַל וואו מענשען זענען זיך צוזאַמענגעקומען. די פּאָליציי איז שאַרף קריטיקירט געוואָרען פאַר איר אומפעהיגקייט צו פאַרמיידען די מאָרדען, צו כאַפּען דעם געהיימניספולען מערדער. די בילדער פון די דריי ערמאָרדעטע, פון שמעון ווייס׳ן און פון דעם געהיימניספולען צייכען האָבען באַצירט די באַשרייבונג אין דער פּרעסע. איין צייטונג האָט אפילו אָפּגעדרוקט די בילד פון פּאָליציי־שעף מיט אַ צושריפט. „ווען וועט דר. האַנס וועלינגער רעזיגנירען?"

דער מערדער פון דר. יאָהאַן גרונט האָט פאַרמאָגט פיל מער סענסאַצ־יאָנעלע אייגנצעלהייטען ווי די וואָס די פּרעסע האָט דערצעהלט. פון די דריי דאָקטוירים איז יאָהאַן גרונט געווען דער אינטערעסאַנטסטער אין זין פון דער אויספאָרשונג.

וואָס די צייטונגסלייט האָבען ניט געוואוסט איז געווען אַז דער 68־יעריגער דר. גרונט האָט געהאַט אַ פרוי מיט פיר קינדער וועמען ער האָט פאַרלאָזט מיט זעקס יאָר צוריק. ער האָט איבערגעלאָזט די פאַמיליע אין געיסלינגען, האָט זיך אַריבערגעצויגען קיין מינכען, וואו ער האָט אָפּגעקויפט דאָס הויז אויף געזעלאַ שטראַסע און געעפענט דאָרט זיין קאַבינעט. ער איז געווען אַ גינעקאָלאָג, און האָט זיך פאַרנומען מיט אַבאָרטען. די פּאָליציי האָט געפונען אין הויז, פאַרשטעקט אין אַן אייזערנעם סעיף אין וואַנט, אַ האַלבען מיליאָן מאַרק אין קעש און אַ סך צירונג אין ווערט נאָהענט צו צוויי מיליאָן מאַרק.

די פּאָליציי אויספאָרשונג האָט אויך פעסטגעשטעלט אַז דר. יאָהאַן גרונט האָט געהאַט אַ סך יונגע געליבטע. די לעצטע איז געווען אַ טענצערין אין אַ ביליגען נאַכט־לאָקאַל אין מינכען. מיצי איז אַלט געווען 22 יאָר און זי האָט זיך באַקענט מיט׳ן דאָקטאָר ווען זי איז אַנגעקומען צו אים ער זאָל ׳איר העלפען פטור ווערען פון אַ שוואַנגערשאַפט. דאָס איז געווען מיט אַ האַלב יאָר צוריק און זי האָט זינט דאַן אָפּט פאַרבראַכט ביים דאָקטאָר אין הויז און איז באַלוינט געוואָרען פון אים מיט אַ דימענטענעם רינג און אַ שנירעל פערל, אויסער אַנדערע טייערע געשאַנקען.

פאַר מיצי׳ן האָט דר. גרונט געהאַט אַ לאָלאַ, אַ מאַרגאַריטאַ, אַ פיפי, אַ הילדע און אַ צענדליג אַנדערע. הילדע איז געווען די אינגסטע, אינגאַנצען 17 יאָר אַלט. מאַרגאַריטע איז געווען די עלטסטע, 26 יאָר אַלט, אַ גרושה. די פּאָליציי האָט אויסגעפונען אַז נישט מיט אַלע האָט ער אַנגעהאַלטען די „פריינטשאַפט״ צו־לאַנג. מיט מאַרגאַריטען האָט די פריינטשאַפט געדויערט אַמלענגסטען, אַ גאַנץ יאָר.

דר. יאָהאַן גרונט האָט געלעבט אַליין, אין דעם אַכט צימערדיגען הויז. ער האָט געהאַט אַ קראַנקען שוועסטער וואָס פלעגט קומען יעדען טאָג אויסער שבת און זונטאג, און אַ ווירטין וואָס פלעגט קומען יעדען טאָג אויפרוימען די הויז. די ווירטין, פראַו בראַשעק, אַן אלמנה, האָט ניט געהאַט קיין גוט וואָרט פאַר דעם דאָקטאָר. ער איז געווען אַ שווערער מענש, אַ ברוטאַלער. זי האָט געוואוסט פאַרוואָס ער וויל ניט אַז זי זאָל וואוינען אין הויז, זי האָט געוואוסט מיט וואָס ער פאַרנעמט זיך און אַז ער האָט יונגע פריינדינס.

דער מערדער איז, ווייזט אויס, געווען באַקאַנט מיט דעם דאָקטאָר׳ס לעבענס שטייגער. צוויי טעג פאַר׳ן מאָרד האָט דר. גרונט געגעבען דער פרוי בראַשעק איר געהאַלט פאַר צוויי וואָכען פאַראויס און איר אַנגעזאָגט ניט צו קומען צו דער אַרבעט אין די קומענדע צוויי וואָכען ווייל ער פאָרט אַוועק. וואוהין ער פאָרט אָפּ האָט ער איר ניט דערצעהלט. אָבער מיצי האָט דערצעהלט דער פּאָליציי, אַז זי מיט׳ן דאָקטאָר האָבען געדאַרפט פליהען צוזאַמען קיין רוים און פון דאָרט קיין קאַפּרי פאַר צוויי וואָכען. ער האָט איר געגעבען טויזענט מאַרק זי זאָל זיך איינקויפען אַ גאַרדעראָבע און זיי האָבען זיך געדאַרפט טרעפען יענעם טאָג אינדערפרי ביים לופט־פעלד צו נעמען דעם עראָפּלאַן. דר. גרונט האָט געהאַט די עראָפּלאַן בילעטען ביי זיך.

מיצי איז געקומען צום לופט־פעלד גענוי האַלב נאָך 9 אינדערפרי, אָבער זי האָט אומזיסט געוואַרט. דר. גרונט איז ניט ערשינען. דער עראָפּלאַן

קיין רוים האָט געדאַרפט אָפּפליהען צען אַזייגער. זי האָט אָנגעקלונגען צו אים אַהיים אָבער דער טעלעפאָן האָט ניט געענטפערט.

מיצי איז געוואָרען אומרוהיג און ווען דער עראָפּלאַן איז אָפּגעפלויגען האָט זי געכאַפּט אַ טעקסי און איז געפאָרען צו דער גיזעלאַ שטראַסע. די טיר איז געווען פאַרשפּאַרט. קיינער האָט ניט געענטפערט אויף איר קלינגען. זי האָט פּרובירט די קיך־טיר, וועלכע איז געווען אָפען. אַריינקומענדיג אין קיך האָט זי געפונען דעם דאָקטאָר ליגען אויפ'ן דיל אַ טויטען.

די אַלע איינצעלהייטען האָט די פּאָליציי ניט אַרויסגעגעבען אין דער עפענטליכקייט, און פּאַר זיכערקייט וועגען האָט דר. וועלינגער באַפוילען מיצי'ן קיינעם ניט צו דערצעהלען די געשיכטע.

די פרוי פון דר. גרונט אין געיסלינגען האָט ניט געוואָלט הערען פון איר מאַן און ווען די דאָרטיגע פּאָליציי האָט איר דערצעהלט, אַז איר מאַן איז ערמאָרדעט געוואָרען, האָט זי זיך אַפילו ניט פאַרקרימט. „עס קומט אים, דעם אויסוואורף. עס קומט אים אַזאַ טויט", האָט זי אויסגערופען.

זי האָט דערצעהלט אַז דער מאַן האָט זי פאַרלאָזט מיט די קינדער, פון וועלכע דער עלטסטער איז 19 יאָר אַלט. ער פלעגט איר שיקען יעדען מאָנאַט גענוג צום לעבען. „מער ווי דאָס האָבען מיר ניט געוואָלט פון אים. ער איז געווען אַ קראַנקער מענש, אַן אויסוואורף...", האָט זי געזאָגט, „הלוואי וואָלט איך אים ניט געקענט..."

*

לויט אַלע צייכענס און שפּורען האָט די פּאָליציי צוזאַמענגעשטעלט פאָלגענדע בילד פון דר. יאָהאַן גרונט'ס מאָרד:

דער דאָקטאָר האָט דעם טאָג פאַר'ן מאָרד ניט אויפגענומען קיין פּאַציענטען. ער האָט אַלעמען געמאָלדען, אַז ער פאָרט אויף אָפּרו פאַר צוויי וואָכען צייט.

דעם אָוונט פון מאָרד איז ער געקומען עסען אין אַ רעסטאָראַן צוויי בלאָק ווייט פון זיין הויז. דער ווירט און די קעלנערקע פון יענעם רעסטאָראַן האָבען אים גוט געקענט ווייל ער פלעגט דאָרט אָפט קומען עסען, אַמאָל אַליין און אַמאָל מיט אַ יונגער באַגלייטערין.

יענעם אָוונט איז ער געקומען אַליין. ער האָט זיך געזעצט ביי אַ טיש אין ווינקעל. קיין סך געסט זענען ניט געווען. ער האָט באַשטעלט אַ ביר און געלייענט די צייטונג. דאַן האָט ער זיך געהייסען דערלאַנגען עסען. עס איז געווען אַרום אַכט אין אָוונט.

נאָכ׳ן עסען האָט ער נאָך פאַרבראַכט אַ שטיקל צייט איבער אַ גלאָז ביר פירענדיג אַ שמועס מיט אַ הויכען יונגענמאַן. יענער איז אַריינגעקומען אין רעסטאָראַן נאָך דעם ווי דער דאָקטאָר איז שוין דאָרט געווען און זיך צוגעזעצט ביים דערבייאיגען טיש. ווען די צוויי האָבען פאַרפירט דעם געשפרעך דאָס האָט די קעלנערקע ניט געקענט זאָגען מיט זיכערקייט. זי איז אָבער געווען זיכער, אַז ווען דער דאָקטאָר האָט פאַרענדיגט עסען האָט זיך דער יונגערמאַן צוגעזעצט ביי זיין טיש און זיי האָבען געטרונקען ביר.

דער וואַלענער שאַל אין די גרוי־שוואַרצע קראַטען

דער דאָקטאָר האָט פאַרלאָזט דעם רעסטאָראַן אַרום צען און דער יונגערמאַן איז נאָך געבליבען זיצען איבער דער גלאָז ביר ביז אַ פערטעל צו עלף. ער האָט געלאָזט דער קעלנערקע אַ שעהנעם טיפּ און זי האָט אים דעריבער גוט געדענקט. זי האָט אים געהאָלפען אָנטאָן דעם מאַנטעל, אים דערלאַנגט זיין הוט. זי האָט זעהר גוט געדענקט, אַז ער האָט אַרומגעוויקעלט אַרום האַלז אַ וואָלענעם שאַליק אין גרויע און שוואַרצע קראַטען.

אַט די איינצעלהייט איז געווען פון גרויס וויכטיגקייט פאַר דער פּאָליציי, ווייל דער שאַליק איז אַרויפגעשוואומען אין דער אויספאָרשונג אַ צווייטען מאָל.

ביים ראָג פון גיזעלאַ און קעניגין שטראַסע, אַרום 20 הייזער ווייט פון דאָקטאָר׳ס הויז, געפינט זיך אַ קליינע קאַפע הויז. אַהין איז אַריינגעקומען אַ הויכער יונגערמאַן אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצען מאַנטעל מיט אַ הוט, זיין האַלז אַרומגעוויקעלט מיט אַ וואָלענעם שאַליק אין שוואַרצע מיט גרויע קראַטען. דאָס איז געווען נאָענט צו מיטען נאַכט. ער האָט באַשטעלט אַ הייסע קאַווע מיט אַ צובייס און דער קעלנער האָט באַמערקט ביי אים בלויע פאַרב אויף די פינגער פון דער רעכטער האַנט.

דער קעלנער האָט אים דערלאַנגט אַ נאַסען סערוועטל ער זאָל די האַנט אָפּווישען. דער יונגערמאַן האָט אים באַדאַנקט זאָגענדיג אַז דאָס האָט ער זיך אויסגעשמירט פון זיין שרייב פען וואָס רינט.

דעם קעלנער׳ס באַשרייבונג פון דער יונגענמאַן האָט געשטימט מיט דער באַשרייבונג פון דער קעלנערקע אין רעסטאָראַן. די פּאָליציי האָט ניט געצווייפעלט דערין, אַז דער יונגערמאַן איז עס געווען דער מערדער פון דאָקטאָר גרונט׳ן.

לויט ווי דר. וועלינגער האָט אויסגערעכנט איז דער מערדער אַרויס פון רעסטאָראַן אַ פערטעל צו עלף. אין פאַרלויף פון דער שטונדע מיט אַ פערטעל האָט ער באַזוכט די הויז פון זיין קרבן. ווי אַזוי האָט ער זיך אַריינבאַקומען אין הויז און ווי אַזוי ער האָט פאַרנאַרט דעם דאָקטאָר, וועלכער איז שוין געהאַט געלעגען אין בעט, ווי מען האָט עס געקענט דערקענען לויט די איינגעקנייטשטע בעטגעוואַנט — דאָס איז פאַרבליבן אַ געהיימניס.

די אונטערזוכונג פון קערפּער האָט געוויזען אַז דער מערדער האָט באַנוצט אַ שאַרפן קינזשאַל און האָט דערשטאָכן זיין קרבן מיט איין שטאַרקען זעץ. דער מערדער האָט זיך ניט גענומען די מיה צו באַזוכען דאָס הויז, ווייל ביים בעט אויף דעם נאַכטשענקעל איז געלעגען דעם דאָקטאָר׳ס טייסטער מיט פינף טויזענט מאַרק אין קעש.

עס האָט אויסגעזעהן, אַז דער מערדער האָט פאַרלאָזט דאָס הויז דורך דער קיך טיר און איז אַוועק גלייך אין קאַפע טרינקען אַ קאַווע.

דער פּאָליציי איז געלונגען צו געפינען צווישען די שמוציגע טישטוכער און סערוועטען פון קאַפע, דעם סערוועטל מיט וועלכען דער יונגערמאַן האָט אַרומגעווישט די פאַרב פון זיינע פינגער. אַן אַנאַליז פון דער פאַרב אויף דעם סערוועטל האָט פעסטגעשטעלט אַז עס איז די זעלבע ווי די פון געהיימען צייכען אויף דעם שטערן פון דאָקטאָר יאָהאַן גרונט...

✶

דער לאָקאָמאָטיוו האָט לאַנגזאַם געפּויזעט סאַפּענדיג שווער און אַרויס־בלאָזענדיג פון צווישען די רעדער געדיכטע קנוילען פון ווייסען דאַמף. דער טאָג איז געווען אַ טריבער און דער פאַרוואָלקענטער הימעל איז געלעגען ווי אַ בלייענער צודעק איבער׳ן גלעזערנעם דאַך פון מינכענער הויפּט באַנהויף. עטליכע טרעגער זענען געשטאַנען אויף דעם פּעראָן מיט זייערע האַנט־וועגעלעך גרייט צו באַגעגענען די אויסשטייגענדע פּאַסאַזשירען.

די לופט האָט געשמעקט מיט שטיין־קוילען געמישט מיט׳ן גערוך פון קנאָבעלדיגע וואורשט. עס איז געווען קוים זיבען אינדערפרי, אָבער דער עולם האָט שוין געגעסען די הייסע וואורשטען און פאַרטרונקען מיט ביר. ירמיהו האָט געזעהן די מענשען שטעהענדיג אַרום גרויסע, איבערגעקערטע פעסער וואָס האָבען געדינט אַלס טישען, עסענדיג די חזיר־וואורשטלעך, זופּענדיג די ביר און אַריינבליקענדיג אין די פרימאָרגען צייטונגען וואָס זענען געווען פול מיט איינצעלהייטען פון דעם לעצטען מאָרד אין גיזעלאַ שטראַסע.

דער דעטעקטיוו איז פֿאַרבייגעגאַנגען די פּעסער־שטאַנדען און איז אַרויס צום פּעראָן נומער 24 געגנוי ווען דער שנעלצוג פֿון רוים איז אָנגעקומען. דער סאַפּענדיגער לאָקאָמאָטיוו האָט מיט אַ קרעץ פֿאַרקלעמט די רעדער און איז געבליבן שטעהן. די טירען פֿון די וואַגאָנעס האָבען זיך צעעפֿענט און מענשען האָבען גענומען אויסשטייגען.

ירמיהו האָט פֿון ווייטענס דערקענט זיין געהילף און שותף. סענדער האָט געשפּרייזט טראָגענדיג צוויי וואַליזעס. אַזוי ווי ירמיהו האָט געוואוסט, אַז ביים פֿאַרלאָזען תל־אביב האָט ער געהאַט נאָר איין וואַליזע, האָט ער זיך אָנגעשטויסען אַז די צווייטע געהערט מסתמא צו דער יונגער פרוי וועלכע שפּרייזט ביי סענדער׳ס זייט.

סענדער האָט זי פֿאָרגעשטעלט פֿאַר ירמיהו׳ן אַלס פֿריילײן מאַרטאַ האָפּשטאָט — זיין שכנה אין באַן. די צוויי יונגען האָבען זי באַגלייט ביז צו אַ טעקסי און סענדער האָט, ביים געזעגענען זיך, איר צוגעזאָגט זי אָפּרופֿען אויב ער וועט געפֿינען די צייט.

— דו האָסט איר טעלעפֿאָן? — האָט ירמיהו געפרעגט ווען די טעקסי איז אָפּגעפֿאָרען.

— טעלעפֿאָן און אַדרעס און אַלץ מיט אַן אַנדער — האָט סענדער געשמייכעלט — וואָס דען מיינסטו? אַזאַ „קינד" לאָזט מען ניט אָפּ ווען זי איז ווילִיג אָנצוהאַלטען די פריינטשאַפט וואָס האָט זיך אָנגעהויבען אין באַן.

ירמיהו האָט געמוזט איינשטימען מיט סענדער׳ן. דאָס „קינד" איז געווען אַ גראַציעזע ברונעטע שעהנהייט מיט בלויע אויגען און אַ פֿיגור געשניצט פֿון אַ קינסטלער מיט אַ פּאַר שעהנע פֿיס און זאַפטיגע ליפּען.

— זי איז אַ זינגערין — האָט סענדער באַמערקט — זי קומט איצט פֿון מילאַן וואו זי איז אויפגעטראָטען אין אַ נאַכט־קלאַב זעקס וואָכען צייט.

— איך זעה, אַז דו ווייסט זעהר פֿיל וועגען איר — האָט ירמיהו באַמערקט מיט אַ שמייכעל.

— מיר זענען געפֿאָרען אַ גאַנצע נאַכט, האָט מען גערעדט. וואָס הערט זיך, ירמיהו? וואָס האָסטו באַוויזען ביז איצט?

לאָמיר אַריינגעהן עסען פֿרישטיק וועלען מיר שמועסען — האָט ירמיהו געזאָגט — קום אַוועק פֿון די פּעסער מיט חזיר־וואורשטען און ביר. עס איבעלט מיר פֿון גערוך אַליין. אָט דאָרט איז אַ רעסטאָראַן, לאָמיר אַריינגעהן.

— איך זעה, אַז דאָ פֿעלט ניט קיין „„פרעסאַרניעס" — האָט סענדער זיך אָפּגערופֿען — איין רעסטאָראַן נאָכ׳ן אַנדערען.

אויסער די פּעסער־געשטעלען, וואו דער עולם האָט געשלונגען די

וואורשטען שטעהענדיג אויף די פיס, האָט דער באַנהויף פּאַרמאָגט אַ היבשע צאָל עס־צימערן, רעסטאָראַנען, קאַפּעען און „גאַסט־שטאַטען" (בופעטן) פון ערשטען און צווייטען קלאַס. סענדער האָט געקוקט אַרום זיך מיט נייגעריקייט איינשלינגענדיג מיט זיין בליק די נייע פרעמדע אומגעבונג.

— יאָ סענדער, דאָ פעלט ניט צום עסען. די דייטשען לעבען גוט, כ'וואָלט געזאָגט זעהר גוט — האָט ירמיהו געזאָגט.

— מען זעהט עס, מען זעהט עס... — האָט סענדער געמורמעלט.

סענדער'ס פראַגע בלייבט ניט פאַרענטפערט

אין רעסטאָראַן האָבען געברענט גרויסע מאַטע לאָמפּען. דער ווינקעל וואו די צוויי דעטעקטיווס זענען געזעסען איז געווען איינגעהילט אין שאָטענס פון טריבען טאָג. די טונקעלקייט האָט זיך געלייגט שווער אויף זייער געמיט, ווייל זיי זענען געווען געוואוינט צו דער העלער שיין פון דער זון און צום בלויען הימעל פון ישראל.

ירמיהו האָט ביים עסען דערצעהלט סענדער'ן אַלע איינצעלהייטען פון דעם פאַרגאַנגענעם מעת־לעת זינט ער געפינט זיך אין מינכען.

— עס איז, הייסט עס, אויסער יעדען צווייפעל אַז שמעון ווייס איז אומשולדיג — האָט סענדער באַמערקט.

— דאָס איז זעלבסטפאַרשטענדליך — האָט ירמיהו געזאָגט, — איך האָב אַפילו דעם איינדרוק, אַז דר. וועלינגער אַליין הויבט אויך אָן צו גלויבען דערין. אָבער דאָס ענדערט ניט די לאַגע ווייל ער וועט ניט באַפרייען שמעון'ען אַזוי לאַנג ווי ער וועט ניט אַרעסטירען דעם אמת'ן מערדער אָדער די מערדער. עס זעהט אויס אַז דאָ האָבען מיר צו טאָן מיט מער ווי איינעם, כאָטש יעדער פון זיי באַנוצט דעם זעלבען צייכען מיט וועלכען די אומגעבראַכטע דאָקטוירים ווערען אָפּגעשטעמפּעלט.

— איך פאַרשטעה — האָט סענדער זיך אָפּגערופען — עס מיינט, אַז אונזער אויפגאַבע איז איצט צו העלפען כאַפּען די אמת'ער מערדער כדי צו באַפרייען שמעון'ען.

— אַזוי איז עס... אַזוי איז עס... — האָט ירמיהו געמורמעלט. זיינע פינגער האָבען אָטאָמאַטיש גענומען אנשטאָפּען טאַבאַק אין דער לולקע און אַ ווילע האָט געהערשט אַ שטילשווייגען ביים טישעל.

סענדער האָט זיך אַנגעגאָסען אַ צווייטען טעפּעלע מיט קאַווע און ווענ־דענדיג זיין בליק צו ירמיהו'ן האָט ער געזאָגט:

— ביז איצט האָסטו מיר דערצעהלט וועגען אַלץ ווי עס האָט פּאַסירט. האָסט אָבער גאָרניט געזאָגט וועגען דיינע אָפּשאַצונגען. איך קען דיך שוין גענוג לאַנג, אַז איך זאָל וויסען, אַז מסתמא האָסטו שוין געשאַפען געוויסע טעאָריעס וועגען דעם גאַנצען פּלאָנטער. וואָס זענען זיי?

ירמיהו האָט גענומען שמייכלען.

— איך האָב געוואָרט אויף דער פראַגע — האָט ער געזאָגט — איך קען דיך אויך ניט פון נעכטען... אַדרבא, לאָז מיר הערען וואָס דו טראַכסט?

— איך בין אַ גראָבער קאָפּ ווען איך נעם זיך פאַרגלייכען צו דיר — האָט סענדער אויסגערופען — יעדען מאָל ווען איך קום יאָ אַרויס מיט אַ טעאָריע — איבערשטייגסטו מיך. אָדער דיינע איז בעסער, אָדער דו מאַכסט מיינע צונישט ווי אַש... נאָר אויב דו בעטסט מיך טאַקע און ווילסט הערען פון מיר וועל איך דיר זאָגען: מיר זעהט דאָ אויס איין זאַך זעהר פאַרדעכטיגט. איך מיין ניט צו זאָגען וועגען די מאָרדען, דאָס איז אַ געהיימעניש וועלכע איך הויב ניט אָן צו באַגרייפען. עס איז ווי דו זאָגסט: מען מוז געפינען צוערשט די פאַרבינדונג צווישען די ערמאָרדעטע דאָקטוירים כדי צו קענען נעמען זוכען דעם מאָטיוו פון מערדער. אָבער וואָס מיר איז דאָ פאַרדעכטיגט איז די אויפפירונג פון דעם מערדער, בעסער געזאָגט פון צוויי זייערע: דער אין אַלטענאַו, וועלכער האָט דערשטאָכען דאָקטאָר פריץ גאָבלער׳ן, און דער פון נעכטען, פון גיזעלאַ שטראַסע, וועלכער האָט דער׳הרג׳עט דעם לעצטען קרבן, דאָקטאָר יאָהאַן גרונט.

ירמיהו האָט זיך איינגעהערט מיט קענטליכען אינטערעס צו זיין פריינט׳ס רייד.

— אינטערעסאַנט... אינטערעסאַנט... וואָס אַזוינס איז דאָ ביי דיר פאַרדעכטיגט? — האָט ער געפרעגט.

— עפּעס לייגט זיך דאָ ניט אויף דעם שכל — האָט סענדער פאַרטגעזעצט — לאָמיר נעמען צוערשט דעם נעכטיגען מאָרד פון גיזעלאַ שטראַסע. עס איז גאָר קיין צווייפעל ניט אַז דער הויכער יונגערמאַן מיט׳ן וואָלענעם שאַליק אין די שוואַרץ־גרויע קראַטען איז דער מערדער. פרעגט זיך דאָ: צוליב וואָס האָט ער געדאַרפט אַריינקומען נאָכ׳ן מאָרד אין קאַפּע אַלע זאָלען אים זעהן, זעהן זיינע פאַרשמירטע פינגער? ער בעט נאָך ביים קעלנער אַ נאַסע שמאַטע אָפּצואווישען די בלויע טינט פון זיין רינענדער פאָונטען־פען, ווי ער זאָגט עס. צי וואָס האָט ער עס געטאָן? אַ מערדער וויל זיך דאָך געוועהנליך אויסבאַהאַלטען, מען זאָל אים ניט זעהן. האָט ער דען ניט

געוואוסט, אַז די פּאָליציי וועט פאָרשען יעדען איינעם אין דער געגענט פון גיזעלאַ שטראסע?

— זעהר גוט! געה ווייטער! — האָט ירמיהו אויסגערופען.

— דאָס זעלבע איז מיט דעם קורצינגען מאַנסביל, דעם קאַרליק פון אַלטענאַו... יאָ, מען קען איהם רופען „קאַרליק". פאַרוואָס האָט ער זיך ניט געהיט נאָכ'ן מאָרד ווען ער האָט געוואַרט אויף דער באַן אין באַנהויף פון אלטענאו. אויך ער האָט ניט געמאַכט קיין באַמיהונגען אויסצובאַהאַלטען זיינע פינגער, אויסגעשמירטע אין בלויער פאַרב. ער האָט גוט געוואוסט אַז אין אַ קליין שטעטעלע ווי אלטענאו וואַרפט זיך יעדער פרעמדער אין די אויגען. מיט זיין אומפאָרזיכטיגקייט האָט ער ערמעגליכט דער פּאָליציי צו קריגען אַ גענויע פּינקטליכע באַשרייבונג פון זיך, זיין וואוקס, אַנטאָן, וואָנצעס, אויסשפּראַך, הוט, אפילו רעגענשירם אָדער שטעקען אין האַנט.

ירמיהו האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט צו זיין געהילף.

— סענדער! ביזט אַ חברה־מאַן! דו רעדסט צו דער זאַך! — האָט דער דעטעקטיוו אויסגערופען — עס קומט דיר אַ יישר כוח! דו האָסט מער שכל ווי דר. וועלינגער מיט דער גאַנצער דייטשער פּאָליציי. אָבער אויב דו ביזט שוין דערגאַנגען מיט דיינע בעאָבאַכטונגען אַזוי וויט — געפין איצט דעם ענטפער אויף דער פראַגע: „פאַרוואָס? פאַרוואָס האָבען עס די צוויי מערדער געטאָן?"

— דאָס מאַטערט מיך און איך האָב עס געפרעגט ביי דיר — האָט סענדער אויסגערופען.

— עס האָט מיך אויך געמאַטערט — האָט ירמיהו געזאָגט אָנלעהענדיג זיך אויפ'ן ווענטעל פון באַנק — איך מיין אָבער אַז דער ענטפער דאָ איז אַ קלאָרער. עס קען ניט זיין קיין אַנדער ענטפער. עס קען זיין נאָר איין אויפקלערונג.

— נו לאָמיר הערען. ציה מיר ניט ביי דער נשמה! — האָט סענדער אויסגערופען.

— עס איז איינפאַך: דער מערדער האָט געוואָלט לאָזען נאָך זיך אַ שפּור. אין יעדען פון די צוויי פאַלען האָט ער עס געטאָן מיט אַ כיוון. ער האָט געוואָלט אַז די פּאָליציי זאָל שפּעטער קריגען אַ גענויע באַשרייבונג פון אים.

— וואָס זענען זיי? משוגע? — האָט סענדער אויסגערופען — ווי קענסטו עס זאָגען?

— עס איז זעהר איינפאַך — האָט ירמיהו געזאָגט — מיר זעהען פון די געשעהענישען אַז די מערדער זענען ניט קיין נאַרישע מענשען. זיי פלאַנעווען די מאָרדען זעהר פּאָרזיכטיג, ווייסען אַלע איינצעלהייטען וועגען זייערע קרבנות. זיי זענען טיכטיג, פאָרזיכטיג, קלוג, דורכגעטריבען. זיי זענען ניכטער, ניט שיכור. זיי ווייסען גענוי וואָס זיי טוען. און דאָך לאָזען זיי אין צוויי פאַלען אַזאַ קלאָרען שפּור ווי די פאַרשמירטע פינגער, כדי די עדות זאָלען שפּעטער קענען שילדערען גענוי ווי זיי האָבען אויסגעזעהן. ניט שוין זשע זעהסטו ניט אַליין אַז אויך דאָס איז ניט קיין צופאַל? אַז אויך דאָס איז אַ טייל פון פאָרזיכטיג אויסגעאַרבעטען פּלאַן.

סענדער האָט שטומערהייט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

— נאָך מער, און איך זאָג עס מיט דער פולסטער איבערצייגונג — האָט ירמיהו פאָרטגעזעצט — דער מערדער פון דאָקטאָר יאָהאַן גרונט האָט אפילו געמאַכט אַ באַמיהונג איבערצולאָזען די פאַרב אויף אַ סערוועטל וואָס זאָל אַריינפאַלען אין די הענט פון דער פּאָליציי מען זאָל קענען אַנאַלי־זירען די פאַרב און פעסטשטעלען, אַז עס איז די זעלבע פון דעם געהיימניס־פולען שטעמפּעל־צייכען.

— אָבער צוליב וואָס? צוליב וואָס זאָל דער מערדער דאָס טאָן און זיך שטעלען אין געפאַר, ווען ער קען עס פאַרמיידען? — האָט סענדער אויסגערופען.

ירמיהו האָט פאַררויכערט אויפדאָסנייַ די פאַרלאָשענע לולקע.

— דאָס ווייס איך ניט... — האָט ער געמורמעלט — דאָ זענען פאַראַן אַ צאָל ענטפערס וואָס לייגען זיך אויפ׳ן שכל אָבער זיכער בין איך ניט.

— דו האָסט ענטפערס?! — האָט סענדער אים אָנגעקוקט מיט פאַרוואונדערונג — גיב מיר כאָטש איינעם!

ירמיהו האָט געשמייכעלט.

— צי וואָס? מיינע ענטפערס זענען ניט מעהר ווי אָנעמעני־שען. איך נעם אָן אַזוי צי אַזוי, עס האָט אָבער ניט קיין ווערט. מיר מוזען צוערשט פעסטשטעלען אַ צאָל פאַקטען כדי צו פאַרשטעהן דאָס וואָס איז איצט פאַרבאָרגען פון אונזער פאַרשטאַנד. די ערשטע זאַך מוזען מיר געפינען די פאַרבינדונג צווישען די קרבנות פון מערדער אָדער פון די מערדער. עס זעהט אויס אַז דאָ זענען פאַראַן צוויי, ניט איינער... אפשר דריי. ווייל אויב מיר נעמען אָן אַז שמעון ווייס איז ניט דער מערדער פון דאָקטאָר זיגפריד ברונער, און אַז דער מערדער איז טאַקע דער יונגערמאַן וועלכען

דער שיכור פריץ לובקע און די פרוי פליישענבאַרג האָבען געזעהן אין וואַרטע צימער — איז דער מערדער פון שמעון׳ס וואוקס, עס מיינט אַרום פינף פוס מיט עלף אינטשעס. דאַן האָבען מיר דעם קורצינגען מאַן מיט די טשאַרלי טשאַפּלין וואָנצעס, וועלכער איז אַ קאַרליק, נישט מעהר פון פינף פוס. און צולעצט האָבען מיר דעם מערדער פון דאָקטאָר יאָהאַן גרונט, דער יונגערמאַן מיט דעם וואָלענעם שאַליק, וועלכער איז איבער זעקס פוס הויך, אַרום זעקס פוס מיט אַן אינטש צי צוויי.

די פרוי הינטער דער טיר

— עס זעהט אויס אַז מיר האָבען דאָ צו טאָן מיט אַ געהיימער גרופּע, אַ סאָרט „שוואַרצע האַנט״ — האָט סענדער באַמערקט.

— אָדער בעסער געזאָגט „דער בלויער צייכען״ — האָט ירמיהו אים פאַרריכט — אַזוי צי אַזוי מוזען מיר זיך נעמען צו דער אַרבעט, און דעריבער בין איך דיר געקומען טרעפען ביים באַנהויף. אין אַ האַלבע שטונדע אַרום פאַרט אָפּ דער שנעלצוג קיין געיסלינגען. דאָ האָב איך שוין אַ בילעט פאַר דיר. לאָז דיין וואַליזע דאָ אויפ׳ן באַנהויף אין אויפהאַלט און נעם דעם באַן קיין געיסלינגען. עס איז אַ שטרעקע פון אַרום 120 קילאָמעטער און די רייזע דויערט צוויי שטונדען מיט 10 מינוטען. דאָ האָסטו דעם אַדרעס פון דאָקטאָר יאָהאַן גרונט׳ס פאַמיליע. ווי דו ווייסט, האָט ער פאַרלאָזט זיין ווייב מיט די קינדער מיט 6 יאָר צוריק און איז געקומען זיך באַזעצען אין מינכען. ער פלעגט שיקען זיין פרוי מאָנאַטליך אַ היבשע סומע געלט אָבער, לויט ווי דר. וועלינגער האָט מיר איבערגעגעבען האָט גרונט׳ס פרוי זיך קנאַפּ געוואונדען צום האַרצען פון איר מאַנ׳ס שרעקליכען טויט. זי האָט געזאָגט צום פּאָליציי קאָמענדאַנט אין געיסלינגען, אַז אַלץ וואָס זי איז פאַראינטערעסירט איז צו באַקומען די ירושה פון איר מאַן. ער האָט געלאָזט זעהר אַ סך. ווי איך האָב פריער דערצעהלט האָט מען געפונען ביי אים אין הויז אין אַ סעיף אַרום אַ האַלבען מיליאָן מאַרק אין קעש, און צירונג אין דער ווערט פון 2 מיליאָן מאַרק.

— וואָס דאַרף איך אויסגעפינען? — האָט סענדער געפרעגט.

— אַלצדינג וואָס נאָר מעגליך. פאַרוואָס ער האָט פאַרלאָזט די פרוי מיט די קינדער, פון וואַנעט ער האָט אַזויפיל געלט און צירונג, וואָס פאַראַ סאָרט מענש ער איז לויט דער אָפּשאַצונג פון זיינע באַקאַנטע און פריינט

אין געיסלינגען — מיט איין וואָרט, אַלצדינג וואָס נאָר מעגליך. ערגעץ וואו דאַרף ליגען דער ענטפער אויף דער פראַגע: פאַרוואָס האָט דער מערדער אים אומגעבראַכט?

ירמיהו האָט צוגערופען די קעלנערקע, האָט באַצאָלט פאַר'ן פרישטיק און די דעטעקטיווס האָבען פאַרלאָזט דעם רעסטאָראַן. ירמיהו האָט ניט געוואָרט ביז סענדער'ס באַן וועט אָפּפאָרען. ער האָט איבערגעלאָזט זיין געהילף אויפ'ן באַנהויף און איז אַרויס אין גאַס, זיך אַריינגעזעצט אין אַ טעקסי און אָנגעגעבען דעם שאופער אַן אַדרעס אויף דער צעפּעלין שטראַסע אין דער געגענד פון שטאָדטישען מוזעאום.

די טעקסי האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַן אַלטער, פיר שטאָקיגער געביידע, וואָס האָט עדות געזאָגט אויף אַ רוהיגער, זאַטער געמיטליכקייט צווישען אירע ווענט. די הויז איז געווען געבויט פון גרויסע שטיינער, די קאַרניזען באַצירט מיט סטאַטועען פון רוסאַלקעס, איינגעפלאָכטענע אין קראַנצען בלומען. די פענסטער פון הויז זענען געווען הויכע און ברייטע. די אַריינגאַנגס טיר איז געווען איינגעראָמט אין מעש וואָס האָט געגלאַנצט ווי גאָלד.

ירמיהו איז אַרויף אויפ'ן צווייטען שטאָק און האָט אָנגעקלונגען דעם גלעקעל פון אַפּאַרטמענט נומער דריי; וואַרטענדיג די טיר זאָל זיך עפענען האָט דער דעטעקטיוו באַטראַכט די מאַרמאָרנע טרעפּ און ווענט. אַלץ איז געווען רייך, ריין, זויבער.

ער האָט דערהערט לייכטע שנעלע טריט הינטער'ן טיר.

— ווער איז דאָס? — האָט אַ פרויען־שטימע געפרעגט.

— הער אַלמוג!

די טיר האָט זיך געעפענט. אין האַלב טונקעלען פאַרהויז איז געשטאַנען אַ יונגע בלאָנדע פרוי. ירמיהו האָט איר געהאַט געזעהן נעכטען און האָט זי דערקענט.

— גוטען מאָרגען, פריילין! דאַרף איך העראַיינקומען?

זי האָט אים איינגעלאַדען נאָך זיך און אַריינגעפירט אין אַ גרויסען צימער מיט די פענסטער געווענדעט צום הויף. אַ גרויסע פּיאַנאָ איז געשטאַנען ביים פענסטער. אַן אַלטמאָדישע גרויסע סאָפאַ מיט 3 שווערע, אויסגעשטאָפּטע שטולען און אַ טישעל ביי דער וואַנט, וואו ס'איז געהאַנגען אַ גרויסער באַגילדעטער שפּיגעל, איז געווען די גאַנצע מעבעל פון צימער. דער פלאָר איז געווען הויל, אָהן אַ טעפּיך, דער פאַרקעט איז אָבער געווען אַזוי גוט געפּוצט אַז ער האָט געגלאַנצט ווי אַ שפּיגעל.

— זיצט, הער אַלמוג — האָט די בלאָנדע מיידעל אָנגעוויזן דעם גאַסט מיט דער האַנט אויף דער סאָפאַ. ירמיהו האָט אָבער אויסגעוועהלט צו זיצען אויף איינעם פון די שווערע פאָטעלען. ער האָט דערמיט אויסגעמיטען די ליכט פון פענסטער זאָל פאַלען אויף זיין געזיכט.

— איך האָף, אַז איך שטער אייך ניט — האָט ער געזאָגט, באַטראַכ־טענדיג די יונגע פרוי. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ בלויען סוט מיט בלויע שיך, אַ טואַלעט וואָס האָט עדות געזאָגט אַז זי קלייבט זיך אַרויסצוגעהן אין גאַס.

— דאָקטאָר וועלינגער האָט מיך גערופען וועגען אייער קומען און איך האָב ניט געמאַכט קיין אנדערע פלענער — האָט זי באַמערקט — וואָס קען איך טאָן פאַר אייך.

זי האָט גענומען פון טישעל אַ פעקעל סיגאַרעטען, האָט אָנגעבאָטען איינעם דעם דעטעקטיוו. יענער האָט איר באַדאַנקט. ער האָט צוגעטראָגען אַ שוועבעלע צו איר סיגאַרעט און דאַן פאַררויכערט זיינעם. זי איז אַראָפּ־געזונקען אויף דער סאָפאַ, האָט פאַרלייגט אַ פוס איבער אַ פוס. ירמיהו האָט באַמערקט איר נערוועזיטעט. די האַנט מיט'ן סיגאַרעט האָט געציטערט און זי האָט זיך באַמיהט צו זיין רוהיג, ארויפציהענדיג אויפ'ן געזיכט אַ געצוואונגענעם שמייכעל.

— פריילין מיצי... מעג איך אייך אַזוי רופען?

— אַלע רופען מיך אַזוי...

— אַ דאַנק, פריילין מיצי; איר זענט געווען נאָהענט באַפריינדעט מיט דאָקטאָר יאָהאַן גרונט?

— איך האָב שוין אַלצדינג דערצעהלט נעכטען דעם הער פּאָליציי־שעף — האָט מיצי אויסגערופען מיט אַ גערייצטער שטימע.

ירמיהו האָט געוואָלט איבעררייסען אירע רייד ווען זיין בליק האָט באַמערקט עפּעס אין שפּיגעל. ער איז געזעסען מיט'ן פלייצע געווענדעט צום פענסטער. פון זיין רעכטער זייט איז געווען די טיר דורך וועלכער מיצי האָט אים אַריינגעפירט אין צימער. אין שפּיגעל האָט ער געקענט זעהן די אָפּשפּיגלונג פון דער טיר. ווען זיי זענען אַריין אין צימער האָט מיצי צוגעמאַכט די טיר. איצט האָט זיך די טיר גענומען פּאַמעלעך עפענען. אימיצער איז דאָרט געשטאַנען און זיך איינגעהערט וואָס אין צימער קומט פאָר.

דער דעטעקטיוו האָט זיך געמאַכט ניט זעהענדיג.

— ...איך האָב שוין אַלצדינג דערצעהלט נעכטען דעם הער פּאָליציי־שעף און איך האָב מער ניט וואָס צוצוגעבען. די פּאָליציי קען אייך געבען די גאַנצע אינפאָרמאַציע...

— פריילין מיצי! — האָט ירמיהו אויסגערופען — איך ווייס דאָס אַלעס. אַוודאַי האָט איר אַלצדינג דערצעהלט, אָבער אויב איך קום צו אייך איז וואָרשיינליך דאָ אַן אורזאַכע דערפאַר. דר. וועלינגער וואָלט אייך ניט באַלעסטיגט מיט בעטען אַז איר זאָלט מיר שענקען אייער צייט ווען עס וואָלט ניט געווען דרינגענד.

דער שפּאַלט אין טיר איז געוואָרען ברייטער און ירמיהו האָט דערזעהן אַ געזיכט וואָס איז אים געווען שטאַרק באַקאַנט. עס איז געווען אַ פרויען געזיכט, האַלב פאַרהילט און פאַרשטעלט פון טיר; ער האָט געקענט זעהן נאָר דעם נאָז, די ליפּען, די אויגען. באַלד האָט די פרוי זיך עטוואָס צוריק־געצויגען און דער שפּיגעל האָט געוויזען נאָר אַ בלאַסען פלעק אין דער טונקעלקייט פון טיר־שפּאַלט.

אַ ווײַלע האָט ירמיהו ניט געקענט פאַרבינדען די אָפּשפּיגלונג מיט קיין באַשטימטען מענשען. עס איז נאָר געווען אַ שוואַכע עראינערונג, אַ שאָטען וואָס האָט זיך דורכגעגליטשט אויף דער אויבער־פלאַך פון זיין געדעכניס. פּלוצים האָט ער זיך געכאַפּט: די אויגען! בלויע אויגען איבער זאַנפטיגע ליפען באַאַרמט מיט פעך־שוואַרצע האָר. מאַרטאַ! פריילין מאַרטאַ האָפּשטאַט ווי סענדער האָט זי פאַרגעשטעלט פאַר אים אויפ׳ן באַנהויף.

אָבער איז עס מעגליך? אַזאַ צוזאַמענטרעף? גראַדע דאָ ביי מיצי׳ן אין הויז? איז עס אמת און ניט אַ חלום?

— וואָס נאָך ווילט איר וויסען וואָס איך האָב שוין ניט דערצעהלט? — האָט מיצי געפרעגט. זי האָט ניט געקענט זעהן די טיר ווי אויך ניט די אָפּשפּיגלונג אין שפּיגעל. זי האָט געקוקט אויפ׳ן דעטעקטיוו מיט שפּאַנענדער גערייצטקייט וואַרטענדיג צו הערען זיין ענטפער.

— איר האָט געלייענט די צייטונגען, האָף איך. איר ווייסט וועגען וואָס דאָ האַנדעלט זיך — האָט ירמיהו געזאָגט — עס איז אַ רייע פון מאָרדען. מיר פאָרשען אַ געהיימניס. איך פערזענליך בין ניט פאַראינטערעסירט אין דעם מאָרד פון דאָקטאָר גרונט. איך אינטערעסיר זיך דאָ פון אַ צווייטען צד, דר. ברונער׳ס מאָרד אינטערעסירט מיך. אַזוי אַרום בין איך צוגעצויגען געוואָרען צו דער אויספאָרשונג, ווי דער פּאָליציי־שעף האָט עס אייך ערקלערט.

— יאָ. ער האָט מיר געזאָגט, אַז איר זענט אַ פּריוואַטער דעטעקטיוו און איר זענט אָנגעשטעלט געוואָרען צו העלפען לייזען די געהיימניס.

— אמת! נו, וויל איך דעריבער שטעלען אַ צאָל פראַגעס, ניט וואָס אָנבאַלאַנגט אייער פריינטשאַפט מיט דאָקטאָר גרונט׳ן. דאָס ווייסען מיר שוין. זאָגט מיר, איר וואוינט דאָ אַליין צי מיט עמיצען?

— צי וואָס דאַרפט איר עס וויסען? — האָט מיצי אויסגערופען מיט אַ גערייצטער שטימע — וואָס האָט עס פאַר אַ פאַרבינדונג מיט דעם וואָס איר פאָרשט?

— איך בין סתם נייגעריג...

די טיר האָט זיך פּאַמעלעך צוגעמאַכט אָהן דעם מינדסטען גערויש. ירמיהו האָט געקענט זעהן ווי די טיר־קלאַמקע דריקט זיך אַראָפּ און הויבט זיך אויף.

איך וואוין דאָ ניט אַליין... איך פאַרנעם נאָר אַ צימער ביי יענעם — האָט מיצי געענטפערט.

— וואָס פאַר אַ סאָרט מענש איז געווען אייער פריינט? — האָט ירמיהו געפרעגט.

ירמיהו איז נייגעריג און מאַכט אַ ענטדעקונג

— אין וואָס פאַר אַ זין?

— איך מיין אַלס מענש. איז ער געווען פריינטליך, צוגעלאָזען, ווייכ־האַרציג, צי אַ בייזער, נערוועזער, האַרטער?

מיצי האָט זיך פאַרטראַכט און דער דעטעקטיוו האָט אָבזערווירט איר פנים. זי האָט אויסגעזעהן עלטער פון אירע 22 יאָר; ווען זי האָט ניט געשמייכעלט האָבען אירע ליפען אויסגעדריקט אַ האַרטקייט; אַ שפור פון פאַרביטערטקייט האָט זיך איינגעקריצט אין די ווינקלען פון איר מויל.

— עס איז שווער צו זאָגען — האָט זי ענדליך געזומען ריידען — ער איז געווען פיל עלטער פון מיר. אָפטמאָל האָב איך געפיהלט אין אים די צערטליכקייט פון אַ פאָטער אָבער צייטענווייז איז ער געווען בייז, האַרט, איך וואָלט אַפילו געזאָגט ברוטאַל. ער האָט מיך איינמאָל געפּאַטשט ווייל איך האָב פאַרשפּעטיגט צו קומען אין צייט ווי מיר האָבען אָפּגערעדט. דאַן האָט ער געוויינט, זיך ענטשולדיגט און מיר געגעבען אַ געשאַנק, אַ פאָאַר בריליאַנטענע אויערינגלעך.

— ער איז געווען ברייטהאַרציק מיט געשאַנקען? — האָט ירמיהו געפרעגט.

— ווי אַמאָל. איינמאָל האָט ער זיך געדונגען מיט אַ קעלנער צוליב אַנדערהאַלבען מאַרק און איינמאָל האָט ער געלאָזט אַ טיפּ פון צען מאַרק פאַר אַ מאַלצייט וואָס האָט באַטראָפען צוואַנציג... ער איז געווען אַ שווערער מענש, שווער צו באַגרייפען, שווער צו פאַרשטעהן, שווער צו לעבען מיט אים.

— איר האָט אָבער אָנגעהאַלטען אייער פריינטשאַפט זעקס מאָנאַטען, אויב איך מאַך ניט קיין טעות.

— כמעט זעקס מאָנאַטען. איך וואָלט אים שוין פון לאַנג פאַרלאָזט ווען ניט זיין געלט. איך בין אָפענהערציג מיט אייך. איך האָב עס אויך דערצעהלט נעכטען דעם הער פאָליציי־שעף. ער האָט מיך זעהר גוט באַלוינט, אין היינטיגע צייטען, ווען עס קומט אָן אַזוי שווער צו קריגען אַ דזשאָב... מיינכען איז פאַרפלייצט מיט טענצערינס. האָבענדיג אַ רייכען פריינט האָב איך זיך געקענט פאַרגינען צו קלייבען אַ נאַכט לאָקאַל. דאָרט וואו איך האָב לעצטענס געאַרבעט האָב איך דיקטירט מיינע באַדינגונגען. איך האָב ניט געמוזט פאַרברענגען מיט יעדען שיכור. איך האָב זיך געקענט ערלויבען צו פאַרדינען ווייניגער, אָבער אָנצוהאַלטען מיין רעפּוטאַציע אַלס טענצערין. איך האָף אַז איר פאַרשטעהט וואָס איך מיין.

— איך פאַרשטעה, פאַרשטעה — האָט דער דעטעקטיוו צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— דעריבער האָב איך געליטען פון אים. ער האָט מיך ניט אויסגענוצט. איך האָב געוואוסט אַז אַ סך לענגער וועט ער זיך ניט האַלטען מיט מיר. ער איז געווען „קראַנק אויף פּרויען". ער איז ניט געווען נאָרמאַל אין דעם זין, אויב איר פרעגט מיך. אַפילו אין די זעקס מאָנאַטען פון אונזער פריינט־שאַפט האָט ער געהאַט צוויי אַנדערע, נאָר קורצע פריינטשאַפטען, פאַר־שטעהט זיך. ער איז אָבער געקומען צוריק צו מיר, ווייל איך גלויב, אַז ער האָט מיך געליבט.

איר פּנים האָט זיך פאַרקרימט אין אַ שמייכעל און איר שטימע האָט געקלונגען איראָניש.

— געליבט... אויב מען קען עס אויף אים זאָגען. דער מאַן האָט קיינעם ניט געליבט, אַפילו זיך אַליין האָט ער געהאַסט. ער פלעגט אָפט מורא האָבען צו בלייבען מיט זיך אַליין; איינמאָל, געדענק איך, עס איז געווען וויינאַכטען, האָבען מיר פאַרבראַכט צוזאַמען. ער האָט זיך אָנגעטרונקען,

געווען שיכור און האָט מיר ניט געלאָזט אַוועקגעהן. איך האָב געמוזט בלייבן נעכטיגען ביי אים, ווייל ער האָט זיך געשראָקען צו בלייבן אַליין.

— פאַרוואָס? וואָס האָט ער געזאָגט? — האָט ירמיהו געפרעגט.

— ער האָט געפּלאָפּעלט שיכור׳ערהייט: „לאָז מיך ניט איבער, מיצי, לאָז מיך ניט אַליין... זיי וועלען קומען מיך אויפפרעסען, די לומפען״. אַזוי האָט ער געפּלאָפּעלט און זיך געקלאַמערט אין מיר. וואָכען־לאַנג נאָך דעם האָב איך געהאַט בלויע צייכענס פון זיינע פינגער אויף מיינע אָרעמס.

— האָט ער אַמאָל דערצעהלט פאַרוואָס ער האָט פאַרלאָזט זיין פרוי מיט די קינדער?

— קיינמאָל ניט דערמאָנט זייער נאָמען. איך האָב ביז נעכטען ניט געוואוסט, אַז ער האָט געהאַט אַ פרוי מיט קינדער — האָט מיצי געענטפערט.

— איר האָט זיך באַקאַנט מיט אים אַלס פּאַציענטין זיינע?

מיצי האָט פאַרביסען די אונטערשטע ליפּ.

— מוז איך נאָכאַמאָל אַריינגעהן אין אַלע איינצעלהייטען? איך האָב עס שוין נעכטען דערצעהלט...

— ...איך ווייס... אָבער איך וויל וויסען ווער האָט אייך געגעבען זיין נאָמען און געשיקט צו אים?

— אַ חבר׳טע! וואָס איז עס דען פאַר אַן אונטערשייד ווער עס האָט אים רעקאָמענדירט?

— האָט איר זיך אַמאָל געטראָפען מיט זיינע פריינט? באַקאַנטע? — האָט ירמיהו געפרעגט.

— ער האָט מיך קיינמאָל ניט פאַרגעשטעלט פאַר קיינעם — האָט מיצי אויסגערופען — איך ווייס אַפילו ניט ווער זיי זיינען. מיר פלעגען זיך טרעפען אַליין, אַרויסגעהן אַליין, פאַרברענגען אַליין. איר ווייסט זעהר גוט וואָס פאַר אַ פריינטשאַפט אונזערע איז געווען. אַ מאַן פירט זיך נישט אַרום מיט זיין געליבטע פאַרצושטעלען פאַר דער וועלט. ער באַהאַלט זיך מיט איר...

*

מיצי האָט אַרויסבאַגלייט דעם דעטעקטיוו ביז צו דעם אַרויסגאַנג. אין פאַרהויז האָט ער קיינעם ניט געזעהן. די הויז איז געווען שטיל גלייך ווי קיין אַנדער מענש זאָל דאָרט ניט האָבען געלעבט. ירמיהו האָט גוט באַטראַכט דעם פאַרהויז. אויסער דעם צימער פון וועלכען ער איז אַרויס האָבען דאָרט געפירט נאָך צוויי טירען צו אַנדערע צימערען. די טירען זענען געווען צוגעמאַכט.

אַ טעקסי האָט אים געבראַכט אין דער הויפּט פּאָליציי, וואו ער האָט געפונען דר. וועלינגער׳ן אַ פאַרזאָרגטען. אויך וועלינגער׳ס געהילף איז געווען שטאַרק דערשלאָגען.

— עס איז ניט גוט, הער אַלמוג! — האָט דער פּאָליציי־שעף אויס־גערופען — מיר רירען זיך ניט פון אָרט. דער אינערן־מיניסטער האָט מיך שוין היינט צוויי מאָל אָפּגערופען פאָדערענדיג אַ „באַריכט פון פאָרשריט". וואָס פאַר אַ פאָרשריט קען איך אים דען באַריכטען? פון נעכטען ביז היינט בין איך ניט קליגער געוואָרען.

ירמיהו האָט געשוויגען. וואָס האָט ער דען געקענט זאָגען דעם פּאָליציי־שעף? אויף דר. וועלינגער׳ס דעסק זענען געלעגן די אויסשניטען פון דער פּרעסע. די פעטע קעפּ, די פאַרגרעסערטע קרייזען פון געהיימניספולען צייכען, האָבען אַראָפּגעשריגען פון דעם פּאַפּיר, האָבען פאַרשפּרייט פּאַניק. איין נאָכמיטאָג צייטונג וואָס איז ערשינען פאַר־פרי האָט אויף דער ערשטער זייט אָפּגעדרוקט דעם קיילעכדיגען צייכען מיט די געהיימניספולע דריי פּאַסען אין בלויער פאַרב און איבער דעם איבערגעדרוקט אין רויטען, פעטען שריפט דריי שורות וואָס האָבען זיך געלייענט:

מינכענער פאליציי
אהנמעכטיג
געגען מערדער!

— זענט איר געווען זעהן פריילין מיצי? — האָט דר. וועלינגער געפרעגט ביי ירמיהו׳ן.

— יאָ, איך האָב גערעדט מיט איר. איך קום אָקאָרשט פון דאָרט.

— נו, וואָס האָט איר אויסגעפונען?

דער דעטעקטיוו האָט אַ צוק געטאָן מיט די אַקסלען.

— אַבסאָלוט גאָרניט. זי ווייסט ניט צופיל וועגען דעם ערמאָרדעטען. איך וואָלט אָבער געוואָלט אויסגעפינען ווער נאָך עס וואוינט דאָרט מיט מיצי׳ן.

— צוליב וואָס ווילט איר עס וויסען?

— סתם אַזוי... נייגעריקייט.

דר. וועלינגער האָט אים צוגעוואָרפען אַ שאַרפען בליק.

— סתם נייגעריגקייט? עפּעס גלויבט זיך עס ניט... אָבער איך וועל אייך די אינפאָרמאַציע צושטעלען.

ער האָט אָנגעדריקט אַ קנעפּעל אויפן טיש און אין צימער איז ערשינען דער לויטענאַנט.

— געפינט אויס ווער עס וואוינט מיט פריילין מיצי אויף דער צעפּעלין שטראַסע! — האָט דר. וועלינגער באַפוילען.

אין עטליכע מינוט אַרום איז דער ליוטענאַנט ערשינען מיט׳ן ענטפער.

— איך האָב נאָכגעקוקט דעם מעלדונגס־בוך פון שטאָט. פריילין מיצי וואוינט ביי אַן אלמנה מיט׳ן נאָמען מאַרטאַ האָפשטאָט.

— איז עס צופרידענשטעלענד פאַר אייך? — האָט דר. וועלינגער געווענדעט אַ פרעגענדען בליק צו ירמיהו׳ן.

— נאָך ניט אינגאַנצען — האָט ירמיהו געענטפערט — איך וואָלט געוואָלט וויסען מיט וואָס די אלמנה פאַרנעמט זיך.

דער לויטענאַנט ביים טיר האָט געשמייכעלט.

— זי איז אַ זינגערין פון באַרוף, אַזוי שטעהט פאַרשריבען.

— זעהר אינטערעסאַנט — האָט ירמיהו באַמערקט — דאָס שטעלט מיך צופרידען.

דער לויטענאַנט האָט סאַלוטירט און איז אַרויס פון צימער. דר. וועלינגער האָט פאַררויכערט אַ ציגאַר און זיך געריבען די קיהן־באַק.

— מאַרטאַ האָפשטאָט... אַ זינגערין... צום טייוועל! עפּעס איז מיר דער נאָמען קענטליך און איך קען זיך ניט דערמאָנען פון וואַנען.

— מיר קלינגט עס אויך קענטליך — האָט זיך אָפּגערופען וואָלטער קנאָבע — איך בין זיכער, אַז איך האָב ערשט דאָ ניט לאַנג צוריק זיך אָנגעשטויסען אויף דעם נאָמען.

— די געשיכטע ווערט נאָך אינטערעסאַנטער — האָט ירמיהו באַמערקט — איך האָב ניט ערוואַרטעט איר זאָלט האָבען געהערט דעם נאָמען, אָבער ווי באַלד איר דענקט אַז איר קענט אים, באַמיט זיך צו דערמאָנען.

— מאַרטאַ האָפשטאָט, מאַרטאַ האָפשטאָט, אַ זינגערין... — האָט דר. וועלינגער געמורמעלט פויקענדיג מיט די פינגער איבער׳ן דעסק און פלוצים האָט זיין געזיכט אויפגעלויכטען.

— וואָלטער! די ליסטע פון די עדות אין דעם נעכטיגען מאָרד! שנעל! — האָט ער אויסגעשריגען אויפשפרינגענדיג פון שטול.

וואָלטער האָט אייליג גענומען נישטערן ביי זיך אויפ׳ן דעסק און איז צוריקגעקומען מיט אַ פּאַק פּאַפּירען. דר. וועלינגער האָט גענומען בלעטערען

די דאָקומענטען. ירמיהו איז צוגעקומען צום דעסק און נאָכגעפאָלגט מיט אינטערעס יענעמ׳ס באַוועגונגען.

— איך האָב עס! — האָט דר. וועלינגער אויסגעשריגען — איך האָב געוואוסט אַז דאָ דאַרף עס זיין. מיצי, לאָלאַ, פיפי, הילדע, מאַרגאַריטע! אָט איז זי. מאַרגאַריטע, קאַבאַרעט זינגערין, 26 יאָר אַלט, גרושה, אמת׳ער נאָמען מאַרטאַ האָפשטאַט; אַדרעס: צעפעלין שטראַסע. אין איצטיגען מאָמענט ניט אין מינכען, פאַררייזט קיין איטאַליע אויף דריי מאָנאַטען לויט אַ קאָנטראַקט פון רילקע אימפּרעסאַריאָ... געווען יאָהאַן גרונט׳ס געליבטע אין פרילינג 1957.

דער פּאָליציי־שעף האָט געווענדעט אַ טריאומפירענדען בליק צו ירמיהו׳ן.

— דאָס איז זי! איך האָב באַלד געוואוסט אַז דער נאָמען מאַרטאַ האָפשטאַט קלינגט קענטליך.

— אָבער וואָס פאַראַ שייכות האָט זי מיט׳ן מאָרד? — האָט וואַלטער קנאַבע געפרעגט.

— איך האָב גאָרניט דערמאָנט וועגען דעם — האָט ירמיהו באַמערקט — איך האָב נאָר געוואָלט וויסען ווער עס וואוינט מיט מיצי׳ן אָדער בעסער געזאָגט ביי וועמען מיצי וואוינט.

— אַך, הער אַלמוג, ביטע הערט אויף זיך שפּילען מיט אונז קאַץ און מויז! — האָט דר. וועלינגער אויסגערופען — איר האָט עס ניט סתם אַזוי אָנגעהויבען פון נייגעריגקייט וועגען? עפּעס שטעקט דאָ. ווי פאַלט אייך פּלוצים איין צו פרעגען אויף אַ געוועזענער געליבטער פון דר. גרונט׳ן? זי איז שוין צוויי יאָר ניט זיין געליבטע און דערצו געפינט זי זיך איצט אין איטאַליע.

— זי איז היינט אינדערפרי צוריקגעקומען פון מילאַן — האָט ירמיהו געזאָגט — איך האָב זי צופעליג געטראָפען און דאָס איז אַלצדינג. גלויבט מיר אַז ווען איך זאָל עפּעס וויסען וואָס קען העלפען די אויספאָרשונג וואָלט איך עס ניט באַהאַלטען פון אייך. איך האָב פּונקט אַזאַ אינטערעס ווי איר צו לייזען די געהיימניס פון די דריי מאָרדען, איך דאַרף עס אייך ניט זאָגען.

דר. וועלינגער און זיין געהילף וואַלטער קנאַבע האָבען אָנגעקוקט דעם דעטעקטיוו און גאָרניט געזאָגט. ירמיהו האָט דערקענט אין זיי אַז זיין פאַרזיכערונג האָט זיי ניט צופרידענגעשטעלט.

די אלמנה הילדע גאַבלער דערצעהלט

עס איז געווען אַ קליינע הויז אויף דער שווינד שטראַסע ביי וועלכער ירמיהו איז שטעהן געבליבען. די הויז האָט אויסגעזעהן אַ באַלעבאַטישע, דער נעסט פון אַ טיפּישער קליינבירגערליכער פאַמיליע, פריש געפאַרבט, מיט זויבערע פאַרהאַנגלעך אויף די פענסטער; אַ ריינער טרעטערעל ביי דער טיר האָט געלויטעט „ווילקאָמען". ביים גלעקעל איז געווען אַנגעקלאַפּט אַ מעשענער טאָוועל, אויסגעקריצט מיט געציקעלטע בוכשטאַבען: „הערמאַן פלאַנדינג".

ירמיהו האָט אַנגעקלונגען. אַ דיקע גרויע פרוי האָט געעפענט די טיר. דער דעטעקטיוו האָט זיך פאָרגעשטעלט.

— אַך, יאָ! איר האָט דאָך פריער געריפען אויפ'ן טעלעפאָן! קומט אַריין, ביטע. איך בין פראַו פלאַנדינג. מיין טאָכטער וועט באַלד אַריינקומען. ביטע, זעצט זיך.

די פרוי איז אַרויס פון צימער און באַלד איז ערשינען איר טאָכטער. זי איז געווען ניט מער פון אַ יאָר 40, אַ בלאָנדע, אַ העפטיגע, געראָטען אין דער מוטער. מיידעלוויז איז זי וואַרשיינליך געווען זעהר אַ שעהנע, אָבער זי האָט צופרי געגומען זיך צוגיסען. איר גרויסער בוזים האָט אַרויס־געשפּאַרט פון קלייד, די שניי־ווייסע אָרעמס זענען געווען דיק, אונטער דער קיהן האָט זיך שוין באַציייטענס געשאַפען אַ גוידער.

— איך בין הילדע גאַבלער, ביטע זיצט! — האָט זי אויסגערופען דערלאַנגענדיג ירמיהו'ן אַ האַנט. איר מוטער איז אַריינגעקומען טראָגענדיג אַ טאַץ מיט אַ פלאַש וויין און קיכעלעך. דער דעטעקטיוו האָט איר באַדאַנקט.

— ביטע, פראַו פלאַנדינג, עס איז ניט נויטיג. איך בין געקומען זעהן אייער טאָכטער געשעפטליך... קען איך בלייבען מיט אייך אַליין, פראַו גאַבלער?

הילדע האָט אַ וואונק געטאָן צו דער מוטער זי זאָל אַרויסגעהן פון צימער. ירמיהו האָט זי גוט באַטראַכט. עס איז געווען קענטיג אַז זי שלאָפט לעצטענס זעהר ווייניג. אירע אויגען זענען געווען באַראַמט מיט טונקעלע רינגען.

— ערלויבט מיר צוערשט אויסצודריקען מיין מיטגעפיהל צו אייך — האָט ער געזאָגט — עס איז געווען אַ שוידערליכער קלאַפּ פאַר אייך מיט די קינדער.

טרערען זיינען געקומען הילדע'ן אין די אויגען. זי האָט אַפּגעווענדעט דעם קאָפּ און געגומען ווישען די נאָז.

— די קינדער זענען נאָך צו קליין צו פאַרשטעהן — האָט זי געזאָגט מיט אַן אָנגעפּלאָצטער שטימע — ערשט היינט אינדערפרי האָט די קליינע לילי געפרעגט ביי מיר וואו פּאַפּאַ איז...

— איר ווייסט וועגען וואָס איך בין דאָ, פראו גאַבלער — האָט ירמיהו אויסגערופען — דער הער פּאָליציי־שעף, דר. וועלינגער, האָט אייך אָפּגער־פען איידער איך האָב אָנגעקלונגען. איר קענט אונז העלפען כאַפּען דעם מערדער. איר ווילט דאָך אונז העלפען?

— מיט וואָס? וואָס ווייס איך דען, וואָס עס קען אייך באַהילפיג זיין?

— דערצעהלט מיר פון אייער מאַן. דערצעהלט מיר פון זיין פאַרגאַנגענ־הייט. ערגעץ וואו האָט ער דאָך געהאַט אַ קאָנטאַקט מיט דעם מערדער, אים געזעהן, געטראָפען.

די פרוי האָט שטום געטרייסעלט מיט'ן קאָפּ.

— מיר זענען געווען פאַרהייראַט דרייצען יאָר מיט אַכט מאָנאַטען. וואָס ווייס איך דען? די אַלע יאָרען זינט מיר האָבען געהייראַט האָבען מיר געלעבט אין אַלטענאו וואו ער האָט שוין געהאַט אַ גוט עטאַבלירטע פּראַקטיק ווען מיר האָבען זיך באַקאַנט.

— וואו און ווי אַזוי האָט איר זיך געטראָפען?

— דאָ אין מינכען, ביי אַ קאָנצערט אין ברוגענהאָף. איר זענט דאָך אַ מינכענער, ווייסט איר דאָך פון די קאָנצערטען דאָרט אונטער'ן פרייען הימעל ביים שיין פון ליכטלעך. עס איז שעהן און ראָמאַנטיש און מען האָט געשפּילט מיין באַליבטע מוזיק יענעם אָוונט. וואַגנער'ן...

— ווי אָפט פלעגט איר נאָך דער חתונה קומען קיין מינכען?

— אָה, ווי אַמאָל. יעדע דריי וואָכען, יעדע 5 וואָכען. איידער די קינדער זענען געבוירען געוואָרען פלעגען מיר קומען אַהער כמעט יעדע סוף וואָך. מיט קינדער איז שווער... איך דאַרף אייך ניט זאָגן.

— וואָס האָט אייער מאַן געטאָן פאַר דער הייראַט?

— ער האָט געבויט אַ פּראַקטיק. עס איז ניט געווען לייכט, צוריק־קומענדיג פון קריג, אָנהויבען פון סאַמען אָנהויב. איר דאַרפט וויסען אַז פריץ האָט קוים באַוויזען צו ענדיגען מעדיצין, איז ער אַוועק אין קריג. ער האָט אין צייט פון קריג זעהר פיל געלערענט, דאָס האָט ער מיר פילע מאָל געזאָגט. ער איז געוואָרען זעהר אַ גוטער אַרצט (דאָקטאָר) אַ דאַנק זיינע ערפאַרונגען. ער האָט טאַקע געהאַט זעהר אַ גוטען נאָמען אַלס אַרצט. מען פלעגט קומען צו אים פון דער גאַנצער געגענד, אפילו פון גאַרמיש־

פּאַרטענקירכען, הויפּטזעכליך אין סעזאָן פון סקי. פּילע מאָל האָט מען אים גערופן פאַר קאָנסולטאַציעס קיין גאַרמיש־פּאַרטענקירכען אין פאַלען פון צובראָכענע ביינער. איר ווייסט דאָך, אַ מענש וואָס איז ניט ערפאַרען אין גליטשען זיך אויף סקיס, פאַלט שלעכט און צוברעכט אַ ביין. פריץ איז געווען אַ ספּעציאַליסט אויף צובראָכענע ביינער. ער האָט אפילו פאַרעפנטליכט אין אַ מעדעצינישען זשורנאַל אַן אָפּהאַנדלונג וועגען ביינער־ברוכן. איך האָב דעם זשורנאַל. עס איז ערשינען מיט 2 יאָר צוריק. און דאָס איז געווען ניט דער ערשטער אַרטיקעל. מיט 15 צי 16 יאָר צוריק, נאָך אַלס יונגער אַרצט, האָט ער שוין געהאַט אָפּגעדרוקט אַ וויסענשאַפטליכע אָפּהאַנדלונג וועגען זעלבען ענין.

— אין צייט פון קריג, הייסט עס? — האָט ירמיהו געפרעגט.

— נו, באַשטימט! פאַר׳ן ענדע פון קריג. פריץ האָט ערגיץ אַוועקגעלייגט אויך יענעם אַרטיקעל. ער איז אָבער געווען אַ גוטער דאָקטאָר אין אַלגעמיין, אויסער צו זיין אַ קנאָכען (ביינער) ספּעציאַליסט.

— וואו האָט ער געדינט אין קריג? — האָט ירמיהו געפרעגט.

— געננוי ווייס איך נישט... אָ, יאָ! ער האָט מיר אַמאָל דערצעהלט אַז זיין גרעסטע קנאָכען פּראַקטיק האָט ער ערוואָרבען אין בוכענוואַלד. דאָרט האָט ער פאַרבראַכט אַ צייט. ער איז אויך געווען ביים מזרח־פראָנט אין אָנפאַנג פון קריג, אָבער וואָס מאַכט עס דען אויס? איך האָב אים דאַמאָלסט ניט געקענט און ווען מיר האָבען זיך באַקאַנט איז ער שוין געווען אַן עטאַבלירטער אַרצט מיט אַ נאָמען. ער האָט נאָך געקענט אַזוי פיל אויפטאָן, ער איז נאָך געווען אַזוי יונג און פול מיט לעבען... פאַרוואָס האָט עס געדאַרפט טרעפען צו אים? פאַרוואָס? פאַרוואָס?

זי האָט מער ניק געקענט צוימען דעם וועהטאָג און די טרערען. ירמיהו האָט אָפּגעוואַרט ביז זי האָט זיך באַהערשט.

— גנעדיגע פרוי, עס טוט מיר לייד וואָס איך האָב אויפגעריסען די פרישע וואונד... איך האָב עס ניט געוואָלט טאָן, גלויבט מיר.

— איך... איך באַשולדיג אייך נישט... איך דערמאָן זיך עס צען מאָל אַ טאָג. איך קען עס ניט לייכט פאַרגעסען...

ירמיהו האָט זיך געזעגענט מיט איר און איז אַרויס פון הויז; פראַו פלאַנדינג, הילדע׳ס מוטער, איז געשטאַנען ביים הויז אַכטונג געבענדיג אויף אַ מיידעלע וועלכע איז געריטען אויף אַ הילצערנעם פערדעלע מיט רעדער און געפּאַכעט מיט אַ שווערדל אין דער לופט.

— נחת פון אייניקלעך! — האָט דער דעטעקטיוו אַ זאָג געטאָן צו דער באָבע׳ן.

— אַ שעהנעם נחת קען איך האָבען... איר איז וואויל... אַ קינד ווייסט נישט פון קיין צרות — האָט די אַלטע פֿראַו פלאַנדינג אָפּגעזיפצט.

אַן אומדערוואַרטע געשעהניש

אין גאַס האָט זיך צעשפּילט אַ שטורעם. דער ווינט האָט געיאָגט דעם נאַסען שניי וואָס איז געפאַלען שטיקערווייז ווי צונויפגעקלעפּטע פעדערן, האָט געפּלאַסטערט דערמיט, די פּנים׳ער פון די איילענדע פוסגעהער. די ערד האָט זיך באַדעקט מיט אַ גרויליך־שמוציגען צודעק, עס איז געווען קאַלט, נאַס און גליטשיג, אַ וועטער ווען עס איז אַ רחמנות אַרויסצויאָגען אַ הונט אין גאַס.

ירמיהו איז געלעגען אויסגעצויגען אויפ׳ן בעט אין זיין האָטעל־צימער. די ראַדיאָ ביים צוקאָפּענס פון בעט האָט געשפּילט שטילע מוזיק אין שאַרפען קאָנטראַסט צו דעם אומאויפהערליכען וואָיען פון ווינט.

עס איז געווען נאָהענט צו האַלבער נאַכט, אָבער דער דעטעקטיוו האָט ניט געטראַכט פון שלאָפען. ער האָט נאָר אַראָפּגעצויגען פון זיך דאָס רעקעל און איז געלעגען אויפ׳ן צודעק פון בעט מיט די הענט פאַרלייגט הינטער׳ן קאָפּ, די אויגען געווענדעט צום סופיט. ער האָט ניט געהערט נישט דאָס פייפען פון ווינט, נישט די שטילע מוזיק. זיינע געדאַנקען האָבען אַרומ־געבלאָנדזשעט אין אַ פאַר׳כישופ׳טן קרייז, איבער דורכגעטראָטענע שטעגען, ווידעראַמאָל און נאָכאַמאָל קומענדיג צוריק אַהין פון וואַנעט ער איז שוין לאַנג אַוועק.

ירמיהו האָט געפיהלט אז ערגיץ וואו צווישען די אַלע פאַקטען, וועלכע ער האָט אָנגעזאַמעלט אין די פאַרגאַנגענע צוויי מעת־לעת, ליגט אַ שפור צו דער לייזונג פון דער געהיימניס. ער האָט אָבער פאַר קיין פאַל ניט געקענט אָנכאַפּען דעם שפור אין דעם פאַרפּלאָנטערען קנויל און נעמען אויפוויקלען די געהיימניס, אויפפּלאָנטערן דעם קנופּ. ערגיץ וואו האָט ער זיך פאַרהאַקט און האָט נישט געקענט קומען צו קיין לאָגישען אויספיר.

ערגיץ וואו איז געווען אַ געמיינזאַמער פאַקטאָר וואָס האָט פאַרבונדען די דריי דאָקטוירים, ברונער, גאַבלער און גרונט. אָבער וואָס איז עס געווען? איז דאָ פאַרמישט אַ פרוי? מען זאָגט דאָך אז אין יעדער געשעהעניש

דאַרף מען זוכען די פּרוי. איז עס דאָ אויך אַזוי? מיצי... מאַרגאַריטע... פאַרוואָס האָט מאַרגאַריטע זיך אונטערגעהערט ביים טיר און זיך ניט באַוויזען צו אים? איז איר רייזע מיט סענדער'ן אין זעלבען וואַגאָן נאָר אַ צופאַל? וואו האָט סענדער געזאָגט האָט ער זי געטראָפען? זי פאָרט פון מילאַן. עס מיינט, אַז זי איז איינגעשטיגען אין באַהן ווען סענדער איז שוין דאָרט געווען. ווי האָט זי געוואוסט אַז ער פאָרט? האָט זי עס געוואוסט?

איין געדאַנק יאָגט נאָך דעם צווייטען. דער מערדער, די בלויע פאַרב... פאַרוואָס לאָזט ער דעם שפּור? פאַרוואָס האָט דער מערדער פון דר. זיגפריד ברונער זיך ניט געלאָזט דערקענען ווי די אַנדערע צוויי? זאָל עס טאַקע זיין דער יונגערמאַן וועלכער האָט געדונגען די טעקסי פון רהיין שטראַסע צום האָטעל מעטראָפּאָל? דאָס איז אָבער ניט קיין קלאָרער שפּור. דער שפּור מיט ווייזען די פאַרבלויטע פינגער איז אַ בולט'ער, אַ זיכערער, אַ געוואַגטער...

דער טעלעפאָן אין צימער האָט פּלוצים אויפגעשאַלט. ירמיהו האָט אַ צאַפּעל געטאָן. ער האָט אינגאַנצען פאַרגעסען וואו ער געפינט זיך, פאַרגעסען אַז עס עקזיסטירט אַ טעלעפאָן אויף דער וועלט.

ער האָט אויפגעהויבען דעם טרייבעל און אויסגערופען „העלאָו!" סענדער'ס שטימע איז געקומען פון אַ ווייטער וועלט.

— כ'בין נאָר־וואָס צוריקגעקומען און איך האָב פאַר דיר דעם באַריכט.

— וואו ביזטו? אין דעם וועטער איז בעסער צו זיצען אין שטוב.

— איך בין אין צימער 205 און כ'וועל באַלד אַרויפקומען צו דיר — האָט סענדער געזאָגט און פאַרקלאַפּט דעם טעלעפאָן.

ירמיהו האָט געשמייכעלט. „דער יונג האָט שכל אין אַזאַ נאַכט צו קומען אין זעלבען האָטעל מיט מיר... ניט קיין שלעכטער איינפאַל" — האָט ער געטראַכט.

אויפ'ן טישעל אין צימער איז געשטאַנען אַ קעסטעל מיט שאָקאָלאַד און ירמיהו האָט גענומען אין מויל איין שטיקעל, ער האָט אָנגעפילט די לולקע און פאַררויכערט. צוגעהענדיג צום פענסטער, האָט ער צוגעדריקט דאָס געזיכט צו דער קאַלטער שויב. דער ווינט האָט אַזוי שטאַרק געבלאָזען אַז מען האָט געפיהלט ווי די שויב צאַפּעלט אונטער'ן דרוק פון שטורעם.

— וואו אין אַלע שוואַרץ יאָר איז ער? — האָט ירמיהו אַ זאָג געטאָן ווארפענדיג אַ בליק אויפ'ן זייגערל — אַ שעהנער באַלד איז עס. צען מינוט.

ער האָט גענומען דעם טעלעפאָן און זיך געהייסען פאַרבינדען מיט

צימער 205. קיינער האָט ניט געענטפערט. „ער מוז זיין אויפ׳ן וועג אַהרצו״, האָט ירמיהו געטראַכט.

עס זענען אַדורך נאָך פינף מינוט. ירמיהו האָט פּלוצים אַ כאַפּ געטאָן זיין רעקעל און זיך געלאָזט צו דער טיר. ער האָט ניט געוואַרט אויפ׳ן עלעוועיטאָר, נאָר איז אַרונטער צוויי שטאָק, מיט די טרעפּ, איז צוגעלאָפן צום צימער 205 און אַ שטופּ געטאָן די טיר.

אין צימער האָט געברענט די ליכט און דאָס ערשטע וואָס ירמיהו האָט דערזעהן איז געווען סענדער׳ס קערפּער אין מיטען פון צימער. דער יונג איז געלעגען מיט׳ן געזיכט אַראָפּ. דער צימער האָט אויסגעזעהן גלייך ווי דער שטורעם־ווינט זאָל זיך דאָ האָבען אַריינגעריסען און אָנגעטאָן אַ חורבן. די בעט איז געווען צעוואָרפען, זאַכען, קליידער, פּאַפּירען, צייטונגען — אַלץ איז געווען צושפּרייט איבעראַל.

ירמיהו האָט שנעל צוגעמאַכט די טיר הינטער זיך און האָט זיך אַרומ־געקוקט, אַריינגעבליקט אין באַדע־צימער און אין דעם קליידער שראַנק. איבערציייגענדיג זיך אַז קיינער באַהאַלט זיך ניט דאָרט, האָט ער זיך איבערגעבויגען איבער סענדער׳ס קערפּער. אַ מאָדנער געדאַנק איז דורכ־געלאָפען אין זיין מוח. „דרעה אים ניט איבער... ווייל דו וועסט געפינען דעם געהיימען צייכען אויף זיין שטערן!״

סענדער האָט אַ קרעכץ געטאָן. ירמיהו האָט באַטאַפּט זיין פּריינט. אַ קלעפּיגע וואַרימקייט אויף סענדער׳ס הינטערשטען טייל פון שאַרבען האָט עדות געזאָגט אַז ער איז פאַרוואונדעט געוואָרען. ירמיהו האָט שנעל איינגעטונקען אַ האַנטוך אין קאַלט וואַסער, עס צוגעלייגט צו דער וואונד און דאַן איבערגעדרעהט סענדער׳ן מיט׳ן פּנים צו זיך.

דער יונג האָט ווידעראַמאָל אַ קרעכץ געטאָן און צועפענט די אויגען.

— סענדער, וואָס האָט פּאַסירט ? וואָס איז געשעהן ?

סענדער׳ס פאַרגלעזטע אויגען האָבען געפינטעלט גלייך ער זאָל ניט קענען קוקען אויף דער שיין, דאַן האָט ער אַ פרעג געטאָן מיט אַ קוים הערבאַרער שטימע :

— וואו בין איך ?

סענדער פאַרשטעהט ניט וואָס איז די שמחה

פון דער וואונד איז געווען קענטיג אַז דער זעץ איבער'ן קאָפּ איז געקומען פון אַ שווערע מעטאַל. ירמיהו האָט באַוויזען אָפּצושטעלען די בלוטיגונג און עס האָט גענומען אַ האַלבע שעה איידער סענדער איז פולשטענדיג געקומען צו זיך.

ירמיהו האָט אים געהאָלפען זיך לייגען אין בעט און האָט צוגערוימט דעם צימער. קיין זאַך האָט ניט געפעלט אָבער דער וואָס האָט געזוכט האָט דורכגענישטערט אַלצדינג אין צימער. עס איז אויך געווען קענטיג אַז דער זוכער איז געווען אין גרויס איילעניש.

סענדער האָט ניט געהאַט קיין אהנונג ווי זיין אַנגרייפער האָט אויסגעזעהן אָדער וויפיל פערזאָן עס זענען אים באַפאַלען. ער איז נאָר וואָס געהאָט אָנגעקומען פון באַנהויף מיט זיין וואַליזע, האָט זיך איינגעשריבען אין האָטעל איבערלאָזענדיג זיין פּאַספּאָרט ביים קלוירק. ער האָט אפילו ניט געוואָרט איבערצובייטען די זאַכען אָדער אויספּאַקען די וואַליזע.

— אַזוי שנעל ווי איך בין אַריין אין צימער האָב איך דיך אָפּגערופען און זיך געלאָזט געהן צו דיר. איך געדענק נאָר ווי איך בין אַרויס אין קאָרידאָר און געוואָלט פאַרשליסען די טיר נאָך זיך. איך ווייס ניט פונוואַנעט עס איז מיר געקומען... איך געדענק גאָרניט. עס איז מיר פּלוצים געוואָרען ליכטיג פאַר די אויגען, פונקען האָבען גענומען פליהען און דאַן איז אַלץ שוואַרץ געוואָרען. מער ווייס איך גאָרניט ביז איך האָב דערקענט דיין שטימע לעבען מיר...

— האָסטו גערעדט מיט עמיצען? איז דיר עמיצער נאָכגעגאַנגען? האָסטו זיך געקריגט? — האָט ירמיהו פאַרוואָרפען סענדער'ן מיט פראַגען.

— איך האָב מיט קיינעם ניט גערעדט דאָ... איך בין געשלאָפען אין באַן דעם גאַנצען וועג פון געיסלינגען ביז מינכען... קיינער האָט מיך ניט נאָכגעפאָלגט ווי ווייט איך ווייס...

— טאָ פאַרוואָס איז עס געשעהן? ווער איז עס? וואָס זוכט ער ביי דיר?

— ביזט אַזאַ קלוגער ווי איך, אפשר קליגער פון מיר — האָט סענדער אַ בורטשע געטאָן — אדרבא, קלער דו מיר אויף...

— וועסט מאָרגען פרי אַריינגעהן צו אַ דאָקטאָר נעמען רענטגען פון שאַרבען.

— דער טייוועל וועט מיר ניט נעמען... עס איז געשוואָלען, אַ היבשע

בייל. מיין באָבע פלעגט זאָגען אַז מען דאַרף צולייגען אַ קלינגעל פון אַ מעסער. האָסט אַ מעסער?

— ווערסט זיך באַגעהן נאָר מיט קאַלטע קאָמפּרעסען — האָט ירמיהו אויסגערופען. דער דעטעקטיוו איז געווען צוטראָגען. די געשעהעניש האָט צוגערויבט ביי אים די רוה. ער האָט ניט געקענט זיך באַפרייען פון דעם שווערען געפיהל וואָס האָט געדריקט אויף אים.

— איך מוז אַראָפּגעהן צום קלוירק. איך וועל באַלד זיך צוריקקערען — האָט ער געזאָגט און פאַרלאָזט דעם צימער.

דער קלוירק האָט פון גאָרניט געאהנט, האָט קיינעם ניט געזעהן אַריינקומענדיג אָדער אַרויסגעהענדיג וואָס זאָל ערוועקען זיין פאַרדאַכט.

ירמיהו האָט צוריקגעקערט צו סענדער׳ן אין צימער.

— האָט עמיצער זיך געפונען לעבען דיר ווען דו האָסט זיך איינגע־מאָלדען אין האָטעל? — האָט ער געפרעגט.

— איך האָב קיינעם ניט געזעהן אויסער׳ן קלוירק. עס איז געווען שפּעט, פאַרגעס עס ניט. מענשען שלאָפען שוין אין אַזאַ צייט.

— נו, לאָמיר אויף אַ ווײַלע פאַרגעסען דערין — האָט ירמיהו אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — איך זעה שוין אַז מיר וועלען היינט ניט קליגער ווערען... דערצעהל וואָס דו האָסט אויפגעטאָן אין געיסלינגען.

סענדער האָט איבערגעגעבען אַן אויספירליכען באַריכט פון זיין באַזוך ביי דער משפחה פון דאָקטאָר יאָהאַן גרונט. ער האָט גערעדט מיט דער פרוי און דעם עלסטען זוהן. די אַנדערע קינדער זענען ניט געווען אין הויז. מאַמע און זוהן זענען שטאַרק פאַרביטערט, האָבען ניט קיין איינציגען גוט וואָרט פאַר׳ן דער׳הרג׳עטען. פאַרוואָס האָט ער פאַרלאָזט די פאַמיליע און די שטאָט און איז אַוועק קיין מינכען? ווייל די פרוי האָט ניט געוואָלט לעבען מיט אים אונטער איין דאַך; זי איז געווען געגען זיינע ביזנעס... ער האָט נאָך אין געיסלינגען אָנגעהויבען זיך פאַרנעמען מיט אַבאָרטען. זינט ער איז צוריקגעקומען פון קריג האָט ער אויפגעגעבען די אַלטע פּראַקטיק פון אַן אַלגעמיינעם דאָקטאָר און זיך גענומען צו אַבאָרטען, געוואָלט מאַכען אַ סך געלט, רייך ווערען. דערצו איז בכלל געווען אוממעגליך צו לעבען מיט אים. ער פלעגט שלאָגען די קינדער, שרייען אויף דער פרוי און סענדער האָט געהאַט דעם איינדרוק אַז זי האָט ניט אַלץ דערצעהלט, ווייל זי האָט זיך געשעמט פאַר׳ן זוהן, אָבער עס זעהט אויס, אַז אויך זי האָט געכאַפּט קלעפּ פון מאַן...

— ער איז געוואָרען ווי אַ בעסטיע, ניט קיין מענש — האָט זי מיר דערצעהלט — דערצו איז ער געווען נערוועאיש און פלעגט באַקומען אַנפאַלען פון משוגעת, הויפטזעכליך ביינאַכט ווען ער פלעגט זיך אויפכאַפּען פון אַ בייזען חלום, אַ קאָשמאַר. דאָס פלעגט פּאַסירען זעהר אָפט, מערסטענס אין נעכט פון אַ פולער לבנה. אַזוי האָט זי מיר געזאָגט. זי האָט עס באַמערקט און פלעגט אים אויסמיידען אין די נעכט פון פולער לבנה. ער פלעגט אויך האָבען אַ סך צו טאָן מיט פרויען, מיט גאַסען־פרויען און יעדע וואָס האָט זיך געלאָזט קויפען פון אים.

— איז ער אַלעמאָל געווען אַזוי? — האָט ירמיהו געפרעגט.

— איך האָב עס טאַקע געפרעגט ביי איר. ניין! זי האָט דאָך אָפּגעלעבט מיט אים פיר און צוואַנציג יאָר, געהאַט זעקס קינדער. צוויי זענען אומגעקומען אין צייט פון קריג. אַמאָל איז ער געווען גוט אָבער זינט ער איז אַוועק אין קריג איז ער צוריקגעקומען אַ געענדערטער מענש. זי האָט עס דערפיהלט ווען ער פלעגט קומען אַהיים אויף אורלויב. ער האָט געדינט אַלס דאָקטאָר אין אוישוויץ, געווען פון דער עס־עס גוואַרדיע, געהאַט אַ הויכען ראַנג... וואָס איז מיט דיר, ירמיהו? וואָס איז געשעהן?

ירמיהו האָט זיך אַ פּאַטש געטאָן מיט דער האַנט אין שטערן און איז אויפגעשפּרונגען פון שטול. זיינע אויגען האָבען גענומען פינקלען פון דער אינערליכער ליכט וואָס האָט אויפגעפלאַקערט אין זיין מוח.

— איך האָב דעם שפּיץ! איך האָב דעם עק! איך קען איצט אויפבינדען דעם קנופּ! — האָט ער גערעדט רייבענדיג די הענט מיט צופרידענהייט.

— איך זאָל אַזוי וויסען פון מיין קאָפּ־וועהטאָג ווי איך הויב ניט אָן צו וויסען וואָס דו פּלאַפּעסט! — האָט סענדער אויסגעשריגען — וואָס פאַראַ קנופּ? ס׳אַראַ שפּיץ, צו אַלדי שוואַרץ יאָר?

— סענדער, מיר דוכט זיך אַז מיר זענען אויף אַ וועג! מיר דוכט זיך, זיכער בין איך ניט אָבער עס דוכט זיך מיר... אַ גאַנצען אָוונט פּיקט ביי מיר אין די געהירען, אַז ערגעץ וואו ליגט די לייזונג אין מיין וויסען, און איך האָב פאַר קיין פאַל עס ניט געקענט באַגרייפען. איצט ווייס איך עס. דו האָסט עס מיר געוויזען.

— יאָך?! — האָט סענדער צופּענט אַ פּאָר ברייטע אויגען.

— יאָ, דו, מיט דיין באַריכט פון געיסלינגען... קאָנצענטראַציע לאַגער! דאָ דוכט מיר ליגט די פאַרבינדונג. דאָקטאָר גאַבלער איז אין צייט פון קריג געווען אַ דאָקטאָר אין בוכענוואַלד. איצט דערצעהלסטו אַז דאָקטאָר יאָהאַן

גרונט איז געווען אין אוישוויץ. איז עס סתם אַ צופאַל ? איך האַלט אַז ניט ! עס איז פאָרלויפיג דער איינציגער שותפות׳דיגער פאַקט וואָס פאַרבינדט די צוויי דאָקטוירים. אויב עס זאָל זיך אַרויסשטעלן אַז אויך דאָקטאָר זיגפריד ברונער איז געווען פאַרבונדען מיט אַ קאָנצענטראַציע לאַגער — האָבען מיר אַן אָנהאַלט, עפּעס ממשות׳דיגס וואָס קען פיליכט אַ שטויס טאָן די אויספאָרשונג צו אַ מעגליכער לייזונג...

ירמיהו׳ס פאַרדאַכט

סענדער האָט זיך אויפמערקזאַם איינגעהערט צו ירמיהו׳ן און האָט צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ. ירמיהו׳ס געדאַנקען־גאַנג האָט אויסגעזעהן צו זיין אַ לאָגישער.

— איך קען זיך שוין ניט דערוואַרטען ביז אינדערפרי דו זאָלסט קענען פעסטשטעלען דיין טעאָריע, אויסגעפינען וועגען דאָקטאָר ברונער׳ן — האָט סענדער געזאָגט.

ירמיהו האָט געטאָן אַ בליק אויף זיין האַנט־זייגערל. עס איז געווען האַלב נאָך איינס.

— עס ווערט שפּעט און מיר נויטיגען זיך ביידע אין רוה און שלאָף — האָט ער אויסגערופען — אָבער איך קען זיך עס ניט פאַרגינען... דער איבערפאַל אויף די דאָ אין צימער לאָזט מיך ניט רוהען. מיר מוזען איצט נעמען זוכען דעם ענטפער אויף דער רעטעניש וואָס עס שטעקט דאָ און ווער שטעהט הינטער דעם ?

סענדער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, זיין געזיכט האָט אויס־געדריקט פאַרצווייפלונג.

— גלויב מיר אַז איך הויב ניט אָן צו אַהנען ווער און וואָס דאָ שטעקט — האָט ער אויסגערופען.

ירמיהו איז געזעסען אַ פאַרטראַכטער. זיינע פינגער האָבען אויטאָמאַטיש גענומען אָנפילען די לולקע אָבער זיין בליק איז געווען געווענדעט צום פענסטער און עס איז געווען קענטיג אַז זיינע געדאַנקען שוועבען ערגעץ ווייט פון דאַנעט.

— יערמיע, ס׳געהערט וואָס איך האָב געזאָגט ? איך הויב ניט אָן...

— ...כ׳האָב געהערט, כ׳האָב געהערט — האָט ירמיהו איבערגעשלאָגען סענדער׳ן — אַוודאי ווייסטו ניט ווער און וואָס. אָבער מיר דוכט זיך אַז איך

האָב אָן אָהנונג... עס איז נישט אַנדערש נאָר אַז זי האָט עפּעס אַ פֿאַרבינדונג מיט דער זאַך... עס קען אַנדערש ניט זיין.

— ווער איז די „זי״? — האָט סענדער געפרעגט אַנקוקענדיג ירמיהו'ן מיט ברייט צועפענטע אויגען.

— דיין באַקאַנטע פון באַהן, מאַרטאַ האַפּשטאַט — האָט ירמיהו געענטפערט.

ער האָט דערצעהלט סענדער'ן גענוי וואָס עס האָט פּאַסירט אינדערפרי נאָכדעם ווי ער איז אָפּגעפאָרען קיין געיסלינגען און ער, ירמיהו, איז אַוועק באַזוכען פריילין מיצי. סענדער האָט זיך איינגעהערט צו ירמיהו'ס ערציילונג מיט אַ פאַרכאַפּטען אָטעם.

— עס איז אומפאַרשטענדליך, ממש אומגלויבליך! — האָט דער יונג אויסגעשריגען נאָכדעם ווי ירמיהו האָט פאַרענדיגט דערצעהלן די געשע־הענישען — עס איז אַ מאָדנער צופאַל.

ירמיהו האָט געזויגען דעם בורשטינענעם מונדשטוק פון זיין לולקע און נאָכגעפאָלגט מיט'ן בליק דעם קנוילכעל רויך וואָס האָט זיך געהויבען צום סופיט.

— עס איז אפשר ניט אַזאַ צופעליגקייט ווי דו מיינסט — האָט ער אויסגערופען — טייל לעגט זיך אויפ'ן שכל. לאָמיר דיר עס ערקלערען.

— אַדרבא, איך וויל עס טאַקע הערען! — האָט סענדער אויסגערופען.

— ווי איך האָב דיר דערצעהלט איז דיין באַקאַנטע מאַרטאַ האַפּשטאַט די זינגערין, וועלכע איז באַקאַנט אונטער'ן נאָמען מאַרגאַריטע. זי איז געווען דר. יאָהאַן גרונט'ס געליבטע פאַר אַ צייט מיט אַ דריי יאָר צוריק. זי קען די טענצערין מיצי וועלכע וואוינט ביי איר אין הויז. מיצי האָט פאַרשוואַנגערט און מאַרגאַריטע, קענענדיג דר. גרונט'ן, און וויסענדיג אַז ער פאַרנעמט זיך מיט אַבאָרטען, רעקאָמענדירט מיצי'ן צו אים. יענער העלפט מיצי'ן פטור ווערען פון דער שוואַנגערשאַפט און שפּעטער פאַרבינדט זיך צווישען זיי אַ פריינטשאַפט און זי ווערט זיין געליבטע. דאָס זעהט מיר אויס צו זיין קלאָר און פאַרשטענדליך.

— עס לייגט זיך אויפ'ן שכל — האָט סענדער אַ בורטשע געטאָן.

— איצט אָבער קומען אַ צאָל פראַגען וועלכע וואַרטען אויף ענטפערס — האָט ירמיהו פאָרטגעזעצט — די ערשטע פראַגע איז. פאַרוואָס האָט מאַרטאַ האַפּשטאַט, אָדער מאַרגאַריטע, ווי זי רופט זיך מיט איר פּראָפעסיאָנעלען נאָמען, פאַרוואָס האָט זי שפּיאָנירט דורך דעם שפּאַלט פון טיר? עס איז גאָר קיין צווייפעל ניט, אַז זי האָט מיך דערקענט. זי האָט דאָך מיך געזעהן

מיט אַ דריי שעה פֿאַר דעם ביים באַנהויף וואו איך האָב אייך באַגעגענט. פֿאַרוואָס האָט זי מיך אויסגעמידען אין הויז?

אָט דאָס מאַטערט מיך דעם גאַנצען טאָג און איצט, נאָך דעם ווי מען איז דיך באַפֿאַלען, נעמט די גאַנצע זאַך אָן ביי מיר אַ נייע ווענדונג. איידער איך געה ווייטער וויל איך הערען פֿון דיר גענויע איינצעלהייטען ווי אַזוי איר האָט זיך געטראָפֿען און וואָס איר האָט גערעדט.

סענדער האָט זיך אַרויפֿגערוקט אין בעט, האָט צוגעדריקט דעם נאַסען האַנדטוך צום שאַרבען און אַנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין ווענטעל.

— עס איז געווען זעהר איינפֿאַך און צופֿעליג — האָט ער געזאָגט — זי איז איינגעשטיגען אין מילאַן. מיר זענען געווען אַליין אין קופּע פֿון וואַגאָן און מיר האָבען גענומען רעדען. איך האָב, פֿאַרשטעהט זיך, אָנגעקניפּט דעם געשפּרעך. זי האָט מיר דערצעהלט אַז זי איז אַ קינסטלערין, אַז זי האָט פֿאַרענדיגט אַ קאָנטראַקט פֿון אויפֿטריטען אין מילאַן און פֿאָרט צוריק קיין מינכען. איך האָב איר געזאָגט אַז איך פֿאָר אויך קיין מינכען וועגען ביזנעס, איינקויפֿען מאַטאָרען. זי האָט געפֿרעגט פֿון וואַנעט איך קום און איך האָב געזאָגט אַז איך קום פֿון רוים, וואָס איז געווען אַ האַלבער אמת, פֿאַרשטעהט זיך.

מיר זענען צוזאַמען אַריין אין רעסטאָראַן־וואַגאָן עסען אָוונטברויט און צוריקקערענדיג זיך, נאָך געשמועסט אַביסעל. דאַן האָבען מיר געדריי־מעלט דורך דער נאַכט. פֿאַרטאָג, ווען עס האָט גענומען טאָגען, איז זי אַריין אין וואַש־צימער זיך אַרומוואַשען און צופּוצען. ווען זי האָט זיך צוריק־געקערט אין קופּע איז שוין געהאַט פֿאַרבליבען אַרום 30 מינוט ביז מינכען. זי האָט מיר געגעבען איר אַדרעס און איך האָב געזאָגט, אַז אויב איך וועל האָבען צייט וועל איך זי אָפּרופֿען.

— ווען איז דאָס געווען?

— געווען וואָס?

— דאָס געבען דיר איר אַדרעס זאָלסט זי אָפּרופֿען.

— דאָס איז געווען ווען מיר האָבען געגעסען אָוונטברויט.

— האָט זי געהאַט אַ געלעגענהייט צו וויסען, אַז דו ביזט אַ איד, קומסט פֿון ישראל? — האָט ירמיהו געפֿרעגט.

— איך גלויב עס ניט... איך האָב עס איר ניט געזאָגט... וואָרט צו — האָט סענדער פּלוצלונג זיך אויסגעגלייכט. דער נאַסער־האַנטוך איז אַראָפּ־געפֿאַלען אויפֿ'ן קישען — ביים גרעניץ! ווען די דייטשע גרעניץ קאָנטראָל איז געקומען האָט זי מסתמא באַמערקט מיין פּאַספּאָרט... איך דערמאַן זיך

איצט ווי זי האָט זיך אויפגעשטעלט און זיך איבערגעבויגן אָננעמען איר וואַליזע צום עפענען. דער גרעניץ אָפיצער איז געשטאַנען לעבן איר.

— און זי האָט, הייסט עס, געזעהן דיין ישראל׳דיגען פּאַספּאָרט? — האָט ירמיהו געפרעגט.

— עס איז מעגליך אַז זי האָט עס באַמערקט.

— און דאַן, אויסשטייגענדיג אין מינכען אויפ׳ן באַנהויף העלפסטו איר טראָגען איר וואַליזע און טרעפסט מיך, שטעלסט מיך פאָר פאַר איר אַלס דיין פריינט — האָט ירמיהו געזאָגט.

— יאָ, איך האָב איר געזאָגט נאָך אין וואַגאָן אַז איך האָף עמיצער וועט מיך אָפּוואַרטען — האָט סענדער צוגעגעבען — איך האָב איר פאָר־געלייגט קומען עסען פרישטיק מיט מיר ביים אָנקומען אויב קיינער וועט ניט וואַרטען אויף מיר, אָבער זי האָט זיך ענטזאָגט. זי מוז זיין אין הויז — האָט זי געזאָגט — און דאַרף נאָך באַזאָרגען עמיצען אָפּצונעמען איר באַגאַזש. זי האָט געשיקט פיר גרויסע קופערטס מיט קליידער. זי פאָרט שטענדיג אַרום מיר פיר גרויסע קופערטס, האָט זי מיר דערצעהלט. זי איז שוין געווען אין אַ סך לענדער מיט אויפטריטען, אַפילו אין אַמעריקע איז זי שוין געווען.

— און זי האָט דיר קיין איינמאָל ניט דערמאַנט דעם נאָמען „מאַרגאַריטע״ אונטער וועלכען זי טרעט אויף? — האָט ירמיהו געפרעגט.

— ניין. זי האָט עס ניט דערמאַנט.

ירמיהו האָט גענומען אויסקלאַפּען די לולקע אין אַש קעסטעל אויפ׳ן טיש.

— דאָס וואָס דו דערצעהלסט פאַרשטאַרקט מיין געפיהל פון פאַרדאַכט — האָט ער אויסגערופען.

— וואָס פאַרא פאַרדאַכט? — האָט סענדער געפרעגט.

— פאַרדאַכט, אַז דער אָנפאַל אויף דיר איז פאַרבונדען מיט איר.

סענדער האָט שאַרף אָנגעקוקט זיין פריינט.

— מאַכסט חוזק! — האָט ער אויסגעשריגען.

— איך בין זעהר ערנסט! — האָט ירמיהו געזאָגט — איך בין ניט זיכער צי איך בין גערעכט, אָבער איך זעה פאַרלויפיג ניט קיין אַנדער אויפקלערונג. סיידען עמיצער האָט דיך נאָכגעפאָלגט פון דער דייטשער גרעניץ אָן, עמיצער וועלכער האָט זיך דערוואוסט ווער דו ביזט, דיר נאָכגעפאָרען קיין מינכען, קיין געיסלינגען, צוריק אַהער צום האָטעל, געוואַרט ביי דער טיר, כדי דיך צו באַפאַלען. דאָס, אָבער, לעגט זיך ניט

אויף׳ן שכל. די איינציגע וועלכע האָבען געוואוסט ווער דו ביזט זענען געווען די גרעניץ וואַך. עס איז מעגליך, אַז די פּאָליציי האָט געהאַלטען אַן אויג אויף דיר אָבער פּאָליציי מאַכט ניט קיין איבערפּאַל ווי דער דאָ, און אַ זוכונג אויף אַזאַ שטייגער ווי די זוכונג אין דיינע זאַכען. זיי האָבען גאָרניט צוגענומען, און דיין פּאַספּאָרט האָסטו געלאָזט ביים האָטעל קלוירק אונטען... ניין, עס איז ניט קיין פּאָליצייאיש שטיקעל אַרבעט.

דר. וועלינגער איז בייז און ירמיהו דערוויסט עפּעס

— וואָס זשע דענקסטו איז עס? ווער? ווי? וואָס? — האָט סענדער אויסגערופען.

— אָט וועל איך דיר ערקלערען ווי אַזוי מיר זעהט אויס די זאַך — האָט ירמיהו געזאָגט — לאָמיר אָנהויבען מיט דיין רייזע אין באַן וואו דו טרעפסט אַן מאַרגאַריטע׳ן.

זי באַקענט זיך מיט דיר און גיט דיר איר אַדרעס. איך קען זעהן פאַרוואָס זי האָט ניט דאַגעגען זיך צו באַקענען נעהענטער מיט אַ מאַנסביל ווי דו, אַ ביזנעס־מאַן פון רוים... אפשר ביזטו איר אויך געפעלען. דו האָסט דאָך אַ טרייפענעם מזל ביי פרויען.

— רעדסט שוין ווי סעדיה׳לה — האָט סענדער זיך פאַרקרימט.

— עס איז אָבער אמת — האָט ירמיהו פאַרטגעזעצט — זי גיט דיר, הייסט עס, איר אַדרעס. שפּעטער איז מעגליך אַז זי האָט דערזעהן, אַז דו ביזט אַ ישראלי; דאָס איז אָבער ניט זיכער. אַלענפאַלס, דו שטייגסט אויס צוזאַמען מיט איר אין מינכען און דאָ שטעלסטו איר פאָר דיינעם אַ פריינט, אַ געוויסען הער אַלמוג.

מיט וואָסערע צוויי שטונדען שפּעטער קומט אָט דער פריינט דיינער צו איר אין הויז זיך זעהן מיט מיצי׳ן. דער פּאָליציי־שעף האָט פאָר דעם גערופען מיצי׳ן איר בעטען זי זאָל מיך אויפנעמען. ער האָט איר דערצעהלט, אַז איך בין אַ דעטעקטיוו, וועלכער פאָרשט דעם מאָרד פון איר געליבטען, דאָקטאָר גרונט. זי שטימט איין, אָהן צופיל חשק, צו רעדען מיט מיר. איך קום צו איר און דיין פריינדין מאַרגאַריטע זעט מיך אין צימער. זי ווייסט אַז איך בין אַ דעטעקטיוו און זי ווערט פאַרדעכטיגט וועגען דיר. זי באַשליסט דיך צו געפינען, ניט וואַרטען ביז דו וועסט זי אָפּרופען. געדענק, דו האָסט איר ניט צוגעזאָגט אויף זיכער אָפּצורופען, נאָר אויב דו וועסט האָבען צייט. מאַרגאַריטע וויל דעריבער דיך געפינען דורך מיר און זי היט מיך; מעגליך,

אַז זי אַליין טוט עס און מעגליך אַז זי האָט עמיצען אַלס געהילף. איך ווער נאָכגעפאָלגט דעם גאַנצען טאָג ביז איך קום אַהיים אין האָטעל. מען היט איצט דעם האָטעל, און דאַן קומסטו אַן און נעמסט דאָ אַ צימער. עס איז שפּעט בייַנאַכט, די האָטעל קאָרידאָרען זענען לעדיג, עס איז ניט שווער דיך אָפּצוטשאַטעווען בייַ דער טיר, זיך איינהערען צו דיין טעלעפאָן געשפּרעך מיט מיר, דיר מכבד זיין מיט אַן אייזען איבער׳ן קאָפּ ווען דו קומסט אַרויס, דיך צוריק אַרייַנשלעפּען אין צימער, דורכנישטערן דייַנע זאַכען און אַנטלויפען איידער איך קום אַראָפּ...

סענדער האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו ירמיהו׳ס לאָגישע אויס־פירען. די בלוט האָט געזידט אין דעם יונג׳ס אָדערען און האָט געזעצט אין זייַנע שלייפען.

— די כאָלערעטשיסקאַ! דער אויסוואורף, אַ בראַנד אין אירע קישקעס!

— האָט ער אַרויסגעזייעט דורך פאַרקלעמטע ציין — עס לייגט זיך אויפ׳ן שכל... איך זעה טאַקע ניט קיין אַנדער אויפקלערונג... אָבער וואָס זוכט זי בייַ מיר? וואָס וויל זי? ווער איז זי?

ירמיהו האָט זיך אויפגעשטעלט.

— דאָס, סענדער, וועסטו מוזען אויסגעפינען — האָט ער געזאָגט — דאָס וועט זיין דיין אויפגאַבע. שלאָף זיך איצט גוט אויס, געה מאָרגען אינדערפרי זעהן אַ דאָקטאָר, ער זאָל דיר מאַכען אַ רענטגען פון שאַרבען, און דאַן וועסטו געהן באַזוכען דיין פריינדין גלייך ווי גאָרניט האָט פּאַסירט. זי ווייסט דאָך ניט אַז כ׳האָב זי געזעהן שפּיאָנירענדיג הינטער דער טיר, זי אַהנט ניט דערפון, אַז דו האָסט אַ פּאָרדאַכט אויף איר. טאַ געה, שפּיל דיין ראָלע נאַאיוו, אָבער האַלט אָפען דייַנע אויגען און אויערן...

— מעגסט זיך פאַרלאָזען אויף מיר — האָט סענדער אַ בורטשע געטאָן און האָט באַטאַפּט דעם שאַרבען מיט דער האַנט — די געשווילעכץ איז אָפּגעגאַנגען אַהן אַ מעסער־קלינגעל...

ירמיהו האָט זיך פלוצים צולאַכט. סענדער האָט אים אָנגעקוקט מיט פאַרוואונדערונג.

— וואָס איז דער געלעכטער? — האָט ער געפרעגט.

— איך האָב זיך דערמאָנט עפּעס, אַ נאַרישקייט... ווען איך האָב דיך געפונען ליגענדיג אויף דער ערד מיט׳ן פּנים אַראָפּ, אָהן באַוואוסטזין, איז מיר דורכגעלאָפען אַ געדאַנק, אַז אויב איך וועל דיר איבערקערען וועל איך געפינען דעם בלויען צייכען אָפּגעשטעמפּעלט אויף דיין שטערן... ס׳אַראַ נאַרישער געדאַנק...

— ווער קען דאָ וויסען וואָס איז נאַריש און וואָס איז קלוג? — האָט סענדער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — אויב מען האָט מיך, סענדער׳ן געקענט אַזוי „זאַלאַטוויען״ (ספּראַווען) איז עס עק וועלט! דאָ גילט שוין ניט קאַ שום חכמה... אַלעס איז מעגליך, אַלעס...

*

ירמיהו האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ קאָפּ ווערהטאָג. ער איז ווייניג געשלאָפן יענע נאַכט און דערצו האָבען אים אַפּילו אין שלאָף די בייזע געדאַנקען ניט צורו געלאָזט.

דער דעטעקטיוו האָט געוואוסט אַז ער וועט יענעם פרימאָרגען טרעפען דעם פּאָליציי־שעף אין אַ שלעכטער שטימונג, און אַזוי איז טאַקע געווען. דר. וועלינגער איז געווען געררייצט, בייז, אָנגעצויגען. ער האָט קוים באַגריסט דעם אַריינקומענדען דעטעקטיוו און איז אָנגעגאַנגען מיט דיקטירען צו זיין סעקרעטאַרין.

ירמיהו האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים זייט פון דעסק און האָט געוואַרט. באַלד איז ערשינען דער קורצער, דיקליכער געהילף פון שעף מיט אַ פּאַק פּאַפּירען אין די הענט.

דר. וועלינגער האָט פאַרענדיגט דיקטירען און אַרויסגעשיקט די סעקרעטאַרין.

— מיר געהן היינט אָפּהאַלטען אַ דרינגענדע באַראַטונג פון אונזער גאַנצען קרימינעל־סטעף — האָט דער פּאָליציי־שעף געזאָגט צו ירמיהו׳ן — מיר ווילן אַריינוואַרפען אין דער אויספאָרשונג אונזער גאַנצען פּערסאָנאַל. איך האָב אָפּגעשאַפט אַלע אורלויבען און האָב פאַראָרדענט אַלע דעטעקטיוון צו אַרבעטען איבערשטונדען. מיר קענען זיך ניט פאַרגינען צו נעמען די אויספאָרשונג לייכט, ווייל די פּרעסע האָט צופיל אויפגעשטורעמט די געזעלשאַפטליכע מיינונג.

וואָלטער קנאַבע האָט אַוועקגעלייגט די פּאַפּירען פאַר דר. וועלינגער׳ן און געזאָגט:

— דאָס זענען די לעצטע באַריכטען, די ענטפערס אויף אונזערע אָנפראַגעס איבער׳ן לאַנד און רוטין־ראַפּאָרטען. איך וואָלט דיר געראַטען, האַנס, זאָלסט דורכלייענען דעם באַריכט „117 ג.וו.פ.״.

דר. וועלינגער האָט גענומען דעם אָנגעוויזענעם פּאַפּיר, אים שנעל דורכגעלייענט און זיין פּנים איז בשעת מעשה געוואָרען רויט. ירמיהו האָט עס באַמערקט. פון דעטעקטיוו׳ס בליק איז אויך ניט פאַרהוילט געוואָרען

דער קרומער בליק וועלכען וואָלטער קנאַבע האָט געוואָרפען, פון צייט צו צייט, אין זיין ריכטונג.

— הער אַלמוג! מיר וואונדערט זעהר אויף אייך! — האָט דר. וועלינגער אויסגערופען אַ וואָרף טוהענדיג דעם פּאַפּיר צוריק אויפ׳ן טיש — איך האָב געמיינט די גאַנצע צייט אַז איר קאָאָפּערירט מיט אונז!

ירמיהו האָט אים אָנגעקוקט מיט פאַרוואונדערונג.

— האָב איך עפּעס געטאָן וואָס קען אויסגעטייטשט ווערען אַנדערש? — האָט ער געפרעגט.

— יאָ וואָהל! — אָט קריג איך אַ באַריכט פון דער גרעניץ וואַך פּאָליציי, אַז אַ געוויסער הער איז אָנגעקומען, אַ דעטעקטיוו פון ישראל וועלכער, ווי אונזער נאַכריכט ווייזט, איז אייערער אַ שותף.

— אָה, איר מיינט סענדער׳ן! — האָט ירמיהו אויסגערופען.

— יאָ, אים מיין איך! האָט דר. וועלינגער שאַרף אָנגעקוקט דעם דעטעקטיוו — פאַרוואָס האָט איר אונז ניט דערצעהלט אַז ער איז געקומען און געפינט זיך דאָ. ער האָט זיך איינגעמאָלדען אין זעלבען האָטעל וואו איר שטעהט איין.

— איך האָב עס אייך היינט געוואָלט דערצעהלען — האָט ירמיהו געזאָגט. בשעת מעשה איז אים איינגעפאַלען אַ געדאַנק וועלכען ער האָט באַשלאָסען מאָמענטאַל אויסצונוצען. ער האָט צוגעגעבען:

— מיין שותף איז אָנגעקומען אין האָטעל ערשט נעכטען ביינאַכט, זעהר שפּעט ביינאַכט. ווען האָב איך אייך עס געקענט זאָגען אויב ניט אַצינד?

וועלינגער און קנאַבע האָבען זיך דורכגעוואָרפען מיט אַ בליק.

— אָבער ער איז אָנגעקומען קיין מינכען נעכטען אינדערפרי מיט דער באַן פון רוים! — האָט וועלינגער געזאָגט — עס איז אמת, אַז ער האָט זיך איינגעמאָלדען אין האָטעל שפּעט ביינאַכט. וואו איז ער געווען דעם גאַנצען טאָג?

— אָה, דאָס קענט איר פרעגען און איך בין עס אייך סיי ווי סיי געווען גרייט צו דערצעהלען — האָט ירמיהו געזאָגט — איר האָט מיר אָבער פאָרגעוואָרפען פריער אַ באַשילדיגונג פון ניט קאָאָפּערירען, און איך גלויב אַז איך האָב ניט פאַרדינט דעם פאָרוואורף.

— ענטשולדיגט פאַר מיין ראַשיגקייט — האָט דר. וועלינגער אויס־גערופען — איך האָב עס טאַקע ניט געדאַרפט זאָגען... לאָמיר הערען צוליב

וואָס אייער שותּף איז געקומען און וואו ער איז געווען דעם גאַנצען טאָג נעכטען איידער ער איז געקומען צו אייך אין האָטעל.

ירמיהו האָט שאַרף באַאָבאַכטעט דעם פּאָליציי־שעף און זיין געהילף. „אויב זיי ווייסען ניט אַז איך האָב זיך געטראָפען מיט סענדער'ן ביים באַן אין דערפרי און וואו ער איז געווען דעם גאַנצען טאָג, מיינט עס אַז די פּאָליציי האָט סענדער'ן ניט נאָכגעפאָלגט... דאָס איז גוט צו וויסען", האָט ער געטראַכט ביי זיך. זיין איינדרוק איז געווען אַז די פּאָליציי האָט טאַקע ניט געוואוסט קיין זאַך אויסער דעם אַז סענדער איז אַריינגעפאַרען קיין דייטשלאַנד און געדונגען אַ צימער אין האָטעל „מעטראָפּאָל".

ירמיהו האָט דערצעהלט דעם פּאָליציי־שעף און זיין געהילף וועגען סענדער'ס רייזע קיין גייסלינגען און וואָס ער האָט דאָרט אויסגעפונען.

— איך האָב באַשלאָסען, אַז איך מוז ברענגען מיין שותּף אַהערצו מיר העלפען — האָט ער געזאָגט — עס איז פאַראַן אַן אורזאַכע פאַר מיין האַנדלונג. מיט יעדען טאָג, מיט יעדער שעה, ווערט ביי מיר אַלץ פעסטער די איבערצייגונג אַז שמעון ווייס איז דאָ אַן אומשולדיגער קרבן. איר און איך צוגעהען זיך דאָ זעהר ראַדיקאַל אין אונזערע אָפּשאַצונגען. איך נעם איינזעהן אַז אויך אונזערע וועגען פון פאָרשונג האַלטען זיך ביים פונאַנדער־געהן. איך האָב גאָרניט צו אייך. געהט זיך אַן ווי איר האַלט פאַר נויטיג, אָבער איך האָף אַז איר וועט מיר ניט נעמען פאַר אומגוט פאַר געהן מיט מיין אייגענעם וועג.

— פאָרלויפיג זעה איך ניט אַז אונזערע וועגען זאָלען זיך אַזוי שאַרף פונאַנדערגעהן — האָט דר. וועלינגער באַמערקט.

דער ערשטער שפור...

— עס וועט לאַנג ניט נעמען און איר וועט עס איינזעהן — האָט ירמיהו געזאָגט.

— דר. וועלינגער האָט אים אָנגעקוקט מיט פאַרדאַכט.

— עפּעס באַהאַלט איר אויס פון אונז! — האָט ער אויסגערופען מיט האַרץ — איר רעדט פאַרשטעלט און געהיימניספול.

— ניין, איך רעד ניט פאַרשטעלט — האָט ירמיהו געזאָגט — דאָ געהט איינפאַך און אונזערע אויפפאַסונגען. אָט, צום ביישפּיל, האָב איך זיך פאַרנומען אויף אַ וועג וואָס וועט אייך אַבסאָלוט ניט זיין צום האַרצען, אָבער דער וועג איז אומפאַרמיידליך.

— וואָס איז עס אַזוינס? — האָט וואַלטער קנאַבע אויסגערופען מיט פאַרוואונדערונג.

— די פאַרבינדונג צווישען די ערמאָרדעטע דאָקטוירים. איך זוך דאָרט דעם שליסעל צו דער געהיימניס.

— מיר זוכען עס אויך! — האָט דר. וועלינגער באַמערקט.

— גוט! מיר וועלען באַלד זעהן וויפיל חשק איר וועט אַרויסווייזען דערין — האָט ירמיהו רוהיג ערקלערט — איך האָב אייך פריהער דערצעהלט וואָס סענדער האָט פעסטגעשטעלט אין געיסלינגען רעדענדיג מיט דער אַלמנה און עלטסטען זוהן פון דר. יאָהאַן גרונט. דר. גרונט האָט געדינט אַלס דאָקטאָר אין דעם שוידערליכען קאָנצענטראַציע לאַגער אוישוויץ. מערקט עס אייך! איצט קום איך צו מיין געשפרעך נעכטען מיט דער פרוי פון דאָקטאָר פריץ גאַבלער׳ן. זי האָט מיר פאַרבייגעהענדיג דערצעהלט, אַז ער איז געווען אין בוכענוואַלד. עס האָט זיך ביי איר אַרויסגעכאַפּט אַזוי צופע־ליגערהייט. מיינע הערן! איך לייג דאָ גרויס געוויכט אויף דער אינפאָרמאַציע. לאָמיר זיך פאַרנעמען אויף דעם וועג. געפינט אויס צי דער ערשטער קרבן פון בלויען צייכען, דאָקטאָר זיגפריד ברונער פון רהיין שטראַסע דאָ אין מינכען, צי ער איז אויך געווען פאַרבונדען מיט אַ קאָנצענטראַציע קעמפּ.

דר. וועלינגער און וואַלטער קנאַבע האָבען זיך איבערגעוואָרפען מיט אַ שטוינענדען בליק.

— איר מיינט צו זאָגען, אַז דאָס קען אונז פירען צו אַ לייזונג? — האָט דר. וועלינגער אויגערופען — קאָנצענטראַציע קעמפּס? זאָל עס זיין אַ נקמה אַקציע?

— עס איז מעגליך! פאַרוואָס ניט? — האָט ירמיהו געזאָגט — פאַרלויפיג זעה איך ניט קיין אַנדער אורזאַכע וואָס זאָל געבען אַ לאָגישע אויפקלערונג פון דער געהיימניס.

וועלינגער און קנאַבע האָבען זיך ווידעראַמאָל דורכגעוואָרפען מיט בליקען.

— מענש! איר ווייסט וואָס איר צילט דאָ צו ווייזען? — האָט וועלינגער אויסגערופען — איר גראָבט דאָך דאָ אונטער די אינטערעסען פון אייער קליענט שמעון ווייס! איר שטיצט דאָך דאָ אונזער טעאָריע וועלכע מיר האָבען ביז איצט ניט פאָרמולירט קלאָר און דייטליך, אָבער זי שטעקט אין אונזערע געהירען: אַז די מערדער זענען אידען... איר וועט מיר ענטשולדיגען פאַר מיין ברוטאַלער אָפענהאַרציגקייט... איך קען זיך אָבער ניט העלפען,

ווייל איר האָט דאָך אַרויסגעבראַכט די באַגרינדונג פאַר אונזער טעאָריע. פּאַרוואָס, מיינט איר, לייגט זיך ביי אונז באַלד פון אָנהויב אויפ׳ן שכל אַז שמעון ווייס איז דאָ פאַרמישט? ער איז אַ איד, אַ געליטענער. און ווען ער ווערט געכאַפּט זענען דאָ אנדערע... אַ גאַנצע באַנדע, אַ געהיימע אָרגאַניזאַציע מיט אַ בלויען צייכען, איר „טרעיד־מאַרק" אַזוי צו זאָגען, אָט ווי די שוואַרצע האַנט איז אַ טרעיד־מאַרק פון דער „מאַפיאַ".

ירמיהו האָט געשמייכעלט.

— זעהט איר שוין ווי איך קאָאָפּעריר מיט אייך מעהר ווי איר האָט ערוואַרטעט?! — האָט ער אויסגערופען — וואָס דער צייכען זאָל ניט באַדייטען, ווער די באַנדע זאָל ניט זיין — לאָמיר נאָכפאָלגען מיין טעאָריע: קאָנצענטראַציע קעמפּס! געפינט אויס פאַר מיר אויב אויך דאָקטאָר ברונער איז געווען פאַרבונדען מיט אַ קאָנצענטראַציע קעמפּ אין די צייטען פון היטלער׳ס הערשאַפט.

וועלינגער האָט צוגעוואָרפען אַ פרעגענדען בליק צו זיין געהילף וואָלטער און ירמיהו האָט באַמערקט ווי יענער טוט אַ שאָקעל מיט׳ן קאָפּ אין צושטימונג.

— אויב אַזוי, הער אַלמוג, וועלען מיר אייך איצט עפּעס ווייזען וואָס וועט אייך זעהר שטאַרק אינטערעסירען! — האָט דר. וועלינגער אויסגערופען — עס וועט אויך באַשטעטיגען אייער טעאָריע.

ער האָט גענומען זוכען צווישען די פּאַפּקעס אויפ׳ן דעסק, אַרויסגעשלעפּט איינע, זי צעעפענט און גענישטערט אין די פּאַפּירען ביז ער האָט געפונען דאָס וואָס ער האָט געזוכט.

— דאָ האָט איר עס! — האָט ער דערלאַנגט ירמיהו׳ן אַ בויגען פּאַפּיר — אַ באַריכט פון דער פּאָליציי אין וויסבאַדען — מיר האָבען עס שוין באַלד דריי וואָכען. אויף אונזער פאַרלאַנג האָט די פּאָליציי אין וויסבאַדען אויסגעפאָרשט די פאַרגאַנגענהייט פון דאָקטאָר זיגפריד ברונער. איר געדענקט דאָך אַוודאַי אַז ער האָט געלעבט דאָ אין מינכען זינט 1948, אָבער ער שטאַמט פון וויסבאַדען. זיינע קינדער לעבען דאָרט. אָט האָט איר דאָ אונטערשטראָכען מיט אַ רויטען בלייפעדער. דאָקטאָר ברונער האָט אין די יאָרען 1942 ביז 1944, כמעט ביז׳ן ענדע קריג, פאַרבראַכט אין אוישוויץ אַלס אַרצט מיט׳ן ראַנג פון אַ מאַיאָר־גענעראַל.

ירמיהו האָט גענומען דעם פּאַפּיר און אים שנעל דורכגעלייענט. פאַר אים איז איצט געווען קלאָר, אַז זיין פאַרגעפיהל האָט זיך ניט נאַר

באַשטעטיגט, נאָר אַז ער געפינט זיך אויף׳ן ריכטיגען וועג וואָס פירט צו דער לייזונג פון דער געהיימניס. ער האָט אָבער ניט געאָהנט וואוהין דער וועג קען אים פאַרפירען.

— און איר האָט געוואוסט דערפון די גאַנצע צייט און עס מיר ניט געזאָגט? — האָט ער געפרעגט צוריקקערענדיג דעם דאָקומענט צום פּאָליציי שעף.

— מיר האָבען ניט געהאַלטען די איינצעלהייטען אַלס וויכטיגע. מיר האָבען ניט געלייגט צופיל אַכט דערויף — האָט דר. וועלינגער געזאָגט — ערשט איצט, ווען איר האָט געצויגען אונזער אויפמערקזאַמקייט צום פאַקט אַז אויך די אַנדערע צוויי קרבנות פון „בלויען צייכען" זענען געווען פאַרבונדען מיט קאָנצענטראַציע לאַגערן, האָט עס געגומען ווערען וויכטיג.

— און איר אַליין האָט גאָרניט געטראַכט די גאַנצע צייט נאָכצופאָרשען אָט דעם שפּור? — האָט ירמיהו געפרעגט.

דר. וועלינגער האָט אַ צוק געטאָן מיט די אַקסלען אָבער ירמיהו האָט געהאַט דעם געפיהל אַז ער דרעהט זיך אויס פון געבען אַ גראַדען, אָפענעם ענטפער.

— איר ווייסט וואָס דאָס מיינט אויב מיר וועלען דערמיט אַרויסקומען אין דער עפענטליכקייט? — האָט קנאַבע געפרעגט.

— איך האַלט, אַז עס איז ניט ראַטזאַם דאָס צו פאַרעפענטליכען — האָט דר. וועלינגער געזאָגט — דאָס דאַרף נאָר בלייבען אונזער שפּור נאָכצופאָלגען. מיר וועלען עס אויפנעמען ביי דער באַראַטונג וואָס דאַרף באַלד פאַרקומען. הער אַלמוג, איך לאַד אייך איין צו דער באַראַטונג. נאָך אַלעמען האָט איר ענטפּלעקט אַ וויכטיגען שפּור.

ירמיהו האָט געהאַט דעם געפיהל אַז דר. וועלינגער׳ס שטימע קלינגט עטוואָס איראָניש. ער האָט אָבער ניט געלייגט צופיל אַכט דערויף. זיין מוח איז איצט געווען באַשעפטיגט מיט דער אינפאָרמאַציע וואָס האָט באַשטעטיגט זיין פאָרגעפיל. און טראָץ דער לאַגישער ווארנונג פון פּאָליציי שעף אַז די נייע טעאָריע זיינע שאַדט דעם אינטערעס פון זיין קליענט שמעון ווייס, האָט דער דעטעקטיוו ניט געפיהלט קיין אומרו דעריבער. טיף אין זיין האַרץ האָט געלעבט די פעסטע איבערצייגונג אַז שמעון איז אומשולדיג און עס האָט אויסגעזעהן אַז קיין שום זאַך איז ניט אימשטאַנד צו צוטרייסלען אָט די איבערצייגונג.

דער צייכען פון נקמה

אין לאַנגען קאָנפערענץ צימער אויפ׳ן צווייטען שטאָק זענען די פּאַרטיערען איבער די פענסטער געווען פאַרצויגען און אין צימער האָבען געברענט אַלע קאָנדעלאַבּרעס. דער לאַנגער טיש באַדעקט מיט ברוינעם לעדער, איז געווען נעט צוגעגרייט פאַר דער קאָנפערענץ. פאַר יעדען שטול אויפ׳ן טיש איז געלעגען אַ פּעקעל ווייסע פּאַפּיר, אַ פאַרשניצטער בלייפעדער און עס איז געשטאַנען אַ גלעזערנער קרוג מיט עפּעל־זאַפט, אַ גלאָז און אַ גרויסע, קרישטאַלענע אַש־קעסטעל.

ווען דר. וועלינגער איז אין דער באַגלייטונג פון זיין געהילף וואַלטער קנאַבּע און ירמיהו׳ן אַריין אין צימער, זענען שוין דאָרט געווען פאַרזאַמעלט 13 מענער. אַלע האָבען זיך אויפגעשטעלט ביים ערשיינען פון פּאָליצײ־שעף. דער זייגער אויף דער וואַנט האָט געוויזען גענוי האַלב נאָך צען.

— מיר זענען פּינקטליך — האָט דר. וועלינגער אויסגערופען — ביטע זעצט זיך מיינע הערן! איך וויל פאָרשטעלען פאַר אייך דעם באַרימטען דעטעקטיוו פון תל־אביב, הער ירמיהו אַלמוג. ער איז אָנגעשטעלט געוואָרען פון דער כלה פון דעם פאַרדעכטיגטען שמעון ווייס. כ׳האָב אים געלאַדען צו אונזער קאָנפערענץ ווייל ער האָט אַן אינטערעסאַנטע טעאָריע וועגען וועלכער עס איז כדאי זיך צו באַראַטען.

דר. וועלינגער האָט דאָן פאָרגעשטעלט פאַר ירמיהו׳ן יעדען פון די דרייצען אנוועזענדע אָנגעבענדיג יעדעמ׳ס נאָמען און אָפיציעלען טיטול. ירמיהו האָט באַמערקט, אַז נאָר פיר פון די אנוועזענדע האָבען ניט געהאַט דעם טיטול „דאָקטאָר״.

וועלינגער האָט באַריכטעט וועגען די לעצטע שריט וואָס ער האָ גענומען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פאָרשונג. דאַן האָט ער דערצעהלט וועגען דער טעאָריע וועלכע ירמיהו האָט ענטוויקעלט. נעמליך: אַז דער פאַקט וואָס אַלע דריי ערמאָרדעטע דאָקטוירים האָבען געדינט אין קאָנצענטראַציע קעמפּס דאַרף גענומען ווערן אין אַכט אַלס אַ מעגליכע פאַרבינדונג צווישען אַלע דריי מאָרדען.

ווען וועלינגער האָט פאַרענדיגט און געפרעגט ווער עס האָט עפּעס צו זאָגען — האָט דר. ברונאָ קרייזלער אָנגעדייטעט, אַז ער וויל רעדען. דר. קרייזלער איז געווען דער הויפּט פון דער אָפּטיילונג פון פינגער אָפּדרוקען פון דער געהיים פּאָליציי. ער איז אויך געווען פאַררעכענט אַלס עקספּערט פון געהיים־שריפטען ווי ירמיהו האָט זיך שפּעטער דערוואוסט.

אין צייט פון קריג האָט דר. קרייזלער געדינט אין דער דייטשער אַרמיי שפּיאָנאַזש אָפּטיילונג פאַר „קאָוד" (געהיימע שריפט).

— די טעאָריע פון הער אַלמוג איז זעהר אַן אינטערעסאַנטע — האָט ער געזאָגט — איך נעם זיך אָן מיט מוט צו ערקלערען אַז מיר דאַרפען די טעאָריע אָננעמען אַלס פונדאַמענט אויף וועלכען אונזער אויספאָרשונג דאַרף זיך אָצינד פאַרנעמען; איך זאָג עס מיט דער טיפסטער איבערצייגונג ווייל מר. אַלמוג׳ס טעאָריע שטימט מיט מיין ענטדעקונג וועלכער איך האָב געמאַכט די פאַרגאַנגענע נאַכט.

אַלע אנוועזענדע האָבען זיך אָנגעשפּיצט. דר. קרייזלער איז געווען אַ הויכער, דיקער פאַרשוין, מיט שיטערע האָר, נעט צוגעקעמט מיט פּאָמאַדע ווי צוגעקלעפּט צום שאַרבען. ער האָט גערעדט מיט אַ מעסיגקייט, אונטער־שטרייכענדיג יעדן וואָרט וואָס האָט צוגעגעבען זיינע רייד אַ וואַגיגקייט.

— זינט דעם מאָרד פון דאָקטאָר ברונער, דעם 24טען פעברואַר, האָב איך שטודירט דעם געהיימען בלויען צייכען, וועלכען דער מערדער האָט אָפּגע־שטעמפּעלט אויפ׳ן שטערן פון זיין קרבן — האָט דר. קרייזלער פאָרטגעזעצט — ווען דער זעלבער אָפּדרוק איז געפונען געוואָרען אויף די אַנדרע צוויי אומגעקומענע, האָב איך גענומען זוכען די מעגליכע אָנדייטונג פון צייכען. עס איז געווען קלאָר פאַר מיר אַז די דריי פּאַסיקלעך אין קרייז האָבען אַ באַדייטונג. די פראַגע איז געווען: פאַרוואָס באַנוצען דער מערדער אָדער די מערדערס דעם צייכען?

עס האָט זיך דאָ געבעטען איין לאָגישער ענטפער. מיר ווייסען אַז דער מערדער אָדער די מערדער האָבען ניט גע׳הרג׳עט דעם קרבן פאַר רויב־צוועקען. מיר ווייסען אַז אין פאַל פון דר. ברונער און אויך דר. גרונט זענען געווען ווערטפולע זאַכען צו ראַבירען, אַ גאָלדענער זייגער אויסגעזעצט מיט דימענטען, צירונג, קעש, און אַ היבשע סומע דערצו. אָבער די האַנט וואָס האָט געמאָרדעט האָט זיך ניט אויסגעשטרעקט נאָכ׳ן רויב. די האַנט האָט נאָר אָפּגעשטעמפּעלט דעם געהיימען צייכען. וואָס קען עס באַדייטען? מיינע הערן, עס קען באַדייטען נאָר איין זאַך: נקמה.

און דאָס האָט מיר געפירט צום צווייטען שריט: ווער נעמט נקמה: מיר האָבען פאַרלויפיג נאָר איין פאַרדעכטיגטען: שמעון ווייס, אַ איד. אַ ישראלי. איך האָב געווענדעט מיין פאָרשונג אין דער ריכטונג און נעכטען ביינאַכט, נאָך צענדליגער שטונדען פון שטודירען, פאָרשען און קאָמבינירען, איז פאַר מיר פּלוצים קלאָר געוואָרען די געהיימע באַדייטונג פון צייכען.

— באַטראַכט גוט דעם צייכען! — האָט ער אויסגערופען — זעהט וואָס איך טו: איך צורייס דעם בויגען אין צוויי טיילען. דערמיט צורייס איך דעם צייכען. איר, מיינע הערן, וועט עס ניט פאַרשטעהן, אָבער איך גלויב, אַז הער אַלמוג וועט עס יאָ פאַרשטעהן, ווייל ער קען העברעאיש. איך האָב דאָ צוויי בוכשטאַבען פון וועלכע דער געהיימער צייכען באַשטעהט. וואָס זעהט איר, הער אַלמוג?

ירמיהו האָט באַטראַכט די צוויי טיילען פון בויגען. דער געהיימער צייכען איז געווען געשפּאַלטען און האָט אויסגעזעהן ווי פאָלגענד:



— איך גלויב אַז עס זעהט אויס ווי אַן „אַלף" מיט אַ „נון" — האָט ירמיהו געזאָגט.

— אַבסאָלוט ריכטיג! אַן „אַלף" און אַ „נון". אַלץ וואָס מען דאַרף טאָן איז אַוועקשטעלען אַ פּינטעלע נאָך יעדען בוכשטאַב און עס וואָלט געוואָרען נאָך קלאָרער.

דר. קרייזלער האָט אָנגעצייכענט אויף אַ בויגען פּאַפּיר עטליכע ליניעס און עס אויפגעהויבען פאַר אַלעמען צו זעהן:



— אָט האָט איר עס: „אַלף"-„נון". און לויט מיין מיינונג באַדייט עס „אל נקמות" — גאָט פון ראַכע, גאָט פון נקמה!

אַלע אנוועזענדע האָבען געווענדעט פרעגענדע בליקען צו ירמיהו׳ן. דער ישראל דעטעקטיוו האָט צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

— עס איז אַ טעאָריע וואָס לייגט זיך אויפ׳ן שכל! — האָט ער אויס־גערופען — איך ווייס ניט צי זי איז אַ ריכטיגע, אָבער זי איז אָנגעמבאַר. ווי לאַנג איך האָב ניט קיין בעסערע אויפקלערונג פאַר דעם צייכען מוז איך איינשטימען מיט דר. קרייזלער׳ס אויספיר...

די „אידען פראַגע"...

דר. וועלינגער איז געווען שטאַרק איבערראַשט, צוגלייך מיט אַלע אַנדערע אנוועזענדע, פון דר. ברונאָ קרייזלער׳ס ענטדעקונג. אָבער ניט ווייניגער איבערראַשט איז ער געווען פון פאַקט וואָס דער דעטעקטיוו פון ישראל האָט צוגעשטימט צו אַנערקענען דר. קרייזלער׳ס אויסטייטשונג פון געהיימען צייכען.

נאָך דער קאָנפערענץ האָט דר. וועלינגער איינגעלאַדען ירמיהו׳ן צו געהן מיט אים עסען לאַנטש. ער האָט אויך געבעטען דר. קרייזלער׳ן ער זאָל זיך אַנשליסען. וואַלטער קנאַבע איז אויך מיטגעגאַנגען, ווייל דער פּאָליציי־שעף האָט זיך ניט געריהרט אָהן זיין געהילף ביי דער זייט.

— איך מוז אייך אויסדריקען אַנקענונג פאַר אייער בראַווער שטעלונג — האָט וועלינגער געזאָגט צו ירמיהו׳ן נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך געזעצטביים טיש אין אַ שטילען זייטיגען צימער פון דעם „ווייסען הירש".

— מיט וואָס בין איך דען געווען בראַוו? — האָט ירמיהו געפרעגט.

— מיט אייער שנעלער צושטימונג צו דר. קרייזלער׳ס אויסטייטשונג פון בלויען צייכען — האָט וועלינגער אויפגעקלערט — איר האָט דערמיט אַנערקענט, ערשטענס, אַז אידען האָבען צו טאָן מיט די צוויי מאָרדען; צווייטענס האָט איר באַשווערט די לאַגע פון אייער קליענט וועמען איר דאַרפט העלפען. אָט דערפאַר זאָג איך אַז איר האָט גענומען אַ בראַווע שטעלונג, אַ טאָפּעלט־בראַווע...

דער קעלנער איז צוגעקומען צום טיש און אַוועקגעשטעלט פיר גרויסע, שוימיגע ביר־קרוגען פון ברוינער פאָרצעליי, יעדער באַצירט מיט אַ ווייסען הירש מיט אַ קרוין אויף די הערנער. ווען דער קעלנער איז אַוועק האָט ירמיהו געזאָגט:

— איך זעה דאָ ניט קיין בראַווקייט אין מיין האַנדלונג, דר. וועלינגער. איך בין פון בארוף אַ דעטעקטיוו. איך האָב אַ דזשאָב צו ערפילען. איך בין נישט קיין אַדוואָקאַט. אַן אַדוואָקאַט האָט אויך אַ דזשאָב, אָבער זיינער איז

ריינצוואַשען זיין קליענט פאַר יעדען פרייז, מיט אַלע מיטלען. אַ דעטעקטיוו׳ס דזשאָב איז צו לייזען די געהיימניס מיט אַלע מיטלען, אָבער נאָר כדי צו אַנטפלעקען דעם אמת. אויב דער אמת איז שענדליך פאַר מיין קליענט איז עס שלעכט פאַר׳ן קליענט, און איך גיב דאַן איבער דעם דזשאָב פון העלפען דעם קליענט צו אַן אַדוואָקאַט. פאַרלויפיג אָבער האַלטען מיר נאָך ניט דערביי. פאַרלויפיג זוכען מיר נאָך אַלץ דעם אמת, די פאַקטען, דעם מיטעל אַראָפצורייסען דעם שלייער פון דער געהיימניס. אויב דר. קרייזלער ענטפלעקט אַ טעאָריע וואָס קען צוהעלפען דערין — שטים איך איין מיט אים. פאַרוואָס ניט? עס איז אָבער נאָך ניט זיכער צי זיין טעאָריע איז טאַקע אַ פאַקט. עס קען נאָר זיין אַ צופאַל וואָס די פאַסיקלעך זעהען אויס ווי צוויי בוכשטאַבען. אַלענפאַלס, ניט האָבענדיג קיין בעסערע טעאָריע פון דר. קרייזלער׳ס נעם איך אַן זיינע. און וואָס אַנבאַלאַנגט דער „אידען פראַגע״ אין דער זאַך — אויב עס וועט זיך טאַקע אַרויסשטעלען אַז די מערדער זענען אידען וועל איך עס אויך מוזען אנערקענען. איך בין אָבער נאָך אַלץ איבערצייגט אַז מיין קליענט איז אומשולדיג. אויב איך וועל אויסגעפינען אַז ער איז שולדיג וועל איך זיין דער ערשטער צו אַנערקענען דעם פאַקט און אייך מעלדען דערפון, גלויבט עס מיר.

דר. קרייזלער האָט צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפ.

— אייערע רייד פאַרמאָגען לאָגיק און חכמה. אַזוי דאַרף זיין די אויפ־פאַסונג פון אַ דעטעקטיוו. פונדעסטוועגען בין איך איינשטימיג מיט דר. וועלינגער׳ן אַז איר זענט געווען בראַוו ווען איר האָט, אָהן קווענקלענישען, מאָמענטאַל צוגעשטימט צו אנערקענען מיין טעאָריע כאָטש עס וואַרפט די שולד אויף אידען.

ירמיהו האָט זיך באַמיהט צו אונטערדריקען דעם שמייכעל וואָס האָט זיך געגנומען שלענגלען אין די ווינקלען פון זיין מויל.

— אַ דאַנק אייך פאַר׳ן קאָמפלימענט, דר. קרייזלער, און אויך אייך דר. וועלינגער. איר פאַרגעסט אָבער אַז מען דאַרף ניט זיין בראַוו צו נעמען אַזאַ שטעלונג. לאָמיר אָננעמען אַז די מערדער פון די דריי דאָקטוירים זענען טאַקע אידען, וואָס פאַר אַ ווערט מ׳שטיינס געזאָגט האָט זייער פאַרברעכען אין פאַרגלייך מיט די פאַרברעכענס וואָס זענען באַגאַנגען געוואָרען אין די קאָנצענטראַציע לאַגערען פון אוישוויץ, בוכענוואַלד און אַנדערע? און אויב עס וועט זיך טאַקע אַרויסשטעלען אַז דער בלויער צייכען מיינט נקמה — דאַרפען די מאָרדען פון די דריי דאָקטוירים גיכער ערוועקען אַ געפיהל

פון שאַנדע ביי אַ דייטש איידער ביי אַ אידען. אָבער, מיינע הערן, לאָמיר זיך ניט אַריינלאָזען אין פילאָזאָפיעס. לאָמיר צוטרעטען צו תכלית. איך בין צופרידען וואָס מיר האָבען די געלעגענהייט די זאַך דורכצושמוסען. מיר מוזען איצט פעסטשטעלען עפּעס וואָס אָהן דעם קען אונזער אויספאָרשונג ניט מאַכען קיין פאָרשריט.

די רייד פון ירמיהו׳ן האָבען קענטיג טיף געטראָפען זיינע דריי צוהערער. זיי זענען געזעסען מיט ערנסטע פּנים׳ער, זייערע בליקען באַגראָבען אין די טעלערס פאַר זיי. ווען ירמיהו האָט דערמאָנט תכלית האָט וועלינגער דער ערשטער זיך אויפגעמונטערט און געווענדעט זיין בליק צום דעטעקטיוו.

— וואָס ווילט איר פעסטשטעלען ? — האָט ער געפרעגט.

— מיר מוזען פעסטשטעלען גענוי די פאַרבינדונג פון די דריי ערמאָר־דעטע מיט די קאָנצענטראַציע לאַגערן וואו זיי האָבען געדינט — האָט ירמיהו געזאָגט — מען מוז געפינען זייערע רעקאָרדס אויסצוגעפינען פאַרוואָס די מערדער האָבען זיי אויסגעקליבען אַלס צילען פאַר נקמה.

דער קעלנער האָט צוגעבראַכט טעלער מיט הייסע זופּ. ביי זיין ערשיינען איז דער דעטעקטיוו געבליבען שטיל, אָבער אַזוי שנעל ווי ער איז אַוועק, האָט ער פאָרגעזעצט :

— איך קען עס ניט פאָרשען. איר קענט מאַכען אַ בעסערען דזשאָב און עס וועט אייך אָנקמען גרינגער — האָט ער געזאָגט — וויל איך אייך אָבער בעטען עפּעס, און נעמט מיר ניט פאַר אומגוט דאָס וואָס איך וויל אייך זאָגען.

— איר קענט רעדען אָפענהאַרציג !

— וואָס איך וויל אייך זאָגען איז פאָלגענדעס — האָט ירמיהו פאָרט־געזעצט — ווען איר פאָרשט די פאַרגאַנגענהייט פון די דאָקטוירים ברונער, גאַבלער און גרונט — זוכט אַלע מעגליכע פאַרבינדונגען, איך מיין אַלץ וואָס האָט אַ פאַרבינדונג אויך מיט ניט־אידען. ווייל איך האָב מורא אַז די טעאָריע פון דר. קרייזלער׳ן קען אייך אַמאָל באַשרענקען צו די אידישע בוכשטאַבען און ממילא צו זוכען אויסשליסליך אַן „אידישען ענטפער״... דעריבער ציה איך אייער אויפמערקזאַמקייט דערצו אַז אין דער פאָרשונג זאָלט איר ניט פאַרקוקען קיין ווינקעלע, קיין מינדסטען שפּור, וואָס קען אַמאָל זיין פאַרבונ־דען מיט ניט אידען. די נאַציס האָבען געזינדיגט, ניט נאָר געגען אונז אידען, נאָר אויך געגען אַנדערע פעלקער... האָט עס אין זינען !... נו, איך זעה אַז די זופּ ווערט קאַלט. אַ שאָד ! עס זעהט אויס צו זיין אַ גוטע זופּ. מיינע הערן ! לאָמיר זיך נעמען צום עסען. גוטען אַפּעטיט !...

מיט אַ געזונטען קאָפּ אין אַ קראַנקען בעט

סענדער איז געשלאָפען שפּעט יענעם פרימאָרגען.

אַרום האַלב נאָך זיבען האָט ירמיהו געהאַט אָנגעקלאַפּט אין טיר פון זיין צימער. אים אויפגעוועקט, און זיי האָבען פאַרבראַכט אַרום צען מינוט צייט אַרומריידענדיג דעם פּלאַן פון סענדער׳ס טעטיגקייטען יענעם טאָג. דאַן איז ירמיהו אַוועק און סענדער האָט פאַרשלאָסען די טיר, צוריק אַריין אין בעט און איז שנעל צוריק איינגעשלאָפען.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט איז שוין געווען נאָך צען. דער יונג האָט זיך אַרומגעוואַשען, אָפּראַזירט און פאַרקעמט די האָר, פּירענדיג פאָרזיכטיג מיט׳ן קעמעלע דאָרט וואו ער האָט נעכטען געהאַט דעם בייל. דער פלאַץ האָט ביים באַרירען זיך געלאָזט פיהלען רויה און אַ קליינער קנויל פון מיט בלוט פאַרבאַקטע האָר האָט עדות געזאָגט אַז דער נעכטיגער קלאַפּ איז ניט געווען קיין בייזער חלום.

טראָץ דעם וואָס סענדער האָט ניט געהאַט קיין חשק צו זעהן אַ דאָקטאָר, האָט ער אָבער געהאַט צוגעזאָגט ירמיהו׳ן עס צו טאָן און ער האָט באַשלאָסען צו האַלטען וואָרט. ער האָט זיך שנעל אָנגעטאָן, אַרויס אין גאַס איבערכאַפּען אַ לייכטען פרישטיק און דאַן גענומען אַ טעקסי און צוגעפאָרען צו דער נאָהענטסטער שפּיטאָל קליניק.

אין אַ שעה אַרום האָט דער דאָקטאָר אים אָנגעזאָגט דאָס וואָס ער האָט געהאָפּט צו הערען, אַז זיין שאַרבען איז גאַנץ, ניט געשפּאָלטען „פון קלאַפּ ביים אומפאַלען ווען ער האָט זיך אויסגעגליטשט...״

„סענדערקע! האָסט אַ קאָפּ פון אייזען! ניט אַזוי לייכט קען מען אים שפּאַלטען!״, האָט ער געטראַכט גערענדיג אַ צופרידינער פון שפּיטאָל אין דער ריכטונג פון האָטעל. ער האָט באַשלאָסען דורכמאַכען דעם וועג צופוס, ווייל ער האָט געפיהלט אַז ער נויטיגט זיך אין אַביסעל פיזישע איבונגען.

דער טאָג איז געווען אַ כמורער און אַ קאַלטער. נאָך דעם ביינאַכטיגען רעגען געמישט מיט שניי זענען די גאַסען געווען נאַס און ערטערווייז האָט אַ שיכט פון אייז צוגעדעקט דעם אַספאַלט פון ברוק און דעם טראָטואַר. עס האָט געבלאָזען אַ קאַלטער ווינט און סענדער האָט געשפּרייזט אַטעמענדיג מיט אַ פולער ברוסט און פיהלענדיג דעם שפּרודעלדיגען כוח אין אַלע גלידער.

ער האָט געהאַט צייט. זיין פּלאַן, וועלכען ער האָט אויסגעאַרבעט מיט ירמיהו׳ן, איז געווען אָפּצורופען די הויז אויף דער צעפּעלין שטראַסע אַרום

איינס בייטאָג. נאָכט לאָקאַל זינגעריינס שלאָפן געוועהנליך שפּעט און זייער פרימאָרגען פאַנגט זיך אָן נאָכמיטאָג.

מענשען אין גאַס האָבען נאָכגעקוקט סענדער׳ן. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ טונקעל גרויען אַנצוג, אַ העל גרויען מאַנטעל מיט אַ הוט פון זעלבען קאָליר. זיין ברייטפּלייציגע אַטלעטישע פיגור איז געווען גלייך ווי אַ סאָלידער קוואַדראַט פון גראַניט, אָבער ניט דאָס אַליין האָט געצויגען די אויפמערק־זאַמקייט צו אים. עס איז געווען דער ברוינער כמעט בראָנז־קאָליר פון זיין געזיכט וואָס האָט זיך געוואָרפען אין די אויגען. אין מינכען, אין מיטען מאַנאַט מערץ, נאָך אַ קאַלטען, בייזען ווינטער, זענען די מענשען געווען בלאַס, אויסגעווייסט פון שניי. סענדער האָט אויסגעזעהן גלייך ווי ער זאָל נאָר וואָס האָבען אַראָפּ פון אַ זוניגער בראָט־פאַן, דורכגעבאַקען פון די זון־שטראַלען. עס האָט געהויכט פון אים מיט קראַפט.

עס איז געווען אַ פערטעל נאָך איינס ווען ער האָט דערגרייכט צו דער בייער שטראַסע וואו דער האָטעל האָט זיך געפונען. ער איז אָבער ניט אַרויף צו זיך אין צימער. ער איז אַריין אין אַ טעלעפאָן בודקע אין לאבי פון האָטעל און אָנגעדרעהט דעם נומער וועלכען פריילין מארטא האָפשטאַט האָט אים געגעבען.

דער טעלעפאָן האָט געקלונגען פיר מאָל איידער עמיצער האָט אויפ־געהויבען די טרייבעל. אַ פרויען שטימע האָט אַרויסגעזונגען „האַלאָו״ — אַ שטימע אומבאַקאַנט צו סענדער׳ן.

— פריילין מאַרטאַ האָפשטאַט ? איין מאָמענט, ביטע וואַרטען זי !

אַ ווייַלע האָט געהערשט אַ שטילקייט. סענדער האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען פון שמייכלען ביים געדאַנק וואָס איז אים געקומען אין זינען. „דער רענטגען האָט געוויזען אַז דער קאָפּ איז גאַנץ, איצט קריך איך מיט אַ געזונטען קאָפּ אין אַ קראַנקער בעט״.

ער האָט דערהערט שנעלע דריבנע טריט, דאָס קלאַפּען פון אָפּצאַסען איבער אַ האַרטען פלאָר. עמיצער האָט גענומען דעם טעלעפאָן טרייבעל.

— דאָ רעדט מאַרטאַ האָפשטאַט. ווער רעדט ?

— גריס גאָט ! — האָט סענדער אויסגערופען — דאָ רעדט הער פּאָלאַני ! אייער מיט־רייזענדער אין באַן פון מילאַן.

— אַך, הער פּאָלאַני ! ווי פיין פון אייך וואָס איר האָט ניט פאַרגעסען אָפּצורופען ! ווי געהט עס אייך ?

איר שטימע איז געווען אַ וואַרימע און פריינטליכע. ער וואָלט געשוואוירען אַז זי איז אויפריכטיג צופרידען וואָס ער רופט זי.

— מיר געהט עס גוט! אַ דאַנק! וואָס מאַכט איר? ווי פיהלט זיך עס עפּעס צוריקקערען אַהיים נאָך אַ לענגערער אַבוועזענהייט?

— וואונדערבאַר! וואַונדערבאר! ווי לאַנג רעכענט איר נאָך פאַרבלייבען אין מינכען? עס איז אַזוי ליב פון אייער זייט ניט צו פאַרגעסען אָפּצורופען. איך האָב געמיינט, אַז איר וועט שנעל פאַרגעסען אַ באַגעגעניש אין באַן...

„די כאַלערטשיסקא, זי ציהט מיך ביי דער צונג, די מכשפה!" האָט סענדער געטראַכט. ער האָט אַרויסגעפיהלט פון איהרע רייד, הויפּטזעכליך פון דעם טאָן פון איר שטימע, אַז זי רעגט אים אָן, ערמוטיגט אים צו אַ נעהנטערער קאָנטשאַפט.

— אָך, ווי קענט איר עס זאָגען, פריילין האַפּשטאַט? ווי קען מען פאַרגעסען אַזאַ שעהנע פרוי ווי איר זענט?

— יאָ, יאָ! אַלע מענער זענען אַזוי... קאָמפּלימענטען... אָבער איך בין ווירקליך צופרידען וואָס איר האָט אָפּגערופען צו זאָגען האַלאָ.

— איך בין צופרידען וואָס איך האָב אייך געפונען אין הויז... איך האָף אַז איידער איך וועל צוריקפאָרען וועלען מיר האָבען אַ געלעגענהייט זיך צו זעהן, פריילין האַפּשטאַט.

— מיט פאַרגעניגען... איך האָב אייך דאָך געגעבען מיין טעלעפאָן נומער צו רופען... ווען פאָרט איר אַוועק?

— אה, נאָך ניט היינט. איך וואָלט אָבער ניט געוואָלט וואַרטען ביז'ן טאָג ווען איך זאָל קומען זיך געזעגענען. ווען קענען מיר זיך זעהן?

— ווען האָט איר צייט?

— אפילו שוין.

ער האָט דערפיהלט אַז זי דענקט נאָך. אַ ווייַלע האָט געהערשט שטילקייט.

— קענט איר קומען אַרום פינף פאַרנאַכט? „פייף אָקלאָק", איר ווייסט דאָך, ווי ביי די ענגלענדער... טרינקען אַ טיי און פאַרברענגען אין אַ געמיטליכען שמועס.

— פינף איז זעהר גוט פאַר מיר!

— איך וועל וואַרטען מיט אומגעדולד, הער פאָלאַני! — האָט זי אַרויסגעשעפּטשעט.

— אויך איך! האָט ער צוריקגעשעפּטשעט.

אין אַנדערע אומשטענדען וואָלט דער טאָן פון איר שטימע אָנגעפילט זיין קערפּער מיט דער זיסער נאָענטיש פון שפּאַנונג, פון ערוואַרטונג. ער האָט אָבער געוואוסט אַז ער דאַרף שטעהן אויף דער וואַך.

„מיט אַ געזונטען קאָפּ אין אַ קראַנקער בעט", האָט ער געטראַכט אויפהערענדיג די טרייבעל פון טעלעפאָן. ער איז געבליבען זיצען אין טעלעפאָן ביידעל נאָכטראַכטענדיג וואָס ער זאָל טאָן די קומענדע דריי מיט אַ האַלבע שטונדען. ער האָט אויך געדאַרפט איבערלאָזען אַ צעטעלע פאַר ירמיהו'ן פאַר'ן געהן צו מאַרטאַ'ן. ער און ירמיהו האָבען זיך אָפּגערעדט ווי אַזוי זיי וועלען זיך קאָמוניקירען. זיי האָבען ניט געטרויט דעם האָטעל קלוירק און אויך ניט געטרויט איבערצולאָזען אַ צעטעלע אין צימער. זייער מיטעל פון קאָמאָניקאַציע איז געווען אַן אָריגינעלער: אַ באַהעלטעניש הינטער'ן וואַש־בעקן אין מענערישען באַדע־צימער אין קאָרידאָר אויפ'ן צווייטען שטאָק פון האָטעל.

סענדער האָט שוין געוואָלט אויפשטעהן און עפענען די טיר פון טעלעפאָן ביידעל, ווען עמיצער איז אַריין אין שכנות'דיגען ביידעל און עס האָט זיך דערהערט דער קלונג פון דער אַריינגעפאַלענער מטבע אין אַפּאַראַט. סענדער האָט געהערט דעם טרוקענעם קרעכץ פון טעלעפאָן רעדל. ער האָט ניט געלייגט קיין אַכט דערויף און זיך אויפגעשטעלט, געעפענט די טיר און פלוצים איז ער געבליבען שטעהן פאַרגליווערט. זיין קערפּער איז געווען שטייף, אַלע חושים אָנגעשפּיצט.

אַן אומבאַקאַנטע, הייזעריגליכע מענערשע שטימע האָט אויסגערופען זיין נאָמען. סענדער האָט זיך קוים צוגעגלויבט זיינע אויערן ווען ער האָט דערהערט:

— האַלאָו! איך וויל רעדען מיט הער פּאַלאַני!

סענדער האָט זיך צוריקגעזעצט אין ביידעל און צוגעמאַכט די טיר. אַ ווײַלע איז געווען שטיל. דאַן האָט די מענערשע שטימע אין שכנות'דיגען ביידעל אויסגערופען:

— פּילייכט געפינט ער זיך אין לאבי (וואַרטעזאַל)? אפשר קענט איר אים „פּעידזשען" (אנאנסירען)?

סענדער האָט דערהערט ווי די לאודספּיקערס אין וואַרטזאַל נעמען רופען זיין נאָמען: „הער פּאַליני, טעלעפאָן! הער פּאַלאַני, טעלעפאָן!"

די טיר פון שכנות'דיגען ביידעל האָט זיך געעפענט און דער מאַן איז אַרויס אין וואַרטזאַל, געבליבען שטעהן צוויי טריט פון ביידעל מיט'ן פּנים

געווענדעט צום ווייטען באַלויכטענעם ווינקעל וואו עס האָבען זיך געפונען די לאבי טעלעפאָנען פון האָטעל.

סענדער האָט ניט געקענט זעהן דעם מאַנ׳ס געזיכט. באַלד האָט יענער צוריקגעקערט איןביידעל, האָט געוואָרט אַ ווײַלע, האָט געזאָגט „דאנקען!״ און אויפגעהאָנגען דאָס טרייבעל.

ווען דער מאַן איז איצט ערשינען פון ביידעל אַרויס, האָט סענדער אים זעהר קלאָר געזעהן. דער מאַן איז געווען פון מיטעלען וואוקס, אַרום עטליכע און צוואַנציג יאָר אַלט, אָנגעטאָן אין אַ „טרענטש קאָוט״ — אַ סאָרט דיקער רעגען־מאַנטעל מיט אַ פּאַס, אָהן אַ היטעל. זיינע האָר זענען געווען פון אַש־בלאָנדען קאָליר און די קיהן־באַקען האָבען אַרויסגעשטאַרצט ווי אַ טעמפּער־פּיר־עק, צוגעבענדיג זיין געזיכט אַן אויסדרוק פון שטאַרקייט און עקשנות.

דער מאַן האָט געהאַלטען ביידע הענט פאַרשטעקט טיף אין די קעשענעס פון זיין רעגען־מאַנטעל. סענדער האָט געזעהן ווי ער שפּאַצירט דורך דער לאבי, זעצט זיך אַוועק אין איינעם פון די טיפע פאָטעלען און לעהנט זיך אָפּ אויסשטרעקענדיג די פיס פאַר זיך.

„יאָך האָב שוין וואוס צו טיהען״, האָט דער יונג אַרויסגעמורמעלט. ער האָט פאַררוקט דעם הוט טיפער איבער די אויגען, איז אַרויס פון טעלעפאָן ביידעל און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק ביי דער וואַנט לעבען אַ גרויסען בלומען־טאָפּ מיט פאַלמען־בלעטער. נעמענדיג אַ צייטונג האָט ער זיך געמאַכט לייענדיג, ניט אַראָפּנעמענדיג דעם בליק פון פאַרשווין אין רעגען־מאַנטעל.

„די שענסטע פרוי אין מינכען״

עס זענען אַדורך פופצען מינוט. דער יונג אין רעגען־מאַנטעל האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. עס האָט זיך געדוכט אַז ער איז איינגעשלאָפען. סענדער האָט באַמערקט ווי ער וואַרפט פון צייט צו צייט אַ בליק צום גרויסען זייגער אויף דער וואַנט פון לאבי (וואַרטעזאַל).

נאָך פופצען מינוט איז דער יונג אויפגעשטאַנען, האָט דורכגעשפּאַצירט איבער׳ן לאבי פאַרבייגעהענדיג דעם אויפנאם ביוראָ (דעסק) פון האָטעל קלוירק (פקיד). דאַן איז ער צוגעגאַנגען צו די טעלעפאָן ביידלעך, אַריין אין

איינער או צוגעמאַכט די טיר. סענדער האָט זיך שנעל אַריינגעשאַרט אין שכנות׳דיגען ביידעל.

די זעלבע פּראָצעדור איז פאָרגעקומען ווי פאַר דעם. דער יונג אין רעגען־מאַנטעל האָט טעלעפאָנירט צום האָטעל, געבעטען רעדען מיט הער פּאָלאַני׳ן, געבעטען מען זאָל אים פּעידזשען. ווידעראַמאָל האָבען די לאוד־ספּיקערס אין דער לאָבי גערופען סענדער׳ן צום טעלעפאָן. דער יונג אין רעגענמאַנטעל האָט אַבזערווירט פון ווייטענס די הויז־טעלעפאָנען צו זעהן אויב סענדער וועט צוקומען אַהין ענטפערען.

אין פאַרלויף פון צוויי מיט אַ האַלבער שטונדע האָט זיך די זעלבע פּראָצעדור איבערגע׳חזר׳ט 10 מאָל. יעדע פערטעל שטונדע, גענוי צו דער מינוט, האָט דער יונג אין רעגענמאַנטעל טעלעפאָנירט, דער לאודספּיקער האָט גערופען „הער פּאָלאַני, טעלעפאָן!״ און סענדער האָט זיך אַלץ געמאַכט ניט וויסענדיג. דער דעטעקטיוו האָט שוין אויפגעהערט נאָכצופאָלגען דעם יונג צום טעלעפאָן וויסענדיג פון פאָראויס וואָס יענער געהט טאָן.

סענדער האָט שפּעטער געהאַט פאַרדרוס פאַרוואָס ער האָט אויפגעהערט זיך אונטערצוהערען אין אַ דערבייאיגען ביידעל. נאָכ׳ן צענטער פאַרזוך פון „פּעידזשען״ דעם הער פּאָלאַני׳ן, האָט דער יונג דאָס מאָל זיך פאַרהאַלטען אין ביידעל. ווען סענדער האָט געאיילט צו קומען זיך אונטערצוהערען איז שוין געווען צו שפּעט. דער יונג האָט געהאַט פאַרענדיגט זיין געשפּרעך. אַלץ וואָס סענדער האָט געהערט איז געווען ווי ער זאָגט: „גוט, גוט! אויף ווידערזעהן!״

דער יונג האָט ניט צוריקגעקערט צום ווייכען שטול אין לאָבי, נאָר האָט זיך געלאָזט געהן צו דער גאַס. סענדער האָט אים נאָכגעפאָלגט פון ווייטענס. יענער איז צוגעקומען צום טראַמוואַי סטאָפּ גראַדע ווען צוויי עלעקטרישע וואַגאָנען זענען אָנגעקומען. ער איז איינגעשטיגען אין טראַמוואַי. סענדער האָט ניט באַוויזען צוצוקומען ווען די טיר פון וואַגאָן האָט זיך צוגעמאַכט און דער טראַמוואַי איז אָפּגעפאָרען.

סענדער׳ס ערשטער געדאַנק איז געווען נאָכיאָגען דעם טראַמוואַי מיט אַ טעקסי, אָבער ער האָט זיך אָפּגעהאַלטען דערפון. ער האָט שוין באַלד געדאַרפט זיין ביי מאַרטאַ׳ן און דאָס איז געווען וויכטיגער. ער האָט אָבער געהאַט אַ שטאַרקען פאַרדרוס דערפון וואָס ער האָט פאַרפעלט אויפכאַפּען דעם געשפּרעך פון דער געהיימניספולען יונג איידער יענער האָט אויפגע־געבען זיינע פאַרזוכען צו ברענגען דעם הער פּאָלאַני צום טעלעפאָן אין לאָבי.

ווער איז ער געווען, דער יונג מיט דער פירעקיגער מאָרדע? וואָס האָט ער באַצוועקט מיט זוכען סענדער׳ן?

פאַר סענדער׳ן איז געווען קלאָר אַז דער געהיימניספולער יונג האָט ניט געהאַט די אבזיכט צו רעדען מיט אים. ער האָט נאָר געוואָלט זעהן ווי אַזוי סענדער זעהט אויס. דאָס איז געווען דער צוועק פון רופען סענדער׳ן צום טעלעפאָן, אים פאַרנאַרען צוצוקומען ענטפערן אויף דעם רוף כדי אים קענען אָנקוקען פון וויטענס און זעהן ווי ער זעהט אויס.

אָבער צוליב וואָס? אָט די פראַגע האָט אָהן אַן אויפהער געעגבערט אין סענדער׳ס מוח. „און אַז ער וואָלט מיך שוין געזעהן? וואָס קומט דאַן? מיך הרג׳ענען? איז ער איינער פון די וואָס זענען מיך נעכטען באַפאַלען? איז ער אַ שליח פון די זעלבע צי פון אַן אַנדער גרופּע?

וואָס מעהר סענדער האָט זיך אַריינגעטראַכט אין דער געשעהעניש אַלץ קלאָרער איז עס געוואָרען פאַר אים אַז דער יונג אין רעגענמאַנטעל איז געווען אַ שליח פון עמיצען. סענדער איז געקומען צו דעם באַשלוס אורטיי־לענדיג פון דעם יונג׳ס געשפרעך מיט עמיצען איידער ער האָט פאַרלאָזט דעם האָטעל. איבער צוויי מיט אַ האַלב שטונדען האָט יענער געמאַכט פאַרזוכען צו „פעידזשען״ סענדער׳ן. ווער ווייסט וויפיל מאָל ער האָט גערופען סענדער׳ן פאַר דעם איידער ער רופט אָפּ עמיצען אויפ׳ן טעלעפאָן און פאַרלאָזט דעם האָטעל. דאָס מיינט אַז דער עמיצער האָט עס אים געהייסען טאָן. דער יונג האָט הייסט באַקומען אַ באַפעהל אָדער אַן אָנווייזונג פון עמיצען וואָס האָט אים געשיקט.

סענדער האָט דעריבער געהאַט אַ פאַרדרוס פאַרוואָס ער האָט ניט אונטערגעהערט דעם געשפרעך פון דעם געהיימניספולען יונג אין טעלעפאָןביידעל. ער האָט אויך ניט געקענט פאַרטרייבען פון זיך דעם זלידנעם געדאַנק, אַז ווען די גאַנצע מעשה וואָלט פאַסירט מיט ירמיהו׳ן וואָלט יענער אַנדערש געהאַנדעלט.

סענדער האָט גענומען דעם שליסעל פון האָטעל קלוירק און איז אַרויף צו זיך אין צימער. ער האָט זיך אָוועקגעזעצט און אָנגעשריבען אַ קורצען באַריכט פון די געשעהענישען, האָט איינגעלייגט דעם פּאַפּיר אין אַכטען, האָט עס אַרומגעוויקעלט מיט אַ קלעפּיגען באַנד און איז אָוועק אין באָדע־צימער וואָס האָט זיך געפונען אין קאָרידאָר אויפ׳ן זעלבען שטאָק.

ער האָט צוגעמאַכט די טיר פון באָדע־צימער און האָט צוגעקלעפּט דעם פּאַפּירעל צו דער רער אונטער׳ן וואַש־בעקן. דאַן איז ער אַראָפּ צוריק אין

לאבי, האָט אומגעקערט דעם שליסעל צום האָטעל קלוירק און איז אַרויס אין גאַס.

✶

עס איז געווען עטליכע מינוט פאַר פינף ווען סענדער האָט אָנגעקלונגען ביים טיר פון מאַרטאַ׳ס וואוינונג. ער האָט געהאַט אַ מאָדנעם געפיהל פון אומרו. די ווערטער „מיט אַ געזונטען קאָפּ אין אַ קראַנקער בעט״ האָבען אומאויפהערליך געפּיקט אין זיינע געדאַנקען.

„אָט ביי דער זעלבער טיר איז עס נעכטען אינדערפרי געשטאַנען ירמיהו וואַרטענדיג צו זעהן מיצי׳ן... וואָס פאַראַ משונה׳דיגען פּלאַנטער זיין וויזיט האָט דאָ פאַראורזאכט״, האָט סענדער געטראַכט. ער איז ניט געווען זיכער אַז ירמיהו׳ס פאַרדאַכט און לאָגיק וועלען זיך אַרויסווייזען צו זיין ריכטיג. טיף אין האַרצען האָט ער געהאָפט אַז אפשר איז דאָ ירמיהו פאָרט ניט גערעכט... אפשר קומט ער איצט טאַקע זעהן די שעהנע זינגערין נאָר ווייל זי וויל אים זעהן...

אַ קרומער שמייכעל האָט זיך דורכגעשלענגעלט אין די ווינקלען פון זיין מויל. „סענדער, זיי ניט קיין יאָלד״, האָט ער געטראַכט. „ירמיהו איז אַ דורכגעטריבענער יונג. אויב ער האָט באַמערקט מאַרטאַ׳ן טשאַטעווענדיג הינטער׳ן טיר איז זיין גאַנצע אָפּשאַצונג פון די געשעהענישען אַזוי גוט ווי גאָלד!״

ער האָט דערהערט טריט. די טיר האָט זיך געעפענט. דער פאַרצימער איז געווען העל באַלויכטען און אין העלן שיין האָט מאַרטאַ אויסגעזעהן פיל רייצענדער ווי אין דעם טונקעלען שאָטענדיגען קופּע פון וואַגאָן.

עס איז געווען איר קלייד — אַ ברייטע קימאָנאָ, אויסגעשניטען פון פאָרענט, אַ באַנד פון בורשטינענע קרעלן אַרום איר האַלז, און די שוואַרצע לאָקען וואָס זענען געפאַלען אויף די ווייסע, ענטבלויזטע אַקסלען — וואָס האָבען איר געמאַכט אויסזעהן אַזוי רייצענד. ביי סענדער׳ן האָט אַזש פאַרכאַפּט דער אָטעם.

— איר זענט זעהר פּינקטליך! איך האָב ליב פּינקטליכע מענער! — האָט זי אויסגערופען, אויסשטרעקענדיג צו אים איר האַנט — קומט אַריין! איר קענט דאָ לאָזען דעם הוט און מאַנטעל. ענטשולדיגט די אומצערעמאָ־נישקייט... איך בין אַליין אין הויז און דעריבער מוזט איר פאַרציכטען אויף באַדינונג.

זי האָט געפּענט די טיר וואָס האָט געפירט אויף לינקס. פון ירמיהו׳ס באַשרייבונג האָט סענדער געוואוסט אַז די טיר אַנטקעגנאיבער דעם איינגאַנג האָט געפירט צום צימער וואו מיצי האָט אויפגענומען ירמיהו׳ן. דער צימער וואו מאַרטאַ האָט אַריינגעפירט סענדער׳ן איז געווען אַן עס־צימער. פון דאָרט זענען זיי אַריין אין אַ קליינעם סאַלאָן וואו מאַרטאַ האָט אים איינגעלאַדען זיך צו זעצן.

אין צימער איז געשטאַנען אַן אַלטמאָדישע סאָפאַ, עטליכע שטולען פון זעלבען סאָרט, אַ טעלעוויזשאַן און אַ קליינער שראַנק מיט רעקאָרדס. אויפ׳ן טעלעוויזשאַן איז געשטאַנען אַ וואַזע מיט געלע בלומען. ביי איין וואַנט איז געשטאַנען אַ מאָדערנער טעלעפונקען־ראַדיאָ־פּאַטעפאָן־קאַסטען. ביי דער צווייטער וואַנט איז געשטאַנען אַ מאָדערנער באַר שענקעל. אַן אָריענטאַל־לישער טעפּיך האָט נאָר טיילווייז פאַרדעקט דעם דיל און מען האָט אָנגעזעהן די פּאַליטורטע קוואַדראַטען פון פאַרקעט פלאָר.

די רולעטען איבער די פענסטער זענען געווען פאַרצויגען. אין צימער האָט געברענט איין לאָמפּ וואָס איז געשטאַנען אויף דעם שראַנק מיט די רעקאָרדס. דער גערוך פון מאַרטאַ׳ס פאַרפיום האָט זיך דאָ געלאָזט פיהלען שטאַרקער ווי אין פאַרהויז. דורך אַ האַלב־אָפענער טיר האָט סענדער געקענט זעהן דעם דערבייאיגען צימער וואָס איז, ווי עס ווייזט אויס, געווען מאַרטאַ׳ס שלאָף־צימער. סענדער האָט געקענט זעהן אַ טייל פון דער בעט איינגעדעקט מיט אַ געלען שיפאָן־צודעק, אַ נאַכט־טישעל מיט אַ לאָמפּ און אַ טעלעפאָן ביים בעט.

ער האָט זיך געהאַט געזעצט אויף דעם שטול וועלכען מאַרטאַ האָט אָנגעוויזען. זי אַליין האָט זיך געזעצט אויף דער סאָפאַ, האָט פאַרלייגט די פיס אונטער זיך, מאַכענדיג זיך באַקוועם און פאַרשפּרייטענדיג דעם זוים פון קימאָנאָ קלייד אַרום זיך.

— נו, ווי געפעלט אייך אונזער מינכען ? — האָט זי געפרעגט.

— זעהר אַ שעהנע שטאָט, אַ געמיטליכע...

— און אַ סך שעהנע פרויען, ניט אמת ?

סענדער האָט געשמייכעלט...

— אמת — האָט ער געזאָגט — און די שענסטע פון זיי אַלע זיצט דאָ אַנטקעגנאיבער מיר.

איר שמייכעל איז געווען אַ רייצענדער. סענדער האָט אָבער באַמערקט אַז זי איז נערוועאיש. איר רעכטע האַנט האָט זיך געשפּילט מיט די

בורשטינענע קרעלן אַרום האַלז און די פינגער האָבען פּאַראַטען איר נערוועזיטעט.

— איך גלויב אייך ניט — האָט זי געזאָגט.

— איר גלויבט מיר ניט?! — האָט סענדער געמאַכט אַן אַנשטעל פון איבעראַשונג — איין בליק אין שפּיגעל וועט אייך איבערצייגען אַז איך זאָג אמת! איר זענט געטליך שעהן, מאַרטאַ! געטליך איז ניט דער וואָרט איר...

— . . . אַ שעהנע פרוי קושט מען ביים באַגריסען... ביי יעדער געלעגענהייט... ניט אמת? מען באַנוגענט זיך ניט מיט אַ קוש אין האַנט. — האָט זי געזאָגט צואוואַרפענדיג אים אַ קאָקעטישען שמייכעל.

סענדער האָט גאָרניט געענטפערט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, איז צוגעקומען צום סאָפאַ, זיך אַנגעבויגען און זי גענומען אין זיינע אָרעמס. זי האָט פאַרוואָרפען אירע אָרעמס אַרום זיין האַלז און האָט זיך איינגעביסען אין זיינע ליפּען, אָבער נאָר אויף אַ רגע. באַלד האָט זי זיך אוועקגעריסען פון אים און אים אַפּגעשטויסען.

— דאָס איז געפערליך! — האָט זי אויסגערופען.

די באַרירונג פון אירע ליפּען האָט דורכגעשאָסען ווי אַן עלעקטרישער שטראָם דורך זיין קערפּער. זיין בלוט האָט געטאָן אַ זעץ אין קאָפּ און זיינע קני האָבען זיך פּלוצים דערפיהלט הויל און שוואַך. ער האָט אָנגעכאַפּט די ווענטעל פון סאָפאַ, זיך אָנגעהאַלטען פאַר אַן אָנשפּאַר.

— וואו איז דאָ די געפאַר? — האָט ער אַרויסגעשעפּטשעט.

— ניין, ניט איצט... גענוג... — האָט זי אים געשטויסען פון זיך — מאַכט ניט פון מיר קיין אומהעפליכע באַלעבאָסטע! איך האָב אייך געלאַדען אויף טיי, ניט אמת?

זי האָט געמאַכט אַ פאַרזוך זיך אויפצושטעלען. סענדער האָט איר צוגעהאָלפען זיך שטעלען און דאַן האָט ער זי אַרומגענומען און צוגעצויגען צו זיך. זי האָט זיך געוועהרט, אָבער ווען זיינע ליפּען האָבען געפונען אירע האָט זי ווידעראַמאָל אים אומארמעט, זיך צוגעדריקט צו זיין קערפּער, צופאַלענדיג מיט יעדען גליד.

אַ ווייַלע זענען זיי געשטאַנען צונויפגעגאָסען ווי אין סאָלידער קערפּער, פאַר'שיכור'ט פון רוישענדען בלוט אין די אָדערען, פאַרשלונגען פון שטאַרקען באַגעהר.

דורך האַלב פאַרמאַכטע וויעס האָט ער בעאָבאַכטעט איר געזיכט. זי

האָט ניט געמאַכט קיין אָנשטעל און אויב יאָ, איז זי געווען אַן אויסער־געוועהנליכע שוישפּילערין. אירע אויגען זענען געווען געשלאָסען, די צוגעפּאַרבטע וויעס האָבען געוואָרפען אַ טונקעלען שאָטען וואָס האָט זיך צונויפגעגאָסען מיט דער רויטקייט וואָס האָט פאַרפלייצט אירע באַקען.

אַוועקרייסענדיג אירע ליפּען פון זיינע, האָט זי גענומען רייבען איר באַק אין זיינער. יעדע באַרירונג האָט געבריהט, געצונדען פונקען אין זיין קערפּער. זי האָט געשפּעטשעט קוים קוים באַרירענדיג זיין אויער מיט די ליפּען:

— דו ביזט זיס... זיס... זיס...

דאַן האָט זי פּלוצים זיך באַפרייט פון זיינע אָרעמס אַוועקרייסענדיג זיך פון אים.

— גענוג! לאָמיר נעמען אַ טרונק! — האָט זי אויסגערופען פאַרריכ־טענדיג די פריזור.

זי איז צוגעגאַנגען צום באַרשענקעל, גענומען אַ סיגאַרעט און אים אַריינגעשטעקט אין אַ לאַנגען, בורשטינענעם מונדשטוק. זי האָט צוגעטראָגען דעם קעסטעל מיט סיגאַרעטס צו סענדער׳ן פאַרלייגענדיג אים איינעם.

— איר וועט מיר געבען פייער? — האָט זי געפרעגט אין אַ שפּילעוודיגען טאָן.

ער האָט אָנגעריבען אַ שוועבעלע און עס צוגעטראָגען צו איר סיגאַרעט.

— מאַרטאַ, דו האָסט מער פייער ווי אַלע פרויען פון מינכען צוזאַמענ־גענומען! — האָט ער אויסגערופען.

— און דו קושסט זיך זעהר גוט! — האָט זי געזאָגט, אָנבויגענדיג זיך שנעל צו אים און באַרירענדיג מיט אירע ליפּען דעם שפּיץ פון זיין אויער — וואָס ווילסטו טרינקען? ווי רופט מען דיך? איך מיין וואָס איז דיין נאָמען? איך קאָן דאָך דיך ניט קושען און רופען הער פּאַלאַני... עס קלינגט ווי שפּאַניש. איז עס שפּאַניש צי איטאַליעניש?

— פאַרגעס „פּאַלאַני״. רוף מיך „סאַנטאָ״.

זי האָט גענומען לאַכען.

— סאַנטאָ! דאָס מיינט „הייליגער״... דו ביזט ווייט ניט קיין הייליגער.. ביזט דער טייוול אַליין... דו קושסט זיך אָבער גוט... סאַנטאָ, וואָס ווע סטו טרינקען? טיי, קאָפע צי עפּעס שטאַרקערס? מיך ציהט עפּעס שטאַרקעס!

— מיך ציהט צו דיר! דיינע ליפּען וויל איך טרינקען! — האָט ער אויסגערופען און זי אַרומגענומען.

— ווײסט נאָך מאַכען אַ פײער! היט זיך, דער סיגאַרעט!...

— דו האָסט שוין אָנגעצונדען אַ פײער, ס'איז צו שפּעט איצט צו זאָרגען

— האָט ער זי צוגעצויגען צו זיך.

זי האָט אים געקושט און זיך געװעהרט; ער האָט זי אָפּגעלאָזט און זי האָט צוגעלייגט אַ פינגער צו זיינע ליפּען.

— געבוג, סאַנטאַ! גענוג אויף איצט! לאָמיר נעמען אַ טרונק! וואָס ווילסטו טרינקען?

— וואָס האָסטו? — האָט ער געפרעגט.

סענדער געהט אויס ווי אַ ליכט

— זעץ זיך! — האָט זי צוגעשטעלט איר פינגער צו זיין ברוסט און אים געשטויסען זיך צו זעצען אויף דער סאָפאַ — איך וועל דיר געבען אַ גוטען טרונק. האָסט ליב רהיין־ווײן צו די ווילסט שנאַפּס? איך האָב אַלע סאָרטען: סקאָטישען וואיסקי, פראַנצויזישען קאָניאַק, זיסען ליקער...

— גיב מיר אַ קאָניאַק! — האָט ער אויסגערופען.

— אַזוי האָב איך דיך ליב. איך וועל אויך נעמען קאָניאַק, אַ סך קאָניאַק! איך וויל זיך אָנ'שיכור'ן — האָט זי גערעדט צוגעהענדיג צום באַר־שענקעל

— דיר אַרט דאָך ניט אויב איך וועל ווערען שיכור, סאַנטאַ?

ער האָט נאָכגעפּאָלגט אירע באַוועגונגען. זי האָט זיך אָוועקגעדרעהט מיט'ן פּלייצע צו אים, האָט גענומען צוויי גלעזער, געעפענט אַ פלאַש. ער האָט זי שאַרף בעאָבאַכטעט. וואָס וויל זי? וואָס פאַר אַ סאָרט שפּיל שפּילט זי דאָ מיט מיר?

ער האָט עס באַמערקט מער מיט'ן אינסטינקט ווי מיט'ן אויג. איר רעכטע האַנט האָט זיך געשאַרט צום בוזים. ער האָט עס ניט געזעהן נאָר זיך פאָרגעשטעלט לויט דער באַוועגונג פון איר עלענבויגען און פון רעכטען אַקסעל. ער איז פּלוצים געוואָרען שטייף, אָנגעשפּאַנט; זיינע געפיהלען זענען געוואָרען שאַרף, דער מוח אָנגעשפּיצט מיט פאַרדאַכט.

און ווידער האָט זי עפּעס אָנגערירט אין בוזים, דאַן פּלוצים זיך אויסגעדרייט צו אים האַלטענדיג צוויי גלעזער מיט אַ ברוינער פליסיגקייט. די רעכטע גלאָז איז געווען עטוואָס מער אָנגעפילט.

— סאַנטאַ, דאָס איז דער בעסטער קאָניאַק וואָס דו קענסט באַקומען ניט נאָר אין מינכען, נאָר אַפילו אין פּאַריז — האָט זי אויסגערופען דערלאַנגענדיג

אים די גלאָז — לאָמיר טרינקען צום בלינדען שיקזאַל וואָס האָט אונז צונויפ־געפירט אין איין וואַגאָן!

זייערע גלעזער האָבען זיך אָנגעקלאַפּט אין אַ לייכטער באַרירונג. זי האָט צוגעטראָגען איר גלאָז צו די ליפּן ניט אַראָפּנעמענדיג איר שמייכלענדען בליק פון אים; סענדער האָט צוריקגעשמייכעלט און האָט אויך גענומען אַ זופּ פון זיין גלאָז, אַ היבשען זופּ זי זאָל עס מערקען. אָבער איידער ער האָט צוגענומען די גלאָז פון די ליפּען האָט ער באַוויזען צו לאָזען דעם קאָניאק צוריקרינען אין גלאָז. דערביי האָט ער געהאַלטען די גלאָז אין האַנט אַזוי אַז זי זאָל ניט קענען זעהן וויפיל ער האָט אָפּגעטרונקען.

— מאַרטאַ, דו האָסט אַמאָל געטרונקען האָניג־וויין? — האָט ער געפרעגט.

— האָניג־וויין? ניין! פאַרוואָס פרעגסטו?

ער האָט זיך צוגעבויגען צו איר און אַ קוש געטאָן דעם שפּיץ פון איר נאָז.

— ווייל דו האָסט אַ שוואַכקייט צו איין קאָליר — האָט ער גערעדט שפּרייזענדיג צום באַר־שענקעל וואו עס איז געשטאַנען אַ גרויסע אַש־קעסטעל. ער האָט אָפּגעטרייסעלט דעם אַש פון זיין סיגאַרעט אין קעסטעל, בשעת מעשה באַטראַכט דעם גלעזערנעם צודעק פון באַר־שענקעל — דו טראָגסט בורשטינענע קרעלן, דו רויכערסט אַ בורשטינענעם מונדשטוק, דיין צודעק פון בעט אין יענעם צימער איז פון דיין באַליבטען קאָליר... האָניג־וויין אין אַ קרישטאַלענער גלאָז וואָלט זיך געפּאַסט צו דיין קאָליר... איך זעה אפילו די בלומען אין וואַזע זענען פון דיין באַליבטען קאָליר.

ער האָט באַטראַכט די בלומען, זיי אָנגעטאַפּט מיט דער האַנט. זיי זענען געווען קינסטליכע. ער איז געשטאַנען אַזוי אַז מאַרטאַ האָט ניט געקענט זעהן ווי ער גיסט אַריין זיין קאָניאַק אין וואַזע.

נאָך אַלץ האַלטענדיג די גלאָז אין דער זשמעניע, האָט ער פאַרטגעזעצט זיין שפּאַציר איבער׳ן צימער, „זופּענדיג״ פון צייט צו צייט פון גלאָז.

— דאָ אויפ׳ן וואַנט וואָלט זיך געפּאַסט אַ בילד... איך וועל דיר קויפען אַ געשאַנק, אַ בילד פון וואַן־גאָג... עס וועט זיך אַריינפּאַסען אין דיין קאָליר־קאָמבינאַציע.

— דו האָסט די נשמה פון אַ קינסטלער, סאַנטאָ! דו געפעלסט מיר! — האָט זי אויסגערופען אָנקוקענדיג אים מיט אַ שמייכעל — איך טרינק צום קינסטלער און צו ליבע! דו וועסט דאָך טרינקען מיט מיר צו דעם?

— גאַנץ באַשטימט — האָט ער אויסגערופֿען און נאָכגעפֿאָלגט איר ביישפּיל, אויסליידיגענדיק די גלאָז ביזן סוף.

זיין אָנגעשפּיצטער חוש האָט געפֿיהלט די גאַנצע צייט איר אָנגעשטרענגטקייט. טראָץ איר שפּילעוודיגקייט און אָנשטעל פֿון חנ׳דלען זיך האָט ער געפֿיהלט די צודרינגליכקייט פֿון איר בליק וואָס האָט אים נאָכגעפֿאָלגט און איז ניט אַראָפּגענומען געוואָרען פֿון אים.

„וואָס ערוואַרט זי איצט פֿון מיר? וואָס דאַרף געשעהן?" האָט זיין געדאַנק אים געמאַטערט.

ער האָט געוואוסט אַז איצט דאַרף ער נעמען אַרויסווייזען די ווירקונג פֿון דעם טרונק וועלכען זי האָט צוגעפּראַוועט פֿאַר אים. ער האָט געהאַט אַ שטאַרקען חשק אויפֿצורייסען די געהיימניס מיט געוואַלט. ער האָט געהאַט אַ געפֿיהל אַז ווען ער רייסט אַראָפּ פֿון איר די קימאָנאָ וואָלט ער געפֿונען פֿאַרשטעקט אין איר בוזים אַ געהיימע זאַך. ער וואָלט געקענט מיט געוואַלט זי צווינגען צו רעדען... אָבער דאָס וועט ניט טויגען... בעסער אָנגעהן מיט שפּילען די קאָמעדיע. אָבער וואָס אַזוינס האָט זי צוגעמישט אין זיין גלאָז? איז עס געווען גיפֿט? אַ שלאָף־געטראַנק? אָדער פּילייכט דאַרף ער פֿאַראַליזירט ווערען?

ער האָט ניט געהאַט קיין סך צייט צו באַשליסען. די שפּאַנונג אין איר געזיכט איז איצט געוואָרען אָנגעשטרענגטער, שאַרפֿער. ער האָט באַשלאָסען צו „טאָפּען אין דער פֿינצטערניש", פּרובירען טרעפֿען דורך בעאָבאַכטען מאַרטאַ׳ן און זען ווי זי רעאַגירט.

ער האָט פּלוצים געלאָזט פֿאַלען די גלאָז, האָט זיך אַ וואָקעל געטאָן און זיך אָנגעכאַפּטביים ווענטעל פֿון שטול. מאַרטאַ איז אויפֿגעשפּרונגען פֿון סאָפֿאַ און האָט אים אָנגעקוקט מיט שפּאַנונג.

— וואָס איז דיר, סאַנטאָ? וואָס איז דיר? — האָט זי געפֿרעגט. איר שטימע האָט אָבער ניט אויסגעדריקט קיין שרעק אָדער באַזונדערע איבערראַשונג.

— איך... איך וויים ניט... — האָט ער אַרויסגעשטאַמעלט אַראָפּזינקענדיג צום פּלאַר, בלייבענדיג ליגען מיט דער אויבערשטער העלפֿט פֿון קערפּער אָנגעלעהנט אויפֿ׳ן שטול געזעס.

זי איז צוגעקומען צו אים. ער האָט פֿון די האַלב צוגעמאַכטע וויעס בעאָבאַכטעט איר פּנים. איצט איז ער געווען איבערצייגט אַז זי האָט געוואַרט

אויף דעם עס זאָל געשעהן. זי האָט מער ניט געשמייכעלט, אָבער איר געזיכט האָט געלויכטען מיט אינערליכער צופרידענהייט.

סענדער האָט אַלץ ניט געוואוסט צי ער זאָל זיך נעמען קרימען און קאָרטשען פון וועהטאָג. ער האָט געהאָפּט אַראָפּצולייגען פון איר געזיכט די רעאַקציע פאַר זיין נעקסטען שריט. מאַרטאַ איז געווען אַזוי האַסטיג, אַז זי האָט זיך שנעל פאַרראַטען.

— ווי פּיהלסטו, סאַנטאַ? ווי פּיהלסטו? ביזט שלעפעריג? קום, קום לייג זיך, קום, איך וועל דיר העלפען.

זי האָט זיך אַנגעבויגען, אים גענומען שלעפּען. ער האָט זיך אויפגעהויבען מיט גרויס שווערינקייט, האָט געמאַכט אַ פּאָר שריט און איז געזונקען צו דער ערד. מיט גרויס מיה און אַנשטרענגונג, סאָפּענדיג שווער, האָט מאַרטאַ אים קוים דערשלעפּט צום סאָפאַ, אָבער דאָרט איז ער געפאַלען אויף דער ערד און געבליבען ליגען אויף אַ זייט מיט'ן פּנים געווענדעט צום צימער. ער האָט באַשלאָסען צו שפּילען די קאָמעדיע גאַנצע הונדערט פּראָצענט. זיך לאָזען אַרויפלייגען אויף דער סאָפאַ וואָלט געווען צו טעאַטראַליש, צו באַקוועם. „אויב אויסגעהן ווי אַ ליכט איז דאָ אויף דער ערד", האָט ער געטראַכט.

ער האָט זיך געמוזט באַהערשען און איינהאַלטען זיין שמייכעל. ער האָט זיך ווידעראַמאָל דערמאָנט אין: „מיט אַ געזונטען קאָפּ אין אַ קראַנקער בעט"... „יאָ, אַ קראַנקע בעט. אָבער ניט אַ סאָפאַ... דאָ בלייב איך ליגען, דאָ אויף דער ערד... לאָמיר זעהן וואָס עס געהט דאָ געשעהן"...

אַן אַנגסטליכע ערוואַרטונג

מאַרטאַ האָט זיך שנעל איבערגעבויגען איבער אים און גענומען באַטאַפּען זיין קערפּער און נישטערן אין זיינע קעשענעס. זי איז וואַרשיינליך געווען שטאַרק ענטויש וואָס זי האָט גאָרניט געפונען אויסער אַ קעמעלע, אַביסעל געלט און אַ מאַפּע פון דער שטאָט מינכען וועלכע סענדער האָט גענומען ביים האָטעל קלוירק.

— דאַנער וועטער! — האָט זי אַרויסגעשפּעטשעט מיט פאַרקלעמטע ציין. זי האָט זיך אויפגעשטעלט פון דער ערד און איז אַריין אין שלאָף צימער. סענדער האָט געזעהן ווי זי זעצט זיך אופ'ן ראַנד פון בעט און דרעהט אַן אַ טעלעפאָן נומער.

ער האָט ניט געקענט הערן אַלצדינג וואָס זי רעדט, ווייל זי איז געזעסן מיט דער פּלייצע צו אים און גערעדט שטיל. ער האָט אָבער אויפגעכאַפּט עטליכע ווערטער דאָ און דאָרט: „...האָב נישט קיין מורא... ווי אַ גע׳הרג׳עטער... גוטע זעקס שטונדען... יאָ, קום ווי אַמשנעלסטען״...

זי האָט צוריקגעלייגט דאָס טעלעפאָן־טרייבעל און איז אַריינגעקומען אין צימער וואו סענדער איז געלעגען אויף דער ערד. זי איז צוגעגאַנגען צום באַר־שענקעל, האָט זיך אָנגעגאָסען אַ גלאָז, האָט פאַררויכערט אַ סיגאַרעט און מיט׳ן גלאָז אין האַנט איז זי צוריקגעגאַנגען צום ראַדיאָ, האָט אָנגעדרעהט אַ פּראָגראַם און זיך געזעצט אין זעלבען שטול וואו סענדער איז פריער געזעסען.

די ראַדיאָ האָט געשפּילט דזשעז מוזיק. מאַרטאַ האָט רוהיג געזופּט פון גלאָז, פאַרצויגען דעם רויך פון סיגאַרעט און צוגעפּויקט מיטן פוס צום טאַקט. דער ראַדיאָ האָט געמאָלדען אַז עס איז האַלב נאָך פינף. סענדער האָט זיך קוים צוגעגלויבט. אים האָט זיך געדוכט אַז ער איז שוין דאָ אַ לאַנגע צייט, ווער ווייסט וויפיל שטונדען... האַלב נאָך פינף, אינגאַנצען אַ האַלב שעה זינט ער איז אָנגעקומען אַהערצו...

ער האָט בעאָבאַכטעט מאַרטאַ׳ן. זי האָט אויסגעזעהן שעהן אָבער עס איז איצט געווען אַ האַרטע שעהנקייט. אַן אומפּריינטליכע, אַן אָנגעשטרענגטע, אַ קאַלטע מאַסקע פון אַ שעהנעם אָבער בייזען געזיכט. עס איז סענדער׳ן אָנגעקומען זעהר שווער צו גלויבען אַז ערשט דאָ ניט לאַנג צוריק האָט ער די פּרוי געהאַלטען אין זיינע אָרעמס און געקושט, אַז זי האָט מיט אירע ליפּען אים פאַר׳שיכור׳ט, אים געמאַכט גלוסטען נאָך איר נאָהענטקייט.

מאַרטאַ האָט פּלוצים זיך אויפגעשטעלט און פאַרדרעהט די ראַדיאָ; זי איז אַרויס פון צימער לאָזענדיג די טיר צום עס־צימער אָפען. סענדער האָט זיך ניט גערירט. עס זענען דורך עטליכע מינוט און מאַרטאַ איז צוריק ערשינען. זי האָט געהאַט אַראָפּגעוואָרפען פון זיך די קימאָנאָ און איז איצט געווען אָנגעטאָן אין אַ בלויען קלייד, די האָר פאַרצויגען אויף הינטען און איבערגעבונדען מיט אַ בלויען באַנד. זי איז אַריין אין שלאָף־צימער און סענדער האָט געהערט ווי זי פאַרעט זיך דאָרט. אורטיילענדיג לויט די קלאַנגען פון דאָרט האָט ער באַשלאָסען אַז מאַרטאַ פאַרעט זיך פאַר׳ן שפּיגעל.

עס האָט זיך דערהערט אַ ווייטער קלונג. מאַרטאַ האָט געאיילט צום פאַרהויז און סענדער האָט דערהערט שטימען. באַלד זענען אין צימער ערשינען מאַרטאַ אין דער באַגלייטונג פון צוויי מענער.

— אַט איז ער! ליגט ווי אַ פּגר! — האָט מאַרטאַ אויסגערופן.

— יאָ, יאָ! דאָס איזט ער! — האָט סענדער דערהערט אַ מענערשע שטימע — דער זעלבער!

— בראַוואָ, מאַרטאַ! — האָט אַ צווייטער מאַן אויסגערופן — האָסט עס שנעל געמאַכט און גוט געמאַכט. מען דאַרף זעהן צי ער איז געווען באַוואָפּענט.

— איך האָב אים באַזוכט. גאָרניט געפונען אויסער אַט דאָס — האָט סענדער געהערט מאַרטאַ׳ן זאָגן.

— מען דאַרף אים וואָס פריער צונעמען איידער ער קומט צו זיך — האָט דער צווייטער מאַן געזאָגט.

— שרעק זיך ניט. איך האָב אים איינגעגעבען אַ פּאָרציע גענוג פאַר אַן עלעפאַנט — האָט מאַרטאַ אויסגערופן — ער איז גוט פאַר זעקס שטונדען ווי איך האָב דיר געזאָגט פריער. דאַרפסט זיך ניט שרעקען! — האָט זי איבערגע׳חזר׳ט.

— פונדעסטוועגען דאַרף מען זיך צואיילען — האָט דער מאַן געזאָגט — מיר וועלען אים באַלד צונעמען. איך וועל אַנטעלעפאַנירען.

סענדער האָט געהערט ווי דער מאַן געהט אַריין אין שלאָף־צימער און דרעהט אָן אַ נומער. ער האָט געוואָלט הערען וואָס יענער וועט רעדען אָבער מאַרטאַ האָט גענומען רעדען צום צווייטען מאַן און ער האָט ניט געקענט הערען די שטימע פון שלאָף־צימער.

— ווילסט אַ טרונק? — האָט מאַרטאַ געפרעגט — קלייב זיך אויס וואָס דו ווילסט.

— גיב מיר אַביסל קירש־וואַסער — האָט דער מאַן געזאָגט — מען מעג טאַקע נעמען אַ טרונק... האָסט עס געמאַכט שנעל און גוט.

— ווי אימער! — האָט מאַרטאַ געלאַכט — איך מאַך אַלץ גוט, אַלעמאָל...

—אָ יאָ! אויף דיר קען מען זיך פאַרלאָזען. „פּראָזיט!״ צום ווייטערדיגען ערפאָלג!

— ... מיר וואַרטען... מאַך עס שנעל! — האָט סענדער דערהערט די שטימע פון מאַן אין שלאָף־צימער, דאַן האָט זיך דערהערט דער קלאַפּ פון טעלעפאָן־טרייבעל און דער מאַן איז אַריינגעקומען אין צימער.

— ווילסט אויך אַ טרונק? ווילהעלם האָט גענומען קירש־וואַסער — האָט מאַרטאַ געזאָגט.

— גיב מיר עפּעס בעסערס. דיין קאָניאַק זעהט אויס צו זיין זעהר גוט — האָט דער מאַן אויסגערופען.

— יאָ זעהר גוט! זעה ווי ער האָט אונטערגעהאַקט די פּיס פון דעם „יודע" (איד) — האָט מאַרטאַ אויסגערופען לאַכענדיג — ווייסט וואָס פאַר אַ נאָמען ער האָט מיר געגעבען? סאַנטאַ פּאָלאַני... עס קלינגט אַבסאָלוט ניט אידיש.

— אָבער פּאָלאַני איז זיין אמת'ער נאָמען — האָט דער מאַן וועלכער האָט געטרונקען די קירש־וואַסער אויסגערופען — אַזוי איז ער פאַרשריבען אין האָטעל און דאָס איז זיין פּאַספּאָרט־נאָמען, סענדער פּאָלאַני.

— מעגליך, אָבער ניט סאַנטאַ — האָט מאַרטאַ געזאָגט.

— מ... מ... מ..! זעהר גוטער קאָניאַק... דאָס פאָדערט אָבער אַ צובייס. האָסט עפּעס צוצובייסען, מאַרטאַ?

— קומט מיט מיר... איך האָב גוטע סאַרדינס, קעז און וואורשט. איר קענט זיך אויסקלייבען וואָס איר ווילט.

זיי זענען אַרויס פון צימער. סענדער האָט זיי נאָכגעקוקט מיט צועפּענטע אויגען. די צוויי מענער זענען געווען אין די מיטעלע יאָרען: איינער זעהר אַ דיקער פאַרשוין מיט אַ פּליך. דער צווייטער האָט אויסגעזעהן שלאַנק, הויך און זיך געהאַלטען שטייף ווי אַ יונקערשער אָפיצער.

מאַרטאַ האָט געלאָזט אָפען אַלע טירען הינטער זיך און סענדער האָט געקענט הערען פון ווייטענס אַ שוואַכען טומעל וואָס האָט דערגרייכט ווייזט אויס פון קיך. דער יונג איז געלעגען אויף דער ערד אין דער זעלבער פּאָזע ווי ער איז געפאַלען, פאַרזיכטיג זיך ניט אַ קער צו טאָן. זיין מוח האָט שנעל געאַרבעט. וואָס זאָל ער איצט טאָן? אָנגעהן מיט דער „שלאָף־קאָמעדיע"? ווען האָט דער מאַן גערופען? וואוהין געהען זיי אים צונעמען?

אָבער די סאַמע זלידנע פראַגע וואָס האָט אים געמאַטערט איז געווען „ווער זענען זיי? וואָס פאַרא פאַרבינדונג האָט מאַרטאַ מיט זיי?"

ער איז געווען איבערצייגט אַז זיי דאַרפען אים פאַר עפּעס, אַז זיי קלייבען זיך אים ניט אומברענגען, ניט איצט, יעדענפאַלס. ווייל הרג'ענען וואָלטען זיי אים געקענט אויף אַן אַנדער שטייגער, ניט אַנקומענדיג צו מאַרטאַ'ן זי זאָל אים כאַפּען לעבעדיגערהייט.

סענדער האָט באַשלאָסען, אַז וואָס עס זאָל ניט פאָרקומען מוז ער ווערען טעטיג ווי אַמשנעלסטען, כל זמן זיינע פיינט מיינען אַז ער איז נאָך פאַרשלעפערט. מאַרטאַ האָט זיי פאַרזיכערט זעקס שטונדען. ער האָט, הייסט

עס, נאָך עטליכע שעה צייט. דאַן וועט ער מוזען „אויפוואַכען" איידער זיי ריכטען זיך אויף אים. דער וואָפען פון איבערראַשען זיין שונא אומדער־וואַרטערהייט איז געווען דער איינציגער וואָס איז געשטאַנען צו זיין דינסט...

די שטימע ביים פענסטער

אַ קליינער, ווייסער אַמבולאַנס האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר'ן הויז אויף דער צעפעלין שטראַסע. עס איז שוין געווען נאָך זעקס אין אָווענט און עס האָט גענומען רעגענען. דער דרייווער פון אַמבולאַנס און זיין געהילף זענען אויסגעשטיגען, האָבען אַרויסגענומען אַן איינגעלייגטע טראָג־בעטעל און זענען אַריין אין הויז.

אין געצעהלטע מינוטען זענען זיי ערשינען צוריק אין גאַס טראָגענדיג אַן איינגעדעקטען קערפּער. צוזאַמען מיט זיי זענען אַרויסגעקומען פון הויז נאָך צוויי מענער, איינער אַ דיקער, דער צווייטער אַ הויכער, שלאַנקער מאַן, וועלכער האָט געשפּרייזט ווי אַ סאָלדאַט. די צוויי זענען איינגעשטיגען אין אַמבולאַנס מיט'ן „קראַנקען". דער דרייווער און זיין געהילף האָבען זיך געזעצט אין פאָרענט און דער אַמבולאַנס איז שנעל אָפּגעפאָרען. די גאַנצע זאַך האָט געדויערט געציילטע מינוטען. נאָר עטליכע מענשען אין גאַס האָבען זיך אָפּגעשטעלט צו זעהן וואָס דאָ קומט פאָר.

דער אַמבולאַנס איז געפאָרען דורך קליינע גאַסען אויסמיידענדיג די רוישיגע שטראַסען וואו די טרעפיק איז געווען געדיכט. דרייסיג מינוט שפּעטער איז דער אַמבולאַנס פאַרפאָרען צום עק פון שטאָט און איז אַרויף־געפאָרען אויף דעם וועג וואָס פירט קיין גראַנוואַלד, אָבער נאָך צען מינוטען האָט ער זיך פאַרקירעוועט פון הויפּט וועג אויף אַ זייטיגען, שמאָלען שאָסעי און איז אַריינגעפאָרען אין הויף פון אַ קליינער פאַרם, צוגעפאָרען צום גרויסען הילצערנעם הויז און דאָרט שטעהן געבליבען.

סענדער האָט געפיהלט ווי מען טראָגט אים אַרויף אויף אַ גאַניק פון דריי טרעפּלעך. ער האָט געהאַלטען די אויגען צוגעשלאָסען אָבער ער האָט געקענט פיהלען די פאָרנע היץ וואָס האָט אַ שלאָג געטאָן אין זיינע נאָז־לעכער ווען מען האָט אים אַריינגעטראָגען אין הויז. עס האָט געשמעקט מיט זויער־בראָטען און ביר און טוכלען רויך פון טאַבאַק, און ער האָט געהערט וואָס אים האָט זיך אויסגעדוכט צו זיין שטימען פון צענדליגער מענשען.

— גלייך! גלייך! אַהערצו! אָט דאָ! — האָט עמיצער אַרויסגעגעבען באַפעלען צו די וועלכע האָבען געטראָגען די אַמבולאַנס־בעט.

— אָט דאָ, אויפ'ן בעט! — האָט די זעלבע שטימע געזאָגט און סענדער האָט געפיהלט ווי מען לעגט אים אַוועק אויף עפּעס ווייכעס וואָס האָט נאָכגעגעבען אונטער דער משא פון זיין קערפּער. עמיצער האָט אים אָנגענומען ביי די פיס און אונטערגעהויבען. די טראָג־בעט איז אַרויסגעצויגען געוואָרען פון אפיר אים. ער איז געבליבען ליגען אויף עפּעס וואָס האָט פאַרשפּרייט דעם איבעלדיגען גערוך פון נייעם ציץ.

— מען דאַרף אים פאַרבינדען — האָט עמיצער געזאָגט.

— ניט נויטיג! מאַרטאַ האָט געזאָגט אַז פאַר עלף אַזייגער וועט ער ניט קומען צו זיך.

— פונדעסטוועגען דאַרף מען אָננעמען אַלע פאַרזיכטיגקייט מיטלען — האָט די זעלבע שטימע אויסגערופען — עס קען ניט שאַטען.

— עס וועט זיין גענוג אויב מיר וועלען אים צוקאָווען צום פוס פון בעט. אָט איז אַ קייט. ווילי, ברענג דעם שלאָס. ער ליגט אויפ'ן אַלמער.

אַלע האָבען גערעדט, געגעבען עצות, ווי און וואָס צו טאָן. עמיצער האָט זיך הייזעריג צולאַכט. אַ קוקו־זייגער האָט פון ערגיץ ווייט געקוקעט. סענדער'ן האָט זיך געדוכט, אַז ער לעבט דורך אַ שווערען חלום. ער האָט זיך ניט ערלויבט צו עפענען אפילו אַ שפּאַלט פון אויג, ער האָט אָנגעהאַלטען אויפ'ן געזיכט די מאַסקע פון טיפען שלאָף.

ער האָט געהערט דאָס קלינגען פון אַ קייט. דאָ האָט ער מער ניט געטאָרט זיך פאַרלאָזען אויף נסים. ער האָט קוים צועפענט איין אויג. דער צימער איז געווען פול מיט שאָטענס פון מענשען, אַ פּאָר גראָבע הענט האָבען זיך געפּאָרעט ביי זיין רעכטען פוס. ער האָט געזעהן די קייט, געפיהלט ווי מען וויקעלט זי אַרום זיין רעכטען קנעכעל. סענדער איז געבליבען ליגען רוהיג.

עמיצער האָט אַרומגעוויקעלט די קייט אַרום שטאַנג פון בעט און פאַרקלאַפּט דעם שלאָס. די הייזעריגע שטימע האָט זיך ווידער צולאַכט, אַנדערע האָבען מיטגעלאַכט. עס האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ מיט דער טיהר און דער טומעל האָט זיך פאַרטעמפּט.

אַ ווײַלע איז סענדער געלעגען אָהן דער מינדסטער באַוועגונג, דאַן האָט ער ביסלעכווייז געצומען עפענען דאָס רעכטע אויג. אַרום האָט געהערשט פינצטערניש. ער האָט צועפענטביידע אויגען, איז געבליבען ליגען איינהערענדיג זיך צום געטומעל אויף יענער זייט טיר.

ער האָט געוואוסט אַז ער געפינט זיך אין אַ הויז וואו עס פירען דריי טרעפלעך צום אַריינגאַנג. מען האָט אים דורכגעטראָגען דורך דריי טירען. ער האָט עס געפיהלט און אויך געהערט ווען זיינע טרעגער האָבען זיך דורכגעשטופט מיט דער טראַגבערעט אין שמאָלען דורכגאַנג. איין טיר איז געווען דער אַריינגאַנג צום הויז, אַ קליינער פאַרהויז, פון דאָרט נאָך אַ טיר צו אַ גרויסען צימער און דאַן די טיהר צום צימער וואו ער געפינט זיך.

ביסלעכווייז האָבען זיינע אויגען זיך צוגעוואוינט צו דער פינצטערניש. דערצו האָבען זיך דורכגעריסען פּאַסען ליכט איבער דער טיר און פון אונטען. אין דערבייאיגען צימער איז געווען שטאַרק ליכטיג און שטאַרק רוישיג. מען האָט דאָרט געגעסען און געקלאַפּט מיט געפעס, געררעדט הויך און געלאַכט.

סענדער האָט פּאַמעלעך אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו לינקס און צו רעכטס. ער איז געלעגען אויף אַ גרויסער, אַלטמאָדישער בעט מיט צוויי הויכע ווענט פון אייזערנע שטאַנגען באַדעקט מיט ניקעל, מיט ניקעלנע פּילקעס אויף די פיר זייטיגע פוס־שטאַנגען. די בעט האָט געסקריפּט און זיך געשאָקעלט מיט יעדער באַוועגונג. ער האָט זיך אויפגעזעצט אין בעט, זיך אַראָפּגערוקט צום צופוסענס, האָט אָנגעטאַפּט די קייט און זי באַטאַפּט ביז ער האָט דערגרייכט צום שלעסעל.

אָנגעמענדיג דעם שלעסעל אין דער רעכטער האַנט און די קייט אין דער לינקער האַנט האָט סענדער גענומען רעדהען מיט כוח פאַרשטאַרקענדיג דעם דרוק ביז אַ רינגעלע פון קייט האָט געפּלאַצט. ער האָט דאַן באַפרייט דעם פוס פון דער פענטע און איז אַראָפּ פון בעט, זיך צוגעשאַרט צום טיר און אַרויסגעקוקט דורכ'ן שפּאַלט.

ער האָט אָנגעציילט עלף מענער אַרום גרויסען, דעמבענעם טיש, אָנגעשטעלט מיט טעלער, שיסלען און גרויסע קופלען מיט ביר. די מענער זענען געזעסען אויף הילצערנע בענק. אַ גרויסע ביר־פּאַס איז געשטאַנען ביים וואַנט לעבען אַריינגאַנג. דער צימער איז געווען אַ גרויסער, טיפּיש דייטש־ביירישער, מיט בילדער אויף די ווענט, אַ גרויסער אויווען ביי איין וואַנט, אַ הילצערנער דעמבענער שראַנק ביי דער צווייטער.

צווישען די עלף מענער האָט ער דערקענט די צוויי וועלכע האָבען אים באַגלייט פון מאַרטאַ'ס הויז אַהערצו. די אנוועזענדע זענען געווען פון פאַרשידענעם עלטער, אייניגע אין די צוואַנציגער יאָרען, אָבער די מערסטע אין די דרייסיגער און פערציגער. נאָר איין מאַן, גרוי, מיט באָרד און וואָנצעס, אַרומגעגאַרטעלט מיט אַ פאַרטוך, איז געווען עלטער, אַרום זעכציג. ער האָט

זיך אַלעמאָל אויפגעשטעלט און געבראַכט צום טיש מער עסען אָדער מער ביר. ער איז עס געווען דער מיט דער הייזעריגער שטימע. אויך איצט האָט ער געהאַלטען אין איין לאַכען און סענדער האָט באַשלאָסען אַז ער איז מער שיכור פון די אַנדערע.

דער יונג האָט ניט געקענט באַשליסען וואָס צו טאָן. דער צימער האָט געהאַט צוויי פענסטער. ער האָט לייכט געקענט זיך אַרויסבאַקומען אין דרויסען. ער האָט אָבער באַשלאָסען צוערשט אויסגעפינען, אויב מעגליך, ווער אַט די אַלע זויפער זענען און צוליב וואָס זיי האָבען אים געבראַכט אַהערצו. ער האָט געהאָפט, אַז פון זייערע רייד וועט ער אפשר אויפכאַפּען עפּעס וואָס זאָל אים העלפען לייזען די געהיימניס.

ער איז געשטאַנען צוגעקלעפּט צו דער טיר, אָנשטרענגענדיג דעם געהער אויפצוכאַפּען אַלץ וואָס עס קומט פאָר אַרום טיש. דאָס איז אָבער געווען אַ שווערע אויפגאַבע, ווייל עס האָט זיך אים געדוכט אַז אַלע רעדען מיטאַמאָל.

ביסלעכווייז האָט ער גענומען נאָכפאָלגען דעם אַלגעמיינעם געשפּרעך. ער האָט עס גיכער דערפיהלט איידער באַגרעפען פון הערען. דער עולם ביים טיש האָט געוואַרט אויף עמיצען וועלכער האָט געהייסען „גראַץ". גראַץ דאַרף קומען... גראַץ וועט קומען... גראַץ וועט שוין וויסען... גראַץ, גראַץ, גראַץ... עס האָט גאָר ניט געקענט זיין קיין צווייפעל אַז דער דאָזיגער גראַץ איז אַ וויכטיגער און שטאַרק אָנגענומענער פּאַרשוין ביי דעם עולם.

אָנשטרענגענדיג דעם געהער, מיט איין אויער געווענדעט צו דער טיר, האָט סענדער פּלוצים אַ צאַפּעל געטאָן. עס האָט זיך אים אויסגעדוכט אַז ער האָט געהערט אַ פאַרדעכטיגטען גערויש הינטער זיך.

דער יונג האָט זיך אָנגעשפּיצט. באַלד האָט ער ווידעראַמאָל דערהערט דעם גערויש. עס איז געקומען פון פענסטער... דער צימער האָט פאַרמאָגט צוויי פענסטער, איינער אין דער וואַנט ביים צוקאָפּענס פון בעט, דער צווייטער אין דער וואַנט אויף רעכטס פון טיר וואו סענדער איז געשטאַנען. דער גערויש איז געקומען פון רעכטען פענסטער.

עמיצער האָט זיך געפּאָרעט ביים פענסטער. סענדער האָט זיך פאַר'גנב'עט צו דער וואַנט און געוואַרט. ער האָט געהערט ווי די ראַמע פון פענסטער נעמט קרעכצען, די געהילץ האָט אַ קנאַק געטאָן. באַלד האָט סענדער באַמערקט אַ קלינגעל פון אַ מעסער אין שפּאַלט צווישען דער ראַמע און דעם קייטעלע

פון פענסטער. דער קלינגעל פון מעסער האָט אַרויפגעשאַרט דעם קייטעלע און עמיצער האָט פון דרויסן צעעפענט דעם פענסטער.

סענדער האָט איינגעהאַלטען דעם אָטעם. אַ קאָפּ האָט זיך אַריינגעשטעקט דורך דער עפענונג; עמיצער האָט זיך געוואָלט אַריינבאַקומען אין צימער. סענדער האָט פאַרביילט די פויסט און אויפגעהויבען די האַנט ווען ער איז פלוצים געבליבען שטעהן אַ פאַרגליווערטער. ער האָט דערהערט ווי עמיצער רופט שטילערהייט זיין נאָמען.

אַ נעסט פון נאַציס

— ירמיהו! ווי קומסטו אַהער? — האָט סענדער אַרויסגעשעפּטשעט.

— דו ביזט גאַנץ? געזונט? — האָט ירמיהו געפרעגט.

— אַוודאי בין איך גאַנץ און געזונט... ווי קומסטו אַהער?

— איך וועל דיר שפּעטער דערצעהלען... וואָס איז דאָס פאַר אַ הויז?

— איך זאָל אַזוי וויסען פון אַ בייזען חלום...

— ווי אַזוי האָבען זיי דיך בייגעקומען צו ברענגען אַהערצו? — האָט ירמיהו געפרעגט שטילערהייט.

— מאַרטאַ האָט מיר אַריינגעמישט אַ פּראָשעק אין גלאָז, געמיינט אַז איך האָב עס אויסגעטרונקען. איך האָב זיך געמאַכט שלאָפענדיג, האָט זי גערופען צוויי מענער, איינער הייסט ווילהעלם... זיי האָבען גערופען אַן אַמבולאַנס און מיך אַהער געבראַכט. איצט וואַרטען זיי אויף איינעם אַ גראַף...

— ווי האָסטו זיך באַפרייט פון די פענטעס?

— ס'ארנא פענטעס? אַ שטיקעל קייט דאָרט פון אַ פּערטעל צאָל. ס'איז בלאָטע! אָבער זאָג מיר ווי קומסטו אַהער?

— איך האָב באַקומען דיין צעטעלע און נאָכגעפאָלגט דעם אַמבולאַנס. דאָקטאָר וועלינגער איז דאָ אויך מיט מיר.

— אַ גאַנצע חתונה! וואָס גלויבסטו דאַרף מען איצט טאָן? וואו איז וועלינגער?

אין דערבייאיגען צימער איז פלוצים געוואָרען אַ סומאַטאַכע. עס האָט זיך געהערט אַ רוקעניש פון בענקלעך און דער טומעל וואָס מענשען מאַכען ווען זיי שפּרינגען אויף אין איילעניש. דאַן איז געוואָרען טויט־שטיל.

— הייל היטלער! — האָט זיך דערהערט אַ שאַרפע שטימע.

— הייל היטלער! — האָבען אַרויסגעזאָגט די איבעריגע אין אַ כאָר.

— סענדער, דאָ האָסטו דעם ענטפּער אויף דער רעטעניש... — האָט ירמיהו אַרויסגעשעפּטשעט — קום אַרויס, שנעל. מיר׳ן זיי פאַרשפּאַרען דעם וועג.

— ניין, איך בלייב דאָ. מיר׳ן זיי אָנגרייפען פון ביידע זייטען. פאָלג מיר... איך ווייס וואָס איך טו! געה, געה, געה! — האָט סענדער אָפּגעשטיפּט ירמיהו׳ן ווען יענער האָט געוואָלט עפּעס זאָגען. דער יונג האָט שנעל צוגעמאַכט דעם פענסטער און האָט געאיילט צום בעט. ער האָט אַרומגעוויקעלט דעם רעכטען פוס מיט דער קייט פאַרשטעקענדיג דעם שלאָס אונטער׳ן פוס, האָט זיך אויסגעצויגען אין בעט און צוגעשלאָסען די אויגען.

ער האָט געהערט ווי די טיר עפענט זיך אויף און האָט דערפיהלט אַז די ליכט אין צימער שיינט אויף.

— פאַרפלוכטער קערל! דאָס איז ער דאָך — האָט סענדער דערהערט אַן אויסגעשריי — דאָס איז ער!... איך האָב געזעהן און... אַך, ווי דום (נאַריש) איך בין געוועזן!..

— וואָס רעדסטו? וואָס מיינסטו? — האָט סענדער דערקענט די שאַרפע שטימע.

— אין האָטעל!... איך האָב די גאַנצע צייט געררופען פון לאַבי אויפ׳ן טעלעפאָן כדי איך זאָל אים דערקענען און ער איז די גאַנצע צייט דאָרט געוועזן אין לאַבי... איך וועל אים דערשטיקען, דעם שמוציגען יודע!

— שטום איין! עס איז דיין שולד וואָס דו ביזט אַזאַ אידיאָט! — האָט די שאַרפע שטימע אויסגערופען זעהר נאָהענט פון סענדער׳ס צוקאָפּענס. דער יונג האָט פלוצים דערפיהלט ווי אַ קאַלטע האַנט נעמט אָן זיין האַנט און טאַפּט דעם פולס.

— מאָדנע... זעהר מאָדנע... — האָט די שאַרפע שטימע געמורמעלט — דער פולס איז נאָרמאַל, איך וואָלט געזאָגט אפילו שטאַרקער און האַסטיגער ווי נאָרמאַל.

— אפשר נעמט ער שוין קומען צו זיך — האָט סענדער דערקענט די שטימע פון איינעם פון מאַרטאַ׳ס באַזוכער.

— פּאָליצײ! פּאָליצײ! — האָט זיך פלוצלונג דערהערט אַ היסטערישע קוויטשעריי פון פאָדערשטען צימער. אַ שאָס האָט אויפגעשאַלט און באַלד נאָך אים אַ צווייטער.

— פאַרלעשט די ליכט! — האָט זיך דעהערט אַ שאַרפער באַפעל. די ליכט אין ביידע צימערען איז פאַרלאָשען געוואָרען. סענדער האָט צעופענט

די אויגען. ער האָט געהערט דעם טומעל, געזעהן די סילועטען פון די מענשען ביי דער טיר. אַלע האָבען זיך געשפּאַרט צום צווייטען צימער. די שאַרפע שטימע האָט באַפוילען: „עפענט פייער, באַשעפטיגט זיי ביז איך וועל קענען אַוועק! דאָן איז יעדער פון אייך פאַר זיך!"

די שיסעריי איז אָנגעגאַנגען און אין גאַנצען טומעל האָט זיך געהערט דער הייזעריגער געלעכטער פון אַלטען מאַן וועלכער האָט אַלע מאָל אַרויס־געקרעהט:

„אַך, ווי קאָמיש! אַך, ווי קאָמיש!"

סענדער האָט געזעהן ווי פאַרביי אים שלייכען זיך דורך צוויי מענער. דער יונג האָט געזעהן ווי זיי פאַרען זיך אין ווינקעל פון צימער. ביי איינעם פון די צוויי האָט פלוצים אויפגעלייכט אַן עלעקטרישער לאָמפּ אין האַנט וואַרפענדיג אַ דינעם שטראַל אויף דעם דיל אין ווינקעל. דער צווייטער מאַן האָט גענומען אונטערהויבען די ברעטער. סענדער האָט באַמערקט אַז זיי זענען ביידע באַוואָפענט, האַלטען די רעוואָלווערען גרייט...

מיט איין שפּרונג איז סענדער געווען לעבען די צוויי. אָנכאַפּענדיג יעדען ביים קאַרק האָט סענדער זיי אַ הויב געטאָן אין דער לופט און צונויפגעקלאַפּט ביידענס קעפּ.

ער האָט זיי אַ שליידער געטאָן צום פלאָר, אויפגעהויבען דעם אַראָפּגעפאַלענעם לעמפּעל און ביים שיין פון שטראַל געפונען די רעוואָלווערען. מיט אַ רעוואָלווער אין יעדער האַנט האָט סענדער זיך געלאָזט געהן צום דערבייאיגען צימער; דער אַלטער מאַן מיט דעם הייזעריגען געלעכטער איז געשטאַנען ביים סאַמע טיר, טופּענדיג מיט אַ פוס און האַלטענדיג אין איין קרייען: „קאָמיש, אַך ווי קאָמיש"...

— צינד־אָן די עלעקטריק! — האָט סענדער אים אַ שטויס געטאָן.

דער אַלטער איז געהאַרכזאַם אַוועק צו אויווען און דאָרט אָנגעדריקט דעם קנעפּעל. אין צימער איז געוואָרען ליכטיג.

— וואַרפט אַוועק דאָס געוועהר און הויבט אויף די הענט! — האָט סענדער אַ געשריי געטאָן.

אַלע האָבען ערפילט דעם באַפעל אויסער איינעם, אַ יונגער היץ־קאָפּ וועלכער האָט פון טיר געצילט אויף סענדער'ן. אָבער איידער ער האָט באַוויזען צו שיסען האָט סענדער'ס קויל אים געטראָפען אין אַקסעל.

— אַלע צום צענטער צימער! שנעל! צום צענטער! — האָט סענדער באַפוילען.

ער האָט שנעל דורכגעציילט די אנוועזענדע. עלף זענען דאָרט געווען, קיין איינער האָט ניט געפעלט.

— יערמיע! קענסט אַריינקומען! — האָט סענדער אויסגעשריגען.

אין טיר זענען ערשינען ירמיהו, דר. וועלינגער און דריי פּאָליסלייט. סענדער האָט זיך שנעל אומגעקערט אין צימער וואו ער האָט איבערגעלאָזט די צוויי ביי דער אָפענער לאָך אין דיל. ער האָט זיי געפונען ליגענדיג פאַרשמאַכטע. דער אינגערער האָט שוין געגומען קומען צו זיך און אַרויסווייזען סימנים פון לעבען. סענדער האָט דערקענט אין אים היינריך קאַרליס׳ן, איינעם פון די צוויי וואָס האָט אים באַגלייט אויפ׳ן אַמבולאַנס. דעם עלטערען האָט סענדער געזעהן צום ערשטען מאָל. ער האָט אויסגעזעהן צו זיין טויט...

דער פּאָליציי־שעף איז איינגעשפּאַרט

ווען ירמיהו האָט צוריקגעקערט אין האָטעל איז שוין געווען אַ פערטעל צו פינף. ער האָט סענדער׳ן ניט געפונען און האָט דעריבער באַלד באַזוכט דעם באַדע־צימער וואו ער האָט געפונען סענדער׳ס צעטעלע אונטער׳ן וואַש־בעקן.

די געשיכטע מיט׳ן געהיימניספולען יונג וועלכער האָט צען מאָל גערופען סענדער׳ן צום טעלעפאָן איז ירמיהו׳ן שטאַרק ניט געפעלען געווען. ער האָט מאָמענטאַל איינגעזעהן אַז די לאַגע איז דאָ פיל געפערליכער ווי ער האָט געמיינט. סענדער איז אַוועק צו מאַרטאַ׳ן. ער דאַרף איצט דאָרט אָנקומען. עס איז 5 פאַרנאַכט. ירמיהו האָט באַשלאָסען אַז עס איז גלייכער ער זאָל זיך געפינען אין דער נאָהענט פון זיין געהילף. אויב מאַרטאַ האָט באַשלאָסען איינצולאַדען סענדער׳ן צו זיך, איז אַנצונעמען אַז דער שונא זאָל מעגליך נאָך היינט ווערען טעטיג. „מען טאָר זיך ניט פאַרלאָזען אויף קיין ניסים״, האָט ירמיהו באַשלאָסען.

ער איז אַרונטער אין לאָבי פון האָטעל און פון דאָרט האָט ער אָפּגערופען די הויפּט פּאָליציי. דר. וועלינגער האָט זיך שוין געקליבען פאַרלאָזען דעם אָפיס ווען ירמיהו האָט אָפּגערופען.

דער פּאָליציי־שעף האָט זיך שטאַרק פאַרוואונדערט הערענדיג דעם דעטעקטיווס פאַרלאַנג ער זאָל מאָמענטאַל אַרויסקומען מיט אַ צאָל פּאָליסלייט.

— וואָס אַזוינס קומט דען דאָ פאַר? — האָט ער געפרעגט — איז עס פּלוצים אַ נייע ווענדונג אין דער אויספאָרשונג? פאַרוואָס האָט איר מיר דערפון גאָרניט דערצעהלט ווען מיר האָבען זיך געזעהן פריער?

— איך וועל עס אייך אויפקלערן שפּעטער — האָט ירמיהו געזאָגט — עס איז ניי פֿאַר מיר אויך, כאָטש ניט אינגאַנצן אומדערוואַרטעט.

וועלינגער איז געפֿאָרן דירעקט צו דער צעפּעלין שטראַסע ווי ירמיהו האָט אים געבעטן. ער האָט אויך געפֿאָלגט דעם דעטעקטיוו און איז ניט געפֿאָרן אין אַ פּאָליציי קאַר נאָר אין זיין אייגענער. דריי באַוואָפֿנטע פּאָליסלייט זענען מיטגעפֿאָרן מיט'ן שעף.

קומענדיק צום אָפּגערעדטען ראָג פֿון גאַס האָט וועלינגער געטראָפֿן ירמיהו'ן וואַרטענדיק. דער דעטעקטיוו איז איינגעשטיגן אין וועלינגער'ס קאַר, האָט געבעטן דעם פּאָליציי־שעף צוצופֿאָרן נעהנטער צום הויז וואו מאַרטאַ האָט געוואוינט. דאָרט זענען זיי געבליבן שטעהן ביים טראָטואַר אַנטקעגענאיבער דעם הויז. עס האָט שוין געגומען ווערען טונקעל, דער הימעל איז געווען באַדעקט מיט שווערע וואָלקענס און עס האָט אויסגעזעהן אַז באַלד וועט נעמען רעגענען.

ירמיהו האָט אין קורצען דערצעהלט דעם פּאָליציי־שעף וועגען איבערפֿאַל אויף סענדער'ן פֿאַריגע נאַכט ווי אויך וועגען דעם געהיימניספֿולען יונג אין לאָבי פֿון האָטעל.

— יאָ, איך פֿאַרשטעה! — האָט וועלינגער אויסגערופֿען — אָבער וואָס פֿאַר אַ פֿאַרבינדונג האָט עס מיט אונזער אויספֿאָרשונג?

— דאָס ווייס איך נישט... איך ווייס בכלל נישט צי עס האָט עפּעס אַ פֿאַרבינדונג — האָט ירמיהו געזאָגט — אָבער עמיצער איז פֿאַראינטערעסירט אין מיין געהילף און איך האָב אַ פֿאַרדאַכט אַז מאַרטאַ האָפּשטאַט איז דאָ פֿאַרמישט. מאַרטאַ איז געווען די געליבטע פֿון דר. גרונט'ן... עפּעס איז דאָ פֿאַראַן אַ פֿאַרבינדונגס־קייטעלע. איך לאָז זיך דאָ פֿירען פֿון מיין אינסטינקט. איך האָב אָבער צוגעזאָגט אַז איך וועל מיט אייך קאָאָפּערירען און דאָס טו איך אַ צינד. איך האָב געקענט אַליין נאָכפֿאָלגען דעם שפּור אָבער איך פֿיהל אַז עפּעס וועט היינט געשעהן. איז ניט גלייכער איר זאָלט האָבען אַ האַנט אין די געשעהענישען? עס איז לייכטער פֿאַר מיר און בעסער פֿאַר אייך.

דער זייגער האָט געוויזען אַ פֿערטעל צו זעקס. ירמיהו איז געוואָרען אומגעדולדיק. ער האָט באַשלאָסען אַרויסגעהן פֿון קאַר און אריינגעהן אין הויז. וועלינגער מיט די דריי פּאָליסלייט זענען פֿאַרבליבען אין קאַר האַלטענדיק פֿון ווייטענס אַן אויג אויף דעם אַריינגאַנג צום הויז.

ירמיהו האָט אופגעשטעלט דעם קאָלנער פֿון מאַנטעל, אַראָפּגערוקט

דעם הוט און איז אַוועק צום הויז. ער איז אַרויף איין שטאָק, זיך פֿאַרהאַלטען ביי מאַרטאַ׳ס טיר און זיך איינגעהערט. אינוועניג איז געווען שטיל. ער איז אַרויף אַ האַלבען שטאָק העכער, געבליבען שטעהן אויף די האַלב פינצטערע טרעפּ און נאָכגעטראַכט וואָס צו טאָן.

ער האָט געוואוסט אַז סענדער געפינט זיך ביי מאַרטאַ׳ן אין הויז און אַז אויף סענדער׳ן מעג מען זיך פאַרלאָזען. אָבער דער יונג האָט ניט געהאַט קיין געווער ביי זיך אויסער זיינע צוויי שטאָלענע פויסטען. אויב ער איז אין אַ געפאַר איז עס בישט קיין מאָמענטאַלע געפאַר, ווייל אומברענגען אים האָבען די געהיימע פאַרשוינען געקענט אין האָטעל נעכטען ביינאַכט. „ווען איך קען זיך אַריינבאַקומען אין הויז״, האָט ירמיהו געטראַכט. ער וואָלט געקענט עפענען די איינגאַנג־טיר ווען ער האָט ביי זיך אַ „וויטריך־שליסעל״, אָבער דאָס האָט ער ניט געהאַט.

ער האָט זיך פלוצים אָנגעשפּיצט. אַ קאַר איז פאַרפאָרען צום הויז. ירמיהו איז אַרונטערגעלאָפען עטליכע טרעפּ און זיך איבערגעבויגען איבער דער פאַרענטשע. ער האָט געזעהן צוויי מענער אַריינקומענדיג אין הויז. קיינער דאַרף אים דאָ ניט זעהן. אפשר זענען זיי שכנים. ירמיהו האָט שטילערהייט גענומען קלעטערען אויף די טרעפּ אַרויפצו אָבער ער האָט זיך באַלד פאַרהאַלטען. ער האָט געהערט ווי די צוויי מענער בלייבען שטעהן און קלינגען אָן ביי מאַרטאַ׳ס טיר.

מאַרטאַ האָט די טיר געעפענט. ירמיהו האָט זי געזעהן נאָר איין קורצען אויגענבליק אָבער דאָס איז געווען גענוג. אַזוי שנעל ווי די טיר האָט זיך צוגעמאַכט איז ער, שפּרינגענדיג איבער פינף טרעפּ מיטאַמאָל, געלאָפען אַראָפּצו, און צוגעפאַלען מיט׳ן אויער צו דער טיר. ער האָט געהערט שטימען וואָס האָבען זיך דערווייטערט אָבער וואָס מען האָט גערעדט האָט ער ניט געקענט אויפכאַפּען.

איצט איז פאַר אים געווען קלאָר, אַז מען טאָר לענגער ניט וואַרטען. אויב סענדער איז דאָרט אינוועניג און איז ניט אליין מיט מאַרטאַ׳ן איז איינס פון דיביידע: אָדער סענדער דאַרף באַלד אַרויסקומען אָדער, אויב ער בלייבט אינוועניג, מוז מען אים קומען צו הילף. ווייל עס איז קלאָר אַז סענדער געפינט זיך דאָרט ניט מיט׳ן גוטען ווילען שפּילען אַ קערטל מיט די צוויי. ווער ווייסט, אפשר זענען דאָרט פאַראַן נאָך מענשען, פון פריער...

ירמיהו האָט שנעל פאַרלאָזט דאָס הויז און איז אַוועק צו דער וואַרטענ־דיגער קאַר.

— האָסט געזעהן? אַ טעקסי האָט געבראַכט צוויי מענער — האָט דר. וועלינגער אים געזאָגט.

— יאָ, איך האָב זיי געזעהן. זיי זענען אַריין אין מאַרטאַ׳ס וואוינונג — האָט ירמיהו געזאָגט איינזעצענדיג זיךביים זייט פון פּאָליציי־שעף — דר. וועלינגער, מיר מוזען זיך אַריינבאַקומען אין הויז צו מאַרטאַ׳ן — האָט ער צוגעגעבען מיט אַן אַנטשלאָסענעם טאָן — מיר געפעלט ניט די געשיכטע און איך האָב אַ געפיהל אַז מיין געהילף איז אין געפאהר.

— יאָ, כ׳פאַרשטעה! — האָט דר. וועלינגער אויסגערופען — אָבער וואָס קען איך דען טאָן? איך האָב ניט קיין געריכט באַפעל אַריינצובאַקומען זיך אין הויז.

— טוט עס אָהן אַן ערלויבניש... עס איז אַ מוז!

וועלינגער האָט אָנגעקוקט דעם דעטעקטיוו מיט שטוינונג.

— אָהן אַ געריכט באַפעל? מענש, זענט איר אַראָפּ פון זינען? מעהר ווי דאָס פעלט מיר ניט! וואָס מיינט איר זיך? די צייטען פון דער געסטאַפּאָ זענען פאַראיבער און זיי טאָרען זיך מער ניט צוריקקערען...

— דאַן וועל איך עס אליין טאָן — האָט ירמיהו אויסגערופען — איך נעם עס אויף זיך. איר וועט נאָר...

— ... אויסגעשלאָסען! איך קען עס ניט ערלויבען! — האָט וועלינגער אים איבערגעשלאָגען די רייד.

אומזיסט האָט ירמיהו געוואָלט איבערצייגען דעם פּאָליציי־שעף אַז ער זאָל זיך מאַכען ניט וויסענדיג דערפון וואָס ער, ירמיהו, וויל טאָן. די פּאָליס־לייט האָבען זיך איינגעהערט מיט אינטערעס צום געשפּרעך און טיף אין האַרצען האָבען זיי מיטגעפיהלט מיט׳ן דעטעקטיוו. די שפּאַנונג פון דער לאַגע האָט זיי אָנגעשטעקט מיט׳ן זעלבען פיבער וועלכען ירמיהו האָט געפיהלט.

דר. וועלינגער איז אָבער געווען האַרט ווי אַ שטיין. ער האָט אַפילו ניט געקענט קומען צו אַ ריכטער בעטען אַן ערלויבניש צו באַזוכען מאַרטאַ׳ס וואוינונג, ווייל ער פיהלט זיך ניט באַרעכטיגט צו שווערען אַז ער האָט אַ גענוגענדען פאַרדאַכט געגען איר. „די גאַנצע זאַך זעהט מיר אויס צו זיין אַ נאַרישער קאָשמאַר, ניט רעאַל, ניט וואַר...״, האָט ער גע׳טענה׳ט. „איך זעה דאָ אַבסאָלוט ניט קיין גרונט פאַר פאַרדאַכט״...

פון וויטענס האָט זיך דערהערט דער קוויטש פון אַ סירענע. באַלד איז אַ קליינער ווייסער אַמבולאַנס פאַרפאָרען פאַר׳ן הויז וועלכען זיי האָבען

אַפּגעהיט די גאַנצע צייט. צוויי מענער זענען אויסגעשטיגען פון אַמבולאַנס מיט אַ טראָג־בעטעל און זענען אַריין אין הויז.

צוויי־דריי פאַרבייגעהער זענען געבליבען שטעהן אין גאַס, אַ פרוי מיט אַ קליין מיידעלע וועלכע זי האָט געפירט ביים האַנט זענען צוגעקומען צום אַמבולאַנס. ירמיהו איז אַרויסגעשפרונגען פון קאַר, איז אויך צו צום הויז. ער האָט געזעהן ווי מען טראָגט אַרויס פון מאַרטאַ׳ס וואוינונג אַן איינגעדעקטען קערפּער, און די צוויי מענער וועמען ער האָט פריער געזעהן אַריינקומען אין הויז, באַגלייטען דעם אַמבולאַנס דראַיווער מיט זיין געהילף און שטייגען איין אין אַמבולאַנס.

כאָטש דער קערפּער איז געווען איינגעדעקט האָט ירמיהו אָבער דערקענט סענדער׳ס שיך. ער האָט זיך אָנגעטאָן אַ כוח צו בלייבען רוהיג און ניט צולויפען אָפּצודעקען דעם קערפּער. ער האָט צוריקגעאיילט צו וועלינגער׳ס קאַר.

— עס איז מיין געהילף... לאָמיר נאָכפאָלגען דעם אַמבולאַנס! מאַרטאַ׳ן וועלען מיר ניט פאַרשפּעטיגען!... — האָט ער אויסגערופען.

אַן איבעררַאַשענדע ענטדעקונג

איינער פון די פּאָליסלייט האָט גענומען איבערבינדען די וואונד אין אַקסעל פון דעם יונג וועמען סענדער׳ס קויל האָט געטראָפען. די אַנדערע צוויי פּאָליסלייט האָבען שנעל באַטאַפּט די אַנוועזענדע און זיי באַפוילען זיך אויסשטעלען ביי דער וואַנט.

ירמיהו און דר. וועלינגער האָבען נאָכגעפאָלגט סענדער׳ן אין צווייטען צימער אַריין. ירמיהו האָט אָנגעדריקט אויף דעם עלעקטרישען סוויטש און אין צימער איז געוואָרען ליכטיג.

סענדער איז געשטאַנען מיט׳ן עלעקטרישען לעמפּעל אין איין האַנט און מיט אַ רעוואָלווער אין דער צווייטער האַנט, געשטאַנען אָנגעבויגען איבער דעם קערפּער פון אַ הויכען ברייט־פּלייציגען מאַן.

— אַ בראַנד אין זיינע קישקעס! יאַך האָף נאָר אַז יאַך האָב אים ניש גיגעיבען אַ צי שטאַרקען זבענק אין קאָפּ! — האָט סענדער געבורטשעט — יערמיע! קים נאָר אַהער! — האָט ער אויסגערופען ווען דער דעטעקטיוו איז ערשינען אין צימער — זעה נאָר צי ער לעבט! איך האָב אים צונויפגעקלאַפּט קעפּעניו צו קעפּעניו מיט אָט דעם צווייטען און איך האָב מורא

אַז עס האָט אים פאַרשאַדט! יענער זשיפּעט שוין, אָבער דער זעָהט מיר אויס צו זיין קאַלט!

ירמיהו האָט זיך דערנענטערט צו די אָפּגערוקטע ברעטער אין דיל און איז פּלוצים געבליבען שטעהן ווי אַ צוגעשמידטער צום פּלאַץ.

— יערמיע, וואָס איז געשעהן? — האָט סענדער אויסגעשריגען.

ירמיהו האָט ניט געענטפערט. ער איז געשטאַנען, זיין בליק צוגעשמידט צום מאַן וועמען סענדער האָט פאַרדעכטיגט אַז ער איז טויט.

— דר. וועלינגער! טוט נאָר אַ קוק! זעהט וועמען מיר געפינען דאָ! — האָט ירמיהו אויסגערופען.

דר. וועלינגער איז צוגעקומען און סענדער האָט באַמערקט ווי דער פּאָליציי־שעף ווערט ווייס ווי די וואַנט. ער איז געשטאַנען מיט אַ צעעפענטען מויל, זיין אונטערשטע ליפּ האָט געציטערט.

— ניין! איך גלויב עס ניט! — האָט זיך ענדליך אַרויסגעריסען ביי אים אַ דערשטיקטער געשריי — עס איז ניט מעגליך!

— איך האָב מורא אַז עס איז יאָ מעגליך. אָט איז ער דאָ פאַר אונז! — האָט ירמיהו געזאָגט — איך האָף נאָר אַז ער לעבט.

— ירמיהו! ווער איז ער? דו קענסט אים?! — האָט סענדער אויסגערופען פירענדיג זיין דערשטוינטען בליק פון וועלינגער׳ן צו ירמיהו׳ן און צוריק.

— יאָ, מיר קענען אים. ער איז דאָקטאָר ברונאָ קרייזלער, אַ הויכער פּאָליציי בעאַמטער...

— ברונאָ קרייזלער... ברונאָ קרייזלער... עס איז אומגלויבליך! — האָט דר. וועלינגער געמורמעלט.

— קרייזלער! — האָט סענדער אויסגעשריגען — ער איז דאָך דער „גראַץ" אויף וועמען זיי האָבען אַלע געוואַרט. גראַץ, דער פּירער זייערער. „הייל היטלער", האָבען זיי געשריגען ווען ער איז ערשינען, „הייל היטלער", אַ וויסטע קרענק אין זייערע קישקעס! ער האָט זיי באַפוילען צו פאַרהאַלטען די פּאָליציי ביז ער וועט אַנטלויפען. דאָ האָט ער עס געוואָלט אַריינקריכען אין דער לאָך אין דיל.

דער אינגערער מאַן האָט אַ קרעכץ געטאָן און זיך גענומען רירען.

— און אָט דער איז דאָס געוועזן ביי מאַרטאַ׳ן — האָט סענדער אָנגעוויזען אויף אים מיט׳ן פוס — ער מיט נאָך איינעם האָבען מיר באַגלייט אַהערצו.

ירמיהו האָט זיך אָנגעבויגען איבער דר. קרייזלער׳ן מיט וועמען ער איז ערשט מיט עטליכע שטונדען צוריק געזעסען ביים טיש, אויסגעהערט זיין

ענטדעקונג וועגען דער באַדייטונג פון בלויען צייכען און שפּעטער געגעסען מיט איהם און פאַרבראַכט אין „ווייסען הירש".

דער דעטעקטיוו האָט באַטאַפּט דעם מאַנ'ס שטערן און אים אָנגענומען ביים פּולס.

— ער לעבט!.. — האָט ער זיך געווענדעט צו וועלינגער'ן — איר וועט באַלד קענען רעדען מיט אים. אַ ביסעל קאַלטע וואַסער וועט אים צוריקברענגען צו זיך. עס איז ניט מער ווי אַ קליינע צוטרייסלונג פון מוח...

*

פיר און צוואַנציג שטונדען איז דער פּאָליציי געלונגען צו האַלטען אין געהיים די פּאַסירונגען פון יענער נאַכט. דאַן האָט די נייעס עקספּלאָדירט ווי אַ גרויסע שטינק־באָמבע.

די נייעס האָט פאַרטונקעלט אַלע אַנדערע לאָקאַלע און וועלט געשעהעניש'ען. אפילו די באַריכטען פון קאַנצלער אַדענאוער'ס באַזוך אין אַמעריקע זענען פאַרשטויסען געוואָרען צום צווייטען פּלאַץ.

די פּרעסע האָט געקאָכט מיט דער „מילכשטראָם פאַרם" געשיכטע. סענסאַציע־צייטונגען האָבען צושמירט די געשיכטע מיט אמת'ע און ניט געשטויגענע איינצעלהייטען און עס איז שווער געווען צו וויסען וואָס עס איז ריכטיג און וואָס איז פאַנטאַזיע. צום ערשטען מאָל אין פילע וואָכען האָט די פּרעסע געזונגען אַ לויב־געזאַנג צו דער פּאָליציי פון מינכען און איר שעף דר. האַנס וועלינגער. קיין איין וואָרט איז ניט דערמאָנט געוואָרען וועגען די צוויי ישראל'דיגע דעטעקטיווס. זייער אנטייל אין דער געשיכטע, אפילו זייער אנוועזענהייט אין דייטשלאַנד איז געבליבען אַ סוד פאַר דער עפענט־ליכקייט.

אָבער די אנוועזענהייט פון די צוויי ישראל'דיגע דעטעקטיווס און זייער אנטייל אין די געשעהענישען זענען ניט געווען די איינציגע פאַרבאָרגענע פאַקטען פון די פּאַסירונגען. עס זענען געווען אַ צאָל אַנדערע איינצעלהייטען פון וועלכע די צייטונגס רעפּאָרטערס האָבען ניט געאַהנט. איינע פון זיי איז געווען די ראָלע פון אַ געוויסער פריילין מאַרטאַ האָפּשטאַט, אַ זינגערין, באַקאַנט אונטער'ן נאָמען „מאַרגאַריטע"; די צווייטע איינצעלהייט איז געווען די ראָלע וואָס עס האָט דאָ געשפּילט דער הויפּט פון דער פינגער אָפּדרוק אָפּטיילונג אין דער פּאָליציי, דר. ברונאָ קרייזלער.

די צייטונגס באַריכטען האָבען אויך ניט געוואוסט צו דערצעהלען ווי אַזוי די פּאָליציי האָט ענטפּלעקט די באַנדע פון נעאָ־נאַציס. זיי האָבען דעם

אויפֿטו צוגעשריבען צו דר. האַנס וועלינגער׳ס טיכטיגקייט און דער וואַכזאַמ־קייט פֿון זיינע געהיים אַגענטען.

אַזוי אַרום האָט די וועלט זיך דערוואוסט אַז „נאָך לאַנגע מאָנאַטען פֿון שפּיאָנירען און נאָכפֿאָרשען״ האָט די פּאָליציי אין אַ רעגענדיגער נאַכט דורכגעפֿירט אַן איבערפֿאַל אויף דער איינזאַמער מילכשטראָם פֿאַרם הינטער מינכען. די פּאָליציי האָט געפֿונען אין פֿלאַץ דרייצען מענער פֿון פֿאַרשידענעם עלטער, וועלכע זענען דאָרט געווען פֿאַרזאַמעלט צוזאַמען מיט זייער פֿירער באַקאַנט אונטער׳ן נאָמען „גראַץ״. די מילכשטראָם פֿאַרם האָט געדינט אַלס הויפּט קוואַרטיר פֿאַר די נעאָ־נאַציס. מען האָט דאָרט געפֿונען אַ גאַנצען אַרסענאַל פֿון געוועהר, מאַשין ביקסען, קוילען און גראַנאַטען באַהאַלטען אין אַן אונטערערדישען טונעל, וואָס האָט געפֿירט פֿון דער פֿאַרם־הויז אויף אַ שטרעקע פֿון אַ האַלבען קילאָמעטער ביז צו אַן אַלטען פֿאַרלאָזענעם, האַלב־חרוב׳ען הויז אין אַ וועלדעל וואָס גרעניצט זיך מיט דער פֿאַרם.

אויפֿ׳ן בוידעם פֿון הויז האָט די פּאָליציי ענטדעקט אַ קליינע דרוקעריי און אַ היבשע צאָל נאַצישע ליטעראַטור, אַ ביוסט פֿון אַדאָלף היטלער און פֿענער מיט סוואַסטיקאַס. די פּאָליציי האָט אויך געפֿונען אַ ליסטע מיט אַדרעסען פֿון פֿאַרשידענע מענשען און האָט נאָך די זעלבע נאַכט ווי אויך צומאָרגענס דורכגעפֿירט אַ צאָל אַרעסטען. „די אויספֿאָרשונג איז איצט אין פֿולען גאַנג — האָבען די צייטונגען געשריבען — און זי ווערט אָנגעפֿירט פֿון טיכטיגען שעף פֿון דער פּאָליציי דר. האַנס וועלינגער און זיין געהילף וואַלטער קנאַבע.

מארטא כאַפּט אַ פּראַסק אין פּנים

סענדער מיט ירמיהו׳ן זענען געווען דערביי ווען מען האָט אַריינגעבראַכט מאַרטאַ׳ן אין דר. וועלינגעו׳ס צימער פֿאַר אַן אויספֿאָרשונג.

מאַרטאַ איז אַרעסטירט געוואָרען די זעלבע נאַכט פֿון די געשעהענישען אין דער מילכשטראָם פֿאַרם. די פּאָליציי האָט אָנגעקלאַפּט ביי איר טיר אַ פֿערטעל צו איינס ביינאַכט. זי איז שוין געהאַט געלעגען אין בעט אָבער זי איז נאָך ניט געשלאָפֿען. מיצי׳ן האָט מען אין הויז ניט געפֿונען.

מיצי האָט זיך אָבער שנעל אָפּגעזוכט. זי האָט גע׳טענה׳ט, אַז זי ווייסט פֿון גאָרניט צו זאָגען. זי האָט זיך באַקאַנט מיט מאַרטאַ׳ן אין אַ נאַכט לאָקאַל וואו זי מיצי, האָט געטאַנצט און מאַרטאַ איז דאָרט אויפֿגעטראָטען צוויי וואָכען צייט. זיי האָבען זיך באַפֿריינדעט און מאַרטאַ האָט זי דערנענטערט

צו זיך. דאַן איז מיצי געווען אויף צרות: זי האָט פאַרשוואַנגערט פון אַ מאַן וועלכער האָט איבערגעריסען מיט איר. מאַרטאַ איז געווען די יעניגע וועלכע האָט פאַרגעשטעלט מיצי׳ן פאַר יענעם מאַן. איז זי געקומען צו מאַרטאַ׳ן בעטען אַן עצה און מאַרטאַ האָט איר געשיקט צו דר. גרונט׳ן און איר אויך געליהען פינף הונדערט מאַרק זי זאָל קענען פטור ווערען פון דער שוואַנגערשאַפט. דאַן האָט זי אָנגעהאַלטען אַ פריינטשאַפט מיט דר. גרונט׳ן ווי זי האָט שוין דערצעהלט דער פּאָליציי.

— מיט עטליכע מאָנאַטען צוריק האָב איך געטראָפען מאַרטאַ׳ן אין גאַס — האָט מיצי דערצעהלט — און זי האָט געפרעגט ביי מיר צי איך וועל איינשטימען וואוינען ביי איר אין וואוינונג דריי מאָנאַטען — אַזוי לאַנג ווי זי פאָרט קיין איטאַליע אויפטרעטען אין מילאַן. איך האָב איינגעשטימט און האָב זיך אריינגעצויגען צו איר אין וואוינונג. ווען זי האָט צוריקגעקערט האָב איך פאַרלאָזט איר הויז. איך האָב סאַי ווי סאַי געהאַלטען ביים פאַרלאָזען ווען איך האָב געדאַרפט פאָרען מיט יאָהאַנ׳ען... איך מיין מיט דר. גרונט׳ען קיין קאַפּרי...

דר. וועלינגער האָט זיך שוין געוואָלט באַנוגענען מיט מיצי׳ס דערציילונג וואָס האָט, ווי עס האָט אויסגעזעהן, געשטימט מיט׳ן אמת. אָבער ירמיהו האָט געראַטען וועלינגער׳ן ער זאָל אויסגעפינען ווער עס איז געווען דער מאַן וועמען מאַרטאַ האָט איר פאָרגעשטעלט און פון וועלכען זי האָט שפּעטער געשוואַנגערט. מיצי איז צוריקגערופען געוואָרען פאַר ווייטערדיגער אויס־פאָרשונג. אָנפאַנגס האָט זי זיך אָנטזאָגט אַרויסצוגעבען דעם נאָמען אָבער ווען דער פּאָליציי־שעף האָט איר געוואָרענט אַז ער וועט זי פאַרהאַלטען אונטער אַרעסט, האָט זי ענדליך צוגעשטימט צו רעדען.

דאָס וואָס זי האָט דערצעהלט האָט געוויזען אַז ירמיהו האָט געהאַט אַן אינסטינקטיווען פאַרגעפיהל וועגען דער וויכטיגקייט פון אָט דער איינצעלהייט ווייל מיצי האָט אָנגערופען אַ נאָמען אויף וועלכען דער פּאָליציי־שעף האָט זיך ניט געריכט: דר. ברונאָ קרייזלער.

דעריבער האָט עס ירמיהו געפאָדערט פון פּאָליציי־שעף ער זאָל ערלויבען אים מיט סענדער׳ן זיין אַנוועזענד ביי דער פאָרשונג פון מאַרטאַ׳ן. עס איז דאָ געווען „אַ פאַרשאָלטענער קרייז פון אומשטענדען" ווי ירמיהו האָט זיך אויסגעדריקט. מאַרטאַ איז געווען דר. גרונט׳ס געליבטע. זי שטעלט פאַר מיצי׳ן פאַר קרייזלער׳ן, זי שיקט מיצי׳ן צו גרונט׳ן... עס איז, וואָס אמת, ניטאָ קיין פאַרבינדונג צווישען אָט דעם אַלעמען מיט דער געהיימניס פון

די דריי ערמאָרדעטע דאָקטוירים. דאָך איז עס אַ מאָדנער צוזאַמענטרעף, אין וועלכען די ישראל׳דיגע דעטעקטיווס האָבען געהאַט אַן אינטערעס, אַ באַרעכטיגטען אינטערעס.

דר. וועלינגער האָט צוגעשטימט צו ירמיהו׳ס פאַרלאַנג אָהן שטאַרקען חשק. ער האָט ניט געוואָלט צונויפמישען די צוויי באַזונדערע אויספאָרשונגען און האָט געהאַלטען פאַר ראַטזאַם אַז ירמיהו זאָל זיך וואָס וועניגער מישען אין דער מילכשטראָם פאַרם געהיימניס. אָבער ער האָט איינגעזעהן אַז אין פאַל פון מיצי׳ן האָט ירמיהו אים געגעבען אַ שטויס אין דער געהעריגער ריכטונג און טיף אין האַרצען האָט ער געהאָפט אַז פילייכט קען דער ישראל דעטעקטיוו אים באַהילפיג זיין מיט נאָך אַ ראַט.

אַזוי אַרום זענען עס ירמיהו מיט סענדער׳ן געווען אנוועזענד ווען די טיר האָט זיך געעפענט און מאַרטאַ איז אַריינגעבראַכט געוואָרען. זי איז געווען נעט אָנגעטאָן און פאַרקעמט.ביים אנבליק פון סענדער׳ן איז זי געוואָרען צוטומעלט, איז שטעהן געבליבען און אים אָנגעקוקט מיט האַס.

— זיצט פריילין האַפשטאַט! — האָט דר. וועלינגער אויסגערופען.

זי האָט זיך געזעצט אויפ׳ן אָנגעוויזענעם שטול, האָט באַדאַנקט דעם פאָליציי־שעף פאַר׳ן סיגאַרעט וועלכען ער האָט איר אָנגעבאָטען.

— איר ווייסט פאַרוואָס איך זענט אַרעסטירט געוואָרען?

— ניין, איך ווייס ניט! — האָט זי אויסגערופען מיט ענטריסטונג.

— פריילין האַפשטאַט, איר זענט דאָך אַ קלוגע פרוי...

— איך ווייס גאָרניט. איך פאַרלאַנג מען זאָל מיר לאָזען זעהן אַן אַדוואָקאַט.

— דאָס וועט מען זעהר לייכט קענען ערליידיגען — האָט דר. וועלינגער געזאָגט — איר קענט אונז אָבער פיל באַהילפיג זיין אין דער אויספאָרשונג און אפילו ניט דאַרפען אָנקומען צו דער הילף פון אַן אַדוואָקאַט. קאָאָפערירט מיט אונז.

— איך הויב ניט אָן צו וויסען וואָס איר ווילט פון מיר...

— איר ווייסט גאַנץ גוט... אָט זיצט דאָ הער פאָלאַני. איר קענט אים דאָך... איר קענט אויך דר. ברונאָ קרייזלער׳ן.

— ווער?

— ברונאָ קרייזלער.

— ווער איז ער? — האָט מאַרטאַ אַרויסגעצויגען אויף זיך אַ מינע פון גלייכגילטיגקייט.

— ער איז „גראָץ”. איר קענט אים ניט?

— קיינמאָל ניט געהערט פון אים — האָט מאַרטאַ געזאָגט פאַרציהענדיג דעם רויך פון סיגאַרעט.

— אַ שאָד וואָס איר האַלט זיך ביי אייער איינגעשפאַרטקייט — האָט וועלינגער אויסגערופען — עס וועט אייך ניט טאָן קיין גוטעס. מיר ווייסען אַז איר קענט ברונאַ קריילער׳ן.

— עס איז ניט אמת!

— איר האָט אים פאַרגעשטעלט פאַר מיצי׳ן און ווען מיצי האָט פאַרשוועגערט פון אים האָט איר געשיקט מיצי׳ן צו דר. גרונט׳ן און איר נאָך געגעבען 500 מאַרק וועלכע איר האָט קיינמאָל ניט פאַרלאַנגט צוריק...

— אַזאַ הור! זי וועט טייער באַצאָלען דערפאַר! — האָט מאַרטאַ אויסגעשריגען רויט ווערענדיג פון כעס — זי זאָגט ליגען! ליגען! ליגען! איך האָב איר קיינמאָל ניט פאַרגעשטעלט פאַר קיינעם... איך האָב קיינמאָל ניט...

— מאַרטאַ! גענוג שפּילען די קאָמעדיע! מיר ווייסען אַז איר קענט קריילער׳ן... איז עס דען ניט אַ פאַקט אַז היינריך קאַרליס און ווילהעלם גרובע זענען געווען ביי אייך אין הויז און צוגענומען העד פּאָלאַני׳ן מיט׳ן אַמבולאַנס? ווי קומט איר צו זיי?

מאַרטאַ האָט האַסטיג פאַרדריקט דעם סיגאַרעט אין אַש־קעסטעל.

— איך האָב גאָרניט צו זאָגען און איך וועל גאָרניט זאָגען. איך פאַרלאַנג צו זעהן אַן אַדוואָקאַט! — האָט זי אויסגעשריגען אויפשטעלענדיג זיך פון שטול.

דר. וועלינגער האָט צוגעוואָרפען אַ פרעגענדען בליק צו ירמיהו׳ן. דער דעטעקטיוו האָט שטום אָנגעפרעגט צי ער קען איבערנעמען. וועלינגער האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ.

— זעצט זיך צוריק אַוועק! — האָט ירמיהו באַפוילען מאַרטאַ׳ן.

— איך נעם ניט קיין באַפעלען פון אַ שמוציגען יודע! — האָט מאַרטאַ אויסגעשריגען.

דער דעטעקטיוו האָט איר דערלאַנגט אַ פראַסק אין באַק. זי איז אומגעפאַלען אויפ׳ן שטול, האָט פאַרביסען די ליפּען; איר געזיכט איז געוואָרען רויט פון האַס. מיט איין שפּרונג איז זי געוואָרען אויף די פיס. ווי אַ ווילדע קאַץ האָט זי זיך געוואָרפען אויף ירמיהו׳ן גרייט אויסצוגראַבלען זיינע אויגען, אָבער סענדער׳ס שטאָלענער אָרעם האָט איר פאַרשטעלט דעם

וועג. דער יונג האָט זי אָנגעכאַפּט ביי ביידע אַקסלען און מיט כוח אַ זעץ געטאָן אויפ׳ן שטול.

— ענטשולדיגט מיר, דר. וועלינגער — האָט ירמיהו זיך געווענדעט צום פּאָליציי־שעף — איך האַלט ניט פון שלאָגען אַן אַרעסטאַנט; אַ פּרוי אַוודאי ניט. אָבער דעם פּאַטש האָט זי באַקומען פאַר אָנרופן מיך „שמוציגער יודע".

מאַרטאַ האָט פּלוצים צוזאַמענגעבראָכען, האָט איינגעגראָבען דעם פּנים אין די הענט און גענומען היסטעריש וויינען.

— עס איז אַן אָנשטעל! — האָט ירמיהו געזאָגט — איך ראָט אייך אויפהערען צו שפּילען די קאָמעדיע. איר האָט די מעגליכקייט צו העלפען דעם פּאָליציי און געהן פריי אָדער בלייבען פאַר׳עקשנ׳ט און פוילען אין טורמע. קלייבט זיך אויס איינס פון די ביידע.

די היסטעריע האָט זיך פּלוצים אָפּגעטאָן פון מאַרטאַ׳ן. זי האָט זיך אויסגעגלייכט אין שטול און געווענדעט איר בליק צום פּאָליציי־שעף.

— איך וועל זיך ניט לאָזען פייניגען פון אַט דעם... דעם יודע! — האָט זי אויסגעשריגען — איך ווייס פון גאָרניט און וועל גאָרניט זאָגען.

— די רייזעס אייערע! — האָט ירמיהו אויסגערופען — מיר האָבען דאָ אייער פּאַספּאָרט. אין די פאַרגאַנגענע פיר יאָר זענט איר געווען אין אַרגענטינע, עסטרייך, בראַזיל, עגיפּטען, און דריי מאָל אין איטאַליע. ווער האָט געצאָלט פאַר די רייזעס? וואָס איז געווען זייער צוועק? ווער אָראַנזשירט אייערע אויפטריטען? מיר ווייסען אַז איר זענט ניט אַזאַ גרויסע זינגערין מען זאָל אייך אַנגאַזשירען אַזש קיין אַרגענטינע צי בראַזיל.

— ער באַליידיגט מיך! איך וועל עס ניט דולדען! — איז מאַרטאַ אויפגעשפּרונגען און גענומען טופּען מיט די פיס. דאָס מאָל איז עס ניט געווען קיין אָנשטעל. זי איז באמת געווען אויפגעבראַכט און האָט געברענט פון האַס...

*

עס איז געווען אוממעגליך צו געווינען מאַרטאַ׳ס קאָאָפּעראַציע און דאָס זעלבע איז געווען מיט דר. ברונאָ קרייזלער׳ן. ער האָט געשוויגען און זיך ענטזאָגט צו ענטפערען אפילו אויף דר. וועלינגער׳ס באַגריסונג.

די אויספאָרשונג וואָלט זיך ניט געעררט פון אָרט ווען ניט ווילהעלם גרובע. דער פאַרשוין איז שנעל צוזאַמענגעבראָכען און פאַר׳ן פרייז פון אָפּקומען מיט אַ לייכטער שטראָף האָט ער צוגעשטימט זיך צו פאַרוואַנדלען אין אַן עדות פאַר דער באַשולדיגונג.

ער איז אָבער ניט געווען פון די פירענדע פערזענליכקייטען אין דער נעאָ־נאַצישער באַוועגונג. פיל מער פון די געהיימניסען האָט אויפגעדעקט אַ פעהיגער רעפּאָרטער פון דער „מינכענער אָווענטבלאַט" קורט הערשענפוס. דאָך זענען די אויפדעקונגען פון ווילהעלם גרובע געווען וויכטיג. הויפּט־זעכליך וואָס אַנבאַלאַנגט די ישראל׳דיגע דעטעקטיווס. ווייל פון דעם וואָס ער האָט דערצעהלט, און וואָס זיי האָבען געוואוסט פון פריער, איז פאַר זיי אויפגעקלערט געוואָרען די געהיימניס פון איבערפאַל אויף סענדער׳ן אין האָטעל צימער און אויך די ווייטערדיגע געשעהענישען.

די „מינכענער אָווענטבלאַט" האָט ענטפּלעקט פאַר דער וועלט אַ העסליכע לאַגע וואָס האָט געהערשט אין דייטשלאַנד.

דר. ברונאָ קרייזלער איז געווען אַ פאַרברענטער נאַצי. אין צייט פון היטלער׳ס הערשאַפט האָט ער פאַרנומען אַ וויכטיגען, כאָטש שטילען, אַמט אין דער געסטאַפּאָ. ער האָט שפּעטער באַקומען אַ הויכען ראַנג ווען מען האָט אים באַשטימט צו זיין דער הויפּט פון דער קאָוד (געהיימער שריפט) אָפּטיילונג פון דייטשלאַנד׳ס שפּיאָנאַזש.

נאָך היטלער׳ס מפּלה האָט דר. קרייזלער ניט אויפגעגעבען דעם חלום פון נאַצישער וועלט־הערשאַפט. ער האָט זיך געשטעלט אין שפּיץ פון אַ נייער נאַצי באַוועגונג וועלכע ער האָט אָרגאַניזירט אין געהיים. נאָר געציילטע פון זיינע אַדיוטאַנטען האָבען געוואוסט אַז ער איז דער אַנפירער. אַלע אַנדערע האָבען אַפילו זיין נאָמען ניט געקענט. דער פירער איז געווען באַקאַנט נאָר אַלס „גראַץ" — דער נאָמען פון דער שטאָט וואו קרייזלער׳ס פאָטער איז געבוירען געוואָרען.

כאָטש ווילהעלם גרובע האָט ניט דערצעהלט אַלע איינצעלהייטען, ווייל ער האָט זיי ניט געקענט, האָט אָבער דער רעפּאָרטער פון „אָווענטבלאַט", קורט הירשענפוס, ענטפּלעקט דעם ברייטען פאַרנעם פון דער נעאָ־נאַצישער באַוועגונג. קרייזלער איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט אַ סך וויכטיגע פערזענליכקייטען פון היטלער׳ס צייט — אַנטלאָפענע נאַצים, קריגס־פאַר־ברעכער, מענשען מיט קרימינעלע רעקאָרדס און מיט שוואַרצע געוויסענס. באַקומענדיג אַ הויכע שטעלע אין דער פּאָליציי איז קרייזלער געווען אימשטאַנד צו שטעהן איז סאַמען צענטער פון שונא׳ס לאַגער שפּילענדיג די ראָלע פון אַ רעספּעקטירטען בירגער, אַ הויכער פּאָליציי בעאַמטער און היטער פון געזעץ.

זיין געהיימע אָרגאַניזאַציע האָט אָבער אָנגעהאַלטען אַן ענגען קאָנטאַקט מיט אַלע געווזענע נאַצישע קאָרפּען־קעפּ אין אַ רייע לענדער פון דער

וועלט. ריזיגע סומעס מיט געלט זענען געשטאַנען צו זיין דינסט. לויט רעפּאָרטער הירשענפוס׳עס אָפּשאַצונג האָט די געהיימע נעאָ־נאַצישע באַוועגונג פאַרמאָגט העכער צען מיליאָן דאָלאַר אין קעש און אין אוצרות, צוגערויבטע אין צייט פון קריג פון די נאַצישע קרבנות.

מאַרטאַ האָפּשטאַט האָט געשפּילט אַ וויכטיגע ראָלע אין דער אונטער־ערדישער נאַצי־גרופּע. זי איז געווען איר „קוריער״ און האָט אַרומגערייזט אונטער דער מאַסקע פון אַ קינסטלערין. זי האָט געשאַפן קאָנטאַקטן צווישן די נאַציס אין גאַר דער וועלט מיט דעם צענטער אין דייטשלאַנד.

די סעריע אַרטיקלען וועלכע קורט הירשענפוס האָט פאַרעפנטליכט אין דער „מינכענער אָווענטבלאַט״ האָט פאַראורזאַכט אַ ריזיגע סענסאַציע. אָבער ירמיהו מיט סענדער׳ן האָבן זיך אינטערעסירט מער מיט דעם וואָס ווילהעלם גרובע האָט געקענט אויפקלערן. פון אים האָבן זיי און דר. וועלינגער זיך דערוואוסט די איינצעלהייטן וועגן דעם פאַרשווערונג געגען סענדער׳ן.

ווילהעלם האָט דערצעהלט אַז „גראַץ״ האָט די גאַנצע צייט געהאַט אַ פאַרדאַכט אַז די מאָרדען פון די דאָקטוירים איז אַ אידישע שטיקל אַרבעט, אַ נקמה אַקט פאַר די ליידען פון די קאָנצענטראַציע לאַגערן. דר. גרונט איז געווען אַ מיטגליד פון דער נעאָ־נאַצישער באַוועגונג. וועגן די אַנדערע האָט ווילהעלם ניט געאָהנט.

ווען קרייזלער האָט ביי דער פּאָליציי קאָנפערענץ דערצעהלט אַז „ערשט פאַריגע נאַכט איז אים איינגעפאַלען די לייזונג פון געהיימען צייכען אַלס צוויי אידישע בוכשטאַבען״, האָט ער געזאָגט אַ ליגען. דער געדאַנק איז אים איינגעפאַלען שוין מיט צוויי וואָכען פאַר דעם, אָבער ער האָט עס ניט דערצעהלט וועלינגער׳ן. קרייזלער האָט באַשלאָסען אַז זיין אָרגאַניזאַציע זאָל אַליין נעמען זוכען די „אידישע מערדער״. ווען ער האָט זיך דערוואוסט אַז אַ ישראל׳דיגער דעטעקטיוו איז צוגעלאָזט געוואָרען צו דער אויס־פאָרשונג, האָט ער שיער ניט באַקומען אַ שלאַק. ער האָט באַלד ערקלערט זיינע נאָהענטע מיטהעלפער אין דער אונטערערדישער באַוועגונג אַז ער „טרויט ניט קיין איד און אַז ער פאַרדעכטיגט דעריבער דעם ישראל׳דיגען דעטעקטיוו״.

דאַן האָט פּאַסירט די געשיכטע מיט מאַרטאַ׳ס קומען פון איטאַליע. זי האָט געוואוסט פון קרייזלער׳ס פאַרדאַכט נאָך זייענדיג אין מילאַן. די נאַציס מיט וועלכע זי איז דאָרט געשטאַנען אין קאָנטאַקט האָבן שוין געהאַט דעם באַריכט פון „גראַצ׳ן״. איר באַקאַנטשאַפט מיט סענדער׳ן אין

באַן איז געווען טאַקע ניט מער ווי אַ צופאַל, אָבער ווען זי האָט דערזעהן ביי זיך אין הויז ירמיהו׳ן וועלכער איז געקומען אויספרעגען מיצי׳ן וועגן ערמאָרדעטען דר. גרונט — איז זי געוואָרען שטאַרק פאַרדעכטיג און עס איז פאַר איז געווען קלאָר, אַז דער פאַרדאַכט פון קרייזלער׳ן איז אַ באַגרינדעטער.

לויט ווי ווילהעלם גרובע האָט עס דערצעהלט איז קרייזלער יענעם מאָמענט געוואָרען איבערצייגט אַז סענדער געהערט צו דער אידישער מערדער גרופע און אַז די כיטרע אידען האָבען מיט אַ כיוון אַריינגעשמוגעלט איינעם פון זיי אַלס דעטעקטיוו ער זאָל מיטאַרבעטען מיט וועלינגער׳ן און אַזוי אַרום קענען זיין אין דער פּאָליציי און וויסען אַלץ וואָס עס קומט דאָרט פאָר.

אויף קרייזלער׳ס באַפעל האָט מען גענומען האַלטען אַן אויג אויף ירמיהו׳ן כדי קענען צוקומען צו סענדער׳ן. ירמיהו׳ן האָבען זיי באַשלאָסען ניט אָנצורירען אָבער זיי האָבען געהאַפּט אַז סענדער וועט זיי פירען צום שפור פון די מערדער. ווען דער אָנפאַל אויף סענדער׳ן אין האָטעל צימער און אַ זוכונג אין זיינע זאַכען האָט ניט געבראַכט דעם געוואונשטען רעזולטאַט — איז קרייזלער געווען שטאַרק אויפגעבראַכט. ער איז געווען זיכער אַז מען וועט צווישען סענדער׳ס זאַכען געפינען אַ קינזשאַל און דעם שטעמפּעל פון בלויען צייכען...

ווען דאָס איז ניט געשעהן האָט קרייזלער פאַררופען אַ דרינגענדע באַראַטונג פון זיינע ליוטענאַנטען. ווילהעלם גרובע איז געווען איינער פון זיי. עס איז באַשלאָסען געוואָרען צו כאַפּען סענדער׳ן און אים ברענגען אין דער הויפּט קוואַרטיר — די מילכשטראָם פאַרם. קרייזלער האָט געוואָלט „מיט זיינע אייגענע הענט״ אַרויסבאַקומען פון סענדער׳ס מויל די איינצעלהייטען און אַ פולשטענדיגען ווידוי.

אַ ספּעציעלער מענש איז געשיקט געוואָרען אָפּצוהיטען און נאָכפאָלגען סענדער׳ן, אָבער אין צווישענצייט האָט סענדער אַליין אָפּגערופען מאַרטאַ׳ן און יענע האָט אים איינגעלאַדען צו זיך. אין דער צייט ווען דר. קרייזלער האָט געמיטליך פאַרבראַכט מיט ירמיהו׳ן, וועלינגער׳ן און וואָלטער קנאַבע׳ן אין רעסטאָראַן „דער ווייסער הירש״, האָט ער שוין געוואוסט אַז זיין נעץ ליגט אויסגעשפּרייט פאַר סענדער׳ן אין מאַרטאַ׳ס הויז, ער האָט זיך פאַרלאָזט אויף מאַרטאַ׳ן און זי האָט אים טאַקע ניט ענטוישט. אַלץ איז צוגעגאַנגען ווי געפלאַנט, ביז ער האָט דערגרייכט צו דער מילכשטראָם פאַרם און די פּאָליציי איז פלוצים באַפאַלען די הויז.

דאָס איבעריגע האָבען די דעטעקטיווס געוואוסט אָהן ווילהעלם׳ס דערצעהלונג...

*

עטליכע וואָכען צייט האָט די סענסאַציע פון דער נעאָ־נאַצישער באַוועגונג געהאַלטען די וועלט געשפּאַנט. ביסלעכווייז זענען אַרויסגעקומען אין דער עפנטליכקייט מעהר איינצעלהייטען איינשליסענדיג די ענטפּלעקונג פון דער פּערזאָן פון „דעם פירער", דר. ברונאָ קרייזלער, דעם געהיימניספולען „גראַץ".

דיאויספאָרשונג איז אָנגעגאַנגען מיט פולען ברען. דר. וועלינגער האָט זיך געפלייסט ניט נאָר ווייל ער האָט באַקומען אַ שטרענגען באַפעל פון „די הויכע פענסטער" אויסצוראָטען די נאַצישע שלאַנג, וועלכע האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ. דער מינכענער פּאָליציי־שעף האָט זיך איינפאַך געשעמט פאַר זיינע ישראל׳דיגע פריינט. ער האָט שטאַרק געליטען דערפון וואָס ניט ער, נאָר זיי האָבען פאַראורזאַכט די ענטדעקונג. ער האָט זיך אויך געשעמט אַלס ערליכער דייטש וואָס אַזוינס האָט געקענט געשעהן אין דייטשלאַנד.

אויף ירמיהו׳ס פאָדערונג האָט וועלינגער צוגעשטימט צו באַפרייען שמעון ווייס׳ן אויף „קויציע" באַקומענדיג אַ פאַרזיכערונג פון ישראל דעטעקטיוו אַז ער איז פאַראַנטוואָרטליך אַז שמעון וועט ניט פאַרלאָזען דייטשלאַנד. וועלינגער, ווי אויך זיין געהילף וואָלטער קנאַבע, האָבען באַקומען אַ טיפען רעספּעקט פאַר׳ן דעטעקטיוו פון תל־אביב. זיי האָבען איינגעזעהן, אַז זיין קומען קיין דייטשלאַנד איז געווען פאַר זיי אַ געשאַנק צוגעשיקט פון הימעל.

זייענדיג אַריינגעטאָן אין דער אויספאָרשונג פון גראַצ׳ן מיט זיין גרופּע, האָט די מינכענער פּאָליציי „פאַרנאַכלעסיגט" אַזוי צו זאָגען די פאָרשונג פון די דריי געהיימניספולע מאָרדען. וועלינגער האָט ניט געוואוסט וואָס וויטער צו טאָן. ער האָט זיך פאַרלאָזט אויף ירמיהו׳ן מיט סענדער׳ן, ווייל ער האָט געוואוסט אַז זיי רוהען ניט. אָבער אויך די ישראל׳דיגע דעטעקטיווס האָבען אומזיסט זיך „געטאָפּטשעט" אויף דורכגעטראָטענע שטעגען. זיי האָבען ניט געזעהן פאַר זיך קיין נייעם שפּור וואָס זאָל זיין אומשטאַנד זיי אַוועקפירען אין אַ נייער ריכטונג.

ירמיהו האָט ניט אויפגעהערט צו טראַכטען און זיך גריבלען אין די פאַקטען וועלכע ער האָט געהאַט פאַר זיך, אָבער אָהן ערפאָלג. דאָס איינציגע וואָס ער איז געווען אומשטאַנד צו דערגרייכען איז געווען אויסצוגעפינען מער איינצעלהייטען וועגען די דריי אומגעבראַכטע דאָקטוירים.

דער דעטעקטיוו האָט אויסגעגראָבען הונדערטער איינצעלהייטען פון

זייער פאַרגאַנגענהייט, אָבער דאָס אַלץ האָט ניט בייגעשטייערט צו פאַרשריט אין דער אויספאָרשונג.

און דאַן האָט פלוצים פּאַסירט עפּעס וואָס ירמיהו האָט ערוואַרטעט און זיך געשראָקען דערפאַר, פיהלענדיג אַז עס וועט קומען, און זייענדיג אָהנ־מעכטיג עס צו פאַרמיידען...

דער פערטער קרבן

עס איז געווען אָנהויב אַפּריל. דער טאָג איז געווען אַ זוניגער; אַ מילדער ווינטעלע האָט געגלעט די פּנים׳ער פון מענשען מיט דער סאַמעטענער באַריהרונג פון פריהלינג.

ירמיהו, סענדער און שמעון ווייס האָבען זיך אָפּגערעדט צו טרעפען פאַר לאַנטש און זענען געזעסען אין אַ קליינעם רעסטאָראַן ניט ווייט פון שטאָט ראַטהויז וואַרטענדיג אויף דעם קעלנער ער זאָל צוקומען נעמען זייערע באַשטעלונגען.

שמעון האָט מיט צוויי טעג פאַר דעם צוריקגעקערט זיך פון אַ באַזוך אין קעלן, וואו ער האָט ענדליך ערליידיגט אַלע נויטיגע פּאַפּירען. ער האָט מעהר ניט געהאַט וואָס צו טאָן אין דייטשלאַנד. אין עטליכע מאָנאַטען אַרום וועט ער באַקומען אויסגעצאָלט די סומע פון זיין פאַרגיטיגונג. ער האָט אָבער ניט געטאָרט פאַרלאָזען דייטשלאַנד, און די אויסזיכט צו בלייבען דאָרט אָהן אַ ציל, פּוסטעפּאַסעווען און זיך לאַנגווייליגען האָט אַנגעוואָרפען אויף אים אַ טיפע מעלאַנכאָליע.

— איך קען דיר גאָרניט העלפען, שמעון — האָט ירמיהו געזאָגט — אפילו ווען דר. וועלינגער זאָל עס וועלען קען ער אויך ניט ערלויבען דו זאָלסט צוריקפאָרען. דאַרפסט דאַנקען גאָט וואָס מיר איז געלונגען אים איינצורעדען דיך צו באַפרייען פון טורמע. מוזט ליידען. מיר ליידען אויך. פאָרלויפיג זעה איך ניט קיין אויסזיכטען...

אַ יונגער בלאָנדער אינגעל איז ערשינען אין רעסטאָראַן מיט אַ פּאַק צייטונגען אונטער׳ן אָרעם.

„ווידער אַ מאָרד פון בלויען צייכען! ווידער אַ מאָרד פון בלויען צייכען!” האָט ער געהאַלטען אין איין אויסרופען. דער עולם האָט גענומען כאַפּען די צייטונגען.

סענדער איז אויפגעשפּרונגען און צוגעלאָפען צום אינגעל, גענומען צוויי צייטונגען און באַצאָלט ניט וואַרטענדיג אויף קיין רעשטע. ער האָט

צוגעוואָרפען איין צייטונג צו ירמיהו'ן. שמעון ווייס האָט זיך אָנגעבויגען איבער'ן טישעל כדי צו קענען לייענען.

די גאַנצע ערשטע זייט פון דער צייטונג איז געווען פול מיט פעטע קעפּ און אונטערקעפּלעך. דער גוט באַקאַנטער קיילעכדיגער צייכען איז געווען געדרוקט אין בלויער פארב אין איין ווינקעל און אין צווייטען ווינקעל איז געווען געדרוקט אַ בילד וואָס האָט געמאַכט אַ שוידער דורכגעהן דורכ'ן לייב.

עס איז געווען אַ בילד פון אַ קערפּער פון אַ מאַן ליגענדיג צופוסענס פון אַ בוים. די אונטערשריפט האָט געלויטעט:

באַרימטער כירורג, דאָקטאָר עריך דיטריך, 4טער קרבן פון געהיימניספולען מאָרד־סינדיקאַט פון בלויען צייכען.

ירמיהו האָט ממש געשלונגען די שורות און בשעת מעשה האָט זיין מוח פיבערהאַפט געאַרבעט. עפּעס האָט דאָ ניט געשטימט מיט דעם געוועהנליכען גאַנג פון די פריערדיגע געשעהענישען. דער לעצטער קרבן פון מערדער איז געשטאָרבען אַנדערש ווי די פריהערדיגע דאָקטוירים. ער איז ברוטאַל צושטאָכען געוואָרען, זיינע קליידער זענען געווען אָפּגעריסען פון זיין לייב און דער בלויער צייכען, איז געווען אָפּגעשטעמפּעלט ניט נאָר אויף זיין שטערן, נאָר אויך אויף זיין ברוסט און בויך. פינף אָפּדרוקען האָט די פּאָליציי געפונען אויף דעם קערפּער פון דר. עריך דיטריך, און ניין מעסער־שטעך...

— דאַכאַו! דעם מאָל איז עס דאַכאַו! — האָט סענדער אויסגערופען — דו האָסט געזעהן, ירמיהו? דאַכאַו, ניט ווייט פון קאָנצענטראַציע לאַגער... וואָס זאָגסטו דערצו?

ירמיהו האָט ניט געענטפערט. ער האָט צונויפגעלייגט זיין צייטונג, זיך אויפגעשטעלט צום אַוועקגעהן.

— דו בלייב דאָ מיט שמעונ'ען — האָט ער געזאָגט צו סענדער'ן — עסט אָפּ און פיר אים אָפּ אין האָטעל. עס איז אַ געפאַר אים צו לאָזען אַליין. עמיצער קען אים דערקענען פון די בילדער וואָס זענען ערשינען אין דער פּרעסע... עס איז בעסער דו זאָלסט זיין מיט אים. וועסט מיך געפינען אין דער פּאָליציי...

*

אַ וואַנדערער אין מדבר, שטאַרבענדיג פון דורשט, וואָלט זיך ניט דערפרייט אַזוי מיט אַ קרוג פון אייז־קאַלטע וואַסער ווי דר. וועלינגער האָט זיך דערפרייט מיט ירמיהו'ן.

— אום גאַטעס ווילען! וואו זענט איר געווען אַ גאַנצען טאָג? שוין העכער צוויי שטונדען ווי איך האַלט אין איין רופען אייער האָטעל!

— עס איז קוים האַלב נאָך צוועלף — האָט ירמיהו אויסגערופען — איך בין געווען מיט שמעון ווייס'ן. ווען די צייטונג איז ערשינען בין איך מאָמענטאַל געקומען.

— איך בין אויסער זיך! — האָט וועלינגער צופירט מיט די הענט — עס איז אַ שרעקליכער מאָרד, גאָר ניט ווי די פריהערדיגע.

— דאָס האָב איך אַרויסגעדרונגען פון דער באַשרייבונג אין צייטונג.

— אַ בעסטיע... מיר האָבען דעם מאָל צו טאָן מיט אַ בעסטיע — האָט וועלינגער אויסגערופען — עס גלויבט זיך מיר ניט אַז עס איז די זעלבע האַנט... אָבער דער צייכען שטימט... אַ גענויע קאָפּיע, גענויער אָפּדרוק... עס איז דער זעלבער שטעמפּעל, דער זעלבער.

— איז עס באַשטימט?

— הונדערט פּראָצענט. מיר האָבען עס שוין פאַרגליכען... איך האָב שוין געוואָלט אָפּפאָרען אַהן אַייך; גוט וואָס איר זענט אָנגעקומען. איך האָף אַז איר ווילט מיטפאָרען מיט אונז קיין דאַכאַו. דאָ מוז איך נעמען אַליין די אויספאָרשונג אין די הענט.

וואָלטער קנאָבע איז ערשינען אין צימער. אויך זיין פּנים האָט אויפ־געלויכטען ביים אָנבליק פון דעטעקטיוו.

— גוט וואָס איר זענט דאָ! האַנס, דער „וואָגען" איז גרייט! — האָט ער זיך געווענדעט צו וועלינגער'ן.

די רייזע פון מינכען קיין דאַכאַו האָט געדויערט פערציג מינוט. אויפ'ן וועג האָט דר. וועלינגער באַקאַנט ירמיהו'ן מיט די איינצעלהייטען פון מאָרד.

אַן עלטערער דייטש וועלכער איז יענעם אינדערפרי געגאַנגען כאַפּען פיש אין טייכעל לעבען דאַכאַו האָט געפונען ביים שטראָם לעבען אַ בוים אַ קערפּער פון אַ מאַן. די פּאָליציי האָט פעסטגעשטעלט פון זיינע דאָקו־מענטען אַז ער איז דאָקטאָר עריך דיטריך, 62 יאָר אַלט, פון ראָזענהיים, אַרום 65 קילאָמעטער פון מינכען. מען האָט געפונען ניין מעסער־וואונדען אין קערפּער און דערצו איז פאַראַן אַ פאַרדאַכט אַז דער מערדער האָט דערוואָרגען דעם דאָקטאָר און אַז דער קערפּער איז געבראַכט געוואָרען צום פּלאַץ וואו מען האָט אים געפונען. גענוי וועט מען דאָס אַלץ פעסט־שטעלען נאָך דעם ווי דער קערפּער וועט געפּאַלמעסט ווערען.

די פּאָליציי פון דאַכאַו האָט זיך פאַרבונדען מיט דער פּאָליציי פון

ראַזענהיים. דאָקטאָר דיטריך איז דאָרט זעהר גוט באַקאַנט אַלס כירורג, פאַרבונדען מיט דעם שטאָטישען שפיטאָל. ער האָט אַ פרוי און דריי פאַר־הייראַטע קינדער. ער איז נעכטען אַוועגט אַרויס פון הויז און איז ניט צוריקגעקומען נעכטיגען. אויך זיין אָטאָמאָביל — אַ „מערצעדעס־בענץ" פעלט. דאָס איז אַלץ וואָס מיר ווייסען ביז איצט — האָט דר. וועלינגער פאַרענדיגט זיין באַריכט.

— האַנס, האָסט פאַרגעסען צו דערמאַנען די 5 שטעמפלען... האָט וואָלטער קנאַבע באַמערקט.

— דאָס האָב איך געלעזען אין צייטונג — האָט ירמיהו זיך אָפּגערופען — די גאַנצע זאַך שטימט ניט מיט דעם מוסטער וועלכען די מערדער האָבען נאָכגעפאָלגט ביז איצט.

— יאָ, עס זעהט אויס צו זיין גאַנץ אַנדערש... — האָט דר. וועלינגער געמורמעלט — עס איז אָבער די זעלבע האַנט, דער זעלבער בלויער שטעמפעל...

*

דאַכאַו איז אַ קליינע, שטילע שטאָט וועלכע ליגט טיילווייז אויף אַ בערגעל. זומער צייט טונקט זיך דאָס שטעטל אין גרינס אָבער יענעם פרילינג־טאָג זענען די בוימער געשטאַנען הויל און נאַקעט און מען האָט געקענט זעהן די נעסטען פון די פויגלען אויף די צווייגען.

די קאַר איז אַרויפגעפאָרען אויפ'ן באַרג און איז געבליבען שטעהן ביי דער פאָליציי־געביידע אין סאַמען צענטער פון אַ ברייטען סקווער, אַרומ־גערינגעלט מיט אַלטע, מאַסיווע הייזער און קראָמען. פון בערגעל האָט מען געקענט זעהן דעם טאָל פול מיט פאַבריק־קוימענס. גאָר פונווייטענס האָבען זיך צושפרייט צעאַקערטע פעלדער און ביים האָריזאָנט האָבען זיך דער־הויבען די אַלפען־בערג איינגעהילט אין אַ בלויען שלייער.

די פאָליציי קאַנצלעריי איז באַשטאַנען פון אַ פינצטערען צימער מיט אַ פאָר הילצערנע טישען און אַ רייע הילצערנע שראַנקען ביי די ווענט. אַן עלעקטרישער לאָמפּ איז אַראָפּגעהאַנגען פון סופיט אויף אַ דינעם שנור פאַרשפרייטענדיג אַ געלען שיין אַרום.

דער פאָליציי שעף פון דאַכאַו האָט זיך אויסגעצויגען ווי אַ סטרונע פאַר דעם מינכענער שעף און האָט סאַלוטירט. ער האָט איינגעלאַדען די געסט אין אַ דערבייאיגען צימער וואָס איז געווען פונקט אַזוי פינצטער, פאַראומערט ווי די קאַנצלעריי.

— איר וועט טרינקען ביר, מיינע הערן? — האָט דער שעף אַ פרעג

געטאַן און ניט וואַרטענדיג אויף קיין ענטפער האָט ער אַ וואונק געטאָן צום סאַרדזשענט און יענער איז אַרויסגעלאָפען צו אַ דערבייאיגען שענק ברענגען דעם געטראַנק.

— מיר האָבען געפונען דאָקטאָר דיטריכ׳ס „מערצעדעס בענץ״ — האָט ער געזאָגט — דער אָטאָמאָביל איז געפונען געוואָרען אויף דער שליסהיימער שטראַסע, ניט ווייט פון באַנהאָף.

— האָט איר גענומען פינגער אָפדרוקען?! — האָט וועלינגער געפרעגט.

— יאַ וואָהל, מיין הער! מיר האָבען געפונען אַ צאָל וואָס שטימען מיט דאָקטאָר דיטריכ׳ס און אַנדערע וועלכע מיר דאַרפען אָפטשעקען. עס איז אָבער קענטיג אַז די קאַר איז געטריבען געוואָרען פון הענט אין הענטשקעס ווייל דער „סטירינג״ ראָד איז אָפגעווישט.

— וואו איז דער קערפער?

— אין מאָרג. איר קענט אים אָנקוקען אויב איר ווילט.

— איך וויל אויך זעהן דעם פלאַץ וואו מען האָט דעם קערפער געפונען, זעהן די קאַר און רעדען מיט׳ן מאַן וועלכער האָט דעם קערפער געפונען — האָט ירמיהו אויסגערופען.

— ראָס איז זעהר לייכט דורכצופירען — האָט דער פּאָליציי שעף פון דאַכאַו זיך אָפגערופען — יאָאַכים שאַרענהויז געפינט זיך אין אַ דערבייאיגען צימער. ער האָט עס ענטדעקט דעם קערפער היינט אינדערפרי.

דער לעצטער טאָג פון דר. דיטריך

יאָאַכים איז געווען אַ הויכער, דאַרער מאַן, אין די זיבציגער, אַ שטובען־מאַלער וועלכער האָט שוין עטליכע יאָר געלעבט אויף פענסיע.

יענעם פרימאָרגען איז ער אַרויס כאַפּען „פאָרעלען״ אין דעם טייכעל וואו די וואסער פליסט מיט אַ האַסטיגען, שוימיגען שטראָם וואָס קומט פון די אַלזען בערג. ער האָט דערצעהלט אַז ער ווייסט פון אַ געוויסען פלאַץ וואו דער שטראָם רייסט זיך איבער שטיינער און טיפע גריבער און דאָרט כאַפּט ער אַלעמאָל די פאָרעלען.

ער האָט זיי אָוועקגעפירט צו יענעם פלאַץ וואָס געפינט זיך ניט ווייט פון דער „אָטאָבאַן״ (הויפּט שאָסעי), וואָס לויפט פאַרביי דאַכאַו. דער וועג פירט פון שטעטעל פאַרביי דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער וואו אין היטלער׳ס צייטען האָבען טאָג און נאַכט געברענט די אויוועגס פון די קרעמאַטאָריעס. דער קאָנצענטראַציע קעמפּ געפינט זיך אַרום 4 קילאָמעטער

פון שטעטעל אָבער דער פּלאַץ וואו יאַאַכים האָט זיי געבראַכט איז געווען ניט מעהר ווי אַ האַלבער קילאָמעטער פון שטאָט.

צוגעהן צום שטראָם פון שאַסעי וואו זייער קאַר איז שטעהן געבליבען האָט געדויערט ניט מער פון אַ מינוט. דאָרט, ביי אַ גרויסען דעמב, וואָס זיינע וואָרצלען האָבען טיילווייז אַרויסגעשטאַרצט אין וואַסער, האָט יאַאַכים זיי אַנגעוויזען אויף דעם פּלאַץ וואו ער האָט געפונען דעם קערפּער.

ירמיהו׳ס שאַרף אויג האָט באַמערקט, טראָץ די פילע פוס טריט, סימנים פון אַ שווערער לאַסט וואָס האָבען זיך געצויגען פון שאַסעי צום בוים ביים ברעג פון טייכעל. דער פּאַראַיאַריגער גראָז האָט ערטערווייז געוויזען אַ קלאָרען צייכען פון דעם דורכגעשלעפּטען קערפּער.

די קאַר פון קרבן האָבען זיי געפונען וואו דער מערדער האָט זי איבערגעלאָזט. זי איז געשטאַנען געפּאַרקט ביים זייט פון גאַס אַנטקעגען־איבער אַ דראָגערי (אַפּטייק). עס האָט זיך געלייגט אויפ׳ן שכל, אַז דער מערדער האָט גענומען די ערשטע באַן און איז אַפּגעפאָרען. עס האָט זיך אויך געלייגט אויפ׳ן שכל, אַז דער מערדער איז געקומען פון ראָזענהיים מיט דער קאַר פירענדיג דעם קערפּער. וואָס עס איז ניטגעווען קלאָר, איז געווען וואו און ווען דער מערדער האָט אומגעבראַכט זיין קרבן.

אַ טיילווייזען ענטפער דערויף האָט ירמיהו באַקומען ווען זיי האָבען באַזוכט דעם מאָרג און געזעהן דעם באַריכט פון דאָקטאָר וועלכער האָט געפּאַלמעסט דעם קערפּער. דר. דיטריך איז געשטאָרבען אומגעפער אַ שטונדע נאָך דעם ווי ער האָט אָפּגעגעסען אַ היבשען מאָלצייט. אַ טעלעפאָנישע אָנפראַגע ביי דער פּאָליציי אין ראָזענהיים האָט פעסט־געשטעלט אַז דער דאָקטאָר האָט געגעסען אָוועטנברויט מיט זיין פרוי האַלב נאָך זיבען און דאַן פאַרלאָזט די הויז. דאָס מיינט אַז ער איז געשטאָרבען אַרום האַלב נאָך אַכט.

די געשעהענישען צווישען האַלב נאָך זיבען ביינאַכט און אַ פערטעל נאָך זיבען צומאָרגענס אינדערפרי, ווען יאַאַכים האָט געפונען דעם קערפּער, זענען פאַרבליבען אַ געהיימניס. ירמיהו האָט אָבער פעסטגעשטעלט מיט דער פולסטער זיכערהייט אַז ניט נאָר איז דער געהיימער בלויער צייכען שטעמפּעל ווי די פריערדיגע, נאָר אויך אַז די בלויע פאַרב איז געווען די זעלבע.

עס האָט גאָר ניט געקענט זיין קיין צווייפעל אַז מען האָט דאָ געהאַט צו טאָן מיט דער זעלבער מערדערישער האַנט וואָס האָט אומגעבראַכט די דריי דאָקטוירים אין אַלטענאָו און מינכען. די פראַגע איז איצט געווען צי

אויך דאָקטאָר דיטריך האָט זיך אַריינגעפּאַסט אין דער קאַטעגאָריע פון די פריהערדיגע דריי, נעמליך: צי ער האָט געהאַט אין זיין פאַרגאַנגענהייט אַ פאַרבינדונג מיט אַ קאָנצענטראַציע לאַגער?..

*

וואַלטער קנאַבע איז באַשטאַנען אַז ער וויל מיטפאָרען מיט ירמיהו׳ן קיין ראָזענהיים און דער דעטעקטיוו האָט גערן צוגעשטימט. זיי האָבען צוריקגעקערט פון דאַכאַו קיין מינכען אין צייט צו נעמען דעם לעצטען נאָכמיטאָג עקספּרעס וואָס האָט זיי געבראַכט קיין ראָזענהיים אין וואָסערע 50 מינוט צייט.

ווען זיי זענען געקומען אין הויז פון דער אַלמנה איז שוין געווען נאָהענט צו אַכט אין אָוונט. פראַו עלזע דיטריך איז געווען אַ קליינע, שלאַנקע פרוי וועמענס געזיכט האָט עדות געזאָגט אויף איר אַמאָליגער שעהנקייט. די הויז איז געווען פול מיט מענשען. צוויי זיהן, אַ טאָכטער, אייניקלעך און אַ צאָל שכנים און פריינט האָבען זיך פאַרזאַמעלט און פאַראייניגט אין טרויער, דערשלאָגען פון דער שרעקליכער געשעהעניש וועלכע זיי האָבען ניט געקענט באַגרייפען.

— עס איז מיר נאָך אַלץ שווער צוצוגלויבען, אַז עריך לעבט ניט — האָט די אַלמנה פאַרבראָכען די הענט — עס איז אומגלויבליך, אומגלויבליך... עס איז אַ וואָהנזין — אין דאַכאַו?! וואָס האָט ער געטאָן אין דאַכאַו? ווי קומט ער קיין דאַכאַו? ער האָט מיר גאַרניט געזאָגט וועגען דאַכאַו, אַפילו ניט דערמאָנט דעם נאָמען... וואָס האָט ער געהאַט צו טאָן אין דאַכאַו?

ירמיהו און וואַלטער האָבען זיך באַמיהט זי צו באַרוהיגען. דאַן האָבען זיי איר געבעטען זי זאָל מיט זיי אַריין אין אַ באַזונדערען צימער.

— מיר מוזען אויפקלערען אַ רייע פראַגען כדי צו זיין אומשטאַנד צו כאַפּען דעם מערדער — האָט קנאַבע געזאָגט.

עלזע׳ס טאָכטער האָט באַגלייט די מוטער און איז ניט אָפּגעטראָטען פון איר. זי האָט אַריינגערוימט ירמיהו׳ן אין אויער, אַז די מוטער האָט באַקומען אַ באַרוהיגונגס־פּיל און אַז זי האָפט אַז זי וועט זיין אומשטאַנד זיך צו איבערשטאַרקען און ענטפערען אויף זייערע פראַגען.

ירמיהו האָט פאַרפירט דעם שמועס. צוערשט האָט ער אויסגעפרעגט גענוי וואָס דר. דיטריך האָט נעכטען געטאָן. ער איז אָוועק אין דער פרי אין שפּיטאָל וואו ער האָט דורכגעפירט צוויי אָפּעראַציעס. האָט זיך צוריק־געקערט אויף מיטאָג, האָט זיך צוגעשפּאַרט אויף צוויי שטונדען. נעכטען האָט ער אויפגענומען פּאַציענטען ווי געוועהנליך צווישען דריי און זעקס.

געוועהנליך עסען זיי אָוועקגעבן אַכט אַזייגער, אָבער נעכטען האָט ער געבעטען זיין פרוי זי זאָל האָבען גרייט דעם עסען פריער ווייל ער דאַרף אָוועקגעהן אין קלוב זיך טרעפען מיט עמיצען. ער האָט איר ניט געזאָגט מיט וועמען ער דאַרף זיך טרעפען און זי האָט עס אויך ניט געפרעגט. ער פלעגט אָפט געהן אין קלוב שפּילען שאַך. זי איז נאָכ'ן עסען אַריין צו דער טאָכטער וועלכע וואוינט נעבענביי. זי האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים אַרום צען. ווען איר מאַן איז ניט געקומען נאָך האַלבער נאַכט איז זי געוואָרען אומרוהיג, האָט אָפּגערופען די טאָכטער. יענע איז געקומען, האָט זי באַרוהיגט; זי האָט אָפּגערופען דעם קלוב. דער דאָקטאָר האָט זיך דאָרט ניט געוויזען יענעם וועגט. אַרום דריי פאַרטאָג האָט די טאָכטער באַשלאָסען רופען די פּאָליציי.

עס פאַרשטעהט זיך אַז זיי האָבען דורכגעמאַכט אַ שלאָפלאָזע נאַכט. אַלע קינדער זענען זיך צונויפגעקומען אין מיטען נאַכט. ערשט ביין אין דער פרי האָט אָפּגערופען די פּאָליציי פון דאַכאַו אַנזאָגענדיג די טרויעריגע בשורה.

ירמיהו האָט דאַן אַריבערגעפירט דעם געשפּרעך אויף די נעכטיגע פּאַציענטען. די פרוי האָט זיי אַלעמען געזעהן און אַלעמען געקענט. פינף פּאַציענטען זענען נעכטען נאָכמיטאָג געווען ביים דאָקטאָר. די טאָכטער האָט אויך פאַרזיכערט ירמיהו'ן אַז זיי האָבען דורכגענישטערט אַלע בריוו און פּאַפּירען ביים פּאַפּאַ אויפ'ן שרייב־טיש און גאָרניט געפונען וואָס זאָל וואַרפען אירגענד וועלכען פאַרדאַכט אויף עמיצען.

— לאָמיר הערען וואָס פאַר אַ סאָרט מענש אייער מאַן איז געווען — האָט ירמיהו געזאָגט — ווי לאַנג זענט איר פאַרהייראַט?

ער האָט ביסלעכווייז געצויגען דער פרוי ביי דער צונג אַרויסצובאַקומען איינצעלהייטן פון דר. דיטריכ'ס לעבען. און ווען עס איז געקומען צו דער מלחמה־צייט האָט דער דעטעקטיוו אַ פרעג געטאָן:

— אייער מאַן האָט געדינט אין קריג מיט אַ הויכען ראַנג, ניט אמת?

— יאָ, ער איז געווען דער הויפט פון אַ גרויסער פאָרשונגס אונטער־נעמונג — האָט די אלמנה אויסגערופען מיט שטאָלץ — ער האָט זעהר אַ סך אויפגעטאָן אויפ'ן געביט פון מעדיצין, אפילו אין די ערגסטע צייטען פון קריג האָט ער ניט פאַרנאַכלעסיגט די וויסענשאַפט וועלכע ער האָט אַזוי געליבט און זיך אינגאַנצען געווידמעט צו איר.

— וואו איז ער געווען אין קריג? וואו האָט ער געדינט? — האָט ירמיהו געפרעגט.

— אָה, אין אַ צאָל פלעצער. צוערשט אין ווין, שפּעטער אין בירקענאו, אוישוויץ, און אין טרעבלינקע און אַ קורצע צייט אין סטרוטאָף ביי שטראַסבורג. ער איז אויך אָפּטמאָל אַרויסגערופן געוואָרען פאַר מעדי־צינישע קאָנפערענצען קיין בערלין. ער איז געווען זעהר באַשעפטיגט און פאַרטאָן אין זיין אַרבעט — האָט פראַו עלזע געזאָגט און זיך פלוצים צעוויינט אויפדאַסניי.

סענסאַציאָנעלע ענטדעקונג רופט אַרויס אַ פּאַניק

— בירקענאַו, סטרוטאָף, אוישוויץ, טרעבלינקע... איר ווייסט וואָס דאָס באַדייט? — האָט ירמיהו געפרעגט ביי וואָלטער׳ן ווען זיי זענען אַרויס פון דר. דיטריכ׳ס הויז.

— יאָ, צום באַדויערען ווייס איך עס זעהר גוט — האָט וואָלטער קנאַבע צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ — אייער טעאָריע האָט זיך דאָ פּילפאַכיג באַשטעטיגט...

יענע נאַכט האָט ירמיהו ניט געקענט צומאַכען אַן אויג. דער קליינער האָטעל וואו ער און קנאַבע זענען געבליבען נעכטיגען, איז געווען שטיקנדיג און הייס. ירמיהו האָט צעעפענט די פענסטער אין צימער און אויך דאָס האָט ניט געהאָלפען. ער האָט ניט געקענט איינשלאָפען און אַרום צוויי פאַרטאָג האָט ער זיך אָנגעטאָן און איז אַרויס שפּרייזען איבער די שטילע איינגע־שלאָפענע גאַסען פון שטעטעל.

ער איז צוגעקומען צו אַ קליינעם פּאַרק און זיך געזעצט אויף אַ באַנק. דער הימעל איז געווען אַ לויטערער און אויסגעשטערנטער. פון ווייטענס האָט אַ שטאָט־זייגער אויסגעקלאַפּט מיט אַ הייזעריגען קרעכץ די דריטע שטונדע. צוויי קעץ זענען פאַרבייגעלאָפען איינע יאָגענדיג די צווייטע. באַלד האָט זיך דערהערט פון די קוסטען זייער מוראָ׳דיגע מיאַוקעריי. ירמיהו האָט אויפגעהויבען אַ שטיינדעל און אַ וואַרף געטאָן אין די קוסטען. די קעץ זענען אַנטלאָפען און ווידער האָט געהערשט די שטילקייט פון דער נאַכט.

דער דעטעקטיוו האָט פאַררויכערט די לולקע, זיך אָנגעשפּאַרט אין ווענטעל פון באַנק, האָט פאַרלייגט אַ פוס איבער אַ פוס און איז פאַרזונקען אין זיינע געדאַנקען. עפּעס האָט דאָ ניט געשטימט אין דעם מאָרד פון דר. דיטריך אין פאַרגלייך מיט די אַנדערע דריי מאָרדען. עס איז געווען, וואָס אמת, דער זעלבער שטעמפּעל, דער זעלבער בלויער צייכען, די זעלבע פאַרב, אָבער פאַרוואָס די ברוטאַליטעט פון מערדער? פאַרוואָס האָט ער

ניין מאָל צושטאָכען דעם קרבן, אים געוואָרגען דערצו... און פאַרוואָס האָט ער אים באַשטעמפּעלט אַזש פינף מאָל?

ירמיהו האָט שוין געוואוסט אַז דער מערדער האָט דער׳הרג׳עט דר. דיטריכ׳ן איידער ער האָט אים געפירט קיין דאַכאַו. צו וואָס האָט ער אים געבראַכט אַהין צום בוים ביים וואַסער? ער האָט אים געקענט לאָזן דאָרט וואו ער האָט אים אומגעבראַכט...

די געוואַגטקייט פון די מערדער האָט גאָרניט געהאַט קיין גרעניץ. ירמיהו האָט ווידעראַמאָל, צום הונדערטסטען מאָל, דורכגעזיפּט אין געדאַנק אַלע איינצעלהייטען פון אַלע פיר מאָרדען. דער מאָרד אין אַלטענאַו... דער קאַרליק... ער ווייזט מיט אַ כיוון דעם ווירט פון באַנהאָף בופעט, ווילי וואַסערמאַנ׳ען, די פינגער פאַרשמוצט אין בלויער פאַרב. פאַרוואָס האָט ער עס געטאָן?

אויך דער הויכער בחור מיט׳ן וואָלענעם שאַליק אין די קראַטען, וועלכער האָט דער׳הרג׳עט דר. גרונט׳ן... אויך ער לאָזט נאָך זיך אַ שפור. ער ווישט זיך אָפּ די הענט אין סערוועטל עפּעס גלייך ער זאָל געבען דער פּאָליציי די מעגליכקייט פעסטצושטעלען אַז די פאַרב איז די זעלבע ווי די פון דעם צייכען...

אומפאַרשטענדליכע האַנדלונגען. אַ מערדער היט זיך געוועהנליך. פאַרוואָס היטען זיך ניט די דאָזיגע פאַרשוינען? און איצט, די רייזע קיין דאַכאַו... עס איז אַ היבשע שטרעקע פון ראָזענהיים קיין דאַכאַו. צו וואָס האָט דער מערדער געדאַרפט איינשטעלען זיין לעבען, פירען אַ קערפּער ביינאַכט, ווען מען קען אים אָפּשטעלען, כאַפּען... מאַלע וואָס עס קען פּאַסירען אויף אַ וועג... פאַרוואָס האָט ער עס געטאָן? וואָס האָט אים געשטויסען דערצו?

ווידעראַמאָל און אָבעראַמאָל האָט ירמיהו דורכגענישטערט די איינצעל־הייטען פון יעדער געשעהניש באַזונדער, זוכענדיג אַן ענטפער אויף די פראַגען וואָס האָבען אים געמאַטערט. ווען די זון האָט גענומען שיינען אין מזרח איז ער צוריקגעקומען צום האָטעל אַ ניט־אויסגעשלאָפענער און מידער — מיד פון די געדאַנקען, וועלכע האָבען ניט געפונען די טירעלע צו דער ליכטיגער שיין.

אַ געפיהל פון פאַרצווייפלונג האָט גענומען גריזשען אין זיין האַרץ. ער האָט געוואוסט אַז ערגעץ וואו ליגט דער שליסעל צו דער געהיימניס און אויב ער וועט אים ניט געפינען ווי אַמשנעלסטען וועט זיין צו־שפּעט צו ראַטעווען נאָך אַ מענשען פון טויט. דייטשלאַנד איז פול מיט דאָקטוירים

וועלכע האָבען געדינט אין קאָנצענטראַציע לאַגערן. ירמיהו׳ן איז ניט געגאַנגען אַזוי אין ראַטעווען די דאָזיגע דאָקטוירים ווי אין ערפילען זיין אויפגאַבע צוליב וועלכער ער איז געקומען.

ווייל ירמיהו האָט זעהר גוט באַגריפען אַז די וועלכע זענען געווען פאַראינטערעסירט ער זאָל פאָרען קיין דייטשלאַנד זענען אומרוהיג און באַזאָרגט. די אינטערעסען פון ישראל קענען דאָ ליידען. וואָס גיכער ער וועט לייזען די געהיימניס אַלץ בעסער וועט עס זיין.

וואָלטער קנאַבע האָט דערקענט אין ירמיהו׳ן אַז ער האָט דורכגעמאַכט אַ שלאָפלאָזע נאַכט. אויפ׳ן וועג צוריק קיין מינכען האָבען די צוויי קנאַפּ וואָס גערעדט. ביידע האָבען נאָכגעטראַכט און איבערגע׳חזר׳ט אין געדאַנק די איינצעלהייטען וואָס זיי האָבען אויסגעפונען אין ראָזענהיים. נאָך עטליכע מינו׳טען האָט ירמיהו איינגעדרימעלט און איז אָפּגעשלאָפען דעם גאַנצען וועג ביז די באַן איז שטעהן געבליבען אין מינכען און קנאַבע האָט אים אויפגעוועקט.

אַרויסקומענדיג אויפ׳ן באַנהאָף האָט ירמיהו באַלד איינגעהאַנדעלט אַ צייטונג. דער פיפיגער רעפּאָרטער פון דעם „מינכענער אָווענטבלאַט״ האָט דאָס מאָל צוגעשטעלט אַזאַ סענסאַציע אַז די צייטונג איז אַרויס־געקומען מיט אַ ספּעציעלער מאָרגען אויסגאַבע. קיינער האָט יענעם טאָג זיך ניט פאָרגעשטעלט וואָס פאַראַ סומאַטאָכע די דאָזיגע סענסאַציע פון דעם „אָווענטבלאַט״ וועט פאַראורזאַכען אין גאַנץ דייטשלאַנד...

*

קורט הירשענפוס האָט יענעם טאָג אַנטפּלעקט פאַר דער עפענטליכקייט אַלע גענויע איינצעלהייטען פון דער פּאָליציי פאָרשונג אין די פיר מאָרדען פון די דאָקטוירים. ער האָט, ווי עס זעהט אויס, געהאַט אַ צוטריט צו די פּאָליציי געהיימניסען ווייל אַלץ וואָס ער האָט פאַרעפענטליכט האָט געשטימט מיט די פאַקטען.

די „אָווענטבלאַט״ האָט דערצעהלט, אַז אַלע פיר ערמאָרדעטע דאָקטוירים זענען געווען פאַרבונדען מיט קאָנצענטראַציע לאַגערען אין צייט פון קריג; אַז זיי זענען אומגעבראַכט געוואָרען פון אַ געהיימער באַנדע וועלכע נעמט נקמה פאַר די נאַצישע פאַרברעכענס.

די צייטונג האָט ניט געזאָגט, אַז די פּאָליציי פאַרדעכטיגט די נקמה־נעמער צו זיין אידען. אָבער עס איז געווען קלאָר אַז דאָס איז אַזוי. הערשענפוס האָט אָפּגעדרוקט דעם בלויען צייכען אַ פונאַנדערגעשפּאַל־טענעם, אויפקלערענדיג דר. קרייזלער׳ס טעאָריע אַז דער צייכען באַשטעהט

פון צוויי בוכשטאַבען, אַן „אַלף״ און אַ „נון״ און אַז דאָס באַדייט אויף העברעאיש „גאָט פון נקמה״.

דער פּיפּיגער רעפּאָרטער קורט הערשענפּוס האָט אויסגעגראָבען פון אונטער דער ערד פאַקטען, וועלכע די פּאָליציי האָט ניט געוואוסט. מיט דריי טעג נאָכ׳ן אַרויסקומען מיט דער ערשטער סענסאַציע וועגען די דאָקטוירים, האָט הערשענפּוס געצומען באַשרייבען מיט איינצעלהייטען וואו די פיר דאָקטוירים האָבען געדינט און וואָס זיי פלעגען טאָן אין די קאָנצענטראַציע לאַגערס. דאָס זענען געווען גרוילזאַמע איינצעלהייטען פון אַזוי גערופענע מעדיצינישע עקספּערימענטען איבער לעבעדיגע מענשען. ער האָט אָנגעהויבען מיט דער טעטיגקייט פון דר. יאָהאַן גרונט. יענער האָט אין אוישוויץ אָנגעפירט מיט סטעריליזאַציע עקספּערימענטען, אויסצוגעפינען ווי אַזוי מען קען פאַרמיידען די רעפּראָדוקציע פון דעם מענש, עס מיינט ער זאָל ניט קענען האָבע קיין קינדער.

הערשענפּוס האָט אויסגעגראָבען פון אַרכיוועז באַפעלען פון דער נאַצישער מאַכט צו די דאָקטוירים. די נאַציס האָבען געצילט צו באַזיגען די גאַנצע וועלט און בלייבען די הערשענדע ראַסע. זיי האָבען באַשלאָסען אויסצו׳הרג׳ענען אַלע נידעריגע ראַסען און איבערלאָזען נאָר גענוג מענשען אַלס שקלאַפען וואָס זאָלען אַרבעטען פאַר דער הערן ראַסע און זי באַדינען.

די וויסענשאַפטסלייט האָבען אויסגעאַרבעט פּלענער פאַר פאַרשוונגען וואָס זאָלען ערמעגליכען צו רעגולירען די „פּראָדוקציע פון שקלאַפען״ ווי זיי האָבען עס אָנגערופען. פאַר דעם צוועק האָבען זיי דורכגעפירט מעדיצי־נישע עקספּערימענטען. דר. יאָהאַן גרונט איז געווען פאַרקאָכט אין דעם „וויסענשאַפטליכען פּלאַן״ און זיינע עקספּערימענטען זענען געווען ברוטאַל, האַרצלאָז, אוממענשליך און נידערטרעכטיג.

די סענסאַציאָנעלע ענטדעקונגען פון „אָווענטבלאַט״ זענען איבער־געדרוקט געוואָרען איבער גאַנץ דייטשלאַנד אונד דאָס לאַנד האָט אויפ־געשוידערט.

אָבער נאָך גרעסער איז געווארען די אלגעמיינע אויפרודערונג ווען מען האָט זיך אַרומגעקוקט צו וואָס די אויפדעקונגען האָבען דערפירט: טויזענטער דאָקטוירים האָבען געצומען לויפען ווי מייז אין שרעק פאַר דער נקמה פון דער געהיימער האַנט פון „בלויען צייכען״.

עס איז ניט געווען קיין שטאָט און שטעטעל אין דייטשלאַנד וואו אַ דאָקטאָר זאָל פּלוצים ניט איינפּאַקען זיינע זאַכען און פאַרשווינדען. אַ פּאַניק איז באַפאַלען די דאָקטוירים. זיי האָבען ניט געוואוסט וואו צו געהן,

וואוהין צו אַנטלויפֿען. אַ סך האָבען געוומען אויסוואַנדערען אין געהיים. קיינער אין דייטשלאַנד האָט זיך ניט פֿאַרגעשטעלט אַז די צאָל דאָקטוירים וועלכע האָבען געדינט דעם ברוטאַלען נאַצישען רעזשים איז געווען אַזוי גרויס.

די גאַנצע שוידערליכע תקופה פֿון דעם נאַצישען רעזשים איז אויפֿ־געוועקט געוואָרען מיט גרויזאַמע איינצעלהייטען. אַ סך דייטשען האָבען שוין געהאַט פֿאַרגעסען, אַנדערע האָבען זיך געמאַכט פֿאַרגעסען, אייניגע האָבען ניט געוואוסט די איינצעלהייטען, הויפּטזעכליך צווישען דער יוגענט.

אָבער סיי די וועלכע האָבען געוואוסט און די וועלכע האָבען ניט געוואוסט, זיי אַלע האָבען רעאַגירט אויף דעם זעלבען שטייגער: זיי האָבען געהאַט מיטלייד מיט די דאָקטוירים, מיטגעפֿיהלט זייער שרעק און פּאַניק און געוועדט מיט פֿאַרדרוס, פֿאַרביטערניש און אָפּטמאָל מיט האַס געגען די מערדער, די „באַנדע פֿון בלויען צייכען".

דער ערשטער שפּור

יעדע קרימינעלע אויספֿאָרשונג פֿון אַ געהיימניס וואָס לאָזט זיך לייכט ניט לייזען טרעט אַריין אין אַ פֿאַזע וואָס פּאָליציי קרייזען באַצייכענען עס אַלס „קערן אַ גאַס מיט אַ קליין בערשטעלע".

די מינכענער פּאָליציי אונטער דר. וועלינגער׳ס פֿירערשאַפֿט, האָט גענומען „קערן מיט אַ קליין בערשטעלע". עס האָט געמיינט אַרויסשיקען אַ מחנה מיט דעטעקטיווס נאָכפֿאָרשען קליינע, נישטיגע פֿאַקטען, אויסזוכען מענשען, אַרויסמעלקען פֿון זייער געדעכניס איינצעלהייטען וועלכע זיי האָבען פֿילייכט ניט גענומען פֿאַר וויכטיג און ניט געלייגט אויף זיי קיין אַכט זיינער צייט.

אַזוי האָבען דעטעקטיווס אויסגעפֿרעגט מענשען אין ראַזענהיים וועגען דעם אָוונט פֿון דר. דיטריכ׳ס טויט. מען האָט געזוכט מענשען וועלכע האָבען אים געזעהן אַרויסקומענדיג פֿון הויז, אַריינזעצענדיג זיך אין זיין „מערצעדעס־בענץ" קאַר, מען האָט אויסגעפֿאָרשט מענשען ביים קלוב וואו ער האָט געדאַרפֿט קומען, לויט ווי ער האָט דערצעהלט זיין פֿרוי, זיך טרעפֿען מיט עמיצען. מען האָט אויך געזוכט מענשען, רייזענדע, וועלכע האָבען פֿילייכט געזעהן דעם „מערצעדעס־בענץ" אויפֿ׳ן וועג פֿון ראַזענהיים קיין דאַכאַו.

אַלע די וועלכע זענען יענעם פֿרימאָרגען געווען אין דאַכאַו צו נעמען

דעם ערשטען באַן זענען אויסגעפּרעגט געוואָרען. עס איז געווען אָנגענומען אַז דער מערדער האָט נאָכ'ן לאָזען די קאַר ביים באַנהויף גענומען די ערשטע באַן. טויזענטער מענשען זענען אויף אַזאַ שטייגער אויסגעפּרעגט געוואָרען, אָבער דער סך־הכל איז ניט געווען קיין פרעהליכער. דאָס קערן מיט'ן פיינעם בערשטעלע האָט ניט געהאָלפען צו געפינען דעם מינדסטען שפּור צו דעם מערדער.

און דאַן, מיטוואָך, דעם 27־טען אַפּריל, איז ביים בריק פון דעם איזאַר טייך וואָס פליסט דורך מינכען, געפונען געוואָרען דער פינפטער קרבן פון דער געהיימניספולער באַנדע. ירמיהו מיט סענדער'ן האָבען זיך גראַדע געפונען אין דר. וועלינגער'ס ביוראָ אַרומרעדענדיג אַ פּלאַן פון ווייטער־דיגער האַנדלונג אין דער אויספאָרשונג — ווען די בייעס וועגען מאָרד איז אָנגעקומען.

דריי קליינע אינגלעך זענען נאָך דער שוהלע אַוועק צום טייך כאַפּען פיש. זיי זענען אַרונטער ביים בריק לעבען אינזעל אין טייך, יעדער טראָגענדיג אַ ווענדקע מיט אַ קעסטעלע ווערים. צוקומענדיג אונטען ביים בריק צום ברעג האָבען זיי געפונען דעם קערפּער פון אַ מאַן. זיי זענען צושראָקענע אַרויפגעלאָפען צוריק אויפ'ן בריק און אויפגעהויבען אַ סומאַטאַכע.

אין וואַסערע צען מינוט אַרום איז דר. וועלינגער אָנגעקומען צום בריק אין דער באַגלייטונג פון די ישראל'דיגע דעטעקטיווס. אַ צווייטע פּאָליציי־קאַר איז געפאָרען פאַר אים, מאַכענדיג אַ וועג אין טרעפיק. עס איז געווען האַלב נאָך דריי נאָכמיטאָג. ביים בריק איז שוין געשטאַנען אַ היבשע מענגע מיט מענשען.

דער מאַן איז געווען אַ קרבן פון „בלויען צייכען". דערין האָבען זיי זיך איבערצייגט ביים ערשטען בליק אויף דעם קערפּער. דער בלויער צייכען איז געווען בולט אָפּגעשטעמפּעלט ביים קרבן אויפ'ן שטערן ווי ביי די פריהערדיגע קרבנות.

דער אומגעבראַכטער האָט אויסגעזעהן צו זיין אַ מאַן פון זיבעציג, אָנגעטאַן אין אַן אָפּגעריבענעם בלויען אַנצוג, בלויע שקאַרפּעטען און אַ פּאָר אַלטע, אויסגעטראָטענע שיך. זיין הוט — געמאַכט פון לייווענט — איז געלעגען לעבען קערפּער. אויך איז לעבען קערפּער געפונען געוואָרען אַ ווענדקע וואָס איר פעדמע איז געווען פאַרוואָרפען אין וואַסער.

דער מאַן איז געשטאָרבען פון אַ מעסער וואונד אין האַרץ. מען האָט ביי אים גאָרניט געפונען אין די קעשענעס אויסער אַ פּעקל סיגאַרעטען,

שוועבלעך און אַ שליסעל. לויט׳ן רינג אויף זיין פינגער האָט מען אָבער געקענט אורטיילן, אַז ער איז ניט געווען קיין אָרימאַן. דער אָפּגעריבענער אַנצוג מיט׳ן לייוונטענעם היטעל און די אַלטע שיך האָבן וואַרשיינליך אים געדינט נאָר פאַר פיש־פאַנג.

דער גערופענער פּאָליציי דאָקטאָר האָט אויסגעדריקט זיין מיינונג אַז דער מאַן איז געשטאָרבן ניט מער ווי מיט אַ האַלבע שטונדע צוריק. דער מאָרד איז, הייסט עס, באַגאַנגען געוואָרען אין מיטען העלען טאָג, געצעהלטע מינוטען איידער די דריי אינגלעך זענען אָנגעקומען צום טייך. דר. וועלינגער האָט באַפוילען צו געפינען די אינגלעך כדי זיי אויסצופרעגען. אויך האָט די פּאָליציי גענומען אויספרעגען אַלע מענשען ביים בריק ווער פון זיי האָט זיך דאָרט צופעליג געפונען אַרום דריי אַזייגער.

די גאַנצע פּאָליציי פון שטאָט איז געשטעלט געוואָרען אויף די פיס. מען האָט געבראַכט אַ שפּיר־הונט צום טייך, אָבער עס איז געווען צוועקלאָז, ווייל צופיל מענשען זענען דאָרט געווען, און די פּאָליציי האָט ניט געהאַט קיין זאַך וואָס זאָל האָבע געהערט צום מערדער, אַז דער הונט זאָל קענען אויפכאַפּן זיין שפּור.

עס האָט געדויערט פיר שעה איידער די פּאָליציי האָט פעסטגעשטעלט ווער דער ערמאָרדעטער איז געווען. ער האָט זיך אַרויסגעשטעלט צו זיין דאָקטאָר מאַקסימיליאַן פאָן־העלער; ער איז געווען פיל עלטער ווי ער האָט אויסגעזעהן, 82 יאָר, ריטאַיערד (אַרויס אויף פּענסיע) און אַ גאַסט אין „פּענסיאָן ווידענמאַיער” אויף דער ווידענמאַיער שטראַסע ניט ווייט פון דעם פּלאַץ וואו מען האָט אים געפונען אַ דערשטאָכענעם.

„פּענסיאָן ווידענמאַיער” איז געווען אַ פּריוואַטע היים פאַר עלטערע מענשען. די אינהאַבערין פון פּענסיאָן, אַ געוויסע פראַו שילער, האָט איבער־געגעבען דער פּאָליציי אַלע איינצעלהייטען וועגען דעם ערמאָרדעטען.

ער איז געווען אַ פאַרמעגליכער מענש. זיין פרוי איז געשטאָרבן מיט אַכט יאָר צוריק און ער האָט דאַן אויפגעגעבען זיין פּראַקטיק און פאַרקויפט זיין הויז, באַשטעלט דעם בעסטען צימער פון פּענסיאָן און געצאָלט רעגעל־מעסיג און פּינקטליך.

קיין קינדער האָט ער ניט געהאַט, אָבער פראַו שילער האָט געוואוסט, אַז ער האָט אַ שוועסטער אין דרעזדען און אַ ברודער אין אָבעראַמערגאַו. מיט דער שוועסטער איז ער שוין פילע יאָרען צוקריגט, אָבער דער ברודער קומט אים באַזוכען איינמאָל אַ יאָר און ער פאָרט צום ברודער אויף ווייהנאַכטען.

מען האָט געפונען ביים דאָקטאָר פאָן־העלער אין צימער אַ סך פיינע

אַנצוגעֶן, וועש, מאַנטלען — אַלץ טייערע זאַכען. ער האָט פאַרמאָגט געלט אין צוויי בענק — אַ היבשע סומע פון נאָהענט צו אַ מיליאָן מאַרק. דערצו האָט ער געהאַט אינוועסטירונגען אין אַ באַנק אין דער שווייץ.

דר. פאָן־העלער האָט ליב געהאַט סינעמאַ, טעאַטער און קאָנצערטען. ער איז אויך געווען אַ ליידענשאַפטליכער פיש־פאַנגער און פלעגט פאַרברענגען יעדען טאָג ביים טייך. ווינטערצייט פלעגט ער שפּילען שאַך מיט די אַנדערע איינוואוינער אין פּענסיאָן. ניין שטענדיגע געסט זענען דאָרט געווען, פון זיי איז דר. מאַקסימיליאַן פאָן־העלער געווען דער סאַמע אַנגעזעהענער, אַריסטאָקראַטישער און באַליבטער פון אַלעמען.

פראַו שילער האָט ניט געוואוסט וועגען דר. פאָן־העלער׳ס פאַרגאַנגענהייט. אויך זיין ברודער אין אָבעראַמערגאַו האָט ניט געוואוסט וואו מאַקסימיליאַן האָט געדינט אין צייט פון קריג. אָבער ביי ירמיהו׳ן איז גאָר קיין צווייפעל ניט געווען אַז אויך דער פינפטער קרבן האָט אַ פאַרגאַנגענהייט וואָס איז פאַרבונדען מיט דייטשלאַנד׳ס גרעסטער שאַנדע און העסליכסטער זינד.

יענעם מיטוואָך אָוונט זענען ירמיהו מיט סענדער׳ן פאַרבליבען ביז שפּעט מיט דר. האַנס וועלינגער׳ן אין זיין ביוראָ. די פּאָליציי קאָמענדאַטור האָט געווימעלט ווי אַ בינשטאָק. העכער צוויי הונדערט פּאָליסלייט און דעטעקטיווס האָבען איצט געאַרבעט אויף דער קעיס. אַ מאָרד אין מיטען העלען טאָג, אין סאַמע צענטער פון שטאָט, האָט ניט געקענט געשעהן אָהן צו לאָזען אַ שפּור נאָך זיך. אָט דעם שפּור האָט מען געמוזט געפינען, און די גאַנצע ענערגיע פון דער פּאָליציי איז אַנגעווענדעט געוואָרען אונערמידליך אין דער ריכטונג.

עס איז שוין געווען האַלב נאָך צען ביינאַכט און פון די באַריכטען וואָס זענען אָנגעקומען צו דר. וועלינגער׳ן אין אַן אומאויפהערליכען שטראָם, איז ניט געווען אַפילו קיין אָנהויב פון אַ שפּור וואָס זאָל ערוועקען די מינדסטע האָפענונג צו פירען צום מערדער.

געקומען איז דער שפּור פון גאָר אַן אַנדער ריכטונג, פון דאָרט וואו ער איז געלעגען אַ לענגערע צייט. עס איז געווען אַ שפּור וועלכען ירמיהו האָט געפיהלט און ניט געקענט אָנכאַפּען ביז יענעם מיטוואָך ביינאַכט ווען ער האָט זיך געזעגענט מיט וועלינגער׳ן און אַוועק צוזאַמען מיט סענדער׳ן צום האָטעל.

אויפ׳ן וועג זענען זיי אַריין אין אַ רעסטאָראַן עפּעס איבערצובייסען. ביידע האָבען געהאַט פאַרגעסען אַז זיי האָבען נאָך גאָרניט געהאַט אין מויל

פון האַלב נאָך צוועלף בייטאָג. זיצענדיק אין רעסטאָראַן ביי אַ זייטיקען טישעל און וואַרטענדיק אויף דעם עסען, האָט ירמיהו פּלוצים אָנגעכאַפּט סענדער׳ן ביים האַנט מיט אַזאַ כּוח אַז דער יונג האָט זיך דערשראָקען.

— ירמיע! וואָס איז געשעהן? — האָט ער אויסגערופען אָנקוקענדיק זיין פריינט מיט דערשטוינונג.

ירמיהו׳ס פּנים האָט זיך געהאַט געענצליך פאַרענדערט. זיינע אויגען האָבען פאַרמאָגט אַ ליכטיגען גלאַנץ, דער בליק איז געווען שאַרף, די ליפּען פאַרקלעמט אין אַ טיפען ערנסט.

— סענדער! מיר דוכט זיך אַז איך האָב עס! — האָט ער אַרויס־געמורמעלט ניט אָפּלאָזענדיק סענדער׳ס אָרעם.

— וואָס האָסטו? וואָוּ? רעד שוין אַ מענשליך וואָרט!

— סענדער, איך האָב עס! איך האָב דעם שפּור!

— האַ? אַ שפּור?! — האָט זיך סענדער אָנגעשפּיצט. זיין קערפּער איז פּלוצים שטייף געוואָרען פון ערוואַרטונג — וואו האָסטו אים גענומען? וואו?

— אָט דאָ! — האָט ירמיהו אָנגעוויזען מיט׳ן פינגער אויפ׳ן אייגענעם שטערען — אָט דאָ, סענדער! מיר זאָלען ביידע אַזוי לעבען!

ירמיהו פליהט קיין ישראל

דער קעלנער האָט צוגעטראָגען דעם עסען און איז אַוועק, אָבער די יונגען האָבען פאַרגעסען אין הונגער.

— אַ שטיקעל פּאַפּיר! גיב מיר אַ שטיקעל פּאַפּיר! — האָט ירמיהו געמורמעלט אַרויסנעמענדיג די פּען פון קעשענע.

סענדער האָט אים צוגעשאַרט אַ פּאַפּירענעם סערוועטל. ירמיהו האָט גענומען שרייבען און סענדער האָט זיך אָנגעבויגען צום טיש איינפּרעסענדיג זיך מיט׳ן בליק אין פּאַפּיר.

— דו דיקטיר, סענדער! — האָט ירמיהו באַפוילען — וועסט באַלד עפּעס זעהן. דיקטיר מיר נעמען פון די קרבנות פון דער בלויען צייכען לויט דעם אָרדנונג פון זייער טויט. ווער איז נומער איינס?

— דר. זיגפריד ברונער — האָט סענדער אַרויסגעשטאַמעלט, אָנקוקענדיג ירמיהו׳ן מיט אַ ווילדען, צוטראָגענעם בליק. דער יונג האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָ געהט צו.

— גוט. ברונער נומער איינס! נומער צוויי?

— פריץ גאַבלער!

— גוט. נומער דריי?

— גרונט! יאָהאַן גרונט.

ירמיהו האָט אויפגעשריבן די נעמען איינער אונטער׳ן צווייטען. ער האָט אויסגעלאָזט דעם ערשטען נאָמען און פאַרשריבען נאָר דעם פאַמיליען נאָמען. דאַן האָט ער צוגעשאַרט דעם פאַפּיר צו סענדער׳ן און געזאָגט:

— נאַ! וואָס זעהסטו, דאָ?

סענדער האָט געקוקט אויף די באַקאַנטע נעמען און גאָרניט באַגריפען.

— וואָס ווייזטו מיר דען?

— קוק זיך גוט צו! וואָס באַמערקסטו דאָ?

סענדער האָט ווידעראַמאָל באַטראַכט די ליסטע:

- דר. ברונער
- דר. גאַבלער
- דר. גרונט
- דר. דיטריך
- דר. העלער.

אַ ווײַלע איז דעם יונג׳ס פּנים געווען אַנגעשטרענגט און ערנסט. פּלוצים האָט אַ פונק פון פאַרשטענדניש אויפגעבליצט אין זיין בליק. ער האָט אָנגעקוקט ירמיהו׳ן און אַ ברייטער שמייכעל האָט זיך צוגאָסען איבער זיין פּנים.

— יערמיע, יאַך זאָל אַזוי לעיבען, די ביזט אַ גוען (גאון)! — האָט ער אויסגערופען אָנכאַפּענדיג ירמיהו׳ס האַנט און פאַרדריקענדיג זי אין זיין לאַפּע — יאַך נעם שוין פאַרשטעהן! די נעמען געהען לויט׳ן אַלף־בית.

ירמיהו האָט צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

— יאָ. אַלף בית! דער מערדער געהט לויט׳ן אלף־בית, אָבער טראַכט זיך איצט אַריין וואָס דאָס מיינט?

— דער מערדער געהט לויט אַ ליסטע!

— אמת! אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ! עס איז ניט סתם אַ ליסטע נאָר אַ אידישע ליסטע. די בוכשטאַבען געהען ניט לויט אַ. בע. צע. (עי. בי. סי.) פון גויאישען אלף־בית, נאָר לויט׳ן אידישען אלף־בית. בית, גימל מיט אַן אַלף, דאַן אַ גימל מיט אַ „ר״, דאַן אַ „ד״, און איצט העלער — אַ „ה״. דאָס מיינט, אַז עס איז אַ אידישע ליסטע. דאָס איז וויכטיג, זעהר וויכטיג.

— איך זעה נישט מיט וואָס דאָס איז וויכטיגער ווי אַ ליסטע פֿון גויאישען אַלף־בית — האָט סענדער זיך אָפּגערופֿען.

— איך וועל עס דיר ערקלערען, אָבער לאָמיר צוערשט אָפּעסען, ווייל איך האָב פּלוצים באַקומען אַפּעטיט. סענדער, לאָמיר באַשטעלען אַ שנאַפּס! אַזאַ געשעהעניש דאַרף מען באַנעצען מיט שנאַפּס. דערצו מעג איך מאַכען אַ „לחיים" ווייל איך פֿאָר מאָרגען צוריק קיין ישראל.

— האַ!? — האָט סענדער אויסגערופֿען בלייבענדיג זיצען מיט אַן אָפֿענעם מויל.

— דאָס וואָס דו הערסט, סענדער! איך פֿלי מאָרגען צוריק קיין ישראל. דו וועסט דאָ פֿאַרבלייבען און וואַרטען ביז איך וועל זיך צוריקקערען. איך האָף צו גאָט אַז איך וועל זיך לאַנג ניט פֿאַרזאַמען...

סענדער'ן איז שוין ניט איינגעגאַנגען ניט דער שנאַפּס און ניט דאָס עסען. ער האָט פֿיינט געהאַט צו „טאַפּען אין דער פֿינצטערניש", ווי ער פֿלעגט עס זאָגען, אין דער צייט ווען ירמיהו האָט עפּעס געוואוסט, געפֿלאַנעוועט, געטאָן, און ער, סענדער, האָט געמוזט „פּראָבירען טרעפֿען".

אויפ'ן וועג צום האָטעל האָט ירמיהו אויפגעקלערט פֿאַר זיין געהילף פֿאַרוואָס ער פֿאָרט קיין ישראל. ערשט ווען ירמיהו האָט ענטפּלעקט פֿאַר אים די איינצעלהייטען פֿון פּלאַן האָט סענדער איינגעזעהן אין וואָס פֿאַראַ פֿינצטערניש ער איז געווען פֿאַרזונקען. ירמיהו'ס פּלאַן איז געווען אַ „געניאַלער איינפֿאַל".

✶

— עס האָט אונז געגומען געהן, ברוך השם! — האָט סענדער אויסגערופֿען אַוועקלייגענדיג דאָס טעלעפֿאָן טרייבעל — דער מזל האָט גענומען שמייכלען! דיין עראָפּלאַן פֿליהט אָפּ קיין לוד אַכט אינדערפֿרי און איך האָב באַשטעלט דעם לעצטע פּלאַץ אין עראָפּלאַן. מזל, זאָג איך דיר! אָהן מזל זאָל מען ניט געבוירען ווערען.

ירמיהו איז געווען אין באַדע־צימער אַרומוואַשענדיג זיך פֿאַר'ן געהן שלאָפֿען. ער האָט פֿאַרענדיגט זיין טואַלעט און איז אַריינגעקומען אין צימער, אָנגעטאָן אין אַ ראָק, האָט זיך צוגעזעצט אויפ'ן בעט און גענומען אָנפּילען זיין לולקע מיט טאַבאַק.

— סענדער, איך האָף נאָר אַז דער מזל אונזערער וועט מיר צושפּילען אויך אין ישראל — האָט ער געזאָגט — אויב מיין רייזע זאָל ניט געלינגען איז די גאַנצע ענטדעקונג פֿון אלף־בית אַ האַלבער אויפטו. אָבער לאָמיר

בישט רעדען דערפון. איך וועל שוין מאַרגען ניט באַווייזען זעהן וועלינגער׳ן, וויל איך אז דו זאָלסט זיך אַנטשולדיגען פאַר אים אין מיין נאָמען. זאָג אים אַז איך בין געפאָרען און וועל זיך לאַנג ניט פאַרזאַמען. וועסט אויך זאָגען שמעונ׳ען אַז איך וועל זיך זעהן מיט רבקה׳ן און איר איבערגעבען אַ גרוס. עס איז מיר אַ ביטערער רחמנות אויף דעם בחור.

— איך האָף אַז זיינע צרות וועלען זיך אינגיכען ענדיגען — האָט סענדער זיך אָפּגערופען — עפּעס זאָגט מיר מיין האַרץ, אַז דיין ענטדעקונג פון היינט ביינאַכט וועט אונז דערפירען צום ציל. פאַרגעס ניט אָפּגעבען אַ „גריסקע״ צו סעדיה׳ן און רחל׳ען און זעה אַז „גיבור״ זאָל קריגען זיין אָראַנדזש זאָפּט יעדען טאָג. איך טרוי ניט רחל׳ן און סעדיה׳ן אַוודאי ניט.

ירמיהו האָט געשמייכעלט און גאָרניט געענטפערט. סענדער האָט אים צוגעוואונשען אַ גוטע נאַכט און איז אַרויס פון צימער.

אין אַ הייסען כאַמסין־טאָג

זינט ירמיהו מיט סענדער׳ן זענען אַוועקגעפאָרען און איבערגעלאָזט סעדיה׳ן אַליין אָנפירען מיט דעם ביוראָ, איז דער תימנ׳ער יונג געוואָרען „אַן אַנדער מענש״.

סעדיה איז געוועזען געוואוינט צו קומען יעדען אינדעפרי אויף דער אחד־העם גאַס דורכמאַכענדיג דעם וועג פון „כרם התימנים״ צום ביוראָ צופוס. אין „כרם התימנים״ האָט סעדיה געהאַט אַן אייגענע הויז מיט אַ קליינעם הויף וואו עכסה (אַכסאַ) האָט איינגעריכט אַ גערטענדעל און פאַרפלאַנצט גרינצייג און בלומען. ביי זיך אין הויז איז סעדיה געוועזען באַלעבאָס און האַר. עכסה האָט אַרויפגעקוקט צו אים מיט גרויס רעספּעקט און פאַרערונג ביי די צוויי אינגלעך איז סעדיה געוועזן דער בעסטער, וויכטיגסטער טאַטע אין דער וועלט. ביי די איינוואוינער פון כרם התימנים איז סעדיה געוועזן פאַררעכענט פאַר אַ חשוב׳ן באַלעבאָס און אַ וויכטיגען מענש אין דער געזעלשאַפט. אין שול האָט סעדיה געהאַט אַ פּלאַץ ניט ווייט פון רב, חכם בן־ציון שרעבי, אַ גרויסער תלמיד־חכם און בעל־קבלה וועלכער איז געוועזן אַ גאָלדשמידט פון פאַך (ביי תימנ׳ער אידען נעמט אַ רב ניט קיין געצאָלט און לעבט פון אַרבעט אָדער קליין האַנדעל).

סעדיה איז געוועזן אַ גליקליכער, צופרידענער מענש. ער פלעגט אָפט, רעדענדיג מיט זיינע פריינט אָדער מיט עכסה׳ן, זאָגען אַז אים פעלט גאָרניט. ער האָט פּרנסה, אַ שעהנע, גוטע און געטרייע ווייב, פיינע קינדער, וועלכע

לערנען פלייסיג און זענען געהאַרכזאַם, אַן אייגענעם דאַך איבער׳ן קאָפּ און אַ פיינעם נאָמען אין שטאָט. וואָס נאָך דאַרף אַ מענש?

סענדער פלעגט אַלעמאָל זאָגען, אַז סעדיה וועט לעבען הונדערט מיט פערציג יאָר. ער וועט קיינמאָל ניט ליידען פון קיין האַרץ־פעלער, פון קיין אַלסער (אולקוס) אין מאָגען אָדער אַנדערע קרענק וואָס קומען פון אַ שווערען לעבען און פון האַרץ־גריזשעניש; און דער אמת איז געווען אַז סעדיה האָט טאַקע ניט געהאַט וואָס זיך צו נעמען צום האַרצען, איז שטענדיג געווען גוט אויפגעלייגט, ווייל ער איז געווען אַ גוטמוטיגער פון דער נאַטור.

ער האָט ניט געדאַרפט טראָגען די זאָרגען פון ביוראָ. דערויף איז געווען ירמיהו, דער פּאַקטישער באַלעבאָס; כאָטש סעדיה און סענדער זענען געווען גלייכע שותפים מיט ירמיהו׳ן האָבען זיי זיך אָבער ניט געמישט אין דער פירונג פון געשעפט.

אָבער ווען סעדיה האָט געמוזט איבערנעמען די אַרבייט אין דער אבוועזענהייט פון זיינע צוויי שותפים, האָט ער זיך פלוצים דערפיהלט אַנדערש. ער איז געווען אי שטאָלץ און זיך געפיהלט זעהר וויכטיג און אי ער האָט זיך אַביסעל געשראָקען. ער האָט קיינמאָל ביז איצט ניט געטראָגען די פולע פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר דער אַרבעט, און דער יאָך האָט געדריקט אויף אים.

פונדעסטוועגען איז ער געווען שטאַרק צופרידען מיט זיך און מיט דער דזשאָב. ער האָט געגעבען רחל׳ען אַ טיילווייזע וואַקאַציע. רחל פלעגט איצט אריינקומען נאָר אויף אַ האַלבען טאָג, צורוימען דעם אָפיס און ענטפערען דעם טעלעפאָן ווען סעדיה איז ניט געווען. נאָכמיטאָג האָט סעדיה פאַרבראַכט אין ביוראָ ווען נאָר ער האָט געהאַט דערויף צייט.

קיין סך אַרבעט איז ניט געווען. ירמיהו האָט אין פאַרלויף פון יאָרען זיך איינגעהאַנדעלט שטענדיגע קליענטען, וועלכע האָבען געצאָלט אַ יערליכען אָפּצאָל פאַר זיין דינסט. די קליענטען זענען באַשטאַנען מערסטענס פון בענק און האַנדעל־פירמעס וועלכע האָבען באַנוצט די דינסט פון דעם דעטעקטיוו פעסטצושטעלען די קרעדיט פעהיגקייטען פון אַ פערזאָן צי אַ פירמע. די דינסט האָט געגעבען גענוג באַשעפטיגונג אַ גאַנץ קיילעכדיג יאָר. פון צייט צו צייט פלעגט אַריינפאַלען אַ פּאַרטרוויליכער דזשאָב פון אַן ערנסטער אויספאָרשונג ווען אַ קליענט האָט ניט געוואָלט, צוליב געוויסע אורזאַכען, אַנקומען צו דער פּאָליציי אָדער ווען עס איז ניט געווען גענוג געזעצליכער גרונט אַריינצוציהען די פּאָליציי אין אַזאַ אויספאָרשונג.

אין יעדען פאַל פלעגט ירמיהו אויפנעמען דעם דזשאָב און געבען זיינע געהילפן די נויטיגע אָנווייזונגען וואָס צו טאָן. איצט, אָבער, האָט סעדיה זיך פלוצים געפונען אין אַ לאַגע ווען ער האָט אַליין געדאַרפט אַלץ טאָן, באַשליסען און דורכפירען.

די רוטין אַרבעט האָט סעדיה דורכגעפירט ווי אַלעמאָל. אין מערסטע פאַלען פלעגט ער אפילו ניט דאַרפען אַרויסגעהן אין גאַס נאָכצופאָרשען. ער פלעגט עס ערליידיגען מיט דער הילף פון דעם רייכען אוצר פון קלאַסיפיצירטען מאַטעריאַל פון אינפאָרמאַציע וועלכען זייער בורא האָט אָנגעזאַמעלט אין פאַרלויף פון פילע יאָרען; אויך האָט סעדיה געהאַט גענוג קאָנטאַקטען צו קענען אָפרופען דעם צי יענעם אויפ'ן טעלעפאָן, באַקומען די אינפאָרמאַציע און צואוויסען טאָן דעם קליענט דעם ענטפער אויף זיין אָנפראַגע.

טיף אין האַרצען האָט איצט סעדיה געהאָפט אויף אַ „גרויסען דזשאָב", עפעס וואָס איז ניט רוטין נאָר דראַמאַטיש, געהיימניספול, וויכטיג און געפערליך. אָט אין אַזאַ דזשאָב וואָלט ער געקענט באַווייזען זיין כוח, און ווען ירמיהו מיט סענדער'ן וועלען צוריקקערן וועלען זיי איינזעהן אַז ער איז געווען פעהיג זיך אַליין אַן עצה צו געבען. האָט זיך אָבער קיינער ניט געווענדעט מיט אַזאַ דזשאָב־אָנבאָט. טאָג איין טאָג אויס איז אָנגעגאַנגען די רוטין אַרבעט...

*

עס איז שוין געווען דער מאָנאַט אַפּריל און דער טאָג האָט זיך געשטעלט אַ הייסער. דער ערשטער כאַמסין־ווינט פון יאָר האָט אַ בלאָז געטאָן פון מזרח מיט אַ הייסען בריהענדען אָטעם אָנפילענדיג די לופט מיט אַ דינעם שטויב פון מדבר. די זון איז געהאָנגען אין הימעל ווי אַ קופערנע פאָן און די פויגלען האָבען יענעם פרימאָרגען געשטומט אין די נעסטען און ניט געלאָזט הערען זייער פריידיגע צוויטשעריי מיט וועלכער זיי באַגריסען געוועהנליך יעדען אָנקומענדיגען טאָג.

אויך „גיבור" איז ניט געווען דער זעלבער ווי אַלעמאָל. סעדיה פלעגט אים יעדען אָוועט ברענגען מיט זיך אַהיים צו דער גרויסער פרייד פון זיינע צוויי אינגלעך. עכסה פלעגט שוין האָבען גרייט פאַר „גיבור'ן" אַ שיסעל מיט עסן און דער הונט איז געשלאָפען אין הויף ביים אַריינגאַנג צום הויז וואו די קינדער האָבען פאַר אים אויסגעבעט אַ געלעגער פון ראַגזשעס באַדעקט מיט אַ קליינעם טעפיך.

דעם אָוונט פאַר דעם כּאַמסין האָט דער הונט שוין גענומען פּיהלן די ענדערונג אין דער לופט און האָט זיך ניט צוגערירט צו דער שיסעל וואָס עכסה האָט אַוועקגעשטעלט פאַר אים. סעדיה האָט שוין געוואוסט וואָס דאָס מיינט און די בייעס אין ראַדיאָ האָט באַלד נאָך האַלבער נאַכט וועטער אָנזאָג. דער כּאַמסין האָט גענומען בלאָזען באַלד נאָך האַלבער נאַכט און עכסה איז מיטען נאַכט אַראָפּ פון געלעגער אַריינגענעמען „גיבור׳ן״ אין הויז, פאַרמאַכען אַלע פענסטער און אויסגיסען וואַסער אויף די צעמענטענע באַלאַטעס פון דיל כּדי עס זאָל זיין לייכטער צו אָטעמען.

דעם וועג פון כּרם התימנים צום ביורא האָבען סעדיה און „גיבור״ דורכגעמאַכט צופוס ווי יעדען טאָג, אָבער דעם פרימאָרגען איז „גיבור״ ניט געלאָפען זשוואַווע און פריידיג ווי אַלעמאָל. דער הונט האָט געשפּרייזט ביים זייט פון סעדיה׳ן, מיט אַ געבויגענעם קאָפּ און אַ לאַנגער, אַרויסהענגענדער צונג. ער האָט ניט אַרויסגעוויזען דעם מינדסטען אינטערעס אין די בוימער און ווינקלען פון הייזער לענגאויס דעם וועג. ער איז פאַרביי אָהן אָנצושמעקען די געהיימע שפּורען פון אַנדערע הינט, האָט ניט געלייגט קיין אַכט אויף די שאַרפע גערוכען וואָס פאַרבייגעהענדע קעץ האָבען איבערגעלאָזט. דער הונט האָט געליטען פון דער שרעקליכער היץ. עס האָט ממש געשאָטען מיט פייער כּאָטש עס איז נאָך געווען פרי, קוים אַ פערטעל נאָך זיבען.

סעדיה האָט באַשלאָסען אַז ער וועט יענעם טאָג דורכשטופען אָהן צו זיין צופיל טעטיג. ער האָט זיך פאַרוואונדערט געפינענדיג רחל׳ען אין הויז און האָט איר פאַרגעוואָרפען פאַרוואָס זי איז געקומען צו דער אַרבעט. ער האָט איר געהייסען צוריקגעהן אַהיים, אָבער רחל האָט צוערשט צוגעראָמט איידער זי איז אַוועק.

סעדיה האָט צוגעמאַכט אַלע פענסטער און האָט אויפגעהאָנגען עטליכע נאַסע האַנטיכער, כּדי די לופט זאָל ווערען פייכט. ער האָט אויך אויסגעגאָסען וואַסער אויפ׳ן דיל און „גיבור״ האָט זיך אויסגעצויגען אויף די נאַסע באַלאַטעס און אָנגעשפּאַרט די מאָרדע אויף די פאָדערשטע פיס. דעם הונט׳ס צונג איז נאָכגעהאָנגען ווי אַ שלאַנג און ער האָט האַסטיג געאָטעמט.

סעדיה האָט זיך אָנגעגאָסען אַ גלאָז קאַלטע מילך, צוגעטראָגען אַ שיסעלע מילך אויך פאַר׳ן הונט. די פּאָסט איז נאָרוואָס אָנגעקומען און דער יונג האָט זיך גענומען עפענען די בריוו. דער ערשטער בריוו וועלכען ער האָט געעפענט איז געווען פון מינכען. ירמיהו און סענדער האָבען געשריבען צו עטליכע שורות יעדער. קיין פאַרשריט, פאַרלויפיג! זיי ווייסען ניט

ווי לאַנג ס'וועט נאָך דויערן. סעדיה האָט אַרויסגעליינט פֿון צווישען די שורות זייער דערדריקטע שטימונג. ער האָט מיטגעפיהלט מיט זיי קענענדיג זעהר גוט דעם געפיהל וואָס מען האָט ווען אַן אויספאָרשונג „בלייבט שטעקען אין בלאָטע און דער וואָגען רירט זיך נישט פון אָרט" ווי סענדער פלעגט זיך אויסדריקען.

סעדיה איז געוועזן זיכער אַז אין אַזאַ טאָג ווי היינט וועט קיינער ניט קומען אים זעהן און ער האָט זיך דאַריבער ניט געאיילט מיט דורכלייענען די פּאָסט. ער האָט צוויי מאָל דורכגעלייענט דעם קורצען בריוועלע פון זיינע פריינט און ערשט דאַן זיך גענומען צו די אַנדערע בריוו.

„גיבור" האָט פלוצים אויפגעהויבען דעם קאָפּ און אַ שטילען ברום געטאָן. סעדיה האָט אים שאַרף אָנגעקוקט. דער הונט האָט ווידער אַ ברום געטאָן און האָט זיך אויפגעשטעלט. סעדיה האָט געוואוסט וואָס דאָס באַדייט און ער האָט אַרויסגעבליקט דורכ'ן פענסטער.

צום הויז האָט זיך דערנעהענטערט אַ יונגע פרוי אָנגעטאָן אין אַ ווייסער קלייד, ווייסע שיך מיט אַ גרויסען שטרויענעם הוט וואָס זיינע ברייטע ראַנדען האָבען פאַרהילט איר געזיכט אין שאָטען.

— ווער קען עס זיין? גראַדע היינט, אין אַזאַ שווערען כאַמסין?! — האָט סעדיה אַרויסגעמורמעלט און ווענדענדיג זיך צו „גיבור'ן" האָט ער אים באַפוילען זיך צוריקצולייגען. דער הונט האָט געפאָלגט און סעדיה האָט זיך געלאָזט געהן צו דער טיר.

די שעהנע באַזוכערין

— שלום! אני רוצה לראות את מר אַלמוג (איך וויל זעהן מר. אַלמוג'ן) — האָט די יונגע פרוי אויסגערופען ווען סעדיה האָט געעפענט די טיר.

דער יונג האָט זי אויפמערקזאַם באַטראַכט. זי איז געוועזן ניט מעהר פון אַ יאָר 24. אַ ברונעטע, מיט ברוינע שעהנע אויגען און אַ שעהן געזיכט. פון איהר אויסשפּראַך האָט סעדיה דערקענט אַז זי איז אַן אַמעריקאַנערין. אָדער אַ דרום־אַפריקאַנערין. זי האָט אויך געקענט שטאַמען פון אויסטראַליע אָבער זי איז באַשטימט ניט געוועזן קיין ענגלענדערין. דאָס האָט סעדיה געאורטיילט פון איר אויסזעהן. ענגלישע פרויען זענען אַנדערש אָנגעטאָן און פאַרמאָגען אַן אַנדער קאָליר הויט. „זי איז גיכער פון אַלץ אַן אַמעריקאַנערין", האָט סעדיה אָפּגעמאַכט ביי זיך.

— קומט אַריין! מר. אַלמוג איז ניטאָ, אָבער איך פאַרטרעט אים דאָ — האָט ער אויסגערופען.

ער האָט איר אַריינגעפירט אין ביוראָ און איר אָנגעוויזען אויף אַ שטוהל זיך צו זעצען. איהר גאַנג איז געווען גראַציעז און לייכט. זי האָט געהאַט אַ שעהנע פיגור און געטאָקטע פיס. אַראָפּנעמענדיג דעם הוט האָבען אירע שוואַרצע לאָקען זיך צעשאָטען איבער די אַקסלען. אָהן דעם הוט האָט זי אויסגעזעהן פיל רייצענדער.

זי איז געווען אין אַ קענטליכער פאַרלעגענהייט. סעדיה האָט זי באַטראַכט באַמיהענדיג זיך צו טרעפען וואָס אַזוינס עס האָט איר געבראַכט אַהער אין אַזאַ טאָג.

— איר וועט אפשר טרינקען עפּעס קאַלטס? — האָט ער געפרעגט — קאַלטע מילך? „טעמפאָ״ (אַ סאָרט סאָדאַ געטראַנק) אָדער אייז־טיי?

— מילך וועט זיין פיין. אַ דאַנק! עס איז היינט שרעקליך הייס! — האָט זי געזאָגט — אָך, ס׳אַראַ שעהנער הונט דאָס איז — האָט זי באַמערקט אָנווייזענדיג אויף „גבור׳ן״.

— יאָ, ער איז אונזער ליבלינג. ער ליידט מעהר פון אַ מענשען אין אַזאַ וועטער — האָט סעדיה געזאָגט און האָט זיך ענטשולדיגט,איז אַרויס צו דער קיך און צוריקגעקערט זיך מיט דעם טרונק.

די שעהנע באַזוכערין האָט אים באַדאַנקט, האָט געטאָן אַ זופּ און צוריק־געשטעלט די גלאָז.

— מיין עברית איז ניט צו גוט... כ׳האָב עס געלערענט אין אַן „אולפּן״ (קורסען פאַר עברית) — האָט זי געזאָגט — קען איך רעדען ענגליש? עס וועט מיר זיין לייכטער זיך אויסצודריקען.

סעדיה האָט צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

— אַ דאַנק! אַזוי איז בעסער — האָט זי גענומען רעדען ענגליש — מען האָט מיר רעקאָמענדירט אייער ביוראָ אַלס ראַיעלען און טיכטיגען, וואָס מען מעג אים פאַרטרויען אַלצדינג. דעריבער בין איך געקומען צו אייך. איך דאַרף האָבען אייער הילף. עס דאַרף זיין אַ שטרענגע געהיימניס און איך בין אייך גרייט צו באַצאָלען וויפיל עס דאַרף נאָר קאָסטען אָבי איר זאָלט מיר העלפען.

— לאָמיר הערען וואָס איר ווילט — האָט סעדיה געזאָגט. זיין האַרץ האָט זיך געפרייהט, ווייל דאָ, האָט ער געפיהלט, קומט אַ גרויסער דזשאָב, ניט קיין רוטין. דערצו האָט די קליענטין געמאַכט אויף אים אַ היבשען איינדרוק. ער האָט געוואָלט אויסנעמען ביי איר.

ער האָט זיך אָפּגעליינט אין שטוהל און פאַרלייגט די הענט אויפ׳ן שויס. דערמיט האָט ער געוויזען אַז ער איז גרייט צו הערען און אַז זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט איז קאָנצענטרירט.

— דאַרף איך זיך פאָרשטעלען אָנגעבענדיג דעם נאָמען און אַדרעס און איינצעלהייטען? — האָט זי געפרעגט.

— ניט נויטיג אַצינד. איך ווייס נאָך ניט וועגען וואָס איר זענט געקומען און צי איך וועל אייך קענען העלפען. איר קענט דאַריבער צוטרעטען קודם צום ענין. וואָס איז אייער טראָבעל?

— מיין מאַן... איך האָף אַז אַלץ וואָס איך רעד וועט בלייבען צווישען די פיר ווענט?

— גאַנץ באַשטימט. איר קענט רוהיג רעדען.

— מיין מאַן, וועגען דעם קום איך צו אייך. איך בין דאָ אין לאַנד אַ קנאַפּען יאָר, איך קום פון לאָס־אַנדזשעלעס, כ׳האָב זיך דאָ באַקאַנט מיט אַ יונגענמאַן, וועלכער איז אויך ניט לאַנג אין לאַנד, אַרום זעקס יאָר. ער שטאַמט פון רומעניע. מיר האָבען זיך פאַרליבט און געהייראַט. מיר זענען פאַרהייראַט באַלד אַכט מאָנאַטען. אָנפאַנגס בין איך געווען זעהר גליקליך מיט אים, ער האָט מיך ליב און באַהאַנדעלט מיך ווי אַ דזשענטעלמאַן. אָבער לעצטענס האָט עפּעס פּאַסירט. ער האָט עמיצען אַנדערש!.. אַזוי איז זיין באַציהונג צו מיר אַ גוטע, ווי פריהער, אָבער איך פיהל, איך ווייס, אַז ער האָט עמיצען. פאַר זעקס וואָכען האָט זיך עס אָנגעהויבען. ער איז איין נאַכט געקומען שפּעט, געזאָגט, אַז ער האָט געהאַט אַ וויכטיגע ביזנעס צו ערליידיגען, געמוזט פאַרען קיין חיפה. דאַן האָט ער ווידער געהאַט אַ ביזנעס, דאָס מאָל אַ זיצונג מיט אַן אימפּאָרטער, וואָס האָט זיך פאַרצויגען ביז פאַרטאָג. לעצטען פרייטאָג צו נאַכטס ווידער אַ זיצונג. ער קומט פאַרטאָג און איך ווייס, אַז ער זאָגט ליגען... ער קושט מיך אָבער איך נעם שוידערען ביים געדאַנק, אַז ער נאַרט מיך אָפּ, איז פאַלש צו מיר. די נאַכט איז ער ווידער געקומען שפּעט... איך האָב ניט געקענט איינשלאָפען און כ׳האָב געהערט ווען ער איז געקומען. עס איז געווען אַ פערטעל נאָך דריי. מיר האָט ער געזאָגט, אַז ער איז געקומען אַרום איינס. ער האָט געמיינט, אַז איך האָב ניט געהערט...

וואָס מער זי האָט גערעדט, אַלץ טרויעריגער איז געוואָרען סעדיה׳ן אויפ׳ן האַרץ. זיין גרויסער חלום וועגען אַן „אויפטו״ האָט גענומען צורונען ווערען.

— ..ענטשולדיגט מיר! — האָט ער איבערגעשלאָגען אירע רייד — פון דעם וואָס איר דערצעהלט מיר, זעה איך ניט איין מיט וואָס איך קען אייך העלפען.

—אָה, דאָס וויל איך אייך איצט זאָגען! — האָט די יונגע פרוי אויס־געררופען — איך וויל, אַז איר זאָלט אויסגעפינען פאַר מיר וואו ער ווערט פאַרפאַלען גאַנצע נעכט, ווער זי איז און אויב מעגליך קריגען באַווייזען, נעמען אַ פאָטאָגראַפיש בילד. איך וויל אים אַנקלאָגען אויף אַ גט. איך וויל מיט אים נישט...

— ...עס טוט מיר לייד, אָבער איך האָב מורא, אַז מיר קענען אייך ניט העלפען — האָט סעדיה ווידעראַמאָל זי איבערגעשלאָגען — דער וואָס האָט אייך געשיקט צו אונז האָט אייך ניט גוט אינפאָרמירט.

— אָה, מען האָט מיר נאָר געזאָגט, אַז אייער דעטעקטיוו אַגענטור איז אַ גוטע און אַ ראַיעלע.

— דאָס איז אמת, אָבער מיר פאַרנעמען זיך ניט מיט אַזעלכע אויס־פאָרשונגען — האָט סעדיה געזאָגט — איך קען ניט רעקאָמענדירען וואו איר זאָלט געהן, אָבער עס זיינען פאַראַן אַזעלכע פריוואַטע פאָרשער, וועלכע מען קען דינגען פאַר אַזאַ צוועק ווי דער וואָס איר ווילט. אונזער אַגענטור פאַרנעמט זיך ניט דערמיט.

— איך... פאַרשטעה עס ניט! — האָט די יונגע פרוי אַנגעקוקט סעדיה׳ן מיט פאַרוואונדערונג — נאָך אַלעמען זענט איר אַ „דעטעקטיוו אַגענטור״ און איר פאָרש אויס זאַכען.

— אָבער ניט קיין מאַן־און־ווייב־ביזנעס — האָט סעדיה ערקלערט — מיר האָבען עס ביז איצט ניט געטאָן און וועלען עס ווייטער ניט טאָן. אונזער אַרבעט איז פון אַ גאַנץ אַנדער שטייגער.

— צום ביישפיל?

— צום ביישפיל אינפאָרמאַציע וועגען קרעדיט פעהיגקייט פון אַ מענשען אָדער אַ פירמע, אָדער גנבה, מאָרד, שווינדעל...

— אָבער מיין מאַן באַשווינדעלט מיך! האָט זי אויסגערופען — איז עס ניט שווינדעל ווען ער שאַפט זיך איין אַ געליבטע קוים אַ האַלב יאָר נאָך אונזער הייראַט, לאָזט מיך איבער גאַנצע נעכט און...

— ...יאָ, עס איז ניט נאָר באַשווינדלונג נאָר עס איז אויך זעהר נידער־טרעכטיג — האָט סעדיה געזאָגט — נאָך מעהר: עס איז אַ גרויסע אידיאָט־סטווע דערצו, ווייל האָבענדיג אַזאַ שעהנע, רייצענדע און פיינע פרוי ווי איר זענט דאַרף מען זיין אַ בהמה צו לויפען זוכען אַנדערע. עס איז שענדליך,

פאַרדאַרבענקייט, נידערטרעכטיגקייט, אַלץ וואָס איר ווילט. אָבער מיר שפּיאָנירען ניט נאָך מענער אָדער ווייבער. עס איז ניט אונזער באַרוף. עס טוט מיר שטאַרק לייד, אָבער איך קען אייך ניט העלפען.

סעדיה האָט זיך אויפגעשטעלט און דערמיט געגעבען דער פרוי אַנצו־הערעניש, אַז דער געשפּרעך איז פאַרענדיגט.

די פרוי האָט זיך אויפגעשטעלט, גענומען איר הוט און האָט זיך געלאָזט געהן צום טיר. אירע אויגען זענען געווען אָנגעפילט מיט טרערען און איר אונטערשטע ליפּ האָט געציטערט. סעדיה האָט געהאָט גרויס מיטלייד מיט איר אָבער ער האָט געהאַנדעלט ווי ירמיהו האָט עס געטאָן פילע מאָל אין פאַרלויף פון די יאָרען. דער דעטעקטיוו האָט אָפּגעזאָגט יעדען אָנבאָט פון אַזאַ סאָרט דזשאָב, כאָטש אָפטמאָל האָט זיך עס געקענט זעהר גוט באַצאָלען.

*

דער כאַמסין האָט אָנגעהאַלטען צוויי מיט אַ האַלב מעת־לעת און האָט „געפּלאַצט". אַ קאַלטער ווינט האָט פּלוצים אַ בלאָז געטאָן ברענגענדיג די גוואַלדיגע דערלייכטערונג. יענע נאַכט האָט געגאָסען אַ שלאַקס־רעגען, וואָס האָט זיך געפּאַסט פאַר ווינטער צייט און דאַן האָט די זון אויפגעשיינט, און תל־אביב האָט געגלאַנצט אַן אויסגעצוואָגענע, פינקלענדיג מיט מיליאָנען ברילליאַנטען אויף די בלעטער און צווייגען פון די בוימער.

מיט'ן ברוך פון כאַמסין האָט „גבור" אויפגעלעבט און האָט זיך געלאָזט שמייען איבער'ן שטאָט. דער הונט האָט ווי געוואָלט זיך אָפּנעמען פאַר די הייסע טעג, וועלכע ער האָט פאַרבראַכט אין הויז.

סעדיה איז געווען אַליין אין ביוראָ. רחל האָט זיך אָפּגעפאַרטיגט פאַר'ן טאָג און איז אַוועק אַהיים. סעדיה האָט געדאַרפט ענטפערען אויף אַ צאָל בריוו און איז געזעסען ביי דער שרייבמאַשין, אויסקלאַפּענדיג מיט צוויי פינגער די שורות. עס איז שוין געווען האַלב נאָך דריי ווען עמיצער האָט אָנגעקלונגען ביים אַריינגאַנג. סעדיה האָט אַרויסגעקוקט דורכ'ן פענסטער און דערזעהן אינספּעקטאָר גאַפּני'ן ביים טיר.

— סקאַצל קומט, אַ גאַסט! — האָט ער אויסגערופען עפענענדיג די טיר פאַר'ן אינספּעקטאָר — וואָס ברענגט דיר אַהערצו?

גאַפּני איז אַריינגעזונקען אין טיפען שטול און אויסגעשטרעקט די פיס פאַר זיך.

— וואָס איז, מען טאָר ניט קומען באַזוכען אַן אַלטען פריינד? — האָט ער געפרעגט.

— פאַרוואָס ניט? ביזט ווילקאָמען, מער ניט איך וואונדער זיך וואָס דו האָסט די גאַנצע צייט אויסגעמיטען די הויז. כ'האָב דיך שוין ניט געזעהן אַ סך וואָכען. וואו ביזטו געווען אין די גרויסע היצען?

— עס איז ניט קיין געלעכטער, דער כאַמסין איז געווען היבשליך ביטער — האָט גאָפּני אויסגערופען — וואָס הערט זיך, סעדיה? וואָס פאַרא גרויסע אויפטועך האָסטו דערגרייכט אין דער צייט וואָס מיר האָבען זיך ניט געזעהן?

סעדיה האָט זיך דערמאָנט אין דער שעהנער פרוי, וועלכע איז ערשט מיט דריי טעג צוריק דאָ געווען און האָט ערוועקט אין אים אַ האָפענונג, אַז זיין טאָג איז געקומען צו ווייזען וואָס ער קען טאָן. דער יונג האָט אַ זיפץ געטאָן.

— רוטין, אַלץ איז רוטין. ניטאָ קיין גרויסע גליקען. סענדער'ן איז וואויל. זיי קערען דאָרט מסתמא איבער אַ וועלט. עס קאָכט דאָרטען, כאָטש זייער נאָמען ווערט ניט דערמאָנט. האָסט געלייענט די געשיכטעס פון מינכען? מאָרדען, איינער נאָכ'ן צווייטען, נאָצי בעסטען ווערען ענטדעקט, דאָקטוירים לויפען ווי מייז. די גאַנצע וועלט קאָכט. איך בין זיכער, אַז ירמיהו מיט סענדער'ן האָבען דערין אַ האַנט.

— איך בין איבערגעצייגט דערין — האָט גאָפּני באַמערקט — יאָ, איך לייען אַלצדינג. איך בין זיי אויך מקנא, כאָטש איך וואָלט זיי נאָך מער מקנא געווען ווען זיי לייזען די געהיימניס. פאַרלויפיג איז עפעס שטיל. דאָס בין איך טאָקע געקומען צו דיר זיך נאָכפרעגען. וואָס שרייבען זיי פון דאָרט?

סעדיה האָט אים דערלאַנגט דעם לעצטען בריוועל פון מינכען.

— דאָ האָסטו, לייען. זיי זיינען קאַרג אויף אַ וואָרט און כ'ווייס פונקט אַזוי פיל איצט ווי פאַר'ן באַקומען דעם בריוו. דאָס איז שוין דער דריטער בריוועל אַזאַ.

סעדיה „פּראָוועט קונצען" און „גבור" ווערט „משוגע"

גאָפּני האָט דורכגעלייענט דעם בריוול און עס צוריקגעגעבען סעדיה'ן.

— יאָ, עס געהט צו שווער. איך דאָ ליג אויך אין דער ערד און קיי ליים. די לעצטע פאָר וואָכען געה איך שיער ניט אַראָפּ פון זינען. אַרבעט ווי אַ פערד און דער רעזולטאַט איז קדחת.

— וואָס אַזוינס?

— עט, פרעג שוין בעסער ניט! — האָט גאָפּני אַ מאַך געטאָן מיט

דער האַנט — מיר ווערען אַ מדינה מיט מענשען גלייך. די אונטערוועלט האָט זיך ביי אונז ניט צו שעמען פאַר לאָנדאָן צי פּאַריז אָדער אפילו שיקאַגאָ.

סעדיה׳ס אויגען האָבען זיך צעפינקעלט. די איינגעדרימעלטע קנאה צו סענדער׳ן פאַר באַגלייטען ירמיהו׳ן קיין דייטשלאַנד, האָט זיך אויפגעכאַפּט אין זיין האַרץ מיט אַ וועהטאָג. אינספּעקטאָר גאַפּני׳ס רייד האָבען געריצט סעדיה׳ס אַפּעטיט. אונטערוועלט... מ א ָר ד ע ן... בלויער צייכען... אָט דאָס איז אַרבעט, ניט ווי ער דאָ איז אַריינגעטאָן אין נאַרישע אויספאָרשונגען, אָט ווי די אָנפראַגע פון אַ באַנק וועלכע ער האַלט איצט אין מיטען ענטפערען אַז מר. חנא באַקין פאַרמאָגט זעכצען דונאַם באָדען אין הרצליה, אַ הויז אויף דער יוחנן הסנדלר גאַס, און אַז זיין נאָמען אין שטאָט איז אַ גוטער, די הויז אָן אָפּגעצאָלטע, די קינדער אַלע אויסגעגעבען. קרעדיט — אַ גוטער...

אַך, ווי שטאַרק ער, סעדיה, וויל אַריינבאַקומען אין די הענט אַ שטיקעל אויספאָרשונג וואָס זאָל האָבען צו טאָן מיט עפּעס רעכטס: אונטערוועלט, אַ מאָרד, נאַרקאָטיקס, אַ גנבה... אָט באַקלאָגט זיך גאַפּני אויף דער אונטער־וועלט. ער, סעדיה, וואָלט זיך געביטען מיט אים.

— וואָס פאַראַ צרות האָסטו וואָס דו פאַרגלייכסט זיי מיט שיקאַגאָ און לאָנדאָן? — האָט סעדיה געפרעגט.

— וואָס מיינסטו? עס פעלט צרות? — האָט גאַפּני אויסגערופען פאַרוויכענדיג אַ סיגאַרעט — לייענסט ניט די צייטונג? אַלע טאָג טרעפט עפּעס. לעצטענס האָט זיך געשאַפען אַ באַנדע פון איינברעכער, זאָג איך דיר אַז זיי זענען קינסטלער. קינסטלער! האָט ער איבערגע׳חזר׳ט אַ זעץ־טוענדיג מיט דער פויסט אין ווענטעל פון שטול — זיי זענען אַזוי ממזר׳יש אַז אונזערע שפּיר־הינט קענען ניט אויפכאַפּען קיין שפּור. שוין איבער זעקס וואָכען ווי זיי פּלאָגען אונז, כאָטש נעם און שטעל אַוועק אַ פּאָליציאַנט ביי יעדער געביידע.

— אָה, יאָ, איך האָב געלייענט! — האָט סעדיה זיך אָנגערופען — די גנבה אין פּאָרט פון חיפה... מאַנופאַקטור פאַר הונדערט טויזענט פונט.

דאָס איז נאָר געווען דער אָנהויב! — האָט גאַפּני אויסגערופען. עס איז געווען קענטיג אַז ער איז צופרידען פון דער געלעגענהייט זיך אַראָפּצוריידען פון האַרצען — דאָס איז געווען מיט זעקס וואָכען צוריק. שפּעטער האָבען זיי אויסגעליידיגט אַ סקלאַד אין אַ צוקער פאַבריק, איינגעבראָכען און צוגערויבט דימענטען פון סוחר אברהם ליבערזאָן אין די ווערט פון 50 טויזענט פונט. לעצטען פרייטאָג־צונאַכטס האָבען זיי אַרויסגעטראָגען אַ גאַנצע קראָם

מיט קליידער אין יפו און די נאַכט ווען דער כאַמסין איז אויסגעבראָכען האָבען זיי אויסגעליידיגט דעם סקלאַד פון „המשביר״ קאָאָפּעראַטיוו צו־נעמענדיג טיי, קאַווע, מעהל, רייז און קנאָבעל אין דער ווערט פון 100 טויזענט פונט. צו אַלדע שוואַרץ יאָר, אַזאַ אונטערנעמונג איז דאָך ניט קיין קינדערשפּיל. שטעל זיך פאָר ווי לאַנג עס דויערט, וויפיל לאַסט אָטאָמאָבילען מען דאַרף נוצען... אָבער די חברה־לייט זענען פעהיג. דער טייוועל זאָל זיי נעמען. אַפילו קיין איינציגען שפור ניט געלאָזט, קיין הונט האָט זיי ניט געזעהן, קיין האָן האָט ניט אַ קרעה געטאָן. געה כאַפּ זיי...

סעדיה האָט זיך פלוצים אויפגעשטעלט, געבליבען שטעהן אַ שטייפער, מיט פאַרביסענע ליפען און אַן אַנגעשטרענגטען בליק.

— גאַפני! — האָט ער אויסגעשריגען — זאָג מיר עס נאָכאַמאָל! ווען זאָגסטו האָט זיך עס אָנגעהויבען?

— וואָס אָנגעהויבען? — האָט גאַפני אים אָנגעקוקט מיט פאַר־וואונדערונג.

— די גנבות.

— מיט זעקס וואָכען צוריק, עטוואָס מער ווי זעקס וואָכען. אומגעפער...

— וואָס איז געווען לעצטען פרייטאָג?

— אַ גנבה אין אַ קראָם פון קליידער אין יפו... וואָס איז מיט דיר צו אַלדע שוואַרץ יאָר?! וואָס פאַראַ אויספאָרשונג פירסטו דאָ אָן מיט מיר?

— שטום איין! — האָט סעדיה אומגעדולדיג אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — די נאַכט ווען דער כאַמסין איז אויסגעבראָכען, האָ? די לעצטע גנבה יענע נאַכט?

— יאָ, יאָ, יאָ! נו, איז וואָס? וואָס ברייעסטו אַרויס דערפון? עס איז געווען באַשריבען אין אַלע צייטונגען. דו מאַכסט דערפון אַ גאַנצע ענטדעקונג.

— איך בין געווען בלינד... בלינד... — האָט סעדיה געמורמעלט. זיינע אויגען האָבען איצט געפינקעלט פון אַן אינערליכער פרייד — איך האָב עס איצט איינגעזעהן, פאַרבונדען צוויי מיט צוויי, ווערט עס פיר... גאַפני, דו ווילסט כאַפּען די באַנדע? — האָט ער זיך ראַפּטום אויסגעדרייט צום אינספּעקטאָר און זיך צוגעבויגען צו אים — ווילס זיי כאַפּען?

גאַפני האָט פלוצים רעאַליזירט אַז סעדיה איז ערנסט. אַז ער טרייבט ניט קיין שפּאַס, אַז ער ווייסט עפּעס. דער יונג׳ס געזיכט האָט גערעדט מער ווי ווערטער.

— וואָס פאַראַ אידיאָטישע פראַגען שטעלסטו מיר? אַוודאי וויל איך עס! — האָט גאַפני אויסגערופען.

— אויב אַזוי טו וואָס איך ראָט דיר! — האָט סעדיה געזאָגט — איך האָב אַ פאָרגעפיהל אַז איך בין זיך ניט טועה. עס שיינט מיר אַז איך בין אויפ׳ן וועג... אַ שאָד וואָס איך האָב ניט די גענויע נעמען מיט די אַדרעסען אָבער הער מיך אויס מיט קאָפּ.

— איך הער, רעד שוין! — האָט גאַפּני אויסגערופען. ער האָט זיך אָנגעשטעקט מיט דעם פיבער פון סעדיה׳ס רייד, איז געווען פול מיט שפּאַנונג.

— געפין אַ מאַן פון רומעניע וועלכער געפינט זיך זעקס יאָר אין לאַנד — האָט סעדיה גענומען רעדען — ער האָט געהייראָט אַ מיידעל מיט אַכט מאָנאַטען צוריק; זי איז 24 יאָר אַלט, זעהר אַ שעהנע, ברונעט, אומגעפעהר מיט אַ האַלבען קאָפּ נידריגער פון דיר, רעדט עברית, שטאמט פון לאָס־אַנדזשעלעס, איז אַ יאָר אין לאַנד, האָט געלערענט אין אַן אולפּן. געפין איר מאַן, נעם אים אויפ׳ן צימבעל און איך בין גרייט צו וועטען ניין און נײַנציג צו איינס אַז דיין געהיימניס איז געלייזט.

אינספּעקטאָר גאַפּני איז געזעסען מיט ברייט צושפּעטע מויל און אויגען, קוקענדיג אויף דעם תימנ׳ער יונג ווי אַ האָן אין בני־אדם. ער האָט זיך קוים געקענט צוגלויבען אַז דאָס וואָס עס געשעהט איז אויף דער וואָהר. ער האָט געפיהלט אַז דער יונג איז ערנסט און ווייסט וואָס ער רעדט.

— אַ מאַן, רומעניע, אַמעריקאַנערין, אולפּן, ברונעט... וואָס פאַראַ שטיק זענען עס! — האָט גאַפּני אויסגעשריגען ענדליך קומענדיג צו זיך פון איבעראַשונג — פון וואַנעט לייענסטו עס אַרויס די ליסטע?

— גאַפּני, טו ווי איך הייס דיר און פרעג ניט קיין פראַגעס! — האָט סעדיה אויסגערופען.

— המ... דו ווערסט שוין ווי ירמיהו! האָסט איבערגענומען זיינע שטיק! אַלעמאָל מאַכען דעם אַנשטעל פון אַ כישוף־מאַכער, אַ „זנאַכאַר" וואָס טרעפט פון די שטערן אין הימעל!

— האָסט אַ ברירה יאָ צו גלויבען צי ניט...

— איך גלויב דיר, אָבער צו אַלדע רוחות, קענסט דאָך מיר דערצעהלען אַזוי און אַזוי! קענסט די פּרוי? קענסט איר מאַן? ווייסט עפּעס? טאָ קום אַרויס מיט אַן אָפענעם זעקס און זעכציג, ניט רעדען ווי אַ קונצענמאַכער, מיט אַן אַנשטעל פון געהיימניספולקייט. מיט רעטעניִשען...

דורכ׳ן אָפענעם פענסטער האָט פּלוצים זיך אַריינגעריסען אַ גרויסע „באָמבע". זי איז אַריינגעפלויגען מיט אַן ווילדען אימפּעט און עס איז געוואָרען אַ חורבן. אַ שטול איז אומגעפאַלען, פּאַפּירען האָבען גענומען פליען פון טיש, אַ גלאָז איז צובראָכען געוואָרען.

עס איז געווען „גבור״. דער הונט איז משוגע געוואָרען, אַזוי שנעל ווי ער איז אַריינגעשפּרונגען אין צימער האָט ער זיך גענומען דרעהען ווי אַ ווייכער, איז אַרויפגעפאַלען אויף סעדיה׳ן, אַ פּיר געטאָן מיט דער צונג איבער זיין פּנים, איז אַרויפגעשפּרונגען אויף גאַפּני׳ן און אים שיער ניט אומגעוואָרפען מיט׳ן שטול, ווידער געשפּרונגען אויף סעדיה׳ן, איז אַרויפ־געשפּרונגען אויפ׳ן טיש, פון טיש געטאָן אַ שפּרונג צוריק דורכ׳ן פענסטער, געלאָפען ווי אַ פייל פון בויגען ביז׳ן פּאַרקאַן און באַלד זיך אויסגעדרעהט צום הויז און ווידער אַריינגעשפּרונגען דורכ׳ן פענסטער אין צימער, באַפאַלען סעדיה׳ן און אים באַנעצט מיט דער צונג דעם פּנים.

— אַ רוח אין דיין מאַמען אַריין, די ווילדע פאַרשיווע חיה! — האָט סעדיה אויסגעשריגען קומענדיג צו זיך פון דער איבערראַשונג וואָס האָט אים אויף אַ ווײַלע פאַראַליזירט — וואָס פאַרא שוואַרץ יאָר האָט דיר אָנגעטראָגען?! גבור! זיי שטיל! גבור! גבור!

אָבער גבור האָט געהערט סעדיה׳ן ווי דעם קאָטער. דער הונט איז טאַקע ניט אַנדערש נאָר אַראָפּ פון זינען. די ריזיגע חיה איז געשפּרונגען אַהין אַן אויפהער איבער די שטולען, פון סאָפאַ אויפ׳ן טיש, פון טיש אויף דער סאָפאַ, צוריק איבער אַ שטול צום פענסטער, אַרויס פון פענסטער און מיט איין שפּרונג געווען צוריק אין צימער. דורך דער גאַנצער צייט פון פראַווען אַט די ווילדע שטיק האָט דער הונט ניט אַרויסגעלאָזט קיין פּיפּס פון זיך. אָבער זיין עק האָט געשמיסען זיינע זייטען וואַרפענדיג זיך הין און צוריק ווי אַ קאַנטשיק אין אַ נערוועזער האַנט.

— גבור! שכב! שכב! (לייג זיך!) — האָט סעדיה גענומען שרייען.

גבור האָט אַ שפּרונג געטאָן אויף אים, אָנגעכאַפּט מיט די ליפּען ביים אויער און אַ ציה געטאָן און דאַן פלוצים ווידער געטאָן אַ שפּרונג דורכ׳ן פענסטער, דעם מאָל לויפענדיג דורכ׳ן גאָרטען ווי אַ פייל פון בויגען און האַווקענדיג מיט אַלע קרעפטען.

גאַפּני און סעדיה האָבען נאָכגעקוקט דעם הונט מיט פאַרוואונדערונג און פלוצים איז זיי קלאָר געוואָרען די געהיימניס. ביים טירעל פון פלויט איז געשטאַנען ירמיהו האַלטענדיג אַ קליינעם טשעמאָדאַן אין האַנט. „גבור״ איז אַרויפגעפאַלען אויף אים מיטביידע פאָדערשטע לאַפּעס און פון ווייטענס האָבע סעדיה און גאַפּני געקענט שווערען אַז דער הונט אומאַרעמט ירמיהו׳ן און דריקט אים צום האַרץ...

אַ באַזוך אין „יד ושם״

זינט דער ענטשטעהונג פון מדינת ישראל איז די שטאָט ירושלים זיך צואוואָקסען ביז ניט צום דערקענען. נייע קוואַרטאַלען זענען ענטשטאַנען דאָרט וואו עס זענען געווען וויסטע בערג. געביידעס און שאָסייען האָבען גענומען פויזען באַרג אַראָפּ־צו אין טאָל, געקלעטערט ווייטער־צו צום שפּיץ באַרג, זיך צעשפּרייט אויפ׳ן באַרג און גענומען אַראָפּקלעטערען צום צווייטען טאָל.

און אַזוי האָט זיך די שטאָט פויזענדיג צעשפּרייט צו דרום און דרום־מערב. עס איז אויפגעוואָקסען אויפ׳ן שפּיץ פון אַ באַרג די העברעאישע אוניווערסיטעט, אויף אַ צווייטען באַרג האָבען זיך גענומען דערהויבען די געביידעס פון פאַרשידענע רעגירונגס־אַנשטאַלטן, מיניסטעריומס, די בנייני־האומה און העט־העט אין עין־כרם איז זיך צעוואָקסען די נייע געביידע פון דעם הדסה מעדיקעל צענטער און ריזיגן שפּיטאָל.

צווישן דעם אוניווערסיטעט און הדסה שפּיטאָל ליגט אויף אַ באַרג דער צענטער פון „יד ושם״ — אַ דענקמאל נאָך דעם אומגעקומענעם אידענטום פון אייראָפּע. עס איז דער גרעסטער דאָקומענטאַציע צענטער פון אידישען מאַרטירערטום פון דער נאַצי תקופה. דאָרט, ביים אַריינגאַנג, האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ קאַר און עס איז אויסגעשטיגען ירמיהו. געשעהן איז עס גאַנץ פרי צומאָרגענס נאָך דעם דעטעקטיוו׳ס צוריקקער פון מינכען.

דעם אָוועגט פאַר דעם האָט דער דעטעקטיוו געהאָט אָפּגערופען אויפ׳ן טעלעפאָן דעם דירעקטאָר פון „יד ושם״ דר. גור און מיט אים אָפּגעהאַלטען אַ לענגערען שמועס. איצט, טראָץ דער פריהער שטונדע, האָט דער דירעקטאָר שוין געוואַרט אויף דעם באַזוכער און אים באַגעגענט ביים אַריינגאַנג.

אין אַ קאָנפערענץ־צימער, וואָס זיינע פענסטער האָבען אַרויסגעבליקט צו דער הערליכסטער פּאַנאָראַמע אויף דער ערד, זענען געווען פאַרזאַמעלט אַרום פופצען מענער און פרויען. זיי זענען געזעסען ביים לאַנגען טיש און אַלע האָבען זיך אויפגעשטעלט צו באַגריסען דעם גאַסט.

דר. גור האָט פאַרגעשטעלט ירמיהו׳ן פאַר די פאַרזאַמעלטע און האָט אים געבעטען ער זאָל אויפקלערען פאַר זיי דעם צוועק פון זיין באַזוך.

דער דעטעקטיוו האָט עס געטאָן קורץ און זאַכליך.

— מיינע פריינט! — האָט ער אָנגעהויבען זיינע רייד — ווי איך האָב שוין נעכטען ערקלערט דר. גור׳ן אויפ׳ן טעלעפאָן איז זעהר וויכטיג אַז קיינער זאָל ניט וויסען וועגען דעם וואָס איך געה דאָ רעדן. עס דאַרף

געהאַלטען ווערען אין געהיים. דר. גור האָט מיר געזאָגט אַז ער וועט אויף הײנט פאַררופען דעם גאַנצען סטעף וואָס פאַרנעמט זיך מיט קלאַסיפיצירען די דאָקומענטען פון „יד ושם". איך קום איצט צו אייך מיט אַ ביטע וועלכע נאָר איר, די וועלכע קענען אַמבעסטען דעם ריזיגען מאַטעריאַל וועלכען איר האָט דאָ אָנגעזאַמעלט, זענט אומשטאַנד מיר צו העלפען.

איך בין פאַראינטערעסירט צו געפינען אַ ליסטע מיט נעמען פון דייטשע דאָקטוירים וועלכע זענען געווען באַשעפטיגט אין די נאַצי קאָנצענטראַציע לאַגערן. ס'איז אָנצונעמען אַז זיי האָבען זיך פאַרנומען מיט די אַזוי גערופענע מעדיצינישע עקספּערימענטען. איך האָב אורזאַכען אָנצונעמען אַז עס עקזיסטירט אַזאַ ליסטע און איך נעם אויך אָן אַז זי איז איינגעשטעלט לויט'ן אלף־בית. איך וועל אייך דאָ געבען פינף נעמען וועלכע דאַרפען זיך געפינען אויף דער ליסטע. פאַרצייכענט זיי ביי זיך לויט'ן אַלף־בית: זיגפריד ברונער, פריץ גאַבלער, יאָהאַן גרונט, עריך דיטריך און מאַקסימיליאַן פאָן־העלער. איך זעה אַז די נעמען רופען אַרויס ביי אייך אַן אַסאָציאַציע פון קענטליכ־קייט. יאָ, איר האָט געלייענט וועגען זיי. די פינף זענען אַלע ערמאָרדעט געוואָרען אין דייטשלאַנד אין די פאַרגאַנגענע עטליכע וואָכען.

איצט ביטע נעמט אין אַכט, ערשטענס, אַז עס איז מעגליך אַז די ליסטע איז ניט פולשטענדיג. איך מיין צו זאָגען, אַז פיליכט געפינען זיך נאָך נעמען צווישען די ערשטע בוכשטאַבען; צווייטענס, נעם איך אָן אַז די ליסטע האָט נאָך נעמען אין די ווייטערדיגע בוכשטאַבען. מיר האַלטען דאָ נאָר ביים „ה". פאָן־העלער איז דער לעצטער פאַרלויפיג. איך ווייס אויך פון דר. גור'ן, אַז „יד ושם" פאַרמאָגט הונדערטער טויזענטער דאָקומענטען וועלכע זענען נאָך ניט קלאַסיפיצירט געוואָרען און עס איז ניט קיין לייכטע אויפגאַבע צו זוכען וואָס איך בעט. עס איז ווי זוכען אַ נאָדעל אין אַ וואָגען מיט היי. אָבער עס איז דרינגענד. שטרענגט אָן אייער זכרון, שטרענגט אָן אייער גאַנצע קראַפט, העלפט מיר ווי אַמשנעלסטען צו געפינען אַזאַ ליסטע, ווייל זעהר אַ סך פון וואוילזיין פון מדינת ישראל איז אָפּהענגיג דערפון.

ירמיהו האָט פאַרענדיגט און זיך אַוועקגעזעצט. דר. גור האָט דאַן איבערגענומען די זיצונג אין זיינע הענט.

ירמיהו איז געזעסען שטיל און זיך איינגעהערט צו דעם געשפּרעך וואָס האָט זיך אַנטוויקעלט. ער האָט זיך דערוואוסט אַז איין בוך וועגען די נאַצישע עקספּערימענטען פון נאַצישע דאָקטוירים אין די לאַגערן איז שוין אַרויסגעגעבען געוואָרען מיט אַ קורצער צייט צוריק דורך „יד ושם". דער בוך, געשריבען פון דר. מ. דוואָרזשעצקי, „אייראָפּע אָהן קינדער", איז

אַ באַשרייבונג פון די נאַציִשע פּלענער פאַר ביאָלאָגישער פאַרניכטונג, און ער ענטהאַלט אַ רייע נעמען פון דאָקטוירים און פּראָפעסאָרען וועלכע האָבען זיך פאַרנומען מיט די עקספּערימענטען. נעמען פון אַזעלכע מערדער, ווי פּראָפ. העידע, האַל פעלדער, ערנסט רידין, אַלבערט האַרשער, פרידריך שטומפּפעל, האַנס רידל, און אַ סך, אַ סך אַנדערע. אָבער פון די פינף נעמען וועלכע ירמיהו האָט פאַרגעלייענט איז אין דר. דוואָרזשעצקי'ס בוך דערמאַנט געוואָרען נאָר דער נאָמען פון דר. דיטריך.

ניין! עס האָט געדאַרפט זיין מער ווי דאָס, אַ גאַנץ אַנדערע ליסטע. דאָס האָבען געפיהלט אַלע אנוועזענדע, און נאָך אַ שטונדע לאַנגער דיסקוסיע איז באַשלאָסען געוואָרען אַז דער סטעף וועט אויפגעבען אַלע אַנדערע אַרבעטן און זיך אַ נעם טאָן זוכען און נישטערען צו געפינען דאָס וואָס ירמיהו האָט געדאַרפט און געהאָפט צו געפינען...

דער דעטעקטיוו האָט פאַרלאָזט „יד ושם" מיט אַ שווער האַרץ. ער האָט געהאָפט אַז עס וועט אַנקומען גרינגער און צוגעהן שנעלער. ער האָט זיך ביט פאַרגעשטעלט אַז דער דאָקומענטאַציע צענטער איז פאַרפלייצט פון דאָקומענטען וואָס עס וועט דויערען אַ סך, אַ סך יאָרען איידער מען וועט זיי אַלע פאַרצייכענען און קאַטאַלאָגירן. קען ער דען וואַרטען אַזוי לאַנג?

די פאַרצווייפלונג האָט גענומען אַנפילען זיין האַרץ מיט אַ טרויער. דר. גור האָט עס באַמערקט און האָט אים פּרובירט צו טרייסטען, אַז ער זאָל ביט זיין געפאַלען ביי זיך.

— אונזער סטעף האָט אַ באַזונדערען חוש פאַר דאָקומענטען — האָט ער געזאָגט צום דעטעקטיוו — זיי וועלען אויסגראָבען אַ דאָקומענט פון צווישען טויזענט... גיט זיי אַ שאַנס... זיי וועלען ניט רוהען, דאָס קען איך אייך פאַרזיכערען.

ירמיהו האָט אים באַדאַנקט פאַר די רייד.

— לאָמיר האָפען אַז איר האָט רעכט — האָט ער געזאָגט — איך בין אָבער ניט זיכער אַפילו צי אַזאַ ליסטע עקזיסטירט ביי אייך. אפשר האָבען עס די מערדער אַליין צונויפגעשטעלט.

— דאָס איז מעגליך. אָבער מיר וועלען טאָן אַלצדינג כדי פעסט־צושטעלען וואָס מיר קענען — האָט דר. גור געזאָגט.

דער דאָקומענט פון דר. הילאַרי ברענזאַ

אויף דעם וועג צוריק קיין תל־אביב האָט ירמיהו געטריבען די קאַר מיט גרויסער שנעלקייט. ער האָט געפיהלט אַן אומרוה און האָט אַליין עס ניט פיהלענדיג געשטרעבט צו אַנטלויפען דערפון.

עס איז געווען נאָהענט צו צוועלף ווען ער איז אָנגעקומען אין דערהיים. סעדיה איז אים געלאָפען אַנטקעגען מיט אַ שיינענדען פנים. אויך „גבור" האָט געטאַנצט און געשפרונגען פון איין פרייגט צום צווייטען גלייך ווי ער זאָל טיילען די שמחה.

— ירמיהו! מען האָט געפונען! געפונען די ליסטע! — האָט סעדיה אויסגעשריגען — דר. גור האָט טעלעפאָנירט פון ירושלים מיט צען מינוט צוריק! זיי האָבען די ליסטע.

ירמיהו האָט דערפיהלט ווי אַ שווערע לאַסט פאַלט אַראָפּ פון אים. ער האָט שיער ניט אָנגעכאַפּט זיין געהילף אים צוקושען.

— איך פאָר שוין צוריק! — האָט ער אויסגערופען.

— עס כאָטש אָפּ לאַנטש! — האָט רחל געזאָגט — עס איז שוין גרייט. ווי לאַנג וועט עס נעמען?

— ניין, איך האָב ניט קיין צייט! קום, סעדיה, פאָר מיט! „גבור", קום אויך!

דער הונט האָט געטאָן אַ שפרונג אין דער לופטען, האָט זיך ווילד צוהאַווקעט און גענומען לויפען צו דער קאַר.

— נעמט כאָטש מיט אַ פּאָר סענדוויטשעס! — האָט רחל אויסגערופען — איר'ט עסען אויפ'ן וועג.

זי איז שנעל אַריינגעלאָפען אין קיך און זיך גענומען פאַרען. זי האָט איינגעפּאַקט אין אַ פּאַפּירענעם זעקעל ברויט מיט אָנגעשניטענע פלייש און האָט אויך ניט פאַרגעסען אַריינלייגען אַ ביין פאַר דעם הונט...

*

— איך האָב זיך אויך ניט געריכט, אַז מען וועט די געזוכטע ליסטע געפינען אַזוי שנעל. איך האָב ניט געוואַגט מער ווי צו האָפען, אָבער דער נס איז געשעהן! — האָט דר. גור געזאָגט צו די דעטעקטיווס באַגלייטנדיג זיי צו זיך אין ביוראָ.

— יאָ, עס איז באמת אַ נס — האָט ירמיהו צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— און איצט וויל איך פאָר אייך, סעדיה, פאָרשטעלען סאָניאַ גאָלדינג. ירמיהו קען זי שוין. נאָר איר האָבען מיר צו פאַרדאַנקען דעם נס! — האָט

דר. גור געזאָגט אָנווייזענדיק מיט'ן האַנט אויף אַ נידעריגער, שעהנער פּרוי־ וועלכע האָט זיך אויפגעשטעלט ביי זייער ערשיינען אין צימער.

ירמיהו האָט וואַרים געדריקט איר האַנט. זי איז געווען אַ שוואַרץ־ חנ'עווידיגע, אירע גרויסע שוואַרצע אויגען האָבען פאַרמאָגט אין זיך אַ טיפען טרויער, וואָס איז ניט פאַרשוואונדען טראָץ דעם ליבליכען שמייכעל אויף איר געזיכט. ירמיהו האָט נאָך יענעם פאַרמיטאָג געהאַט באַמערקט אויף איר אָרעם דעם בלויען נומער פון קאָנצענטראַציע לאַגער.

„גבור" האָט באַשמעקט דר. גור'ן, סאָניאַ'ן און די מעבל אין צימער און האָט זיך באַלד אויסגעצויגען אין ווינקעל האַלטענדיק דעם קאָפּ פאַרריסען, די אויערן אָנגעשפּיצט. מען האָט געקענט מיינען אַז דער הונט הערט זיך צו צום געשפּרעך און פאָלגט אים נאָך. זיין וואַכזאַמער בליק האָט פאַרמאָגט אין זיך פאַרשטענדניש און צומאָל האָט זיך אויסגעדוכט אַז דער בליק רעדט, דריקט אויס אַ געדאַנק.

ירמיהו האָט באַמערקט אַז סאָניאַ איז געוואָרען בלאַס ביים ערשיינען פון הונט און האָט זיך אָנגעכאַפּט ביים ווענטעל פון שטול פאַרדריקענדיג עס שטייף מיט דער האַנט. זי האָט זיך אָבער שנעל באַהערשט. ווען „גבור" איז צוגעקומען נאָהענט און באַשמעקט אירע שיך איז זי צוריקגעטראָטען.

— שרעקט זיך ניט! „גבור" איז אַ גאַנצער מענש מיט אַ גאָלדען האַרץ — האָט ירמיהו באַמערקט מיט אַ שמייכעל.

ער האָט פונדעסטוועגען באַפוילען „גבור'ן" צו געהן זיך לייגען אין ווינקעל. דער דעטעקטיוו האָט באַגריפען אַז דער הונט רופט אַרויס ביי סאָניאַ'ן בייזע עראינערונגען. די נאַציס פלעגען באַנוצען אַזעלכע הינט פון דער וואָלף־ראַסע אין די לאַגערען און ירמיהו האָט שוין געהאַט אַ צאָל ערפאַרונגען מיט געראַטעוועטע אידען אויף וועמען „גבור" האָט געמאַכט אַ „שלעכטען איינדרוק".

— סאָניאַ, דערצעהלט זיי ווי אַזוי איר האָט געפונען די ליסטע — האָט דר. גור זיך געווענדעט צו דער פרוי — עס איז זעהר אינטערעסאַנט.

איר שטימע איז געווען אַ שטילע און איידעלע און זי האָט זיך געהאַלטען שעמעוודיג ווי אַ יונגע מיידעל צווישען ערוואַקסענע. פון דר. גור'ן האָבען ירמיהו און סעדיה זיך שפּעטער דערוואוסט, אַז סאָניאַ האָט שוין געקענט האָבען אַ טאָכטער פון אַכט און צוואַנציג יאָר און אַ זוהן פון פיר און צוואַנציג. אירע קינדער זענען אָוועקגעריסען געוואָרען פון איר און די נאַציס האָבען זיי אומגעבראַכט. אויך איר מאַן האָט זי פאַרלוירען. זי איז פאַרבליבען די איינציגע פון אַ גרויסער פאַמיליע, געבליבען אַן איינזאַמע

און פאַראומערטע אויף אייביג. זי האָט באַקומען אַרבעט אין „יד ושם" וואו כמעט אַלע אָנגעשטעלטע זענען קרבנות פון נאַצי גיהנום, און זי טוט איר אַרבעט מיט גרויס איבערגעגעבענהייט און טרייהייט. זי זעהט אין איר אַרבעט איר לעבענס־ציל צו פאַראייביגען די שאַנדע פון דייטשען פאָלק, ניט לאָזען די וועלט זאָל עס פאַרגעסען.

— ווען איר האָט אונז דערצעהלט אינדערפרי וועגען וואָס איר זענט געקומען — האָט סאָניאַ געזאָגט ווענדענדיג איר בליק צו ירמיהו'ן — האָב איך שוין דאַן געהאַט דעם געפיהל אַז דער דאָקומענט איז מיר ניט פרעמד.

— פאַרוואָס האָט איר געשוויגען? — האָט ירמיהו אויסגערופען — איר האָט דאָך געקענט ביי אונז אַלעמען ערוועקען די האָפענונג!

— איך בין ניט געווען זיכער, און צו וואָס ערוועקען אַ האָפענונג וואָס קען אַמאָל צערונען ווערען? — האָט זי געזאָגט — אַמאָל איז בעסער צו לעבען אָהן האָפענונג איידער האָבען האָפענונג און בלייבען ענטוישט... עפּעס האָט ביי מיר געווימעלט אין זכרון. די נעמען זיינען מיר געווען ניט פרעמד און דער גאַנצער ענין פון אַ ליסטע פון דאָקטוירים... ווי אין אַ חלום האָב איך עס געזעהן. מיר האָבען אָבער עטליכע הונדערט טויזענט דאָקומענטען, ווי איר ווייסט, מיליאָנען נעמען, אַ סך ליסטעס... איך האָב ניט געקענט זיין זיכער — דעריבער האָב איך אויסגעהערט אַלצדינג און גאָרניט געזאָגט.

ווען מיר האָבען פאַרענדיגט די זיצונג בין איך באַלד אַוועק צו דעם ניט־קלאַסיפיצירטען אַרכיוו. איך האָב נאָכגעפאָלגט מיין אינסטינקטיווען געפיהל אַנשטאַט נעמען זוכען מיט לאָגיק. מיר האָט זיך געדוכט אַז ערגעץ וואו האָב איך אַזאַ ליסטע געהאַט געזעהן און זי אַוועקגעלעגט מיט געוויסע דאָקומענטען. איך האָב דורכגענישטערט פיר גרויסע קאַסטענס מיט פאַפּירען ביז איך האָב עס געפונען. אָט איז עס.

זי האָט גענומען פון טיש אַ דינע פאַפּקע און עס דערלאַנגט ירמיהו'ן. ער האָט זי צעעפענט, אינעווייניג זענען געלעגען אַרום פערציג בלעטלעך געשריבען מיט טינט אין דער פוילישער שפּראַך.

— סאָניאַ, דערצעהלט אים די געשיכטע פון דעם מאַנוסקריפּט — האָט דר. גור אויסגערופען.

— דעם מאַנוסקריפּט האָט אָנגעשריבען איינער אַ דאָקטאָר הילאַרי ברענזא — האָט סאָניאַ פאָרטגעזעצט — דר. ברענזא איז געווען אַן אַסימילירטער איד פון גאַליציע, אַ דאָקטאָר מעדיצין. ער איז געווען אין

אוישוויץ און שפּעטער האָט מען אים אַריבערגעפירט קיין דאַכאַו. נאָך דער באַפרייאונג האָט ער פאַרבראַכט אַ פּאָר יאָר אין מינכען וואו ער האָט גענומען זאַמלען מאַטעריאַלען פון חורבן. אין מינכען זענען דאַן געווען עטליכע אידען אַזעלכע. אין דער צייט ווען די מערהייט פון די באַפרייטע האָט זיך גענומען אומקערן צוריק צום לעבן, צו ביזנעס, צו זוכען אַ צוקונפט — האָבען די עטליכע אידען זיך גענומען צו זאַמלען היסטאָרישען מאַטעריאַל פון חורבן. מען האָט גענומען אַרויסגעבען זאַמעל ביכער, באַשרייבונגען, זאַמלען פאַקטען און אַפילו זאַמלען דעם פאָלקלאָר פון די קאָנצענטראַציע לאַגערען און די געטאָס.

אָט דער מאַנוסקריפּט איז דאָקטאָר הילאַרי ברענזא׳ס אַן אָפּהאַנדלונג וועגען געוויסע מעדיצינישע עקספּערימענטען וואָס דייטשע דאָקטוירים האָבען דורכגעפירט אויף לעבעדיגע מענשען ; דאָ וועט איר געפינען גרויזאַמע איינצעלהייטען און אַ ליסטע פון דאָקטוירים וואָס פינף פון זייערע נעמען האָט איר היינט אויסגערעכענט פאַר אונז. דר. ברענזא איז געקומען קיין ישראל אין 1951 און דעם קאָנוסקריפּט האָט ער אונז צוגעשיקט מיט אָט דעם בייגעלייגטען בריוו, אויך געשריבען אין פּויליש. איך האָב אין מיין אַרבעט זיך אָנגעשטויסען אויף דעם מאַנוסקריפּט מיט עטליכע יאָר צוריק און דעריבער האָב איך עס געדענקט ווי אין אַ חלום... מיר האָבען ביי אונז אַזוי פיל פון די גרויל־דאָקומענטען, אַז עס איז גאָר שווער צו געדענקען איינעם... זיי זענען אַזוי פיל, אַזוי פיל...

די לעצטע ווערטער אירע האָט מען קוים געקענט הערען. אירע אויגען זענען געוואָרען אָנגעפילט מיט טרערען און די שטימע איז דערשטיקט געוואָרען אין איר קעהל.

די ליסטע פון די 36

דער מערקווירדיקער דר. הילאַרי ברענזא האָט ניט נאָר אָנגעזאַמעלט זיין אינפאָרמאַציע מיט פּינקטליכקייט, נאָר ער האָט זי אויך פאַרצייכענט פּינקטליך און אויספירליך. צוויי און דרייסיג פון די פערציג באַשריבענע געדיכטע זייטלעך האָבען אַנטהאַלטען איינצעלהייטע פון אַכט אַזוי־גערופענע „וויסענשאַפטליכע״ עקספּערימענטען ; עס איז געווען קענטיג, אַז דר. ברענזא האָט געוואוסט זעהר פיל וועגען די עקספּערימענטען און האָט עס אויפגעקלערט אין זיין בייגעלייגטען בריוו דערמיט, וואָס ער, אַלס דאָקטאָר מעדיצין, איז

געווען באַשעפטיגט אין דייטשע שפּיטאָלען ביי קראַנקע. אַלס דאָקטאָר האָט ער אויפגעשווידערט צוזעהענדיג ווי דייטשע דאָקטוירים טרעטען מיט די פיס אַלע הייליגטימער פון זייער פּראָפעסיע און די ערהאַבענע פּרינציפּען פון דער וויסענשאַפט.

די עקספּערימענטען האָבען די נאַציישע דאָקטוירים דורכגעפירט אויף אַ ברוטאַלען און אוממענשליכען שטייגער. זיי האָבען געזוכט פעסצושטעלען אין צוגרייטונג צו דער אינוואַזיע אויף ענגלאַנד, ווי לאַנג אַ מענש קאָן לעבען אין אייז־קאַלטער וואַסער איידער ער שטאַרבט, ווי לאַנג אַ מענש קען לעבען טרינקענדיג ים־וואַסער; זיי האָבען אויפגעטרענט מענשליכע בייכער און זיי אָנגעפּילט מיט גלאָז און זאַמד, האָבען אויספּרובירט פאַרשידענע גיפטען און גאַזען אויף מענשען, צו זעהן וויפיל עס נעמט פון אַ געגעבענעם גיפט צו טויטען.

די עקספּערימענטען זענען געווען באַשריבען פון דר. ברענזאַ'ן אין אַלע איינצעלהייטען לויט געפונענע דאָקומענטען און די רייד פון פאַרשידענע עדות. צום ענדע פון מאַנוסקריפּט האָט ער אויסגערעכענט אַ צעטל מיט נעמען פון דאָקטוירים וועלכע האָבען זיך פאַרנומען מיט די עקספּערימענטען. „עס זענען פאַראַן צענדליגער טויזענטער אַזעלכע מענשליכע בעסטיעס מיט דעם טיטול פון דאָקטאָר מעדיצין", האָט ער געשריבען, „און מען דאַרף זיי אַלע געפינען און באַשטראָפען. איך גיב דאָ אָן נאָר 36, פון זיי אַכט וועלכע איך האָב געקענט פערזענליך, די אַנדערע נעמען האָב איך באַקומען פון פאַרלעסליכע עדות. די וועלט טאָר ניט פאַרשווייגען די הימעל־שרייענדע פאַרברעכענס פון די אַזוי גערופענע „דאָקטוירים" און מען וואָלט געדאַרפט צונויפשטעלען אַ ריזיגע ליסטע לויט'ן אַלף־בית און זיי אַלעמען אומברענגען איינעם נאָכ'ן צווייטען אָהן רחמנות, אָהן דער מינדסטער וואַקלעניש. כל זמן די מענשליכע בעסטיעס מיט אוניווערסיטעט־דיפּלאָמען לעבען און ברענגען קינדער אויף דער וועלט, איז די וועלט ניט זיכער, די מענשהייט איז אין אַ געפאַר"...

ירמיהו האָט דורכגעבליקט די ליסטע פון די 36 נעמען. ער האָט צווישען זיי געפונען היבש באַרימטע נעמען ווי די פון דר. מענגעלע און דער באַרימטער פּראָפעסאָר דאָקטאָר קאַרל קלאַובערג. דער דעטעקטיוו האָט גענומען אַ בויגען פאַפּיר און האָט קאָפּירט די נעמען, איינשטעלענדיג זיי אין דער אָרדענונג פון אידישען אַלף־בית. ער האָט פאַרצייכענט צוועלף נעמען און איז שטעהן געבליבען. עס האָט זיך באַקומען פאָלגענדע ליסטע:

1. אַלטענהיימער קאַרל.
2. אַשענבאַך אַטאָ.
3. ברונער זיגפריד.
4. גאַבלער פריץ.
5. גרונט יאָהאַן.
6. דיטריך עריך.
7. דעמערונג ריכאַרד.
8. האַלבערשטאַט פרידריך.
9. העלער (פאָן) מאַקסימיליאַן.
10. טאובערג קאָנראַד.
11. טילענשלאַג אַדאָלף.
12. טרייבער זיגפריד.

דער דעטעקטיוו האָט דאַן אויסגעמעקט די נומערן 3, 4, 5, 6 און 9.

— די דאָזיגע זענען שוין מער ניטאָ — האָט ער געזאָגט צו דר. גור'ן, סאַניאַ'ן און סעדיה'ן, וועלכע האָבן נאָכגעפאָלגט מיט אינטערעס זיין אַרבעט — זיי זענען געטויט געוואָרן. איך ווייס ניט וואָס עס איז געשען צו די ערשטע צוויי אויף דעם צעטעל, די דאָקטוירים אַלטענהיימער און אַשענבאַך, ווי אויך פאַרוואָס די מערדער האָבן איבערגעהיפּט נומער 7 און 8, דעמערונג און האַלבערשטאַט. איך נעם אָבער אָן אַז איצט קומט די רייע פון טאובערג, טילענשלאַג אָדער טרייבער, און די ווייטערדיגע אויף דער ליסטע. איך וויל האָפן אַז די ליסטע וועט מיר איצט געבן די מעגליכקייט צו ערפילען די אויפגאַבע וואָס מען האָט מיר אָנפאַרטרויט. איך גלויב אַז עס איז איבעריג נאָכאַמאָל צו דערמאַנען אַז די גאַנצע זאַך מוז בלייבן געהיים.

— דאָס איז פאַרשטענדליך — האָט דר. גור אויסגערופען.

— אַ דאַנק! — האָט ירמיהו געזאָגט אָנלעהנדיג זיך אויפ'ן שטול; אַרויסנעמענדיג זיין לולקע האָט ער גענומען זי אָנפילען מיט טאַבאַק.

— אויב איר וועט מיר ערלויבען וועל איך פאַררויכערן — האָט ער געוועדעט אַ פרעגענדען בליק צו סאַניאַ'ן.

— איר מעגט. איך רויכער אויך כאָטש ניט קיין לולקע — האָט זי געענטפערט מיט אַ שמייכעל.

— איך וואָלט אַצינד געוואָלט צוטרעטען צום צווייטען טייל פון אונזער אויפגאַבע — האָט דער דעטעקטיוו אויסגערופען — מיר מוזען פעסטשטעלען

ווער עס האָט געהאַט צוטריט צו דר. הילאַרי ברענזאַ׳ס ליסטע. איך מיין אַז איך וועל דאַרפֿען פֿרעגען דר. ברענזאַ׳ן זעלבסט וועגען דעם, אויסגעפֿינען צו ער האָט אַ קאָפּיע דערפֿון און צו ער האָט עס עמיצען געוויזען.

— דאָס וועט איר קיינמאָל ניט וויסען — האָט סאָניאַ באַמערקט אין דער שטיל — דר. ברענזאַ איז געשטאָרבען מיט צוויי יאָר צוריק.

✶

ירמיהו האָט געפֿיהלט ווי איינער וואָס קלעטערט מיט גרויס מיה אויף אַ באַרג באַדעקט מיט אייז און ווען עס נעמט אים דוכטען אַז אָט־אָט וועט ער דערגרייכען דעם שפּיץ, פֿאַרלירט ער דעם אָנהאַלט און גליטשט זיך אַראָפּ צוריק צום צופֿוסענס.

אַ ווײַלע האָט געהערשט אַ שטילשווייגען.

— סאָניאַ, איר האָט געקענט דר. ברענזאַ׳ן? — האָט ירמיהו געפֿרעגט.

די פֿרוי האָט געטרייסעלט מיט׳ן קאָפּ.

— ניין, מר. אַלמוג. איך האָב אים ניט געקענט פּערזענליך.

— מיר האָבען דאָ ביי אונז עטליכע ווערק זיינע, בראָשורען וואָס זענען ערשינען אין מינכען דורך דער „היסטאָרישער פֿאָרשונג קאָמיסיע״ אין וועלכער ער האָט זיך באַטייליגט — האָט דר. גור זיך אָפּגערופֿען — זיין נאָמען איז באַקאַנט די אַלע וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט דעם חורבן־מאַטעריאַל. איך גלויב ניט אַז ער איז דאָ אַמאָל געווען אויף אַ באַזוך.

— ניין, ער איז דאָ קיינמאָל ניט געווען — האָט סאָניאַ געזאָגט — אויף ווי ווייט מיר דוכט זיך איז דר. ברענזאַ געווען זעהר קראַנק די אַלע יאָרען זינט דער באַפֿרייאונג. דעם מאַנוסקריפּט וועלכען איך האָב געפֿונען האָט ער אונז געשיקט מיט פּאָסט, ווי איך האָב עס פֿריער דערצעהלט. מיר דוכט זיך אַז ערגעץ וואו דאַרף זיך געפֿינען נאָך אַ מאַנוסקריפּט זיינער וועלכען ער האָט אונז געשיקט. מען דאַרף אים אויפֿזוכען.

ירמיהו האָט צוגעטראָגען אַ שוועבעלע צו דער פֿאַרלאָשענער לולקע. אַ בלויער רויך האָט זיך גענומען שלענגלען אין דער לופֿט. דער דעטעקטיוו האָט נאָכגעטראַכט אַ ווײַלע זויגענדיג דעם בורשטין מיט אַ לאַנגזאַמער פֿלעגמאַטישקייט. סעדיה, וועלכער האָט גוט געקענט ירמיהו׳ן, האָט געוואוסט אַז ער איז פֿאַרזונקען אין טראַכטען. די אויסערליכע פֿלעגמאַטישקייט האָט ניט פֿאַראַטען די פֿיבערהאַפֿטע טעטיגקייט וואָס איז אַצינד אָנגעגאַנגען אין ירמיהו׳ס מוח.

די 4 וועלכע זענען אַוועק

דער דעטעקטיוו האָט זיך פּלוצים אויסגעגלייכט אין שטול, האָט אַוועק־געלעגט זיין לולקע אין אַש־קעסטעל.

— סאָניאַ, איר האָט געזאָגט, אַז דר. ברענזאַ האָט צוגעשיקט דעם מאַנוסקריפּט צו „יד ושם״ מיט עטליכע יאָר צוריק. קענט איר מיר זאָגן ווי לאַנג צוריק דאָס איז געווען?

— איך ווייס עס ניט גענוי — האָט סאָניאַ געענטפערט — דעם קאָנווערט האָבען מיר ניט. פון פּאָסט סטעמפּעל וואָלט מען געקענט וויסען דעם גענויען דאַטום, אָבער מיר האָבען דעם קאָנווערט ניט געהאַלטען. איך וואָלט אָבער געזאָגט, אַז דעם מאַנוסקריפּט האָט ער אונז צוגעשיקט ניט פריער ווי אין 1952, אפשר אַ יאָר שפּעטער.

— און ער איז געקומען אין אייערע הענט?

— ניין! איך וואָלט אָבער געזאָגט אַז ער איז דורכגעגאַנגען דורך מיינע הענט — האָט סאָניאַ געזאָגט — לאָמיר אייך ערקלערען ווי דאָס געהט צו ביי אונז. מיר האָבען אַ סך מאַטעריאַלען און עס קומען אַלץ אַן נייע. אונזער ערשטע אויפגאַבע איז צו קלאַסיפיצירען די מאַטעריאַלען. דר. ברענזאַ׳ס דאָקומענט האָט צו טאָן מיט די אַזוי גערופענע „מעדיצינישע עקספּערימענטען״. אַזעלכע דאָקומענטען לייגען מיר אָפּ אויף שפּעטער. מיר קלאַסיפיצירען זיי אַפילו ניט היינט, שוין אָפּגערעדט פון אַכט יאָר צוריק. מיר זענען געווען צוערשט פאַראינטערעסירט אין קלאַסיפיצירען ליסטעס פון נעמען, פון מענשען, פון קינדער, פון געטאָ ליקווידאַציעס און מענשען־טראַנספּאָרטען צו די לאַגערען. מיר האָבען דערמיט געוואָלט העלפען אויפזוכען שפּורען פון פאַרלוירענע מענשען, קינדער צוגענומענע ביי עלטערן, אָפּזוכען מענער פון פרויען און פרויען פון מענער וועמען מען האָט צושיידט. דעריבער האָב איך דר. ברענזאַ׳ס דאָקומענט אַוועקגעלייגט מיט אַנדערע „ניט דרינגענדע״ פּאַפּירען.

— איך פאַרשטעה! — האָט ירמיהו אויסגערופען — די פראַגע איז איצט ווער, אויסער אייך, האָט געוואוסט פון דעם דאָקומענט? איך וועל מוזען אויספאָרשען צוויי מעגליכקייטען. איינע איז אַז עמיצער וועלכער האָט געהאָלפען דר. ברענזאַ׳ן מיט זיין אַרבעט האָט געוואוסט פון דער עקזיסטענץ פון דעם דאָקומענט. די צווייטע מעגליכקייט איז אַז עמיצער דאָ אין „יד ושם״ האָט געזעהן דעם דאָקומענט, עמיצער אויסער אייך, סאָניאַ. לאָמיר דעריבער אָנהויבען מיט „יד ושם״. וואָס קענט איר מיר זאָגען?

דר. גור און סאָניאַ האָבן זיך דורכגעבליקט.

— עס איז שווער צו ענטפערן אויף אײַער פראַגע — האָט דר. גור זיך אָפּגערופן — אַלע מיטאַרבעטער האָבן די מעגליכקייט צוצוקומען צו די דאָקומענטן, און זוכענדיג קען אירגענד וועלכער דאָקומענט אַרונטערקומען אונטער דער האַנט. הײַנט אינדערפרי האָט איר געהאַט די מעגליכקייט צו רעדן צו אונזער גאַנצן סטעף. קיינער פון זיי האָט ניט געדענקט דעם דאָקומענט אויסער סאָניאַ'ן, וועלכע האָט אויך ניט געדענקט גענוי נאָר זיך דערמאָנט עפּעס ווי אין אַ נעפּעל.

— די פּאַרמיטאָגדיגע טרעפונג אין קאָנפערענץ־צימער וואָס איר דערמאָנט — האָט ירמיהו אויסגערופן — זענען דאָרט געווען פּאַרטראַטן אַלע מיטאַרבעטער פון „יד ושם”?

— אַלע אויסער דער פרוי וואָס רוימט אויף די צימערן און דער מאַן וואָס גיט אַכטונג אויף דער געביידע און דער הויף אַרום.

— איך פאַרשטעה... איך פאַרשטעה... — האָט ירמיהו געמורמעלט.

— וואָס נאָך ווילט איר וויסן? — האָט דר. גור געפרעגט.

— איך וואָלט געוואָלט וויסען צי דאָס איז אײַער גאַנצער סטעף — האָט ירמיהו געזאָגט — סאָניאַ האָט אָנגעגעבן אַז דר. ברענזאַ'ס דאָקומענט איז צוגעשיקט געוואָרען אומגעפער מיט אַכט יאָר צוריק. איז אײַער סטעף געווען דער זעלבער מיט אַכט יאָר צוריק? איך מיין צו פרעגען צי אין פאַרלויף פון די אַכט יאָר האָט דער פּערסאָנאַל זיך געביטען?

— יאָ, זעלבסטפאַרשטענדליך! — האָט דר. גור אויסגערופן — מיט אַכט יאָר צוריק האָבן געאַרבעט ביי אונז אינגאַנצען ניין מענשען. פון זיי זענען הײַנט־צוטאָג פאַרבליבען פינף און אַכט זענען ביי־צוגעקומענע.

— דאָס מיינט אַז אין פאַרלויף פון דער צייט זענען פיר מענשען פון סטעף אַוועק פון „יד ושם”.

— דאָס שטימט! — האָט דר. גור אויסגערופן און סאָניאַ האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ איינשטימענדיג מיט אים.

— די פיר האָבן געהאַט אַ מעגליכקייט צו זעהן דר. ברענזאַ'ס מאַנוסקריפּט?

— יאָ. ווי מיר אַלע דאָ.

— ווער זענען זיי געווען? — האָט ירמיהו געפרעגט צושאַרענדיג צו זיך אַ בויגען פּאַפּיר און אַרויסנעמענדיג די פעדער פון קעשענע.

— לאה זינגער, איז געקומען מיט דער אומלעגאַלער אימיגראַציע, געווען אין ציפּערן... זי האָט געאַרבעט ביז 1953, האָט געהייראַט און וואוינט

דאָ אין ירושלים — האָט דר. גור געזאָגט — זי איז די ערשטע. איך געה לויט דער אָרדענונג. יאָסעל שימקעוויטש, האָט דאָ געביטען זיין נאָמען אויף שמעוני (שימאָני), אויך געווען אַ קאַצעטלער, האָט זיך באַזעצט אין נגב, געבוי וואו ווייס איך ניט. אויך ער איז אָוועק אין 1953. אבא נעכעס, אַ קאַליקע געבעך, האָט פאַרלוירען ביידע פיס, ער האָט געאַרבעט דאָ ביז 1954. ווען ער האָט באַקומען זיין ענטשעדיגונג אויסגעצאָלט פון דייטשלאַנד האָט ער פאַרלאָזט „יד ושם". מיר דוכט זיך אַז ער איז געפאָרען קיין אַמעריקע.

— יאָ, די „קופת חולים" (קראַנקען קאַסע) האָט אים געשיקט קיין אַמעריקע מאַכען אַ פּראָטעזע (קינסטליכע טיילען פון קערפּער) — האָט סאָניאַ אָנגעמערקט — מיר דוכט זיך אַז ער איז פאַרבליבען אין אַמעריקע צי אין קענעדע.

— און דער פערטער איז געווען אַהרן נוסבוים, אַ פאַרטיזאַנער העלד, אַ קעמפער פון וואַרשעווער געטאָ — האָט דר. גור פאָרטגעזעצט — ער האָט ביי אונז געאַרבעט אינגאַנצען זעקס מאָנאַטען און איז נעלם געוואָרען ווי אין וואַסער. עמיצער האָט אים געהאַט געזעהן אין אילת מיט דריי יאָר צוריק אָבער זינט דאַן האָבען מיר ניט געהערט פון אים.

— ווען האָט ער אייך פאַרלאָזט? — האָט ירמיהו געפרעגט.

— אין 1954, חנוכה צייט — האָט דר. גור געענטפערט.

ירמיהו האָט זיך אויפגעשטעלט און צונויפגעקליבען די בויגענס פּאַפּיר מיט זיינע נאָטיצען.

— אַ דאַנק אייך פאַר אייער הילף! — האָט ער אויסגערופען דריקענדיג די הענט פון סאָניאַ'ן און פון דר. גור'ן — איך בעט אייך נאָכאַמאָל צו האַלטען די גאַנצע געשעהעניש שטרענג געהיים. איך וועל איצט דאַרפען אויפזוכען עמיצען וועלכער האָט געקענט דר. הילאַרי ברענזאַ. מען דאַרף פעסטשטעלען ווער עס האָט אים צוגעהאָלפען מיט זיין אַרבעט.

— דר. ברענזאַ האָט געלעבט אין קיבוץ אַבשלום און דאָרט איז ער געשטאָרבען — האָט סאָניאַ באַמערקט — עס וועט אייך ניט אָנקומען שווער אויסצוגעפינען וועגען אים.

— אַ דאַנק, אַ דאַנק פון טיפען האַרצען! — האָט דער דעטעקטיוו אויסגערופען.

*

אויפ'ן וועג צוריק האָט סעדיה געטריבען די קאַר. ירמיהו האָט אים געבעטען דאָס צו טאָן. אַליין האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אין ווינקעל פון הינטערשטען געזעס און האָט צוגעשלאָסען די אויגען. „גבור" האָט זיך

אויסגעצויגעגן ביי זיינע פּיס און אָנשפּאַרענדיג די מאָרדע אויף די פאָדערשטע לאַפּעס האָט ער צוגעדרימעלט.

סעדיה האָט אין שפּיגעלע פון קאַר בעאָבאַכטעט זיין פריינט. עס האָט אויסגעזעהן אַז ירמיהו איז איינגעשלאָפען אָבער סעדיה האָט געקענט ירמיהו׳ן און געוואוסט אַז ער שלאָפט ניט.

זיי זענען געפאָרען אין שטיל־שווייגען. דער וועג האָט זיך געשלענגט צווישען די בערג פון יהודה, באַרג אַראָפּצו אין טאָל, באַרג אַרויפצו צו קרית־ענבים, האָט אַרומגערינגעלט דעם אַראַבישען דאָרף אַבו־גאָש און האָט גענומען לויפען צווישען די הויכע, מיט בוימער באַדעקטע בערג, אַרונטערצו צום טאָל פון באַב־על־וואַד. באַלד איז דער אָטאָמאָביל געלאָפען אויף דעם פלאַכען וועג לאָזענדיג די קייט פון די בערג הינטער זיך.

דער קיבוץ אַבשלום, וואו דר. ברענזאַ האָט געלעבט און געשטאָרבען, האָט זיך געפונען ניט ווייט פון ראשון־לציון, און ווען סעדיה האָט זיך גענומען דערנענטערען דאָרט וואו דער וועג נויגט זיך אָפּ אין דער ריכטונג פון קיבוץ, האָט ער באַשלאָסען איבערצורייסען דאָס שטילשווייגען.

— ירמיהו, מיר קומען באַלד צום וועג פון ראשון־לציון — האָט ער אויסגערופען.

ירמיהו האָט צעעפענט די אויגען. עס זענען שוין געהאַט אַדורך פערציג מינוט זינט זיי האָבען פאַרלאָזט ירושלים.

— האַ? וואָס האָסטו געזאָגט?

— איך זאָג אַז מיר דערנענטערען זיך צום וועג פון ראשון־לציון — האָט סעדיה איבערגע׳חזר׳ט.

— ראשון־לציון? נו, איז וואָס? איך זעה וואו מיר געפינען זיך — האָט ירמיהו אויסגערופען.

— איך מיין, אויב מיר ווילען צופאָרען צום קיבוץ אַבשלום דאַרפען מיר זיך באַלד פאַרקירעווען...

— ...פאַר גלייך אַהיים — האָט ירמיהו ענדליך זיך געכאַפּט וואָס זיין געהילף האָט געהאַט אין זינען — מיר וועלען ניט פאָרען קיין אַבשלום.

— און וואָס איז וועגען דר. ברענזאַ׳ן? האָסט דאָך געוואָלט אויספרעגען די מענשען דאָרט...

ירמיהו האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— סעדיה, איך האָב נייעס פאַר דיר! — האָט ער אויסגערופען — מיר דאַרפען מער קיינעם ניט אויספרעגען. איך ווייס שוין ווער עס איז דער מערדער... נאָך מעהר: איך ווייס ווער עס זענען **אַלע מערדער** פון **די פינף דאָקטוירים** אין דייטשלאַנד...

די איבערראַשענדע ענטדעקונג

פון גרויס איבערראַשונג האָט סעדיה אָנגעדריקט אויף דעם „ברעיק״־פעדאַל און די קאַר האָט פאַרלאַנגזאַמט איר לויף, איז שטעהן געבליבען ביים סאַמע ברעג פון שאָסעי.

— ירמיהו, דו שפּאַסט! — האָט דער תימנ׳ער יונג אױסגעשריגען אויסדרעהענדיג זיך צום הינטערשטען געזעס — ווען האָסטו עס אויסגעפונען און וואו?

— דאָ אין קאַר, פאַרענדיג מיט דיר אַצינד — האָט ירמיהו געענטפערט — אויב דו ווילסט וויסען גענוי ווען, איז עס געווען דריי קילאָמעטער פאַר קרית־ענבים. ווען מיר האָבען דערגרייכט באַב־על־וואַד בין איך שוין געווען איבערצייגט דערין. און וואָס מער איך טראַכט זיך אַריין אין דער ענטדעקונג אַלץ קלאָרער ווערען פאַר מיר די אַלע אומפאַרשטענדליכע איינצעלהייטען וואָס האָבען מיך געמאַטערט די גאַנצע צייט. מיין פאַרגעפיהל וועגען זוכען די ליסטע אין „יד ושם״ האָט מיך ניט פאַרפירט. איך האָף אַז איצט בין איך אויף אַ וועג, אַזוי צו זאָגען.

סעדיה האָט פאַר קיין פאַל ניט געקענט באַגרייפען וואָס אַזוינס ירמיהו האָט זיך דערוואוסט וואָס זאָל אים האָבען ענטפּלעקט די געהיימניס. ער איז געוואָרען נאָך נייגעריגער ווען ירמיהו האָט געזאָגט אַז דעם ערשטען שפּור האָט ער שוין „דערפיהלט״ נאָך זייענדיג אין „יד ושם״.

— עס האָט ניט געדויערט לאַנג צו געהן פון איין לאַגישען שפּור צום צווייטען, אַזוי שנעל ווי איך האָב אָנגעכאַפּט דעם עק פון דעם פאַרוויקעלטן קנויל — האָט ירמיהו געזאָגט.

— אָבער ווי אַזוי? קלער עס מיר אויף! איך בין דאָך געווען מיט דיר די גאַנצע צייט! — האָט סעדיה אויסגעשריגען.

ירמיהו האָט זיך אַריבערגעזעצט אויפ׳ן פאָדערשטען געזעס ביי סעדיה׳ס זייט.

— פאַר! איך וועל דיר אַלץ אויפקלערען — האָט ער געזאָגט — עס וואָלט געפּאַסט פאַר אַ יונג ווי דו, וועלכער האָט ענטפּלעקט די באַנדע איינברעכער פאַרבינדענדיג צוויי מיט צוויי, אַז דו זאָלסט אויך דאָ קענען אַליין זיך דערטראַכטען אָהן מיין הילף. די צרה מיט דיר — און מיט סענדער׳ן איז אויך דאָס זעלבע: ווען איר זענט מיט מיר ווערט איר פויל און איר פאַרלאָזט זיך אויף מיר. איר ביידע האָט אָבער גענוג שכל צו זיין אַזוי קלוג

ווי איך בין. נאָך אַלעמען בין איך ניט מער ווי אַ מענש צוגלייך מיט דיר און מיט סענדער׳ן.

— יאָ, אַוודאי... אַ מענש צו אַ מענש איז ניט גלייך — האָט סעדיה אַ בורטשע געטאָן — צי מיר ניט אַרויס די נשמה. דערצעהל!

— אַ קעי, אַ קעי, ווי מען זאָגט אין אַמעריקע. איך וועל עס דיר אויפקלערען — האָט ירמיהו אויסגערופען מיט אַ שמייכעל — אַלזאָ, מיר זענען געפאָרען אין „יד ושם״ זוכען אַ ליסטע פון דאָקטוירים וואָס האָבען אין צייט פו היטלער׳ן געדינט אין קאָנצענטראַציע לאַגערען. מיר האָבען די ליסטע געפונען, אַ ליסטע פון 36 דאָקטוירים, וועלכע האָבען זיך פאַרנומען מיט „מעדיצינישע עקספּערימענטען״. דר. ברענזאַ שרייבט אַז מען וואָלט געדאַרפט צונויפשטעלען אַ ליסטע פון די דאָזיגע מערדער, אַ ליסטע לויט׳ן אַלף־בית און זיי איינעם נאָכ׳ן אַנדערען אומברענגען.

עס האָט מיר גענומען אויסזעהן אַז עמיצער האָט אויסגעפאָלגט דר. ברענזאָ׳ס עצה. די פראַגע איז געווען „ווער?״ עס איז קלאָר אַז עמיצער וועלכער האָט דעם דאָקומענט געזעהן, אויסער די מענשען פון סטעף, זענען געווען נאָר פיר און מעגליך עמיצער וואָס האָט מיטגעאַרבעט מיט דר. ברענזאַ׳ן האָט געקענט זעהן די ליסטע. ברענזאַ איז שוין טויט. האָבען מיר אָנגעהויבען קודם כל מיט די פיר פון „יד ושם״.

פון די פיר נעמען וואָס סאָניאַ און דר. גור האָבען אונז געגעבען האָב איך אויף איינעם מאָמענטאַל פאַרציכטעט. די פרוי, ווי האָט זי געהייסען? לאה זינגער! יאָ, לאה זינגער! זי קומט ניט אין אַנבאַטראַכט. זענען פאַרבליבען דריי מענער. פון די דריי מענער האָב איך מאָמענטאַל גענומען פאַרדעכטיגען אבא נעכעס׳ן, וואָס מער איך האָב זיך אַריינגעטראַכט אין דער זאַך אַלץ גרעסער איז געוואָרען דער פאַרדאַכט געגען אים.

— אָבער ער איז אַ קאַליקע, אָהן פיס! — האָט סעדיה אויסגעשריגען מיט פאַרוואונדערונג.

— עה, ברודערקע, גראַדע דערפאַר! אַנו טראַכט זיך אַריין אין דער זאַך. דער בלויער צייכען באַשטעהט פון צוויי בוכשטאַבען, אַז „אַלף״ און אַ „נון״: אבא נעכעס. שטימט?

— יאָ, אָבער אויך דער אַנדערער, דער פּערטער, אויך אַלף־נון: אהרן נוסבוים, אַ פאַרטיזאַן, אַ העלד פון געטאָ, אַ געוואַגטער יונג... — האָט סעדיה אויסגערופען.

— איך האָב טאַקע ניט אויסגעשלאָסען די מעגליכקייט — האָט ירמיהו געזאָגט — אָבער דורכטראַכטענדיג גרינטליך די אינפאָרמאַציע וואָס מיר

האָבען וועגען די צוויי, און נעמענדיג אין אַכט די געשעהענישען אין דייטש־לאַנד, בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג אַז איך דאַרף זוכען אַבאַ נעכעס'ן, ווייל ער זעהט אויס צו זיין דער מערדער.

— ער?! — האָט סעדיה געפרעגט — האָסט דאָך געזאָגט אַז דו ווייסט ווער עס זענען אַלע מערדער פון די פינף דאָקטוירים...

— יאָ, איך האָב עס געזאָגט און דאָס איז ער: אבא נעכעס איז עס „אַלע מערדער". ער אַליין. זיינע פּיס! נעם אין זינען אַז ער האָט פאַרלוירען זיינע פיס. ער איז געשיקט געוואָרען קיין אַמעריקע מען זאָל אים דאָרט מאַכען קינסטליכע פיס... טראַכט זיך אַריין דעריין, סעדיה, און דו וועסט איינזעהן וואָס דאָס מיינט. אַזוי שנעל ווי איך בין געקומען צום באַשלוס, אַז אבא נעכעס איז דער מערדער איז מיר מיטאַמאָל קלאָר געוואָרען זעהר פיל.

— צום ביישפּיל?

— צום ביישפּיל די פראַגע וואָס האָט מיך געמאַטערט אָהן אַן אויפהער: פאַרוואָס דער מערדער פון דר. גאַבלער'ן אין אַלטענאַו האָט זיך געלאָזט זעהן פון עדות און דאָס זעלבע דער מערדער פון דר. גרונט'ן. איצט פאַרשטעה איך עס: דער מערדער איז געווען דער זעלבער, אָבער האָבענדיג קינסטליכע פיס ענדערט ער זיין געוואוקס. אַמאָל איז ער הויך, אַ צווייט מאָל איז ער אַ קאַרליק. אבא נעכעס האָט מיט אַ כיוון זיך געלאָזט זעהן און געוויזען זיינע הענט פאַרשמירט אין בלויער פאַרב. ער האָט געוואָלט דערמיט פאַרווישען זיינע שפּורען, צוטומלען די פּאָליציי, איר מאַכען גלויבען אַז זי האָט דאָ צו טאָן מיט אַ באַנדע פון מערדער, אַ באַנדע פון מענשען אין דער צייט ווען ער אָפּערירט אַליין. עס איז געווען אַ קלוגער טריק און עס האָט אויך געהאָלפען צו צעטומלען די פּאָליציי. איך אַליין האָב די גאַנצע צייט געגלויבט אַז מיר האָבען דאָ צו טאָן מיט עטליכע מערדער, ניט מיט איין פערזאָן. ווער זאָל אַיינפאַלען אַזאַ מעגליכקייט ווי קינסטליכע פיס? וואָס אַנבאַלאַנגט זיין פּנים קען ער לייכט ענדערען זיין אויסזעהן מיט אַ פּאָר וואָנצעס צי אַ בערדעל צי אַ פּאָר באַקען־בערד. דאָס איז ניט קיין שווערע אויפגאַבע. דער עיקר איז דער וואוקס פון מערדער און דאָ האָט ער אונז אַלעמען געפירט ביי דער נאָז.

— און דו שליסט געענצליך אויס די מעגליכקייט פון די אַנדערע, אָט ווי דער אהרן נוסבוים? — האָט סעדיה געפרעגט.

— ניין, איך שליס עס ניט אויס אָבער איך בין געניגט גיכער צו גלויבען אַז עס איז אַן איינצעלנעמ'ס אַרבעט, אַז אבא נעכעס אַרבעט דאָ

אַליין. מען דאַרף איצט אויסגעפינען וואָס מער אינפאָרמאַציע וועגען דעם מענטש און עס טאָן ווי אַמשנעלסטען, ווייל איך וויל זיך אומקערען קיין דייטשלאַנד. איך האָב שוין אַפילו אַ פּלאַן ווי אַזוי צו פאַרשפּרייטען אַ נעץ אַרום אים.

— און וואָס וועט זיין אַז דו וועסט אים כאַפּען? — האָט סעדיה אַ פרעג געטאָן — וועסט אים מוזען אַרויסגעבען צו דער דייטשער פּאָליציי און עס וועט זיך דאָ פאַרקאָכען אַ קאַשע... די אינטערעסען פון ישראל וועלען דאָ ליידען.

— דאָס קען איך זיך ניט העלפען — האָט ירמיהו געזאָגט — אבא נעכעס איז אַ מערדער, לויט ווי איך פאַרדעכטיג, און אַלס אַזעלכען מוז מען אים איבערגעבען אין די הענט פון געזעץ. איך געהער ניט צו די יעניגע וועלכע האַלטען זיך בּאַרעכטיגט צו אורטיילען יענעם און דורכפירען דעם אורטייל מיט די אייגענע הענט. מיר לעבען אין אַ ציוויליזירטער געזעלשאַפט און אין מיינע אויגען איז יעדער מאָרד אַ פאַרברעכען, דאָס נעמען דעם געזעץ אין די אייגענע הענט איז אַ פאַרברעכען. די געזעלשאַפט האָט אַ רעכט צו שאַפען געזעצען און זיי דורכפירען, דער איינצעלנער מענש האָט ניט אַזאַ רעכט, און איך דין דער געזעלשאַפט.

די געשיכטע פון אבא נעכעס

עס איז געווען האַלב נאָך פיר און דער דירעקטאָר פון „קופּת חולים" האָט שוין געהאַלטען ביים פאַרלאָזען דעם ביוראָ ווען זיין סעקרעטערין האָט געמאָלדען אַז אַ באַזוכער וויל אים זעהן וועגען אַ „דרינגענדען ענין".

דער דירעקטאָר, דר. אלחנן ברוך, האָט זיך פאַרקרימט. ער האָט יענעם טאָג דורכגעמאַכט צוויי וויכטיגע קאָנפערענצען און דערצו האָט ער געהאַט צוגעגרייט אַ פּאַק מיט דאָקומענטען מיטצונעמען אַהיים. ער האָט געדאַרפט דורכקוקען דעם בודזשעט פאַר'ן נייעם יאָר, עס האָבען אים געפעלט אַכט פּראָצענט צו קענען דעקען די אויסגאַבען פאַר ניי פּלאַנירטע קליניקס וואָס מען האָט געדאַרפט עפענען יענעם יאָר. דערצו האָט ער געליטען יענעם נאָכמיטאָג פון אַ קאָפּ־ווערטאָג וואָס פלעגט קומען יעדען מאָל ווען „עס איז ניט געגאַנגען גלאַטיג".

דר. ברוך האָט געפרעגט ווער איז דער באַזוכער. דערהערענדיג דעם נאָמען ירמיהו אַלמוג האָט ער אים געהייסען אַריינשיקען. ער האָט אַרויס־גענומען פון שופלאָד צוויי אַספּירין טאַבּלעטען און זיי אַראָפּגעשלונגען

פאַרזופּענדיג מיט דעם רעשטעל פון קאַלטען טיי וואָס איז געשטאַנען אין גלאָז אויף זיין טיש.

— איך האָב אַפילו ניט געהאַט קיין צייט דיר צו טעלעפאָנירען אַז איך וויל דיך זעהן! — האָט ירמיהו אויסגערופען באַגריסענדיג דר. ברוכ'ן — איך קום איצט פון ירושלים און בין פאַרפאָרען גלייך צו דיר.

— זעץ זיך, ירמיהו! וואָס איז די „גראַטשקע"? — האָט דר. ברוך געפרעגט.

ער און ירמיהו זענען געווען חברים פון דער צייט ווען זיי זענען געווען שילער אין דער גימנאַזיע „הרצליה". דר. ברוך האָט פאַרשטאַנען אַז ירמיהו קומט אים ניט דרעהען קיין קאָפּ סתם אָהן אַ גענוגענדער אורזאַכע.

— אלחנן, איך דאַרף האָבען דיין הילף און דרינגענד; דערצו וויל איך דיר זאָגען, אַז דאָ האַנדעלט זיך וועגען אַ שטרענג פאַרטרוילינכער אויספאָרשונג, טאָ פרעג ניט קיין איינצעלהייטען און האַלט די גאַנצע זאַך געהיים.

— רייד, איך הער! — האָט דר. ברוך אויסגערופען.

— איר דאַרפט האָבען אַ רעקאָרד פון אַ מאַן מיט'ן נאָמען אבא נעכעס. ער איז אַ געוועזענער קאַצעטלער, האָט פאַרלוירעןביידע פיס, האָט געאַרבעט אַ געוויסע צייט אין „יד ושם" אין ירושלים. לויט ווי מען האָט מיר איבערגעגעבען האָט ער מיט 6 יאָר צוריק באַקומען אַ היבשע סומע פון ענטשעדיגונג און „קופּת חולים" האָט אים געשיקט קיין אַמעריקע צוצופּאַסען קינסטליכע פיס. איך וויל דעם רעקאָרד פון דעם מאַן און טאַקע באַלד. קענסט עס פאַר מיר טאָן?

דר. ברוך האָט אויפגעהויבען דעם טעלעפאָן טרייבעל און זיך געהייסען פאַרבינדען מיט דער אָרטאָפּעדישער אָפּטיילונג.

— דר. שוואַרץ! דאָ רעדט אלחנן ברוך — האָט ער געזאָגט — מיר האָבען געשיקט אַ חבר פון „קופּת חולים" קיין אַמעריקע פאַר אַ פּראָטעזע, צוויי קינסטליכע פיס. עס איז געווען אומגעפער אין 1954. זיין נאָמען איז אַבאַ נעכעס. אָה? איר געדענקט אים? אַן אויסערגעוועהנליכער פאַל? זעהר אינטערעסאַנט. שיקט מיר שוין צו זיין גאַנצען רעקאָרד, אַלצדינג, מעדיצינישע אונטערזוכונג, סאָציאַלען רעפּאָרט, אַלע באַריכטען... יאָ, דעם גאַנצען „תיק" (פאַיל)! איך וויל עס שוין האָבען. איך וועל וואַרטען.

— דר. שוואַרץ זאָגט אַז ער געדענקט דעם בחור... אַן אינטערעסאַנטער פאַל — האָט דר. ברוך געזאָגט אַוועקלעגענדיג דעם טעלעפאָן טרייבעל — עס וועט דויערן אַ האַלבע שטונדע. ווילסט דאָ וואַרטען?

— איך וועל וואַרטען... אַ דאַנק דיר, אלחנן! איך זעה אַז ביי דיר „קלאַפּט אַלצדינג״ ווי געהעריג.

דר. ברוך האָט אַ זיפץ געטאָן.

— יאָ, עס קלאַפּט אַדמיניסטראַטיוו, אָבער צרות האָב איך ביז איבער׳ן קאָפּ — האָט ער געזאָגט — איך דאַרף עפענען זיבעצען נייע קליניקס איבער׳ן לאַנד און עס פעלט מיר דער בודזשעט דערויף.

— איך קען דיר באַרגען געלט — האָט ירמיהו געזאָגט מיט אַ שמייכעל.

— אַ דאַנק! איך האָב מורא אַז דו וועסט עס קיינמאָל ניט פאַרמאָגען וואָס מיר פעלט אַצינד — האָט דר. ברוך צוריקגעשמייכעלט — וועסט טרינקען אַ גלאָז טיי? איך האָף אַז יאָסל איז נאָך ניט אַוועק אַהיים.

יאָסל איז געווען דער באַדינער פון ביוראָ און דער טיי־טיילער. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז יאָסל איז נאָך ניט געהאַט אַוועק און די צוויי יוגענט פריינט האָבען קוים באַוויזען צו פאַרענדיגען טרינקען דעם טיי ווען עס איז ערשינען דר. ברוכ׳ס סעקרעטאַרין מיט אַ גרויסען קאָנווערט אין האַנט.

— פון דר. שוואַרצ׳ן געשיקט מיט אַ ספּעציעלען שליח! — האָט זי געמאָלדען, אַוועקלייגענדיג דעם קאָנווערט אויפ׳ן טיש.

✶

„תיק מספר 2909, השם: אבא נכס, נכה״ (פּאַיל נומער 2909, נאָמען: אבא נעכעס, אינוואַליד), האָט זיך געלייענט דער געלער טאַוועל פון דער היבשליך דיקער פּאַפּקע. עס האָט לאַנג ניט געדויערט זיך צו איבערצייגען אַז ניט אומזיסט האָט דר. שוואַרץ אַזוי גוט געדענקט די „קעיס״ פון אבא נעכעס. עס איז געווען אַן אויסערגעוועהנליך אינטערעסאַנטע קעיס, איינע וואָס לאָזט זיך ניט פאַרגעסען.

אבא נעכעס איז געבוירען געוואָרען אין 1923 אין לאָדזש, פּוילען. ווען דער קריג איז אויסגעבראָכען איז ער אַלט געווען זעכצען יאָר, איז געווען אַ געזונטער, שעהנער, אינגעל פון אַטלעטישען געבוי, האָט זיך אויס־געצייכענט אין שוהלע סאַי אין לערנען און סאַי אין אַטלעטישע שפּילען. ער איז געווען אַ שווער־געוויכט הויבער, אַ גוטער באָקסער און אַן ערשט־קלאַסיגער פוטבאָל שפּילער. זיין פאָטער איז געווען אַ קצב און האָט געמאַכט אַ גוטען לעבען. אויסער אבא׳ן זענען געווען נאָך דריי קינדער, צוויי מיידלעך און אַ אינגעל. אבא איז געווען דער עלטסטער.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכען איז די נעכעס פאַמיליע געלאָפען

קיין וואַרשע. די מוטער איז אומגעקומען אויפ׳ן וועג. אין וואַרשע האָבען געלעבט דעם פּאַטער׳ס עלטערן און אַהין איז די פאַמיליע געלאָפען.

דער תיק פון אבא נעכעס׳ן האָט אַנטהאַלטען די אַלע איינצעלהייטען און פאַרשידענע צוגאָב־באַריכטען צו דעם הויפּט רעקאָרד פון זיין אינוואַליד־סטאַטוס, ווייל ווען אבא נעכעס איז ענדליך אָנגעקומען קיין ישראל, נאָך דער באַפרייאונג פון דאַכאַו, איז ער געווען ניט נאָר אַ פיזיש צוקריפּעלטער נאָר אויך אַ גייסטיג צוּבראָכענער. ער האָט זיך געגויטיגט אין דער באַהאַנד־לונג פון אַ פסיכיאַטאָר און די דאָקטוירים פון קופּת־חולים האָבען געטאָן אַלצדינג כדי אים צו רעהאַביליטירען.

עס איז ניט געווען קיין לייכטע אויפגאַבע. אבא האָט דורכגעלעבט דעם נאַצישען גיהנום אין דער פולסטער מאָס. ער האָט געזעהן ווי מען הרג׳עט זיין פּאַטער און זיידען, האָט בייגעוואוינט דעם אומקום פון זיין אינגסטען ברודערל ווען מען אַ נאַצי האָט דורכגעשטאָכען „פאַר שפּאַס״. אבא אַליין איז געבליבען לעבען נאָר אַ דאַנק זיין שטאַרקען קערפּער. די נאַציס האָבען אים פאַרשיקט צו שקלאַפען אַרבעט אין אַ פאַבריק. שפּעטער האָט מען אים געבראַכט קיין דאַכאַו וואו אין איין שעהנעם פרימאָרגען האָט מען אים אַרויסגעפירט אין אַ פעלד, אַנגעוויזען אויף צוויי ווייסע פּאַסען געמאַכט פון קרייד און באַפוילען לויפען צווישען די צוויי פּאַסען.

ער האָט אויסגעפאָלגט דעם באַפעל ניט באַגרייפענדיג אַז ער ווערט געניצט אַלס לעבעדיגער עקספּערימענט. פון וויטענס זענען געשטאַנען די נאַציס, הויכע אָפיצערן, עס־עס בעאַמטע, דאָקטוירים. זיי האָבען דורך שפּאַקטיוועס בעאָבאַכטעט ווי ער לויפט ביז ער איז אַרויפגעטראָטען אויף אַ לאַנד־מינע.

ניט אומזיסט האָט אבא נעכעס זיך געגויטיגט שפּעטער אין אַ פסיכיאַטאָר, ווייל דאָס וואָס ער האָט דורכגעמאַכט שוין אין די לעצטע וואָכען פאַר דער באַפרייאונג איז ניט צו שילדערן. ער האָט ניט געהאַט קיין מזל. אַנדערע ווי ער זענען דער׳הרג׳עט געוואָרען אויפ׳ן אָרט. ביי אים האָט די מינע אָפּגעריסען נאָר די פיס. ער איז געבראַכט געוואָרען אין שפּיטאָל וואו די דאָקטוירים האָבען גענומען עקספּערימענטירען איבער אים. זייער ציל איז געווען צו געפינען מיטלען ווי צו באַהאַנדלען דייטשע סאָלדאַטען וועלכע ווערען פאַרוואונדעט פון מינעס, האַנט־גראַנאַטען און שראַפּנעלען. האָט מען עקספּערימענטירט אויף אַזעלכע ווי אבא נעכעס.

דאָס וואָס ער איז געבליבען לעבען האָט ער געהאַט צו פאַרדאַנקען, אָדער פאַרשעלטען, צוויי זאַכען: זיין פיזישער שטאַרקייט און דעם פאַקט

וואָס די דאָקטוירים האָבען אים ניט געלאָזט שטאַרבען, נוצענדיג זיין קערפּער צו עקספּערימענטירען מיט גרעפּטען (שטוקעווען) ביינער. אבא׳ס לינקער פוס איז אָפּגעריסען געוואָרען ביז׳ן קני, דער רעכטער איז אָפּגעריסען געוואָרען אַרום פּערצען אינטשעס נידעריגער פון קני. די דאָקטוירים האָבען עטליכע מאָל אָפּגעזעגען שטיקער פון רעכטען פוס עקספּערימענטירענדיג מיט צושטיקעווען ביינער פון אַנדערע קרבנות.

דאָס זענען געווען וואכען פון שוידערליכע יסורים, ביטערע, אומבאַשרייבליכע פיזישע און גייסטיגע ליידען. ווען די אַמעריקאַנער אַרמיי האָט פאַרנומען דאַכאַו האָט אבא קוים געזשיפּעט. ער האָט געהאַט גאַנגרענע אין אַ שרעקליכער פאָרם און ער איז ניט געווען מער ביים זינען. עס האָט גענומען די אַמעריקאַנער אַרמיי דאָקטוירים פערצען מאָנאַטען אַרויסצוּרייסען דעם פאַרקריפּעלטען רעשטעל פון אבא נעכעס׳ן פון די נעגעל פון מלאך המוות.

אבא נעכעס איז אָנגעקומען קיין ישראל זיצענדיג אויף אַ פּלאַטפאָרמע מיט פיר קליינע רעדלעך וואָס ער האָט געשטופּט מיט די הענט, כדי זיך צו באַוועגען. ער איז געווען פול מיט פאַרביטערונג, האָט געשוויגען, אָבער זיינע אויגען האָבען אויסגעדריקט אַ טיפע איינגעשפאַרקייט. ער האָט זיך ניט געוואָלט אונטערגעבען. ער האָט געקעמפט ניט אָנצוקומען צו קיינעמס נאָך הילף, האָט געבעטען אַרבעט און האָט באַקומען אַ פּאָסטען פון אַ געהילף בוכהאַלטער אין דער אידישער אַגענטור. שפּעטער האָט ער אָנגענומען אַ פּאָסטען אין „יד ושם״. ער איז אַליין געקומען בעטען דעם פּאָסטען און מען האָט אים ניט געקענט אָפּזאָגען.

אַלס אַ חבר אין „קופּת־חולים״ האָט ער באַקומען די פולסטע הילף אין וועלכער ער האָט זיך גענויטיגט. פיר יאָר האָט ער רעגעלמעסיג באַזוכט די פּסיכיאַטרישע קליניק און גענומען אַ קורס אין פיזישער רעהאביליטאַציע. מען האָט אים צוגעגרייט פאַר צופּאַסען קינסטליכע פיס, אָבער ער האָט זיך גענויטיגט אין אַ קליינער אָפּעראַציע פאַר דעם און ער האָט געפאָדערט מען זאָל אים שיקען פאַר דעם צוועק קיין אַמעריקע. „קופּת־חולים״ האָט צוגעשטימט דאָס צו טאָן, הויפּטזעכליך, ווען אבא האָט ענדליך באַקומען אויסגעצאָלט פון די דייטשע ענטשעדיגונגס געלטער די סומע פון הונדערט מיט פופציג טויזענט דאָלאַר. אבא האָט אַליין אָנגעבאָטען צו באַצאָלען אַלע אויסגאַבען, און אין 1955 פאַרענדיגט זיך זיין „תיק״ מיט אַ קאָפּיע פון אַ בריוו וואָס דער אָרטאָפּעדישער דעפּאַרטמענט פון „קופּת־חולים״ האָט אים מיטגעגעבען צום גרויסען ספּעציאַליסט אין אַמעריקע.

ירמיהו האָט צוגעמאַכט דעם „תיק" און איהם צוריקגעלעגט אויפ'ן טיש.

— אַ דאַנק, אלחנן — האָט ער אויסגערופען אויפשטעלענדיג זיך.

— איך האָף, אַז דו האָסט געפונען אַלצדינג וואָס דו האָסט געזוכט — האָט דר. ברוך געזאָגט דריקענדיג זיין האַנט.

— יאָ, אַלצדינג — האָט ירמיהו איבערגע'חזר'ט, אָבער עס איז ניט געווען אמת. דער דעטעקטיוו האָט געהאָפט צו געפינען אַ בילד פון אבא בעכעס'ן, אָבער אויסער אַ צאָל רענטגען אויפנאַמעס פון צוויי שטומפיגע ביינער האָט דער „תיק" ניט פאַרמאָגט קיין אַנדערע בילדער...

צוריק אין דייטשלאַנד

ירמיהו איז געווען אַוועק פון מינכען אינגאַנצען פינף טעג, אָבער סענדער'ן האָט די צייט אויסגעזעהן לאַנג ווי דער גלות. דער יונג האָט זיך געלאַנגווייליגט און האָט די מערסטע צייט פאַרבראַכט אין דער געזעלשאַפט פון שמעון ווייס'ן, וועלכער האָט אויך ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיין צייט.

ירמיהו האָט ניט צוואוויסען געטאָן סענדער'ן ווען ער וועט אָנקומען. עס איז געווען קורץ נאָך האַלבער נאַכט ווען דער „סאַבינאַ" עראָפּלאַן האָט אַראָפּגענידערט אויפ'ן לופט פעלד פון מינכען. ווען ירמיהו איז אָנגעקומען אין האָטעל „מעטראָפּאָל" איז געווען נאָהענט צו צוויי.

סענדער איז שוין געשלאָפען ווי אַ גע'הרג'עטער און ווען דער טעלעפאָן ביי זיין בעט האָט אויפגעשאָלט איז ער ראָפּטום אויפגעשפרונגען פון בעט וואָקלענדיג זיך ווי אַ שיכור'ער. ער האָט שטילערהייט אַרויסגעבורטשעט אַ קללה טאַפּענדיג אין דער פינצטערניש צו געפינען די טעלעפאָן טרייבעל.

אָבער אַזוי שנעל ווי ער האָט דערקענט די שטימע פון זיין פריינט, האָט ער זיך מיטאַמאָל אויסגעטשוכעט.

— וואו ביזטו, ירמיהו! פון וואַנעט רופסטו? אַ שוואַרץ יאָר אויף אַלע שוואַרצע קעץ! ביזט געווען „חולה" מיר צו לאָזען וויסען אַז דו קומסט?! כ'האָב קים שוין אַראָפּ צי דיע אין צימער!

דער יונג האָט אַרויפגעוואָרפען אויף זיך אַ ראָק, פאַררוקט די פיס אין שטעקשיך און האָט געאיילט צו ירמיהו'ן. ער האָט ממש געפיבערט פון אומגעדולד צו הערען וואָס ירמיהו האָט אויפגעטאָן מיט זיין רייזע אַהיים.

— אַ ליכאָטשקע דיר אין פיפּיק אַריין! — האָט סענדער געברילט דריקענדיג ירמיהו'ס האַנט — ווי טוט מען עס אַזאַ זאַך? ווי לאַנג דויערט

דאָס שיקען אַ טעלעגראַם? איך וואָלט דיך געקומען טרעפען ביים לופט־פעלד. איך האָב סיי ווי סיי ניט געהאַט קיין בעסערס וואָס צו טאָן.

— נו, נו, זיי ניט בייז. עס איז גלייכער אַזוי — האָט ירמיהו אים באַרוהיגט — וואָס וועניגער טעלעגראַמעס און טומעלניש אַלץ געזינטער איז עס פאַר אונזער ענין. קודם לאָמיר הערען וואָס דאָ טוט זיך?

— עס טומעלט זיך! די סעריע אַרטיקלען אין „אַוּוענטבלאַט" האָט אויפגעבורעט אַ סומאַטאָכע. כאָטש עס זענען פאָרלויפיג ניט פאָרגעקומען מער קיין מאָרדען, כאַפט זיי די ניכפּע. די דאָקטוירים האַלטען נאָך אַלץ אין איין אַנטלויפען... הונדערטער, זאָג איך דיר. אָה, יאָ! אונזער גוטער פריינט דר. ברונאָ קרייזלער האָט געמאַכט אַ פּאַרזוך זיך צו נעמען דאָס לעבען. מען האָט אים באַצייטענס אָפּגעראַטעוועט.

— גיפט? — האָט ירמיהו געפרעגט.

— ניין, ער האָט זיך אויפגעהאָנגען אין זיין צעל, אָבער מען האָט אים געכאַפּט אין צייט. דר. וועלינגער איז אַריינגעטאָן מיט לייב און לעבען אין דער אויספאָרשונג פון די נעאָ־נאַציס. אפשר צוויי הונדערט מענשען זיינען שוין אַרעסטירט געוואָרען לויט דער ליסטע וואָס מען האָט געפונען אין דער מילכשטראָם פאַרם. גאַנץ דייטשלאַנד געהט אויף רעדלעך.

— יאָ, איך האָב געלייענט. אין ישראל מאַכט מען אויך דערפון אַ גאַנצען צימעס — האָט ירמיהו באַמערקט.

— וואָס מאַכט „גבור"? איך בין זיכער אַז סעדיה פאַרנאַכלעסיגט זיין דיעטע...

— ...אָה, הער שוין אויף.

— איך שפּאַס. און וואָס מאַכט ער, דער תימנ'ער לאַכודראַק? איך שעם זיך דיר צו זאָגען אַז איך בענק שוין נאָך אים.

ירמיהו האָט דערצעהלט סענדער'ן וועגען סעדיה'ס אויפטו אין העלפען ענטפלעקען די באַנדע רויבער. סענדער'ס אויגען האָבען אויפגעשיינט.

— אַ חברה'מאַן! ער האָט אַ גוטען קעפּעלע, דער ממזר'וק! און וואָס הערט זיך מיט דיין רייזע? האָסטו עפּעס געפונען אין „יד ושם"?

— אָט וועגען דעם טאַקע האָב איך דיר אויפגעוועקט — האָט ירמיהו געזאָגט — וואָלסט מיר ניט מוחל געווען ווען איך וואָלט עס פון דיר צוריק־געהאַלטען ביז מאָרגען.

— הייסט עס, אַז דו האָסט יאָ געפונען?! — האָט סענדער אויס־געשריגען.

— וואָס הייסט געפונען? וועסט אויסהערען וועלען זיך דיר עפענען די אויגען.

און ירמיהו האָט דערצעהלט סענדער׳ן אַלע איינצעלהייטען פון דעם וואָס ער האָט אויסגעפונען אין „יד ושם״ און אין קופת־חולים וועגען אבא נעכעס׳ן.

— וועסטו עס אַלץ דערצעהלען וועלינגער׳ן? — האָט סענדער געפרעגט.

— ניין, דאָס וועל איך ניט טאָן. עס איז ניט נויטיג. מיר וועלען אָבער מוזען זיך אַ נעם טאָן אַליין צו זוכען אַבאַ׳ן.

— ווי אַזוי? אַז מיר ווייסען ניט ווי ער זעהט אויס און מיר קענען ניט אָנקומען צו דר. וועלינגער׳ן נאָך הילף. נאָר דורך די פּאָליציי רעקאָרדס קענען מיר געפינען אַ פרעמדען אין דייטשלאַנד.

— איך גלויב ניט אַז אבא נעכעס איז דאָ אונטער זיין אמת׳ן נאָמען — האָט ירמיהו באַמערקט — איך האָב זעהר פיל אַריינגעטראַכט אין דעם ענין. מיר שיינט אַז אבא נעכעס האָט זעהר פאָרזיכטיג אויסגעאַרבעט זיינע פּלענער. יעדער שריט זיינער איז געמאָסטען און געוואויגען. האָסט דאָך געזעהן ווי קלוג ער האָט פאַרשפּרייט די שפּורען כדי צו פאַרפירען די פּאָליציי. ניין, מיר וועלען ניט זוכען אבאַ׳ן. מיר וועלען אויסשפּרייטען אַ נעץ ער זאָל אַליין קומען און אַריינפאַלען.

— ווי אַזוי? וואָס פאַראַ סאָרט נעץ? — האָט סענדער געפרעגט — מיר דוכט זיך אַז דאָס בעסטע איז צו היטען די דאָקטוירים וואָס געפינען זיך אויף זיין צעטעל. ער מוז דאָך קומען צום נעקסטען. ווער קומט נאָך פאָן העלער׳ן?

— דאָס איז אויך אַ וועג, אָבער מיר וועלען זיך ניט פאַרלאָזען נאָר דערויף. מיר וועלען קודם דאַרפען אויסגעפינען פאַרוואָס אבא האָט איבער־געהיפּעט די דאָקטוירים אויף דר. ברענזאָ׳ס צעטעל. דאַן וועלען מיר קענען באַשטימען וואָס צו טאָן.

— איך שרעק זיך נאָר אַז די דאָקטוירים אויף זיין צעטעל זאָלען ניט אַנטלויפען וואו שוואַרצער פעפער וואַקסט — האָט סענדער אויסגערופען — די עפּידעמיע פון לויפען איז געוואָרען שטאַרק פאַרשפּרייט. יעדען טאָג דערוויסט מען זיך אַלץ מער ווער עס האָט געדינט די נאַציס מיט זייער מעדיציניש־ער „וויסענשאַפט״.

— דאָס קענען מיר זיך ניט העלפען — האָט ירמיהו באַמערקט — אַלץ וואָס מיר קענען טאָן איז אויסגעפינען וואָס איז געוואָרען מיט די דאָקטוירים וועלכע אבא נעכעס האָט דורכגעלאָזט אויפ׳ן צעטעל...

דר. וועלינגער וועלכער האָט געוואוסט, אַז ירמיהו אַלמוג איז געפאָרען אויף אַ באַזוך אין ישראל צוליב עפּעס דרינגענדעס האָט זיך געוואונדערט דערזעהענדיג דעם דעטעקטיוו צוריק נאָך אַ קנאַפּער וואָך פון אבוועזענהייט.

— עס איז געווען אַ קורצער „טשעק־אַפּ", וואָס האָט גאָרניט געבראַכט — האָט ירמיהו אים אויפגעקלערט, אויסמיידענדיג זיך אַריינצולאָזען אין איינצעלהייטען.

ווי ירמיהו האָט עס ערוואַרטעט האָט דר. וועלינגער ניט געהאַט צו באַריכטען קיין נייע ענטוויקלונגען אין דער פאָרשונג פון דעם „בלויען צייכען".

— איך זעה פון די צייטונגען — האָט ירמיהו באַמערקט — אַז איר האָט אַ היבשע אַרבעט מיט אויסרוימען די נעאָ־נאַציס. געהט אָן דערמיט! עס איז אַ וויכטיגער אויפּטו פאַר דייטשלאַנד. איך וועל זיך פאָרלויפיג אָנגעהן מיט דער פאָרשונג פון אונזער ענין. איך וויל דאָ האָבען אייער הילף, דר. וועלינגער.

— וואָס קען איך טאָן? — האָט דער פּאָליציי־שעף זיך אָנגעשפּיצט.

— קריגט מיר אַ ליסטע פון אַלע רעגיסטרירטע דאָקטוירים אין דייטשלאַנד — האָט ירמיהו געזאָגט — איך וויל די ליסטע ניט נאָר פון דעם יאָר נאָר פון די פאַרגאַנגענע פינף יאָר.

— צי וואָס דאַרפט איר עס? — האָט דר. וועלינגער זיך פאַרוואונדערט — אַזאַ ליסטע וועט אייך ניט אָנגעבען ווער פון די דאָקטוירים האָט געדינט אין קאָנצענטראַציע לאַגערען.

— דאָס ווייס איך. אַלץ וואָס איך דאַרף איז די נעמען, אַדרעסען, עלטער און וואו זיי האָבען שטודירט. דאָס געפינט זיך דאָך אין דעם דאָקטוירים־רעגיסטאָר?

— יאָ, דאָס האָבען מיר. עס איז ניט קיין געהיימניס און איר קענט עס האָבען, אָבער איך וואונדער זיך אַלץ וואָס פאַראַ צוועק עס קען אייך דינען? — האָט דר. וועלינגער געפרעגט.

— לאָמיר זאָגען אַז איך האָב עפּעס אַ שטיקעל טעאָריע און איך וויל זי אויספּרובירען — האָט ירמיהו געענטפערט — עס איז אין די ראַמען פון געזעץ, דאָס פאַרזיכער איך אייך — האָט ער צוגעגעבען שמייכלענדיג.

— אָה, דערין צווייפעל איך ניט — האָט דער פּאָליציי שעף געזאָגט — איך וועל בעטען וואָלטער קנאַבע ער זאָל אייך צושטעלען די ליסטע פון אַלע דאָקטוירים אין גאַנצען „רייך".

— איך וועל אייך זעהר דאַנקבאַר זיין דערפאַר — האָט ירמיהו געזאָגט.

אין זוכעניש פון זעקסטען קרבן

ירמיהו האָט באַקומען אַ היבשען פּאַק מיט ביכער און ער מיט סענדער׳ן האָבען געמוזט דינגען אַ טעקסי עס צו ברענגען אין האָטעל אַריין.

וואָלטער קנאָבע האָט זיי צוגעשטעלט דעם רעגיסטער אָנהויבענדיג מיט 1955. די נייע אויסגאַבע פאַר 1960 האָט געדאַרפט ערשיינען ערשט אין עטליכע וואָכען אַרום.

ירמיהו האָט פאַרנאַנדערגעלייגט די ביכער איבער׳ן טישעל און אויפ׳ן בעט אין זיין האָטעל־צימער. אַרויסנעמענדיג די ליסטע מיט די 36 נעמען פון דר. ברענזאָ׳ס צעטעל, האָבען די דעטעקטיווס גענומען זוכען אין די ביכער די זעלבע נעמען.

דער ערשטער נאָמען איז געווען פון דר. קאַרל אַלטענהיימער. אים האָבען זיי געפונען אין רעגיסטער פאַר׳ן יאָר 1955. ער האָט געוואוינט אין שטוטגאַרט. אין רעגיסטער פון 1956 איז זיין נאָמען ערשינען אין אַ שוואַרץ רעמעלע. ער איז געשטאָרבען דעם 16־טן יולי, 1955. אין די רעגיסטערס פון די ווייטערדיגע יאָרען האָט זיין נאָמען געפעלט.

דער צווייטער נאָמען אויף ירמיהו׳ס צעטעל איז געווען דר. אָטאָ אַשענבאַך. אים האָבען די דעטעקטיווס ניט געקענט געפינען אין די רעגיסטראַציעס.

דאַן האָבען נאָכגעפאָלגט די פיר דאָקטוירים, די קרבנות פון „בלויען צייכען״. זיי זענען אַלע געווען רעגיסטרירט לויט זייערע אַדרעסען: זיגפריד ברונער, פריץ גאַבלער, יאָהאַן גרונט און עריך דיטריך.

צווישען די פיר און דעם פינפטען אומגעבראַכטען, דר. מאַקסימיליאַן פאַן־העלער, זענען אויף ירמיהו׳ס צעטעל געווען צוויי אַנדערע נעמען: ריכאַרד דעמערונג און פרידריך האַלבערשטאַם. אויך זיי האָבען די דעטעק־טיווס ניט געפונען אין רעגיסטאַר. דר. פאַן־העלער איז געווען רעגיסטרירט אין אַלע ביכער אַלס „ריטאַיערד״ (אַרויס אויף פענסיע) און זיין אַדרעס איז געווען אָנגעגעבען — דער אַדרעס פון דער פענסיאָן וואו ער האָט געוואוינט.

נאָך אים האָבען די דעטעקטיווס געפונען דעם נאָמען פון דר. קאָנראַד טאַובערג׳ן אין רעגיסטער פון 1955 און 1956. אין 1957 איז דער נאָמען ערשינען אין אַ שוואַרצער רעמעל, עס מיינט אַז דער דאָקטאָר איז געשטאָרבען.

פון די איבעריגע נעמען פון דר. ברענזאָ׳ס צעטעל האָבען די דעטעקטיווס געפונען נאָך פיר רעגיסטרירט. די ערשטע צוויי זיינען געווען דר. אַדאָלף

טילענשלאַג און דר. זיגפריד טרייבער; דר. טילענשלאַג האָט געהאַט זיין אַדרעס אין קאַרלסרוהע. דר. טרייבער האָט געלעבט אין מינכען. די אַנדערע צוויי האָבען געלעבט איינער אין רעגענסבורג, דער צווייטער אין מאַנהיים.

— איך נעם אָן, אַז דער נעקסטער קרבן וועט זיין דר. אַדאָלף טילענשלאַג — האָט ירמיהו געזאָגט — ער איז דער נעקסטער אויפ׳ן צעטעל, און לויט ווי דער מערדער האָט זיך געפירט ביז איצט וועט ער וואַרשיינליך נאָכפאָלגען זיין סיסטעם. נאָך טילענשלאַג׳ן וועט קומען דר. זיגפריד טרייבער׳ס צייט צו שטאַרבען. מיר ווילען זיך דעריבער נעמען צו די צוויי; אַזוי ווי טילענשלאַג איז דער ערשטער, וועל איך צופאָרען קיין קאַרלסרוהע זיך באַקאַנען מיט דער לאַגע דאָרט. דו, סענדער, וועסט זיך מוזען באַקאַנען מיט דר. טרייבער׳ן.

— ווען?

— שוין! איך לייג ניט אָפּ און וועל נאָך היינט אַרויספאָרען.

— האָסט דאָך געזאָגט אַז דו האָסט אַ פּלאַן צו פאַרשפּרייטען אַ נעץ — האָט סענדער באַמערקט.

— דאָס ווילען מיר טאָן אויב מיר ווילען מוזען פאַרנאַרען אבא׳ן. פאַרלויפיג ווייסען מיר דאָך וועד זיינע פיר נעקסטע קרבנות דאַרפען זיין — טאָ לאָמיר צוערשט אָ „טאָפּ טאָן״ אין דעם „דאָזיגען וואָגען״ — האָט ירמיהו ערקלערט — דאָס איז וויכטיגער פון אַלצדינג ווייל מיר קענען אַמאָל פאַרשפעטיגען און קומען נאָך אַלעמען.

— וואָס מיינסטו, „נאָך אַלעמען״? — האָט סענדער געפרעגט.

— איך מיין נאָך דעם זעקסטען מאָרד — האָט ירמיהו געענטפערט.

ירמיהו׳ס פּלאַן איז געווען אַז אין דער צייט ווען ער וועט צופאָרען קיין קאַרלסרוהע זאָל סענדער געהן באַזוכען דעם דאָקטאָר טרייבער וועלכער האָט געוואוינט אויף דער פאָפענהיים שטראַסע.

ירמיהו איז אָפּגעפאָרען קיין קאַרלסרוהע דעם זעלבען נאָכמיטאג. ער האָט אָבער צומאָרגענס צוריקגעקערט קיין מינכען אָן ענטוישטער. דר. טילענשלאַג איז מיט צען טעג פאַר דעם פאַרשוואונדען געוואָרען פון שטאָט. די אַלע מיט וועמען ירמיהו האָט גערעדט, מענשען וועלכע האָבען געקענט דעם דאָקטאָר, זענען געווען שטאַרק דערשיטערט פון דער געשעהניש. זיי האָבען זיך ניט פאַרגעשטעלט אַז דער פיינער דאָקטאָר טילענשלאַג זאָל האָבען געווען „איינער פון יענע״. עס האָט אָבער ניט געקענט זיין קיין צווייפעל דעריך, ווייל דער דאָקטאָר איז פאַרשוואונדען צוזאַמען מיט זיין פרוי און צוויי קינדער. די פּאַניק וואָס איז באַפאַלען די דאָקטוירים מיט

אַ „שוואַרצען געוויסען", ווי די „מינכענער אָוונטבלאַט" האָט זיי באַצייכענט, האָט באַהערשט אויך דר. טילענשלאַג'ן.

✶

סענדער האָט געהאַט אַ גאַנץ אינטערעסאַנטען און אויספירליכען באַריכט וועגען דעם דאָקטאָר זיגפריד טרייבער.

— יאָך האָב זיך געמוזט מאַכען פאַר אַ שטיקעל קאַליקע, אָבער עס איז ווערט געווען — האָט ער ערקלערט ירמיהו'ן מיט אַ שמייכעלע.

אויסהערענדיג דעם באַריכט פון זיין געהילף האָט ירמיהו ניט געקענט באַשליסען וואָס אַזוינס סענדער האָט אין זינען מיט דעם אויסדרוק „עס איז ווערט געווען", צי ער מיינט צו זאָגען אַז עס האָט זיך געלוינט פאַר דער אויספאָרשונג, אָדער צי איז עס ווייל ער האָט זיך באַקאַנט מיט דער שעהנער עוואַ.

דער „עקסידענט" אויף דער פאַפענהיים שטראַסע

דאָס ערשטע וואָס סענדער האָט געטאָן איז געווען צוצופאָרען צו דער פאַפענהיים שטראַסע און דאָרט זיך דורכשפאַצירען לענג־אויס דער גאַס וואו עס האָט זיך געפונען דר. טרייבער'ס הויז.

עס איז געווען אַ דריי־שטאָקיגע געביידע מיט אַ ברייטען אַריינגאַנג. די גאַנצע גאַס איז געווען באַזעצט מיט לינדען ביימער און האָט אויסגעזעהן שעהן, ברייט און ציכטיג. עס האָט זיך געפיהלט אַז אין דער גאַס לעבען די מענשען זעהר רוהיג, זאַט און געמיטליך. כמעט ביי יעדען הויז זענען געשטאַנען צוויי־דריי אָטאָמאָבילען, און די פענסטער פון די הייזער האָבען פאַרמאָגט שווערע פאָרטיערן באַהאַנגען מיט גאָלדענע פרענזען. מען האָט געקענט „דערשמעקען" דעם גערוך פון אייגנזעסענקייט און באַלעבאַטישער סטאַביליטעט וואָס האָט געהערשט אין די דאָזיגע הייזער.

ווי סענדער האָט ערוואַרטעט, האָט דעם דאָקטאָר שילדעל ביים אַריינ־גאַנג צום הויז געמאָלדען אַז די אויפנאַם שטונדען זענען צווישען פיר און זעקס. דאָס האָט געגעבען סענדער'ן גאַנצע דריי שטונדען. דערצו האָט ער באַשלאָסען ניט צו קומען צום דאָקטאָר פון די ערשטע נאָר זיין פון די לעצטע פאַציענטען.

דער יונג האָט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט באַטראַכט די גאַס, דעם אַריינגאַנג צום הויז, די טרעפלעך וואָס האָבען געפירט צום אַריינגאַנג. ער האָט עס אַלץ געטאָן ניט אָפּשטעלענדיג זיך, שפּרייזענדיג מיט געמאָסטענע

טריט גלייך ער זאָל זיין אַ צופעליגער פאַרבייגעהער. ער האָט אָבער בשעת מעשה אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן.

רעדען מיט מענשען פון דער גאַס האָט ניט געטויגט. ער וואָלט מאָמענטאַל ערוועקט אַ פאַרדאַכט געגען זיך. קיין קראָמען אָדער קאַפע־הייזער זענען ניט געווען צו געפינען אויף דער פאַפּענהיים שטראַסע. סענדער איז אַוועק צוריק אין האָטעל, זיך אויסגעצויגען אויפ׳ן בעט און דורכגעטראַכט זיין פּלאַן. ווען דער זייגער האָט געוויזען פיר האָט דער יונג געוואוסט גענוי וואָס ער דאַרף טאָן.

אַרונטערקומענדיג אין לאָבי פון האָטעל האָט ער געטראָפען שמעון ווייס׳ן וועלכער איז אָנגעקומען אים צו זוכען. ירמיהו האָט שוין געהאַט געזעהן שמעונ׳ען און יענער האָט זיך שטאַרק געפרייט מיט׳ן גרוס פון זיין כלה. אָבער זיין גוטע שטימונג האָט אָנגעהאַלטען זעהר קורץ. ער איז ווידער אַריינגעפאַלען אין אַ מעלאַנכאָליע און אז איצט געקומען זוכען זיינע איינציגע פריינט אין דייטשלאַנד פאַר וועמען ער האָט געקענט זיך אַראָפּ־ריידען פון האַרצען.

סענדער האָט פאַרבראַכט מיט אים אַ האַלבע שטונדע טרינקענדיג טיי און שמועסענדיג פון רבקה׳ן — די איינציגע טעמע וואָס האָט אינטערעסירט שמעונ׳ען, אויסער פאַרשטעהט זיך דעם טאָג פון זיין „באַפרייאונג״. ער האָט אויסגעקוקט אויף דעם טאָג ווי אויף משיח׳ן. באַפרייאונג האָט ביי אים געמיינט פּטור צו ווערען פון דייטשלאַנד און קענען צוריקגעהן אַהיים.

סענדער האָט אים אָבער ניט געקענט פאַרזיכערען ווען דער טאָג וועט קומען. „האָב געדולד, שמעון, האָב געדולד״ — דאָס איז געווען אַלץ וואָס שמעון האָט געהערט די גאַנצע צייט פון זיינע פריינט.

— גלויב מיר אַז איך בין פּונקט אַזוי פאַראינטערעסירט ווי דו צו קענען פאָרען אַהיים — האָט סענדער געזאָגט — איך האָב געדולד, מוזט אויך האָבען. און וואָס אָנבאַלאַנגט רעדען מיט דער פּאָליציי דערפון, איז עס אויסגעשלאָסען. דר. וועלינגער וועט ניט צושטימען דו זאָלסט אפּפאָרען און איך קען אים פאַרשטעהן. ווי לאַנג מען געפינט ניט דעם שולדיגען מוזט דאָ בלייבען. עס איז אונז געוויס שווער אָנגעקומען דיך אַרויסצונעמען פון אַרעסט. דאַנק גאָט דערפאַר!

סענדער האָט געפיהלט אַ שטאַרקען מיטלייד צום יונגען מאַן אָבער ער האָט זיך אָפּגעהאַלטען פון דערמאָנען אַז ער האָט איצט אַ האָפענונג, אַז עס וועט שוין ניט דויערען צו לאַנג ; מען האָט דאָ געמוזט זיין זעהר פאַר־

זיכטיג און אַפילו ניט אָנדייטען אויף דער נייער ווענדונג מיט וועלכער די אויספאָרשונג האָט זיך פאַרנומען.

ער האָט אָפּגערעדט מיט שמעונ׳ען צו טרעפען זיך נאָך אָווענטברויט אין אַ קאַפע הויז. טראָץ דעם וואָס סענדער האָט געהאַט אַן אויסגעאַרבעטען פּלאַן, האָט ער אַפילו ניט פאַרדעכטיגט אין יענעם מאָמענט אַז ער וועט שמעונ׳ען יענעם אָווענט ניט קענען זעהן.

ווען סענדער איז אָנגעקומען צו דער פּאַפּענהיים שטראַסע איז שוין געווען עטליכע מינוטען נאָך פינף. עס איז געווען אַ וואַרימער נאָכמיטאָג, די זון האָט געוואָרפען אירע לעצטע שטראַלען באַגילדענדיג די שפּיצען פון די בוימער. סענדער איז געגאַנגען אַהן אַ הוט און אַהן אַ מאַנטעל, האָט לאַנגזאַם שפּאַצירט לענגאויס דער גאַס. ווען ער איז צוגעקומען צוויי הייזער ווייט פון דר. טרייבער׳ס הויז, האָט ער אַרויסגענומען די האַנט פון קעשענע און אַראָפּגעוואָרפען עפּעס אויף דעם טראָטואַר.

עס איז געווען אַ שאָלעכץ פון אַ באַנאַנע, וואָס איז געפאַלען לעבען אַ בוים אַרומגעצאַמט מיט אַ פאַרקאַנדעל פון אייזערנע שטאַכעטען, ווי כמעט אַלע בוימער אין גאַס.

פּלוצים האָט סענדער זיך „אויסגעגליטשט" און געטאָן אַ פאַל אָנקלאַפּענדיג דעם פוס אין די אייזענס. ער האָט שוין געהאַט פון פריער איינגעשניטען דעם הויז איבער׳ן לינקען קני און ער האָט איצט שנעל אַריינגערוקט די פינגער אין שניט און געטאָן אַ ריס אויף דעם געוואַנט. פאַרקלעמענדיג די ציין האָט ער אַ זעץ געטאָן מיט דעם קני דעם אייזערנעם שטאַכעט און דערביי אָפּגעריבען די הויט אַרום קני. עס האָט היבשליך וועה געטאָן און סענדער׳ס פּנים האָט זיך אויסגעקרימט ניט אין קיין אָנשטעל.

די וואונד אויסגעשמירט אַרום און אַרום מיט׳ן זשאַווער פון אייזען איז מאָמענטאַל פאַרבלוטיגט געוואָרען. אַ פּרוי איז געווען די ערשטע אַריבער־צולויפען פון דער צווייטער זייט גאַס צו העלפען דעם געפאַלענעם. אַ יונגער מאַן האָט גענומען לויפען פון עק גאַס.

סענדער האָט געקרעכצט פון צווישען די פאַרקלעמטע ציין. ער האָט געמאַכט אַ פאַרזוך זיך אונטערצוהויבען און ניט געקענט.

— אַזאַ שווייַנעריי! — האָט די פּרוי אויסגערופען צייגענדיג מיט׳ן פינגער אויף דער באַנאַנע־שאָלעכץ — וואַרפען שאָלעכץ אין גאַס. מען קען צוברעכען האַלז און נאַקען! דער הער איז אַרויפגעטראָטען אויפ׳ן שאָלעכץ; איך האָף נאָר אַז ער האָט ניט צובראָכען קיין ביין.

— לאָמיר אייך צוהעלפֿן — האָט דער יונגערמאַן אויסגערופֿן אָננעמענדיק סענדער׳ן אונטער די אָרעמס.

מיט גרויס מיה און קרעכצענדיק פֿון די „שרעקליכע שמערצען" איז סענדער אויפֿגעשטאַנען מיט דער הילף פֿון יונגען מאַן. אַן עלטערער מאַן מיט אַ בערעט אויפֿ׳ן קאָפּ, האָט זיך אָפּגעשטעלט און דערזעהענדיק די צובלוטיקטע קני האָבען זיינע גרויע וואָנצעס זיך גענומען באַוועגען ווי ביי אַ מייזעלע.

— אַך, מיין ליבער גאָט! מען מוז שנעלע הילף האָבען! — האָט ער אויסגערופֿען — דאָ געפֿינט זיך אַ דאָקטאָר. נעמט אים שוין צום דאָקטאָר! דער זשאַווער איז גיפֿט. מען קען פֿאַרלירען דעם לעבען פֿון אַזאַ אינפֿעקציע. שנעל צום דאָקטאָר!

ער האָט גערעדט צום יונגען מאַן וועלכער האָט אונטערגעהאַלטען סענדער׳ן. ער האָט גענומען לויפֿען פֿאָרויס און דער יונגערמאַן האָט געהאָלפֿען דעם שווער הינקענדיגען סענדער זיך צו רוקען פֿאָרויס מיט גרויס מיה און אָנשטרענגונג. עס האָט אויסגעזעהן אַז סענדער קען ניט טרעטען אויפֿ׳ן לינקען פֿוס וועלכען ער האָט נאָכגעשלעפּט.

די פֿרוי האָט אויפֿגעהויבען דעם שאָלעכץ פֿון דער באַנאַנע און עס נאָכגעטראָגען האַלטענדיג עס מיט די שפּיצען פֿון צוויי פֿינגער ווי עפּעס אַ שרץ פֿון וועלכען עס עקעלט איר. און אַזוי האָט די פּראָצעסיע זיך צוגעשלעפּט ביז צום אָפֿיס פֿון דר. טרייבער וואו אַ הויכע, שלאַנקע קראַנקען שוועסטער אָנגעטאָן אין אַ זויבערן ווייסען יוניפֿאָרם האָט זיי אויפֿגענומען מיט שטוינונג.

זי האָט אָבער באַלד באַמערקט די וואונד, האָט שנעל אָרויסגעפּטר׳ט די צוויי מענער מיט דער פֿרוי הייסענדיג איר מיטנעמען די באַנאַנע שאָלעכץ. „ער וועט זיין פֿיין, פֿיין, זאָרגט זיך ניט! איר קענט געהן!" האָט זי זיי העפֿליך אָבער אַנטשלאָסען געמאַכט געהן צום טיר.

אין וואַרטע צימער זענען געזעסען פּאַציענטען, אַ מיטעליעריגער מאַן און אַ יונגע פֿרוי פֿון וועלכער עס האָט זיך געטראָגען אַ זיסער דופֿט פֿון פּערפֿיום. די קראַנקען שוועסטער האָט אַריינגענומען סענדער׳ן אין אַ זייטיגען צימער וואו עס איז געשטאַנען אַ טיש, אַ וואַג־שאַל און אַ גרויסער גלעזערנער שראַנק מיט פֿלעשלעך, אינסטרומענטען און איינשפּריצונגס נאָדלען.

— דער דאָקטאָר האָט איצט אַ פּאַציענט און מען טאָר אים ניט שטערן — האָט זי געזאָגט צו סענדער׳ן, פֿירענדיג אים מיט אַ צאַרטען אָבער פֿעסטען

אַרעם אַרום זיין טאַליע — זעצט זיך צו, איך וועל אַרומוואַשען די וואונד און דאַן וועט דער דאָקטאָר אייך באַטראַכטען. ווי אַזוי איז עס געשעהן?

— אַ באַנאַנע־שאָלעכץ אויפ'ן טראָטואַר. זיך אויסגעגליטשט — האָט ער געזאָגט.

— איך מיין ווי זענט איר געפאַלען? איז דער פוס געווען אונטער'ן קערפּער?

— ניין.

— מיר'ן באַלד זעהן — האָט זי אויסגערופען איינטונקענדיג אַ שטיק וואַטע אין אַ פליסיגקייט. זי האָט פאָרזיכטיג פאַרשאַרט דעם הויז ביז איבער'ן קני און גענומען אַרומוואַשען די וואונד. די פליסיגקייט האָט אַ ברי געטאָן ווי פייער און סענדער האָט זיך פאַרקרימט.

— איר האָט שעהנע קנאָכען (פיס)! — האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכעל — איך האָף אַז איר האָט ניט קיין ברוך. — טוט דאָ וועה? — האָט זי אָנגעדריקט אַרום קני.

סענדער האָט אַ צעפּעל געטאָן. ער האָט ניט געפיהלט קיין וועהטאָג אָבער ער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל אַז די קני איז שטאַרק באַשעדיגט.

— עס איז מעגליך אַן אויסגעלינקטער מוסקול, דער דאָקטאָר וועט שוין וויסען — האָט זי גערעדט פאַרענדיגענדיג אַרומצווואַשען די וואונד. זי האָט דאַן צוגעלייגט אַ זאַלב, אַרויפגעלייגט אַ שטיק מאַרלע און עס צוגעדריקט מיט אַ פּלאַסטער.

— איך וועל אויסמאַכען אַ קאַרטעל פאַר דעם דאָקטאָר — האָט זי געזאָגט, זיך צוגעזעצט צום דעסק און גענומען אויספרעגען ביי אים זיין נאָמען, עלטער און אַדרעס.

ער האָט זי באַטראַכט מיט אינטערעס. זי האָט פאַרמאָגט טיף בלויע אויגען און אידע בלאָנדע לאָקען זענען געווען נעט פאַררוקט אונטער'ן ווייסען טשיפּיק וואָס איז געווען צוגעקלאַמערט מיט צוויי געלע האָר נאָדלען צו דער פריזור.

זי האָט זיך געהאַלטען זעהר געשעפטסמעסיג, אָבער סענדער האָט געפיהלט אין איר בליק אַ נייגעריגקייט צו אים. איר באַרירונג איז געווען אַ צאַרטע און אָנגענעמע און ער האָט אויך געפיהלט אַז די באַמערקונג וועגען זיינע „שעהנע קנאָכען" האָט זיך אַרויסגעכאַפּט ביי איר גאַנץ אומגערן.

ער האָט איר אָנגעגעבען זיין נאָמען און אַדרעס אין מינכען אויפ־קלערענדיג אַז ער קומט פון רוים און איז אַן אימפּאָרטער פון מאַשינען.

— רוים איז אַ וואונדערשעהנע שטאָט, ניט אמת? — האָט זי געפרעגט.
— די שעהנסטע אין דער וועלט. זענט איר דאָרט געווען?
זי האָט אַ ציה געטאָן מיט די אַקסלען.
— איך בין קיינמאָל ניט אַרויסגעפאָרען פון באַוואַריע — האָט זי געענטפערט — איך בין וואָס מען רופט אַ קליינשטעטעלדיגע.
— איר זעהט אָבער אויס ווי אַ האָליוואודער סטאַר — האָט ער באַמערקט.
זי האָט זיך פאַררויטעלט.
— אַ דאַנק פאַר׳ן קאָמפּלימענט. ענטשולדיגט! — איז זי אויפגעשטאַנען זעהר האַסטיג און גענומען איילען צום טיר — איך וועל באַלד צוריקקומען.
דורך דער אָפענער טיר האָט סענדער געזעהן אַן אַלטען מאַן פאַרלאָזענדיג דעם דאָקטאָר׳ס קאַבינעט. די יונגע פרוי האָט זיך אויפגעשטעלט און די קראַנקען שוועסטער האָט זי אַריינגעפירט צום דאָקטאָר און באַלד זיך צוריקגעקערט.
— עס איז דאָך ניט אַזוי דרינגענד איר זאָלט מוזען זעהן דעם דאָקטאָר מאָמענטאַל? — האָט זי געפרעגט — איר וועט וואַרטען אויף אייער רייע. זענט איר איינשטימיג צו וואַרטען?
ער האָט זי אַנגעקוקט און געשמייכעלט.
— עס טוט וועה, אָבער איך וואָלט ניט ווערט געווען צו זיין אַ מאַנסביל אויב איך וואָלט צוליב דעם וועהטאָג זיך אַנטזאָגט פון אַזאַ ליבער געזעלשאַפט, פריילין...
— ראַינער, עווא ראַינער איז מיין נאָמען.

דער בייזער דאָקטאָר

די פרוי האָט זיך פאַרזאָמט אין דאָקטאָר׳ס צימער אַרום צוואַנציג מינוט און נאָך איר איז דאָרט אַריין דער מאַן אויף אַ פערטעל שטונדע. סענדער איז געווען דער לעצטער פאַציענט יענעם טאָג.
אין דער צייט וואָס ער האָט געוואַרט אויף זיין רייע האָט ער געהאָט די געלעגענהייט צו שמועסן מיט עוואַ׳ן וועלכע האָט אים די גאַנצע צייט געהאַלטען אין באַזונדערען צימער. ער איז געזעסען מיט דעם אַרויפגעשאַרטען הויז און מיט עוואַ׳ס ערלויבניש האָט ער געראויכערט אַ סיגאַרעט. זי האָט זיך ענטזאָגט צו רויכערען בשעת דער אַרבעט. „דאָקטאָר טרייבער וואָלט עס ניט געדולדעט״, האָט זי אים ערקלערט.
פון צייט צו צייט פלעגט ער פאַמעליך באַרירען די פאַרוואונדערטע קני

און זיך פֿאַרקרימען פֿון וועהטאָג. עוואַ האָט אים געגעבן אַרונטערצושלינגען אַ פּיל כּדי איינצושטילן דעם וועהטאָג און זי האָט צוויי מאָל אָפּגעדעקט די וואונד און באַטאַפּט די קני.

— אייער באַרירונג לינדערט דעם וועהטאָג בעסער ווי אַ פּיל — האָט סענדער געזאָגט — איר האָט אַזעלכע צאַרטע פֿינגער... איז אייער האַרץ אויך אַזוי צאַרט?

— אַ קראַנקען־שוועסטער מוז האָבן אַ צאַרט האַרץ, ווען ניט וואָלט זי ניט אויסגעקליבן דעם פֿאַך — האָט עוואַ געענטפֿערט.

זי האָט אים אויסגעפֿרעגט וועגן רוים. דאָ ניט לאַנג צוריק האָט זי געהאַט געזעהן אַ פֿילם וועגן רוים און זי האָט געוואָלט וויסן ווי וואַרים עס איז דאָרט ווינטערצייט און צי עס וואַקסן אין רוים פּאַלמען בוימער.

— איך האָב געלייענט אַז אין איין פּלאַץ, ביים וואַטיקאַן, קענען זיך פֿאַרזאַמלען הונדערט טויזענט מענשען — האָט זי געזאָגט — איך קען זיך עס קוים פֿאָרשטעלן. עס מוז זיין גרויס ווי אַ שטאָט. ביי אונז זענען ניטאָ אַזעלכע גרויסע פּלעצער. אויך אין פּאַריז איז אַלץ אַזוי גרוים און ריזיג גרויס. דייטשען זענען ווייזט אויס שפּאָרזאַמער פֿון פֿראַנצויזען אָדער איטאַליענער. זיי זשאַלעווען איבערצולאָזן לעדיגע פּלעצער.

ער האָט געפֿרעגט ביי איר פֿאַרוואָס זי איז קיינמאָל ניט אַרויסגעפֿאָרען פֿון באַוואַריע. זי האָט געצוקט מיט די אַקסלען.

— איך ווייס ניט... עס האָט מיך קיינמאָל ניט געצויגען אין ערגעץ אויסער אין די בערג. איך האָב ליב די בערג און זיך גליטשען אויף סקי... ערשט לעצטענס האָב איך גענומען טראַכטען פֿון אַנדערע שטעט. דערצו בין איך יונג, געדאַרפֿט לערנען, ענדיגען שטודירען און איצט אַרבעט איך שוין דאָס דריטע יאָר. דעם זומער וועל איך שוין מאַכען אַ רייזע.

— וואוהין?

— אין דער שווייץ.

— צו די בערג?

— בערג און אויך שטעט. איך בין אַ גוטע שווימערין אויך און וועל זיך באָדען.

— קומט קיין איטאַליע. דער מיטעללענדישער ים וועט אייך געפֿעלען ווערען. ער פֿאַרמאָגט די בלויקייט פֿון אייערע אויגען.

זי האָט זיך ווידעראַמאָל פֿאַררויטעלט און פּלוצים אַ פֿרעג געטאָן:

— ווי קומט עס איר זענט ניט פֿאַרהייראַט?

ער האָט זיך צוגעבויגען נעהנטער צו איר און געענטפֿערט:

— ווייל הייראַטען אַ פרוי וועלכע איך האָב ניט ליב וויל איך ניט. און אויב איך פאַרליב זיך אין אַ פרוי איז זי מיר צו־טייער איך זאָל איר געבען אַזאַ מאַן ווי איך. איך בין ניט ווערט קיין גוטע פרוי.

— ניט ווערט? פאַרוואָס?

— איך וועל זיין אַ שלעכטער מאַן... צו הייס־בלוטיג. ס׳טויג ניט. אַט אַזאַ ווי איר, מען קען זיך פאַרליבען אין אייך ביז משוגעת, אָבער איר פאַרדינט אַ גוטען מאַן... עווא, ווי קומט עס וואָס אַזאַ שעהנע און גראַטענע ווי איר זענט, איז ניט אויסגעכאַפּט געוואָרען ביז איצט? וואָס האָט פּאַסירט מיט די יונגען פון מינכען? זענען זיי בלינד?

זי האָט גענומען שמייכלען.

— איך בין אַן איבערקלייבערין — האָט זי געזאָגט.

ער האָט זיך געטאָן אַ שאַר אויפ׳ן שטול און זיך פאַרקרימט פון כלומר׳שט וועהטאָג.

— איך זעה ניט ווי איך וועל קומען אין האָטעל — האָט ער באַמערקט — עס ווערט ערגער און די פּיל האָט קנאַפּ געהאָלפען.

— איך וועל אייך קריגען אַ טעקסי, זאָרגט ניט — האָט עווא געזאָגט.

זי האָט געאײַלט צום פאַרצימער ווייל זי האָט דערהערט ווי די טיר פון דאָקטאָר׳ס קאַבינעט האָט זיך געעפענט. אַזוי שנעל ווי זי האָט אַרויסגע׳פּטר׳ט דעם פּאַציענט האָט זי געאײַלט צו סענדער׳ן, אים געהאָלפען זיך אויפשטעלען און ער האָט, אָנשפּאַרענדיג זיך אויף איר אַקסעל, גענומען פּאַמעליך הינקען צום דאָקטאָר׳ס צימער.

*

דאָקטאָר זיגפריד טרייבער איז געווען אַ מאַן פון עטליכע און זעכציג, מיט אַ גרויסען פּליך, קליינע שפּיציגע אויגען וואָס האָבען שאַרף אַרויס־געקוקט דורך די אַלטמאָדישע פּענסנע־ברילען. ער האָט געהאַט שוואַרצע ברעמען און גרויע וואָנצעס מיט אַ קליינעם גרויען וועדן־דאַיק (קמץ) בערדעלע וואָס האָט געמאַכט זיין לאַנגען פּנים אויסזעהן נאָך לענגער.

סענדער האָט זיך געפיהלט זעהר אומהיימליך אין דאָקטאָר׳ס אנוועזענ־הייט. עס איז ניט געווען דער געדאַנק אַז אָט דער פּאַרשוין האָט אָפּגעטאָן אַזויפיל ברוטאַלע טאַטען אין נאָמען פון דער וויסענשאַפט, אומברענגענדיג טויזענטער מענשען אין שרעקליכע יסורים. סענדער האָט געוואוסט די געשיכטע פון דר. טרייבער׳ן אין די מלחמה־יאָרען און ער האָט געפיהלט צו אים מעהר פאַראַכטונג ווי האַס.

אָבער דער אומהיימליכער געפיהל איז געקומען פון דעם דאָקטאָר׳ס

אויסזעהן. ער איז געווען אַ דאַרער, מיטעלוואוקסיגער פאַרשוין, אַנגעטאָן אין אַן אַלטמאָדישען שטייפען קראַגען וואָס ווערט צוגעקלאַמערט צום העמד. זיין געזיכט איז געווען לאַנג מיט אַרויסשטאַרצענדע באַקען ביינער און אַ ביינערדיגע קיהן, דינע ליפען און גרויסע אָפּשטאַרצענדע אויערן. זיינע הענט זענען געווען לאַנגע און די פינגער קאַלטע און ביינערדיגע. זייער באַרירונג האָט זיך געפיהלט ווי דער קלעם פון קאַלטען שטאָל.

עוואַ האָט אָװעקגעלייגט די אויסגעפילטע קאַרטעל פאַר׳ן דאָקטאָר אויפ׳ן טיש און האָט אים ערקלערט אין קורצען וואָס עס האָט פּאַסירט און ווי מען האָט דעם פּאַציענט אַריינגעבראַכט נאָך הילף.

דער דאָקטאָר איז צוגעקומען צו סענדער׳ן, האָט אָנגענומען דעם פוס און אַראָפּגעריסען דעם באַנדאַזש. ער האָט אָנגעטאַפּט די קני פאַרקלעמענדיג דעם ביין מיט אַלע פינף פינגער. סענדער האָט אויפגעצאַפּעלט.

— ווי לאַנג וואַרט איר שוין? — האָט דער דאָקטאָר געפרעגט.

— אַרום אַ שטונדע.

— אַ שטונדע? פריילין ראַינער! וואָס האָט איר געטאָן אין פאַרלויף פון דער צייט? פאַרוואָס האָט איר ניט צוגעלייגט קיין קאַלטען קאָמפּרעס?

עוואַ איז געוואָרען רויט און האָט גענומען שטאַמלען.

— דאָס איז אומדערהערט!! וואָס האָט מען אייך געלערענט אין שוהלע? עס איז ניט פאַרגעבליך! זעהט איר ניט אַז עס ווערט געשוואָלען?

עוואַ׳ס אויגען האָבען זיך אָנגעפילט מיט טרערען און זי האָט ערוועקט מיטלייד ביי סענדער׳ן. ער האָט זיך באַמיהט אויפצוכאַפּען איר בליק, כדי זי צו דערמוטיגען, אָבער זי האָט אָוועקגעקוקט פון אים.

דער דאָקטאָר האָט געהייסען סענדער׳ן זיך אויפשטעלען, איינבויגען די קני. סענדער האָט עס ניט געקענט טאָן „פון וועהטאָג״.

— עס זעהט אויס ווי אַ צעריסענער „ליגאַמענט״ (מוסקול באַנד) — האָט דער דאָקטאָר באַשלאָסען. ער האָט געהייסען סענדער׳ן אויסרוהען דעם פוס אַ טאָג צייט, לייגען קאַלטע קאָמפּרעסען און אויב עס וועט ניט בעסער ווערען אים צוזוויסען טאָן. ער האָט דאַן באַפוילען עוואַ׳ן זי זאָל שטייף פאַרבאַנדאַזשירען די קני און האָט זיך געהייסען באַצאָלען פינף און צוואַנציג מאַרק.

סענדער האָט זיך געוואונדערט ווי אַזוי אַזאַ טרוקענער, בייזער מענש, אָהן דער מינדסטער וואַרימקייט אין זיך, קען האָבען פּאַציענטען. ער איז געווען אָפּשטויסענד, קאַלט און פאַרמעל, האָט ניט גערעדט צום פּאַציענט נאָר אַרויסגעגעבען שטרענגע באַפעהלען. ער איז אפשר געווען אַ גוטער

מעדיקער, אָבער סענדער האָט געצווייפּעלט אַפילו דערין; ווייל אויב די סוגעסטיע פון דעם אויסזעהן פון דער וואונד און פון סענדער׳ס אָנשטעל האָבען אים געקענט באַווירקען צו נעמען זעהן אַ געשווילעכץ וואָס האָט ניט עקזיסטירט, האָט ער ניט געקענט זיין אַן אָבסערווירענדער מענש, און אין מעדיצין אזי אָבסערוואַציע זעהר וויכטיג...

סענדער האָט באַצאָלט דעם דאָקטאָר וואונדערענדיג זיך וואָס ער אַליין נעמט דאָס געלט אָנשטאָט עווא זאָל עס טאָן. דער דאָקטאָר האָט אים דערלאַנגט אַן אויסגעשריבענעם רעצעפּט צו באַשטעלען אין אַפּטייק.

— דאָס וועט איינשטילען דעם וועהטאָג איר זאָלט קענען שלאָפען — האָט ער געזאָגט און צוגעבענדיג „גוטען אָווענט" האָט ער זיך אויסגעדרעהט און איז מיט שנעלע טריט אַרויס פון צימער.

— איך וועל אייך קריגען אַ טעקסי, הער פּאָלאַני — האָט עווא אַרויס־געזאָגט אין דער שטיל.

סענדער האָט זי אָנגעקוקט, איז מיט שווערינקייט צוגעגאַנגען צו איר און אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף איר אַקסעל.

— עווא, נעמט זיך ניט צום האַרצען... ער איז אַ גראָביאַן און אַ שלעכטער מענש! אַזעלכע ווי ער דאַרפען ניט געבוירען ווערען. די וועלט וואָלט געווען אַ בעסערע אָהן זיי.

ער האָט עס געזאָגט מיט אַ טיפער אויפריכטיגקייט וואָס האָט זי שטאַרק גערירט.

— אַ דאַנק... קומט איך וועל אייך העלפען — האָט זי געזאָגט אַרויפ־לייגענדיג זיין אָרעם אויף איר אַקסעל און אַרומנעמענדיג זיין טאַליע — איר וועט זיך צוזעצען אין וואַרטע צימער ביז איך וועל אַרויסרופען די טעקסי...

— עווא, איר געהט דען ניט אַהיים איצט? — האָט ער געפרעגט.

— יא, איך געה. איך וואוין ניט ווייט.

— קומט מיט מיר... העלפט מיר. איך וועל זיך נאָר איבערטאָן אין האָטעל וועלען מיר עסען אָווענטברויט צוזאַמען. איך וועל ניט דאַרפען וויט געהן, מיר האָבען אַ גוטען רעסטאָראַן אין האָטעל.

זי איז געבליבען שטעהן. ער האָט אַרויסגעלייענט פון איר בליק איר וואַקלעניש און אומענטשלאָסענהייט.

— איר דאַרפט ליגען מיט קאַלטע קאָמפּרעסען...

— ס׳מאַכט ניט, איך וועל עס טאָן אַזוי שנעל ווי מיר וועלען אָפּעסען... איך בעט אייך, קומט מיט מיר. איך וועל זעהר ליידען אויב איך זאָל זיך

די מינוט שיידען פון אייך און אייך איבערלאָזען אין אַט דער שרעקליכער שטימונג וואָס דער דאָקטאָר האָט געשאַפען.

זי האָט זיך אַ ווײַלע געקווענקעלט און דאַן אַ שאָקעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ.

— גוט! איך וועל מיטקומען! — האָט זי אויסגערופען.

סענדער דערוויסט זיך אינטערעסאַנטע אייַנצעלהייטען

זי האָט באַשטעלט דורכ׳ן טעלעפאָן אַ טעקסי און האָט זיך ענטשולדיגט, בעטענדיג סענדער׳ן ער זאָל צוואַרטען אויף איר. זי איז אַרויס פון וואַרטע צימער און אין געציילטע מינוטען אַרום איז זי צוריק ערשינען אָהן איר ווייסען יוניפאָרם און טשיפּיק.

זי האָט איצט אויסגעזעהן העכער ווי פריער, מעגליך צוליב די שיך מיט די הויכע קנאַפּלען. אירע בלאָנדע לאָקען זענען געווען צוגעקעמט, זי האָט באַפרישט די ליפען מיט פאַרב און איר גאַנצער פּנים האָט אויסגעזעהן אַנדערש ווי פריער.

אַרויפוואַרפענדיג אַ לייכטען מאַנטעל איבער זיך האָט זי געהאָלפען סענדער׳ן אַרויסגעהן, האָט פאַרשלאָסען די טיר און זיי זענען אַרונטער פון די דריי טרעפּלעך צום טראָטואַר וואו די טעקסי האָט שוין געוואַרט אויף זיי. עוואַ האָט זיך באַמיהט צו געהן זעהר נאָהענט ביי סענדער׳ס זייט כדי צו פאַרשטעלען דעם ריס אין קני פון זיינע הויזען.

— איר האָט ניט אָפּגערופען אייער הויז צו לאָזען וויסען אַז איר קומט ניט אַהיים אין צייט — האָט סענדער באַמערקט ווען די טעקסי האָט גענומען פאָרען.

— זאָרגט זיך ניט! — האָט זי אוסגערופען אַרויפלייגענדיג איר האַנט אויף זיינער — איך האָב היינט ניט געדאַרפט קומען אַהיים פרי. איך האָב אַ ראנדעוואו אויף היינט אָווענט.

ער האָט זי אָנגעקוקט מיט פאַרוואונדערונג.

— מיט אַ בחור?

זי האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ.

— טאָ וואָס איצט זיין? ער וועט דאָך וואַרטען אויף אייך.

— זאָל ער וואַרטען. מיר אַרט עס ניט... ער איז פון דעם סאָרט מענשען וואָס וועט לאַנג ניט וואַרטען. אויב איך וועל פאַרשפעטיגען אויף פופצען מינוט וועט ער סיי ווי סיי אַוועקגעהן אַ ברוגזער. ער האָט עס מיר שוין איינמאָל אַזוי אָפּגעטאָן.

סענדער האָט געפּיהלט אין איר שטימע אַ טאָן פון פאַרביטערונג און האָט באַשלאָסען מער ניט צו ריידען דערפון. אָבער עוואַ האָט ווייזט אויס געפּיהלט אַ דראַנג זיך אַראָפּריידען פון האַרצען. זי איז איצט מער ניט געווען די קראַנקען־שוועסטער נאָר אַ באַקאַנטע, און זי האָט פאַרלאָרען איר גאַנצע געצוימטקייט פון פריער.

— איך בין שוין לאַנג גערן איבערצורייסען מיט אים — האָט זי פאַרט־געזעצט — ער איז מיר ניט צום האַרצען. אַנפאַנגס איז ער מיר געפעלען געוואָרען, האָט מיך צוגעצויגען מיט זיין אויסזעהן, מיט זיין ריידען, מיט זיינע פיינע מאַנירען. ער מאַכט אַזאַ אַריסטאָקראַטישען איינדרוק. ער האָט אויך געלט און איז ניט קאַרג. אָבער ווען איך האָב אים דערקענט נעהענטער, אינטימער, איז ער געוואָרען צייטענווייז אָפּשטויסענד. ער פאַרמאָגט ניט קיין איידעלקייט. זיין כאַראַקטער איז נאָר צוציהענד פון אויבען אויף, פון דרויסען. ער האָט גענומען אַראָפּקוקען אויף מיר ווי אויף עפּעס וואָס באַלאַנגט צו אים, ווי אַ פאַר שטיוועל צי אַ הונט. ער מאַכט מיר פיהלען גלייך איך בין אַלעמאָל עפּעס שולדיג און ער ערוואַרטעט פּינקטליכע געהאָרכזאַמ־קייט ווי פון אַ קנעכט... מיין גאָט! צי וואָס דערצעהל איך אייך דאָס אַלעס? מיר קענען זיך קוים אַ שטונדע צייט... איך קען ניט צוימען מיין צונג...

סענדער האָט זי אַרומגענומען און צוגעצויגען צו זיך. איר אַקסעל האָט איצט באַריהרט זיינעם.

— עס איז ניט אייער צונג, עוואַ. עס זענען אייערע געפּיהלען, אייער פאַרביטערונג און דער פּראָטעסט וואָס האָבען זיך אַנגעזאַמעלט אין אייער האַרץ. זיי רייסען זיך אַרויס פון אייך... פּיהלט זיך ניט שולדיג אָדער שלעכט איבער דעם. עס איז אַ נאַטירליכער דראַנג זיך אַראָפּצוריידען פון האַרצען, ווייל אויב מען טוט עס ניט קען דאָס האַרץ פּלאַצען.

ער האָט באַמערקט ווי אירע אויגען פילען זיך אָן מיט טרערען.

— איר האָט עס אַזוי ריכטיג באַצייכענט... ס'איז טאַקע אַזוי... איך בין פאַרביטערט... אָבער לאָמיר ניט רעדען דערפון מער. אָט קומען מיר צו אייער האָטעל. לאָזט מיר פאַרריכטען אייערע הויזען מען זאָל ניט אָנזעהן די לאָך אין קני.

זי האָט אַרויסגענומען אַ זיכער־שפּילקע פון האַנט־בייטעל און האָט זיך גענומען פאַרען ביי זיין קני. סענדער האָט באַצאָלט דעם טעקסי־דראַייווער און איז מיט „שווערקייט" אויסגעשטיגען פון קאַר מיט דער הילף פון עוואַ'ן.

זי איז אַרויף מיט אים צו זיין צימער און ער האָט זי געבעטען צוזאַ־

וואַרטען ביז ער וועט זיך מאַכען גרייט. ער איז אַריין אין באַדע־צימער, האָט זיך שנעל איבערגעטאָן און איז צוריק ערשינען אין צימער.

די קני האָט אים איצט אַביסעל וועה געטאָן אויף אַן אמת. די צוקראַצטע הויט און דער שטייפער באַנדאַזש האָבען אים געמאַכט פיהלען ניט זעהר באַקוועם.

עוואַ האָט געמאַכט נאָך איינמאָל אַ פּאַרזוך אים איינצורײידען ער זאָל בלייבען אין צימער און טאָן וואָס דער דאָקטאָר האָט באַפוילען, אָבער ער האָט זיך אַנטזאָגט.

— איך וועל בלייבען לעבען, זאָרגט זיך ניט. לאָמיר אַרונטערגעהן אין רעסטאָראַן און עפּעס עסען. איך בין טויט הונגעריג.

— איך אויך! — האָט זי אויסגערופען און עס איז געווען קענטיג אַז זי איז שטאַרק צופרידען פון זיין פאָרשלאַג.

✶

עוואַ איז געווען אַ טיפּישע פרוי. סענדער איז שנעל געקומען צום באַשלוס אַז זי איז מער ווי דאָס. זי איז אַ טיפּישע דייטשע פרוי.

זי איז געווע געהאָרכזאַם, גרייט צו נעמען באַפעלען פון אַ מאַן. זי איז ניט געווען צו קלוג, כאָטש זי האָט פאַרמאָגט אַ היבשע מאָס פון אינטעליגענץ. דערצו האָט זי באמת ניט געקענט צוימען איר צונג און האָט פאַרמאָגט, ווי מען זאָגט עס, ביין מאָס רייד. וואָס לענגער זיי האָבען פאַרבראַכט צוזאַמען, אַלץ צוגעלאָזענער און באַרעדעוודיגער איז זי געוואָרען, און דאָס האָט זיך געלאָזט נאָך מער פיהלען נאָכדעם ווי זי האָט אויסגעטרונקען אַ גלעזעל וויין.

ווען דער קעלנער האָט סערווירט די פלייש האָט סענדער באַשלאָסען אַז עס איז געקומען די צייט צוצוטרעטען צום ענין וואָס האָט אים אינטערעסירט. ער האָט אַרויפגעפירט דעם געשפרעך אויף איר אַרבעט און אויף דאָקטאָר זיגפריד טרייבער.

עוואַ האָט זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטען און סענדער האָט זיך שנעל דערוואוסט אַלע איינצעלהייטען וואָס האָבען אים אינטערעסירט.

דר. טרייבער׳ן האָט עווא געקענט דריי יאָר זינט זי איז אַנגעקומען אַרבעטען ביי אים. אירע שטונדען זענען פון ניין ביז צוועלף און פון צוויי ביז זעקס, אַלע טאָג אויסער זונטאג.

דר. טרייבער לעבט אין זעלבען הויז וואו ער פראַקטיצירט. די הויז געהערט צו אים. ער באַוואוינט ניין צימערען אויף דעם אונטערשטען פלאָר. זיין פרוי איז שוין פיר יאָר פּאַראַליזירט און מען מוז זי אַרומפירען אויף

אַ שטול מיט רעדלעך. ער האָלט אַ ספּעציעלע דינסט צו איר. אויסער דער דינסט וועלכע רוימט און קאָכט. זיין מוטער, וועלכע איז אַכט און אַכציג יאָר אַלט, לעבט מיט זיי אין הויז, האָט צוויי צימערן פאַר זיך און זי איז זשוואַווע, באַוועגליך און פירט די באַלעבאַטישקייט מיט אַ פעסטער האַנט. „די אַלטע לייענט אַ צייטונג אָהן ברילען", האָט עווא דערצעהלט מיט ענטציקונג, כאָטש זי האָט ניט באַהאַלטען פון סענדער'ן אַז זי האָט ניט ליב די אַלטע צוליב איר שטרענגקייט און בייזען כאַראַקטער.

„דעם ווינטער, ווען עס איז געווען דער שטורעם און איך האָב פאַר־שפּעטיגט אויף אַ האַלבער שעה אין דער פרי, האָט די אַלטע מיך אויס־געזידעלט, הלמאַי זי האָט געמוזט ענטפערן צוויי מאָל דעם טעלעפאָן. אויב איר זוהן, דער דאָקטאָר, האָט געקענט אַוועקגעהן אין שפּיטאָל אין צייט האָב איך געמעגט מאַכען די אָנשטרענגונג צו קומען אין צייט צו דער אַרבעט" — האָט עווא דערצעהלט.

טראָץ דעם וואָס זי אַרבעט שוין ביים דאָקטאָר דריי יאָר איז זי אינגאַנצען געווען דריי מאָל אין זיין פּריוואַטער וואוינונג. איינמאָל ווען מען האָט איר איינגעלאַדען צו אַ מאָלצייט אַ זונטאַג. די אַנדערע צוויי מאָל ווען זי האָט געדאַרפט געבען דעם דאָקטאָר'ס פרוי אַן איינשפּריצונג ווען דער דאָקטאָר איז ניט געווען אין הויז.

„איך טאָר ניט אַריבערטרעטען דעם שוועל פון טיר דורך וועלכער איר האָט היינט געזעהן דעם דאָקטאָר אַרויסגעהן פון זיין קאַבינעט", האָט עווא ערקלערט סענדער'ן. „איך געהער צו די פיר צימערן פון זיין אויפנאַמס קאַבינעט. דאָס מוז שטרענג אָפּגעהיט ווערען. ער לאָזט מיר ניט פאַרגעסען אויף קיין איין מינוט אַז איך בין אַ באַצאָלטע אַנגעשטעלטע און אַז מיין פּלאַץ איז באַשרענקט.

— ווי קומט עס וואָס מען האָט אייך געלאַדען איינמאָל צו אַ מאָלצייט ? — האָט סענדער געפרעגט.

— דאָס האָט פּאַסירט די ערשטע וואָך ווען איך האָב אָנגעהויבען צו אַרבעטען. ער האָט מיך געוואָלט פאַרשטעלען פאַר דער פאַמיליע און ער האָט עס מיר אָפען געזאָגט: „פריילין ראַינער, איך וויל מיין פרוי און מוטער זאָלען זיך מיט אייך באַקענען. מאַך איך אַן אויסנאַם און לאַד אייך אַלס גאַסט דעם מאָל. עס איז אַ פאָרמאַליטעט און דאָס אַלץ". אַ פאָרמאַליטעט ! ער האָט עס שטאַרק אונטערשטראָכען.

ער איז אַ גרוביאַן, דאָס האָב איך היינט געזעהן ! — האָט סענדער אויסגערופען.

— ער איז נישט געווען אַזוי אַלעמאָל — האָט עווא געזאָגט — איך מיין, ער איז קיינמאָל ניט געווען קיין צוגעלאָזענער אָדער וואָרימער; שטענדיג שטייף, אַנגעצויגען, פאָרמעל און קאַלט ווי אייז. אָבער לעצטענס איז ער געוואָרען נערוועאיש. די קלענסטע זאַך רעגט אים אויף און ער ווערט אַזש ווילד. עס פאַרשטעהט זיך אַז איך לייד דערפון אַממערסטען, אָבער דאָ מיט עטליכע טעג צוריק האָב איך געהערט ווי ער האָט געשריגען אין הויז, איך ווייס ניט אויף וועמען, צי אויף דער ווייב אָדער מוטער.

— אפשר אויף דער דינסט?

— ניין! עס איז געווען איינע פון דער משפחה, ווייל איך האָב געהערט ווי ער האָט געשריגען: „איך וויל עס קיינמאָל ניט הערען מעהר! דו הערסט? קיינמאָל מער ניט הערען! אפילו פון דיר וויל איך עס ניט הערען!“. ער וואָלט אַזוי ניט גערעדט צו אַ דינסט. ער איז ניט געווען אַזוי פריער. עס איז געוואָרען דאָ לעצטענס. עפּעס איז מיט אים ניט אין אָרדענונג. ער מוז זיין קראַנק, ניט אַנדערש.

— ווי לאַנג אַז ער איז אַזוי געוואָרען? — האָט סענדער געפרעגט, צוגיסענדיג נאָך וויין אין איר גלאָז.

— לעצטענס, אפשר זעקס צי אַכט וואָכען. עס איז אָפּטמאָל פון אים ניט אויסצוהאַלטען. אָט ווי היינט, צום ביישפּיל. איך האָב אייך געוואָלט אַריינפירען צו אים באַלד ווי איר זענט אַריינגעבראַכט געוואָרען, אָבער איך האָב זיך געשראָקען אַז ער וועט זיך בייזערן פאַרוואָס איך לאָז זיינע שטענדיגע פּאַציענטען וואַרטען. איך ווייס איצט קיינמאָל ניט וואו איך האַלט מיט אים. ער איז אויך געוואָרען אַזוי צו די פּאַציענטען. ער וועט זיי ביטלעכווייז פאַרטרייבען. אָט נעמט דעם פאַל מיט דעם באַנקיר אַלפרעד קראַנעש. אַנומעלטען איז עס געווען. ער ליידט פון הויכען בלוט־דרוק און לעצטען מאָל איז ער געקומען מיט 240 און דאָקטאָר טרייבער האָט אים געזידעלט ווי אַ שיק־אינגעל. נאָך אַלעמען איז הער קראַנעש ניט קיין אַבי ווער, אַ דירעקטאָר פון דער גרעסטער באַנק דאָ. האָט איר געדאַרפט הערען וואָס פאַר אַ שפּראַך דער דאָקטאָר האָט אָנגעקגעלייגט! „איר נאַרט מיך אָפּ! איר זענט אַ ליגנער! איר פרעסט אַלץ וואָס איך האָב אייך פאַרבאָטען און איר מיינט אַז דורך אָפּנאַרען דעם דאָקטאָר קענט איר אָפּנאַרען די נאַטור! איר ווילט פרעסען — פרעסט זיך אָן צום טויט אָבער קומט ניט אַהער מיר דרעהען אַ קאָפּ מיט ליגענס. איך קען אייך ניט העלפען אויב איר ווילט דווקא באַגעהן זעלבסטמאָרד. געהט זיך זוכט אַן אַנדער דאָקטאָר“.

— ער האָט רעכט! — האָט סענדער באַמערקט.

— יאָ, אָבער ער האָט קיינמאָל אַזוי ניט געזידעלט קיין פּאַציענטען. אָדער דאָ מיט אַ וואָך צוריק האָט ער אַזוי באַליידיגט אַ פּאַציענטין אַז יענע איז אַוועק אַ פאַרוויינטע. ער האָט זי געזידעלט, ממש געזידעלט, פאַר דעם וואָס זי האָט אים דערציילט אַז אירע אַ פריינדינע האָט באַקומען פון איר דאָקטאָר אַ פּיל צו פאַרלירען וואָג און זי האָט געפרעגט צו זי קען קריגען פאַרשריבען די זעלבע פּילען. ער האָט זיך אַזוי צוקאָכט, אַז ער האָט איר נאָכגעשליידערט איר האַנד־טאַש אין וואַרטע צימער. און דאָס איז נאָך ניט אַזוי שלעכט ווי דער פאַל ווען ער האָט אַ שליידער געטאָן אויף אַ סעילסמאַן (וואַיאַזשאָר) אַ גאַנצע קעסטעל מיט מוסטערן פון מעדיצינען. דער וואַיאַזשאָר האָט אים גראַדע אָנגעטראָפען אין אַ בייזער שטימונג. דאָס איז געווען נאָך דער קריגעריי אין הויז וועגען וועלכער איך האָב אייך פריער דערציילט. צום גליק זענען דאַמאָלסט ניט געווען קיין פּאַציענטען, אַנישט וואָלט די חרפּה געווען ניט צו דערליידען. שטעלט אייך פאָר עס קומט אַ מאַן פון אַ וויכטיגער פירמע ווי „סולפאַלין", ברענגט מוסטערן, אַ קאַטאַלאָג און איז העפליך. ווילסטו — באַשטעל, ווילסטו ניט — זיי געזונט. האָט איר געדאַרפט הערען ווי דער דאָקטאָר האָט אים אויפגענומען. די טיר איז געווען אָפען און איך האָב צוגעזעהן די סצענע. „צו אַלדי שוואַרץ יאָר מיט אייערע מאָדערנע מעדיצינען!" האָט ער געטופעט מיט די פיס, ניט מיר ניט דיר: „נעמט זיך אייערע וויטאַמינען מיט די וואונדער־פּילען און פאַרנעמט זיך פון דאַנעט! איך דאַרף עס ניט האָבען! געהט! געהט!" און ער האָט אַ שליידער געטאָן די קעסטלעך פון די מוסטערן אַז אַלץ האָט זיך צעשאָטען אויף דער ערד און איך האָב עס שפּעטער געמוזט צונויפקלייבען. דער וואַיאַזשאָר איז אַוועק אַ דערשראָקענער און פאַרשעמטער. איך זאָג אייך ער איז קיינמאָל ניט געווען אַזוי. ער ווערט ערגער. איך מיין אַז ער ליידט פון עפּעס אַ קרענק, אפשר אַ קרעבס אין קאָפּ...

סענדער האָט צוגעשטימט מיט איר „אַנאַליז" און האָט גענומען אַריבערפירען דעם געשפּרעך אויף דעם דאָקטאָר'ס אַנדערע פירונגען.

עוואַ האָט דערציילט, אַז דער דאָקטאָר געהט אַרויס פון הויז זיבען אין דער פרי צום שפּיטאָל וואו ער איז איינער פון די הויפּט מעדיקער אויפ'ן סטעף. ער רופט איהר אָפּ אַרום האַלב נאָך ניין און אויב זי האָט באַקומען טעלעפאָנען גיט זי אים איבער ווער עס האָט גערופען. אָפטמאָל זענען עס באַשטעלונגען פון קראַנקע וועלכע ווילען דער דאָקטאָר זאָל זיי באַזוכען. דער קאַבינעט־טעלעפאָן איז נאָר פאַר ביזנעס ווייל דער דאָקטאָר האָט אין הויז אַ פּריוואַטען טעלעפאָן.

ער קומט געוועהנליך אַהיים האַלב נאָך צוועלף און געניי אַ פּערטעל צו אייגנס מוז דער עסען שטעהן אויפ'ן טיש. זי, עוואַ, געהט אַוועק אויף מיטאָג און קערט זיך צוריק פּינקטליך צוויי אַזייגער, ווען דער דאָקטאָר רוהט. פיר אַזייגער נעמען קומען די פּאַציענטען. זי מוז אַליין צורוימען דעם אָפיס, אויסמאַכען די חשבונות ענדע מאָנאַט און אַמאָל אָנשרייבען אַ בריוו וועלכען ער דיקטירט איר. אָבער בריוו שרייבט ער זעלטען.

טראָץ דעם וואָס עוואַ האָט שוין געאַרבעט ביים דאָקטאָר דריי יאָר צייט האָט זי ניט געוואוסט וואָס עס זענען זיינע „האָביס", מיט וואָס ער פאַרברענגט זיין פרייע צייט. יעדען זומער שיקט ער אַוועק די פרוי מיט דער מוטער אויף זומער וואוינונג און ער אַליין פאָרט אַהין אויף פיר וואָכען און יעדען ענדע וואָך (וויקענד). זי באַקומט פיר וואָכען וואַקאַציע.

ווען סענדער האָט געפרעגט ביי איר וואו דער דאָקטאָר און זיין פאַמיליע האָבען פאַרבראַכט לעצטען זומער זייער וואַקאַציע אָדער דעם זומער פאַר דעם — האָט זי נישט געוואוסט צו ענטפערען. זי האָט אויך ניט געוואוסט צי דער דאָקטאָר האָט קינדער. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז אין הויז, אויף דער פּיאַנאָ, האָט זי געזעהן אַ בילד פון אַ יונגען אָפיצער אין אַ מונדיר פון דער דייטשער „לופט־וואַפע". דער יונג האָט „אויסגעזעהן ענליך צום דאָקטאָר", ווייזט אויס אַ זוהן. אָבער צי ער לעבט — דאָס האָט עוואַ ניט געוואוסט.

ירמיהו פאַרשפּרייט „די נעץ"

ביים ענדע פון מאָלצייט איז עוואַ'ס פּנים געווען צורויטעלט, אירע אויגען האָבען געגלאַנצט מיט אַן אינערליכען שיין. סענדער האָט ניט געקענט באַשליסען צי זי שיינט פון וויין אָדער פון דער געלעגענהייט וואָס זי האָט געהאַט זיך אַראָפּצורייסען פון האַרץ און טיילען איר אָנגעזאַמעלטע לאַסט מיט אַ פריינדליכען צוהערער.

דער קאָליר פון אירע באַקען, דער גלאַנץ פון די אויגען, דער שימער פון די ווייסע ציין באַראַמט מיט זאַפטיגע ליפען — דאָס אַלץ האָט איר צוגעגעבען אַ סך חן. סענדער האָט געטראַכט אַז זי איז שעהן ווי אַ בילד. ער האָט אָבער ניט געקענט פאַרגעסען איר באַרעדעוודיגקייט וואָס קען זעהר שנעל דערעסען ווערען אַ מאַן.

אין זיין פאַל האָט עס אים ניט געאַרט. פאַרקערט: ער איז איר געווען דאַנקבאַר פאַר איר רעדען. ער האָט זיך זעהר פיל דערוואוסט, אַ סך מער

ווי ער האָט געהאַפּט אויסצוגעפינען בשעת ער האָט פאַרטראַכט דעם פּלאַן פון אומפּאַלען ביים הויז פון דאָקטאָר.

— איך וועל איצט צוריק ווערן אַ קראַנקען־שוועסטער — האָט זי געזאָגט אויפשטעלענדיג זיך פון טיש. — זעהט ווי איך האָב איינגאַנצען פאַרגעסען אַז איר ליידט פון אַ קני. מיר'ן זיך אַזוי פאַרשמועסט... עס איז געווען זעהר אַנגענעם, אָבער מיר'ן עס ניט געטאָרט טאָן, לאָזען אייך זיצען אַזוי לאַנג. קומט!

זיי זענען אַרויפגעפאָרען מיט'ן עלעוועיטאָר צו זיין שטאָק און אַריין אין צימער. עווא האָט איינגענעצט אַ האַנדטוך אין קאַלטע וואַסער און באַפוילען סענדער'ן זיך אויסצוטאָן און זיך לייגען אין בעט.

סענדער האָט איר אַרומגענומען.

— איך בין אייך אַזוי דאַנקבאַר, עווא!

ער האָט זיך אַנגעבויגען און באַרירט אירע ליפּען. זי האָט זיך ניט געווערט, האָט פאַרפלאָכטען אירע אָרעמס אַרום זיין האַלז און זיך צוגעדריקט צו זיין קערפּער.

פּלוצים האָט זי אָוועקגעריסען אירע ליפּען פון זיינע.

— אייער פוס! מען טאָר עס ניט לאָזען געהן אָהן אַ קאָמפּרעס! — האָט זי אויסגערופען.

— פאַרגעס אַצינד פון מיין פוס ווען מיין ווערטאָג ליגט אין מיין האַרץ! — האָט ער געזאָגט און זי צוגעצויגען אויפדאָסניי.

דעם מאָל האָט זי ווירקליך פאַרגעסען אין אַלעם. אַ כוואַליע פון היץ האָט געשטראָמט פון איר קערפּער וואָס האָט געצאַפּעלט אין זיינע אָרעמס און געהויכט מיט אַ פייערדיגען דורשט.

*

„יאָך האָב זיך געמאַכט פאַר אַ שטיקעל קאַליקע, אָבער ס'איז ווערט געווען" — אַזוי האָט סענדער באַריכטעט צו ירמיהו'ן ווענען זיין נעכטיגען אויפטו און ירמיהו האָט ניט געקענט באַשליסען וואָס סענדער האָט דאָ אין זינען, צי עס האָט זיך געלויענט פאַר דער אויספאָרשונג אָדער צי מיינט ער זיין באַקאַנטשאַפט מיט עווא'ן.

ירמיהו האָט נאָר וואָס געהאַט צוריקגעקערט פון קאַרלסרוהע און ער האָט דערצעהלט סענדער'ן וואָס ער האָט דאָרט אויסגעפונען.

— דר. טילענשלאַג איז אַנטלאָפען, הייסט עס... ניט קיין וואונדער! — האָט סענדער אויסגערופען — זיי שרעקען זיך. ווי דו קענסט פאַרשטעהן פון עווא'ס שילדערונג איז איר באַלעבאָס אויך געוואָרען נערוועיש זינט

עס האָט זיך אָנגעהויבען די בהלה מיט די מאָרדען פון בלויען צייכען.

— יאָ, אַזאַ איינדרוק האָב איך באַקומען — האָט ירמיהו באַמערקט — ער וואָלט אפשר אויך אַנטלאָפען ווען נישט זיין פּאַראַליזירטע ווייב און די אַלטע מאַמע. געה לויף מיט אַן אַכט און אַכציג יעריגער מוטער און אַ ווייב אַן אינוואַליד.

— וואָס זשע דענקסטו דאַרפען מיר אַצינד טאָן? — האָט סענדער געפרעגט.

— מיין מיינונג איז אַז דר. טרייבער איז דער קומענדער קרבן — האָט ירמיהו אויסגערופען — אים מוז מען האַלטען אויפ׳ן אויג. דו ווערסט עס מוזען אונטערנעמען. דיין פריינטשאַפט מיט עוואַ׳ן קען אונז דאָ צודינען. גלייכצייטיג וויל איך ניט זיצען סתם און וואַרטען. איך וויל ווערען טעטיג און פאַרנאַרען אבא נעכעס׳ן אין מיין נעץ. איך נעם זיך דערצו נאָך היינט.

— ווי אַזוי? — האָט סענדער זיך אָנגעשפּיצט מיט אינטערעס.

— גאַנץ איינפאַך. איך געה אויפלעבען איינעם פון די דאָקטוירים ועמען אבא נעכעס האָט איבערגהיפּעט. איך האָב באַשלאָסען צו באַנוצען דאָקטאָר ריכאַרד דעמערונג.

— וואָס מיינסטו „אים אויפלעבען” ווען ער איז ניטאָ?! — האָט סענדער געפרעגט — מיר האָבען זיין נאָמען ניט געפונען אין רעגיסטער.

— טאָקע דערפאַר. מיין פּלאַן איז אַן איינפאַכער אויבען־אויף, אָבער ער איז אַ גוטער.

*

דריי טעג נאָך די אויבענדערמאָנטע געשעהנישען איז ערשינען אין אַלע צייטונגען פון דייטשלאַנד אַ טעלעגראַמע פון יאָהאַנעסבורג, וואָס האָט זיך געלייענט ווי פאָלגענד:

„איינער פון די רייכסטע דימענטען הענדלער אין דרום אפריקע איז דאָ נעכטען געשטאָרבען אַן איינזאַמער אַלטער בחור, איבערלאָזענדיג אַ פאַר־מעגען פון העכער צען מיליאָן פונט שטערלינג. פריץ דעמערונג, אַ געבוירענער אין באַוואַריע, איז געקומען אַהער מיט פערציג יאָר צוריק און זיך אַרויפ־געאַרבעט אויפ׳ן לייטער פון ערפאָלג אין דעם פעלד פון דימענטען־גרובען. ער האָט אָפּגעשריבען צוויי הונדערט טויזענט פונט פאַר זיין לאַנגיעריגער הויז־באַדינערין און דעם איבעריגען פאַרמעגען האָט ער אָפּגעשריבען צו זיינע צוויי איינציגע קרובים אין דייטשאַנד: דאָקטאָר מעדיצין ריכאַרד דעמערונג און אַדאָלף לימערשיין, אַן אַנטיק הענדלער.

"דער פאַרשטאָרבענער מיליאָנער האָט ניט געהערט פון זיינע צוויי קרובים זינט דעם לעצטען קריג. אין פאַל די קרובים וועלען זיך ניט אָפּזוכען וועט די ירושה צוגענומען ווערען פון דער מדינה, אָבער ניט פריער ווי אין צען יאָר אַרום".

נייעסען פון אַזאַ סאָרט רופען שטענדיג אַרויס אַ טיפען אינטערעס ביים עולם און עס איז פאַרשטענדליך אַז אין מינכען, פונקט ווי אַנדערשוואו, האָט מען עטליכע טעג גערעדט פון דער נייעס. דאַן איז די זאַך פאַרגעסען געוואָרען.

עס איז געקומען דער מאָנאַט מאַי און די בוימער האָבען זיך צובליהט. אין אַלע ביר־האַלעס און רעסטאָראַנען האָט מען סערווירט „באָק ביר", וואָס איז אַ גרויסער יום־טוב ביים עולם; עס איז דער ביר פון פריהלינג און מיט'ן פריהלינג קומט אָן די פרעהליכע צייט פון יאָר.

מינכען האָט זיך גענומען גרייטען צו די קאָנצערטען אונטער'ן פרייען הימעל. עס זענען פאָרגעקומען אַ צאָל קונסט אויסשטעלונגען אין שטאָט, צווישען זיי אַן אויסשטעלונג פון אידישען קינסטלער מאַרק שאַגאַל. די צייטונגען זיינען געווען פיל מיט אַנאָנסען וועגען אַן אָפּערע־פאָרשטעלונג, און אַ ווינער טרופּע איז געקומען אויפפירען אַ צאָל אָפּערעטעס. די שטאָט האָט אויפגעלעבט אין פריהלינג. די קראָמען האָבען זיך פאַרפּוצט מיט בונטע פאַרבען פון דער פרויען מאָדע. זונטאָגס האָבען איינוואוינער גענומען אַרויספאָרען הינטער דער שטאָט אויף פּיקניקס. די „פאַרברענטע" סקיערס האָבען געאײַלט אין די אַלפּען בערג אַריינכאַפּען דעם ספּאָרט איידער דער שניי ווערט צושמאָלצען.

אין פאַרלויף פון יענע טעג האָט גענומען ערשיינען אַ קליינער אַנאָנס אין די מינכענער צייטונגען. דער אַנאָנס איז געווען געדרוקט אויף אַן אָנגעזעהענעם אָרט, אונטער אַ קעפּעל: „פּערזענליכעס", און האָט געלויטעט ווי פאָלגט:

„דאָקטאָר ריכאַרד דעמערונג, ריטאַיערד (אויף פּענסיע), זוכט זיין קוזין פון דער מוטער'ס זייט אַדאָלף לימערשיין, פאַר זעהר אַ דרינגענדען ענין. ווער עס ווייסט פון הער לימערשיין איצט אָדער לעצטענס, ווערט געבעטען צו שרייבען: מינכען הויפּט־פּאָסט, פּאָסט־קעסטעל נומער 1033. באַלוינונג".

דער אַנאָנס איז ערשינען אַ טאָג איבער אַ טאָג אין אַלע צייטונגען פון שטאָט און טראָץ דעם וואָס אַלע האָבען געהאַט געלייענט די מעשה וועגען דער ירושה, האָבען פילע מענשען ניט פאַרבונדען דעם אַנאָנס מיט יענער געשיכטע.

ווייל אַזוי זענען מענשען. זיי האָבען קורצע געדעכּניסען. אָבער די וועלכע האָבען דעם אַנאָנס געגעבען צו דרוקען האָבען געהאָפט אַז איין מענש וועט עס לייענען, איינער וועלכער וועט גוט געדענקען די טעלעגראַמע פון יאָהאַנעסבורג צוליב דעם נאָמען פון דאָקטאָר דעמערונג וואָס איז דאָרט דערמאַנט געוואָרען...

אַנפאַלען פון משוגעת

די פריינטשאַפט צווישען סענדער׳ן מיט עוואַ׳ן האָט אַנגעהאַלטען און זיך צובליהט אין אַ היבשען ראָמאַן.

סענדער פלעגט יעדען טאָג קומען אַפּוואָרטען עוואַ׳ן און זיי פלעגען פאַרברענגען די אָוועטען צוזאַמען. זונטאג האָט סענדער זי אַרויסגענומען הינטער דער שטאָט. איינמאָל זענען זיי געפאָרען שפּאַצירען אויף אַ שיף איבער אַן אַזערע, אַ צווייטען זונטאג האָבען זיי פאַרבראַכט אין די בערג.

פון עוואַ׳ס רייד האָט סענדער פאַרשטאַנען אַז דאָקטאָר טרייבער׳ס פּסיכישער צושטאַנד פאַרערגערט זיך מיט יעדען טאָג. עס איז געקומען דערצו אַז עוואַ האָט גענומען ריידען וועגען אויפגעבען די שטעלע. זי איז געווען גערעכט ווען זי האָט פאָראויסגעזאָגט אַז די פּאַציענטען וועלען פאַרלאָזע דעם דאָקטאָר. יעדען טאָג איז די צאָל פון טרייבער׳ס פּאַציענטען געפאַלען. מען האָט אויפגעהערט אים באַשטעלען אויף אַהיים. מען האָט אויפגעהערט צו קומען צו אים אין קאַבינעט. די קעכין האָט פאַרלאָזט דאָס הויז און דער דאָקטאָר האָט אַריינגענומען אַ צווייטע אויף איר פּלאַץ.

— עס איז ניט אויסצוהאַלטען מער פון אים — האָט עוואַ זיך באַקלאָגט — דער מענש געהט אַראָפּ פון זינען. ער מוז זעהן אַ דאָקטאָר וואָרום ער איז זעהר און זעהר קראַנק.

סענדער האָט ניט געקענט איינזעהן דעם צוועק פון זיין אַרומשלעפּען זיך מיט עוואַ׳ן. אַלץ וואָס ער האָט געוואָלט זיך דערוויסען פון איר האָט ער שוין געוואוסט. דער מערדער האָט געקענט קומען אין מיטען נאַכט צום דאָקטאָר און אים אומברענגען. דאָס האָט סענדער ניט געקענט פאַרהיטען פאַרברענגענדיג מיט עוואַ׳ן.

אָבער ירמיהו איז באַשטאַנען דערויף אַז ער זאָל אָנהאַלטען די פריינט־שאַפט. לויט ווי דער מערדער האָט זיך געפירט ביז איצט האָט ער געדאַרפט געפינען אַ צוטריט צום קרבן דורך אַ פאַרזיכטיג אויסגעאַרבעטען פּלאַן. דר. טרייבער האָט געפירט אַ סאָרט לעבען וואָס האָט ניט געגעבען

אַ פּרעמדען קיין לייכטען צוטריט צו אים. מען האָט געדאַרפט האַלטען אָפען די אויגען, און דאָס האָט סענדער געקענט טאָן נאָר מיט עוואַ׳ס הילף.

— לאָמיר זאָגען, אַז ער וועט אין אַ שעהנעם טאָג באַקומען אַ בריוו פון עמיצען. עוואַ קען דערפון וויסען. דער בריוו קען מעגליך זיין אַ פּאַרזוך זיך צו פאַרבינדען מיט אים, אים פאַרנאַרען — האָט ירמיהו אויפגעקלערט זיין געהילף — זעה זיך מיט איר יעדען טאָג און דערוויס זיך אַלע איינצעל־הייטען פון יעדען טאָג.

סענדער האָט זיך דעריבער געטראָפען מיט עוואַ׳ן יעדען טאָג נאָך דער אַרבעט. לעצטענס איז אים אָבער צוגעקומען אַ דזשאָב אויך פאַרמיטאָג, ווייל ירמיהו האָט זיך אַרויסגעצויגען פון האָטעל און האָט געדונגען אַ צימער אין אַ הויז וואָס האָט זיך געפונען אַרום זעקס גאַסען ווייט פון דער הויפּט פּאָסט.

דאָס צימער האָט ער געדונגען ביי איינעם אַ ווילי שמידט וועמען דר. וועלינגער האָט רעקאָמענדירט. ווילי איז געווען אַ פּאָליסמאַן און אויף וועלינגער׳ס ביטע האָט ער צוגעשטימט צו פאַרדינגען דעם צימער.

ווילי האָט געוואוינט אויף דעם צווייטען שטאָק פון אַ פיר שטאָקיגער הויז, און זיין וואוינונג האָט פאַרמאָגט צוויי טירען, איינע צום פאַרהויז פון זיין וואוינונג און די צווייטע טיר האָט געפירט אין אַ זייטיגען צימער צום פראָנט פון הויז וואָס איז געווען אַ טייל פון דער וואוינונג.

דעם זייטיגען צימער האָט ירמיהו געדונגען און אויפגעקלעפּט אויפ׳ן טיר אַ געדרוקטע וויזיט קאַרטעל: „דר. ריכאַרד דעמערונג״.

יעדען פאַרמיטאָג, געגנוי האַלב נאָך צען, פלעגט פון דער זייטיגער טיר ערשיינען אַן עלטערער מאַן מיט גרויע האָר, עטוואָס איינגעבויגען, מיט אַ שטעקען אין האַנט. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַן אַלטמאָדישען אַנצוג מיט אַ קאַמיזאָל, אַ האַמבורג הוט, און אויף דער נאָז זענען געזעסען אַ פּאָר שפּאַקולען איינגעפּאַסט אין אַ דינער מעטאַלענער רעמעל.

דאָס איז געווען דאָקטאָר דעמערונג. ער האָט געשפּרייזט מיט געמאָסטענע טריט, אָנשפּאַרענדיג זיך אויפ׳ן שטעקען. אין פּאָסט פלעגט ער צוגעהן צום וואַנט מיט די פּאָסט קעסטלעך און אַרויסנעמען פון טאַש אַ בינטעל שליסעלעך אָנגעטאָן אויף אַ דינער זילבערנער קייט. מיט איינעם פון די שליסלען פלעגט ער עפענען דעם קעסטעל נומער 1033, אַרויסנעמען פון דאָרט די בריוו, עס צוריק פאַרשליסען און זיך לאָזען געהן מיט׳ן זעלבען וועג אַהיים.

אויפ׳ן וועג פלעגט ער קויפען אַ צייטונג. אַמאָל פלעגט ער אַפּטרעטען

אין אַ קאַפֿע־הויז טרינקען אַ ביר. ער פֿלעגט זיך אָבער קיינמאָל ניט פֿאַרזאַמען צו לאַנג אין גאַס, פֿלעגט צוריקקערען צו זיך אין צימער. מיט צען מינוט שפּעטער פֿלעגט פֿון דער הויפּט טיר באַצייכענט מיט'ן נאָמען ווילי שמידט אַרויסקומען ירמיהו און זיך אַוועקגעהן אין שטאָט.

אַזוי איז עס אָנגעגאַנגען אַ גאַנצע וואָך צייט.

סענדער'ס אויפֿגאַבע איז געווען צו זיין אין דער געגענד פֿון פּאָסט אין דער זעלבער צייט ווען דער אַלטער דאָקטאָר דעמערונג פֿלעגט קומען נאָך זיינע בריוו. דער יונג האָט אים נאָכגעפֿאָלגט פֿון וויטענס, פֿלעגט שטעהן פֿאַררוקט אין אַ ווינקעל פֿאַרטאָן אין לייענען, ווי איינער וואָס האָט אַקאָרשט באַקומען אַ וויכטיגען בריוו.

ירמיהו אַליין האָט אויך געהאַלטען אַ שאַרף אויג אַרום זיך אָבער ער האָט זיך הויפּטזעכליך פֿאַרלאָזט אויף סענדער'ן. באַאָבאַכטענדיג ירמיהו'ן האָט סענדער לייכטער געקענט באַמערקען אַ פֿאַרדעכטיגטען פֿאַרשוין וואָס פֿאָלגט נאָך די איינגעבויגענע פֿיגור אָנגעשפּאַרט אויפֿ'ן שטעקען.

עס איז אָבער אַדורך אַ גאַנצע וואָך און דער פֿאַרדעכטיגטער פֿאַרשוין האָט זיך ניט געוויזען, סיידען ער איז געווען אַזוי פֿאַרזיכטיג אַז מען האָט אים ניט באַמערקט.

דאָס האָט אָבער ירמיהו ניט געוואָלט אָננעמען פֿאַר מעגליך. „אויב אַבא בעכעס וועט ,אַריינפֿאַלען אין דער נעץ' און קומען זעהן דעם וואָס נעמט אַרויס די בריוו פֿון קעסטעל 1033, וועט ער אים גאַנץ באַשטימט נאָכפֿאָלגען אַהיים צו זעהן וואו ער וואוינט" — האָט ירמיהו גע'טענה'עט צו סענדער'ן און דער יונג האָט געמוזט איינשטימען מיט דעם.

*

די טעג זענען געוואָרען לענגער און וואַרימער, די זון האָט געשיינט כמעט אָהן אונטערברעכונג. אין פֿאַרלויף פֿון מאָנאַט מאַי איז געווען נאָר איין רעגענדיגער טאָג, וואָס איז אויסערגעוועהנליך פֿאַר דעם מינכענער וועטער.

סענדער האָט אין די לעצטע טעג געמוזט פֿיל רעדען צו באַווירקען עוואַ'ן זי זאָל ניט אַוועקגעהן פֿון איר דזשאָב. אָבער דעם אָוונט האָט ער דערפֿיהלט אַז ער וועט עס שוין לאַנג ניט קענען פּועל'ן ביי איר.

ער האָט דערפֿיהלט די שפּאַנונג נאָך איידער ער האָט עוואַ'ן געזעהן. עס איז געווען עטליכע מינוט פֿאַר זעקס ווען ער איז צוגעקומען צום דאָקטאָר'ס הויז אויף דער פֿאָפֿענהיים שטראָסע. די טיר פֿון דאָקטאָר'ס קאַבינעט האָט זיך

ראַפּטום צועפּענט. סענדער האָט שטעהענדיג אין גאַס געקענט הערען די בייזע שטימע פון דאָקטאָר שרייענדיג מיט אַ היסטערישען קוויטש.

פון די טרעפּלעך איז שנעל אַרונטערגעקומען אַ מאַן טראָגענדיג אַ פּאָרט־פּעל אין האַנט. עס איז געווען קענטיג אַז ער איז אויפגערעגט. דער מאַן האָט זיך אַריינגעזעצט אין אַ קליינעם „פאָלקסוואַגען" אָטאָמאָביל, וואָס איז געשטאַנען ביים הויז און איז אַפּגעפאָרען.

באַלד איז אַרויסגעקומען עוואַ. זי איז געווען פאַרוויינט און אירע האָר זענען געווען צעשויבערט. דערזעהענדיג סענדער'ן איז זי צוגעפאַלען צו זיין ברוסט און זיך צעכליפּעט.

— דאָס איז די ענדע, די ענדע!... איך קען עס מעהר ניט... ניט אויס־האַלטען! — האָט זי געשטאַמעלט.

— וואָס האָט דען פּאַסירט? דו זעהסט דאָך אויס שרעקליך!

— ער האָט מיך געפּאַטשט! — האָט זי אַרויסגעכליפּעט.

— ווער?

— דער דאָקטאָר... נעם מיך אַוועק פון דאַנעט, איך בעט דיר!

ער האָט אַרויסגענומען זיין טאַשען טיכעל, האָט אַרומגעווישט די טרערען פון אירע אויגען און באַקען.

— קום, לאָמיר געהן! באַרוהיג זיך כדי דו זאָלסט מיר אַלץ קענען גענוי דערצעהלען! — האָט ער זי געפירט מיט שנעלע טריט.

זיי זענען אַריין אין ערשטען רעסטאָראַן אויפ'ן וועג און זיך געזעצט אין אַ טונקעלען ווינקעל אָפּגעזונדערט פון דעם טומעל.

עוואַ האָט זיך שוין באַרוהיגט אַביסעל. זי האָט מיט דורשט פאַרצויגען דעם רויך פון סיגאַרעט און סענדער האָט איצט באַמערקט אַ צייכען אויף איר לינקער באַק.

— דאָס איז פון זיין פּאַטש, דער שלאַק! — האָט זי געזאָגט, ווען סענדער האָט איר אויפמערקזאַם געמאַכט אויפ'ן צייכען — איך וועל פאַר קיין געלט ניט געהן צוריק. ער איז געפערליך, זאָג איך דיר! דער מענש איז „פאַרריקט" (משוגע), גאַנץ פאַרריקט!

ביסלעכווייז האָט סענדער אַרויסבאַקומען פון איר וואָס עס איז געשעהן יענעם טאָג.

עס איז געקומען נאָר איין פּאַציענט, וועלכער איז שוין לאַנג ניט געווען ביים דאָקטאָר. ווען דער פּאַציענט איז אַוועק איז געווען נאָך פינף. דער

דאָקטאָר איז געבליבען ביי זיך אין קאַבינעט און האָט עפּעס געטאָן, געלייענט צי געשריבען. האַלב נאָך פינף איז אָנגעקומען דער הער קורט פעדער.

— איך האָב זיך פאַרוואונדערט ווען ער איז ערשינען, אָבער ער האָט מיר געוויזען אַ בריוו וואָס דאָקטאָר טרייבער האָט צוגעשיקט צו דער פירמע בעטענדיג ער זאָל קומען. דעם בריוו האָט ער אַליין געשריבען, מיר ניט געהייסען איך זאָל עס שרייבען, ווייזט אויס זיך געשעמט.

— וואָס פאַראַ בריוו? איך פאַרשטעה ניט — האָט סענדער באַמערקט.

— אָה, איך האָב דיר פאַרגעסען צו ערקלערען. דער קורט פעדער איז עס יענער וואָס איך האָב דיר אַמאָל דערצעהלט אַז ער האָט אים אַרויס־געטריבען און נאָכגעוואָרפען די מוסטערן.

— אַ, יאָ! איך דערמאָן זיך. דער דראַג־סעילסמאַן (קאָמיוואָיאַזשאָר).

— יאָ. ער האָט געשריבען צו דער פירמע בעטענדיג ענטשולדיגונג פאַר דער אומפריינדליכער אויפנאַמע. איך האָב פונדעסטוועגען זיך געשראָקען אַריינגעהן צו אים אָבער איך האָב ניט געהאַט קיין ברירה בין איך אַריין און געמאָלדען אַז דער הער קורט פעדער וואַרט.

דער דאָקטאָר האָט מיר געהייסען אים אַריינשיקען און האָט זיך אויפ־געשטעלט אים צו באַגריסען. דאָן האָבען זיי פאַרבראַכט אַרום צוואַנציג מינוט און פלוצים האָב איך דערהערט דעם דאָקטאָר׳ס שטימע, די גוט באַקאַנטע בייזקייט זיינע האָט זיך געלאָזט פיהלען. איך האָב מאָמענטאַל געוואוסט אַז עס פאַנגט זיך שוין אָן איינער פון זיינע אָנפאַלען.

און אַזוי איז טאַקע געווען. איך ווייס ניט וואָס עס איז פאָרגעקומען אָבער דער דאָקטאָר האָט אים אַרויסגעטריבען, געזידעלט, געשריגען: „ווערט פאַרברענט מיט אייערע היילונגס מיטלען! איר זענט שווינדלער! גנבים! אָפּנאַרער!" דער הער פעדער איז אַרויס ווי אַן אָפּגעבריטער און איך בין אַריינגעלאָפען צום דאָקטאָר. ער איז געשטאַנען אַן אָנגעצונדענער ווי אַ רויטער צוויק, אָט אָט, האָב איך געמיינט, קריגט ער די אַפּאָפּלעקציע. איך האָב אים גענומען בעטען „הער דאָקטאָר, ביטע, באַרוהיגט זיך", האָט ער מיר אַ פּאַטש געטאָן מיט׳ן גאַנצען כוח. איך בין אַזש אומגעפאַלען אויף דער ערד.

ער האָט גענומען טופּען מיט די פיס און מיך רופען מיט שמוציגע נעמען. איך האָב זיך אויפגעשטעלט און האָב שנעל אַראָפּגעוואָרפען פון זיך מיין יוניפאָרם און בין אַרויסגעלאָפען אין גאַס. ווען דו טרעפסט מיך נישט, וואָלט איך אומגעפאַלען אין חלשות. עס איז מיר געווען דאָ הויל ווי אַ גרוב — האָט זי אָנגעוויזען אונטער׳ן האַרצען.

כאָטש זי האָט זיך שוין געהאַט באַרוהיגט, איז זי אָבער געווען ענטשלאָסען ניט צו געהן צוריק צום דאָקטאָר ארבעטען. סענדער האָט געפיהלט אַז ער וועט מער ניט קענען ווירקען אויף איר זי זאָל ענדערען איר באַשלוס.

דער געהיימניספולער מאַן אין בלויען סוט

עוואַ האָט ניט געוואָלט אָפלאָזען סענדער׳ן יענעם אָווענט. זי האָט געוואָלט פאַרברענגען מיט אים.

דער יונג האָב אָבער געוואָלט זיך זעהן ווי אַמשנעלסטען מיט ירמיהו׳ן, אים דערצעהלען די געשעהנישען. אַזוי ווי עס איז געווען שבת האָט ער צוגעזאָגט עוואַ׳ן אַז מאָרגען וועלען זיי קענען פאַרברענגען דעם גאַנצען טאָג אָבער היינט אָווענט איז ער באַשעפטיגט.

מיט גרויס מיה איז אים געלונגען זיך אָוועקצורייסען פון איר. „היינט, גראָדע היינט, דאַרף איך דיך האָבען״, האָט זי געשעפּטשעט, „איך וויל ניט זיין אַליין״.

ער האָט זי צוגעפירט צום טראַמוואַי און ווען די קאַר האָט גענומען פאָרען האָט ער איר נאָכגעשיקט אַ לופט־קוש. דאַן האָט ער זיך אַריינגעזעצט אין אַ טראַם וואָס איז געפאָרען אין דער ריכטונג פון רעסטאָראַן וואו ירמיהו און שמעון ווייס האָבען זיך יענעם אָווענט אָפגערעדט צו טרעפען.

סענדער האָט שוין געהאַט אָפגעגעסען און האָט דעריבער זיך באַנוגענט מיט אַ קאַפע. אַזוי שנעל ווי זיינע פריינט האָבען פאַרענדיגט דעם אָווענט־ברויט האָט ער געבעטען ביי שמעון׳ען ער זאָל זיי ענטשולדיגען.

— מיר דאַרפען עמיצען זעהן זעהר דרינגענד — האָט ער געזאָגט.

שמעון איז אָוועק אַן ענטוישטער. ער האָט געהאָפט צו פאַרברענגען דעם אָווענט מיט מענשען וועלכע קענען רבקה׳ן און מיט וועמען ער קען רעדען וועגען איר און וועגען תל־אביב.

אויפ׳ן וועג צו ירמיהו׳ס נייער וואוינונג האָט סענדער דערצעהלט וואָס עס איז געשעהן.

— איך האָב אַ געפיהל אַז עוואַ וועט ניט צוריקקערען און מיר וועלען פאַרלירען יעדען קאָנטאַקט מיט דעם דאָקטאָר׳ס הויז — האָט סענדער געזאָגט — דערצו פיהל איך אויך אַז עפּעס רוקט זיך אַן אויף דר. טרייבער׳ן. פון עוואַ׳ס באַשרייבונג נעם איך אָן אַז ער רירט זיך טאַקע פון זינען.

— דאָס, זעהסטו, אַרט מיר קנאַפּ וואָס — האָט ירמיהו אויסגערופען —

אַבער עוואַ׳ס קאָנטאַקט איז אַ שאָד צו פאַרלירען, כאָטש צוריקגערעדט האָט עס אונז ביז איצט גאָרניט געגעבען.

ווען ירמיהו וואָלט אין יענעם מאָמענט געוואוסט ווי פאַלש זיין לעצטע באַהויפּטונג איז געווען, וואָלט ער גאַנץ אַנדערש געפּיהלט. אַבער דער דעטעקטיוו האָט ניט געאַהנט דערפון, און זיין שטימונג איז דעריבער ניט געווען קיין געהויבענע.

פּונקט ווי שמעון ווייס, האָט אויך ירמיהו גענומען פּיהלען דעם דרוק פון דער צוועקלאָזיגקייט, פון זיך וואַלגערען אין דער פרעמד, פון שטופּען איין טאָג נאָכ׳ן צווייטען אָהן דער מינדסטער אַנדייטונג אויף אַ סוף.

אמת, די דעטעקטיוס האָבען געמאַכט אַ ריזיגען פאָרשריט, אַבער צום עיקר זענען זיי ניט דערגאַנגען פאָרלויפיג. עס האָט אויסגעזעהן אַז זיי זענען נאָך פּונקט אַזוי ווייט פון אַ לייזונג ווי זיי זענען געווען מיט קנאַפּע צוויי מאָנאַטען צוריק.

— לאָמיר זיך דורכשלאָפען היינט און מאָרגען — האָט ירמיהו אויס־גערופען — מאָרגען איז זונטאג און מיר זענען פריי פון אונזער פאַרמיטאָג־דיגען באַזוך אין פּאָסט אָפיס. לאָמיר וואַרטען ביז מאָנטאָג. פאָרלויפיג זעה מאָך נאָך איין פאַרזוך צו באַווירקען עוואַ׳ן. אפשר וועט זי נאָך זיך איבערלייגען און דאָך איינשטימען צוריקצוגעהן.

— איך גלויב עס ניט. זי איז ענטשלאָסען צו זוכען אַ נייעם דזשאָב — האָט סענדער געזאָגט.

דעם זונטאגדיגען טאָג האָט סענדער פאַרבראַכט מיט עוואַ׳ן, וועלכע איז געווען זעהר אויפגעלייגט. די נעכטיגע איבערלעבעניש האָט מער ניט געדריקט אויף איר געמיט, אָבער איר באַשלוס האָט זי ניט געענדערט. „מאָרגען געה איך אַרויס זוכען אַ שטעלע. אויב איך וועל ניט געפינען קיין אַרבעט אין אַ דאָקטאָר׳ס ביוראָ וועל איך געהן אין אַ שפּיטאָל אָדער אָננעמען פּריוואַטע אויפזיכט״.

אָט דער באַשלוס האָט איר געגעבען אַ לייכט האַרץ און זי איז געווען שטיפעריש און לוסטיג. זי איז אויך געווען באַרעדעוודיג — דער איינציגער חסרון אירער וואָס האָט דערקוטשעט סענדער׳ן. זי האָט געהאַלטען אין איין רעדען פון „מאָרגען״, דער טאָג וואָס וועט פאַר איר עפענען אַ נייעם בלעטעל אין איר לעבענס־בוך.

דער „מאָרגען״ איז געווען אַ מאָנטאג, דער דריי און צוואַנציגסטער טאָג אין מאָנאַט מאַי, אַ טאָג וואָס איז געווען גורל׳דיג ניט נאָר אין לעבען פון

עוואַ ראַינער. יענעם טאָג האָט דער שיקזאַל אויסגעקליבען אַלס אַ וויכטיגען דאַטום אין דער געשיכטע פון אַ היבשער צאָל מענשען אויסער עוואַ׳ן.

יענעם מאָנטאג, געגוי האַלב נאָך צען אינדערפרי, איז אַרויסגעקומען פון זיין וואוינונג דער אייגנעבויגענער דאָקטאָר ריכאַרד דעמערונג. אָנגע־שפאַרט אויף זיין שטעקען האָט ער פּאַמעליך געשפּרייזט אין דער ריכטונג פון פאָסט אָפיס.

אין די זונטאגדיגע צייטונגען ווי אויך יענעם מאָנטאג אינדערפרי איז ערשינען די זעלבע פּערזענליכע מעלדונג וועגען דעם געזוכטען קוזין פון דר. דעמערונג. דער אַלטער דאָקטאָר איז צוגעקומען צו זיין קעסטעל אין פאָסט אָפיס און אַרויסגענומען פון דאָרט אַ בריוו, וועלכען ער האָט אַליין געהאָט געשיקט אויף זיין אייגענעם אַדרעס.

ווי אַלעמאָל איז סענדער געווען ניט ווייט, האַלטענדיג אַן אויג אַרום. דער יונג איז געשטאַנען ביי איינעם פון די טישען ביי דער וואַנט, שרייבענדיג אַן אַדרעס אויף אַ קאַרטעל. אָבער סענדער׳ס בליק איז געווען שאַרף און וואַכזאַם און ער האָט פּלוצים דערפיהלט ווי די בלוט נעמט לויפען שנעלער אין זיין קערפּער, דאָס האַרץ נעמט קלאַפּען זעהר האַסטיג.

אין גרויסען פאָסט אָפיס זענען געווען יענעם אינדערפרי אַ היבשע צאָל מענשען, אָבער יעדער פון זיי איז געווען פאַרטאָן מיט עפּעס, ערליך פאַרטאָן, אַהן אַן אָנשטעל. סענדער׳ס אויג האָט אָבער אויפגעכאַפּט איין מענשען וועלכער האָט אַפילו ניט געמאַכט קיין אָנשטעל פון זיין פאַרנומען מיט עפּעס אַנדערש ווי נאָר מיט נאָכקוקען דעם אַלטען מאַן וואָס האָט זיך געפּאָרעט ביים קעסטעל נומער 1033.

אָבער ניט דער פאַקט וואָס דער מאַן האָט געקוקט אין איין ריכטונג האָט געמאַכט סענדער׳ס האַרץ נעמען טיאַכקען. ער האָט געקענט דעם מאַן. ער איז געווען גרייט צו שווערען אַז ער האָט אים געזעהן אַמאָל, אָבער וואו? ווען? ביי וועלכע אומשטענדען? ווי לאַנג צוריק?

דער אַלטער דאָקטאָר מיט׳ן שטעקען האָט זיך געלאָזט לאַנגזאַם שפּרייזען צוריק אַהיים און דער מאַן, וועמען סענדער האָט באַאָבאַכטעט, האָט אים נאָכגעפאָלגט. סענדער איז נאָכגעגאַנגען פון ווייטענס. דער אַלטער מיט׳ן שטעקען האָט לאַנגזאַם געשפּרייזט, דער מאַן אין בלויען אַנצוג מיט אַ גרויען הוט אויפ׳ן קאָפּ, האָט נאָכגעשפּרייזט.

האָט אים ירמיהו באַמערקט? ווייסט ער אַז ער ווערט נאָכגעפאָלגט? סענדער האָט ניט געקענט באַשליסען. פון דעם גאַנג און אויסזעהן פון זיין פריינט האָט סענדער געאורטיילט אַז ירמיהו פאַרדעכטיגט גאָרניט. אָבער

ווער קען וויסען? ירמיהו איז אַ כיטרער פוקס וואָס קען יענעם זעהר לייכט פאַרפירען.

סענדער האָט געזעהן ווי דער אַלטער מיט'ן שטעקען געהט אַריין אין הויז. דער מאַן אין בלויען סוט איז שטעהן געבליבען פון ווייטען און האָט געוואַרט אַ צען מינוט שטעהענדיג אָנגעשפאַרט אין אַ סלופּ פון אַ גאַסען לאַמטערנע.

די זון האָט העל געשיינט און געוואַרימט די ערד. דער מאַן ביים סלופּ האָט אַרונטערגענומען דעם הוט און אַרומגעווישט דעם שטערן מיט אַ ווייס טיכעל.

אין מאָמענט ווען דער מאַן האָט אויסגעטאָן דעם הוט האָט ביי סענדער'ן אין געדעכעניס אויפגעבליצט אַ פאַרגעסען בילד.

ער האָט דערקענט דעם מאַן! ער האָט געוואוסט פון וואַנעט ער קען אים!...

עס זענען דורך נאָך עטליכע מינוט. באַלד דאַרף ירמיהו ערשיינען פון הויז ניט פאַרשטעלטערהייט. סענדער האָט זיך געשראָקען אַז דער מאַן קען נאָך אַמאָל דערקענען אין אים דעם פאַרשטעלטען דאָקטאָר. כאָטש דאָס איז געווען אַן אומזיסטע שרעק, האָט סענדער פאָרט געבעטען גאָט אין האַרצען אַז ירמיהו זאָל ניט אַרויסקומען פון הויז.

און גלייך ווי גאָט זאָל האָבען פאַרנומען סענדער'ס געבעט, האָט דער דעטעקטיוו זיך טאַקע פאַרהאַלטען דאָס מאָל און איז ניט אַרויסגעקומען.

דער מאַן אין בלויען אַנצוג האָט זיך געלאָזט געהן צום הויז און איז אַריין אינוועניג. סענדער האָט זיך ניט גערירט פון אָרט און געוואַרט. ער איז געשטאַנען אין שאָטען פון אַ צייטונגס־קיאָסק פאַרשטעלט פון דאָרט וואו דאָס הויז האָט זיך געפונען.

עס האָט געדויערט קוים צוויי מינוט צייט און דער מאַן אין בלויען אַנצוג איז צוריק ערשינען אין גאַס און זיך געלאָזט געהן אין דער ריכטונג פון פּאָסט אָפיס. אָפּגעהענדיג אַ האַלבען בלאָק האָט ער פאַרהאַלטען אַ פאַר־ביי־פאָרענדע טעקסי, זיך אַריינגעזעצט און איז אָפּגעפאָרען.

סענדער קומט אָן צו עוואַ'ן נאָך הילף

כאָטש די טעקסי איז אָפּגעפאָרען און מען האָט זי מער ניט געזעהן, האָט סענדער פונדעסטוועגען אָנגעהאַלטען זיין פאָרזיכטיגקייט. זיינע פיס האָבען זיך געריסען צום לויפען וואָס שנעלער צום הויז וואו ירמיהו האָט געוואוינט,

אָבער דער יונג איז געגאַנגען סטאַטעטשנע, כדי ניט צוציהען צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון פאַרבייגעהער.

איידער ער האָט באַוויזען צו דערגרייכען צום הויז איז פון דאָרט ערשינען ירמיהו. ערשט איצט איז סענדער׳ן איינגעפאַלען אַז ירמיהו האָט געוואוסט אַז מען פאָלגט אים נאָך.

זיי האָבען זיך געטראָפען ווי צוויי פרעמדע, זיך ניט אָפּגעשטעלט נאָר פאַרלאַנגזאַמט דעם גאַנג.

— האָסט אים געזעהן? — האָט סענדער געפרעגט.

— יאָ, טרעף מיך אין פעטערהאָף אויפ׳ן פינפטען שטאָק אין צען מינוט — האָט ירמיהו געזאָגט.

ביידע האָבען פאָרטגעזעצט זייער גאַנג אין געגענגעזעצטע ריכטונגען. ביים ראָג פון גאַס האָט סענדער גענומען אַ טעקסי און אין אַכט מינוט אַרום איז ער שוין געווען אין פעטערהאָף קאַפע וואו ער האָט זיך געזעצט ביי אַ טישעל אין אַ ווינקעל און באַשטעלט אַ ביר.

ירמיהו איז ערשינען מיט צוויי מינוט שפּעטער.

— ירמיהו, יאַך ווייס ווער ער איז! — האָט סענדער אויסגערופען.

איבערראַשען ירמיהו׳ן איז נישט געווען לייכט, אָבער דאָס מאָל איז עס סענדער׳ן געלונגען. דער דעטעקטיוו האָט זיך ראַפּטום אַ זעץ געטאָן אויפ׳ן שטול און ער האָט אָנגעכאַפּט סענדער׳ן ביי דער האַנט.

— דו שפּאַסט!

— איך זאָל אַזוי לעבען. ער הייסט קורט פעדער און ער איז דער דראַג־סעילסמאַן (קאָמיוואָיאַזשאָר) וועגען וועלכען עוואַ האָט מיר דערצעהלט.

ירמיהו האָט פאַרביסען די אונטערשטע ליפּ און זיין האַנט האָט זיך פאַרקלעמט אין אַ פויסט.

— אוי, מען דאַרף אונז ביידען געבען שמיץ! — האָט ער אַרויס־געשעפּטשעט מיט אַ טיפען פאַרדרוס — בהמות וואָס מיר זענען! אייזלען! פערד! ווי אַזוי איז עס אונז ניט איינגעפאַלען אַזאַ איינפאַכע זאַך. אַ דראַג־סעילסמאַן! דער גרינגסטער, קירצסטער וועג צוצוקומען צו אַ דאָקטאָר.

סענדער איז געבליבען זיצען אַ פאַרגאַפטער. דאָס איז אים ניט איינגע־פאַלען אַפילו נאָכדעם ווי ער האָט דערקענט דעם מאַן.

— אוי וועה, וויפיל מיה מיר האָבען זיך געקענט איינשפּאָרען ווען מיר טראַכטען זיך אַריין דערין! — האָט ירמיהו געביסען די ליפּ פון פאַרדרוס.

די קעלנערין האָט צוגעבראַכט סענדער׳ס ביר און איז אַוועק ברענגען אויך ירמיהו׳ס באַשטעלונג.

— מיר מוזען איצט האַנדלען שנעל! — האָט ירמיהו אויסגערופען — דער בחור איז אַרויף אויף די טרעפּ און האָט געלייענט די נעמען אויף אַלע טירען. איך האָב אים בעאָבאַכטעט דורך דעם „אויגעלע״ אין טיר. האָסט געדאַרפט זעהן זיין געזיכט ווען ער האָט דורכגעלייענט דעם נאָמען אויף מיין טיר. עס איז געווען אַ שמייכעל פול מיט גיפט פון טייוועל. זיינע אויגען האָבען ממש אויפגעפינקעלט מיט אַ וואַהנזיניגען פייערל. שטעל זיך פאָר אונזביידען, פנים צו פנים, אָפגעטיילט מיט אַ דינער טיר. ווען ער ווייסט אַז איך זעה אים פון אַזוי נאָהענט...

— איך האָף נאָר אַז דאָס איז ער — האָט סענדער באַמערקט.

— דו צווייפעלסט נאָך? מענש, ער אַרבעט אַליין... עס איז זיין לעבענס־אויפגאַבע, זיינע, אָהן שותפים. איך וואונדער זיך נאָר ווי גלייך ער שפּרייזט. עס איז מיר שווער צו גלויבען אַז ער האָט קינסטליכע פיס.

— עס איז שווער צו מערקען אַז ער זאָל האָבען צוויי קינסטליכע פיס — האָט סענדער געזאָגט — ער געהט צו גלייך, כמעט ווי אַ נאָרמאַלער מענש מיט צוויי געזונטע פיס.

— דאָס איז ער, סענדער! ווי געפינט מען אים?

סענדער האָט געדענקט אַז עווא האָט אים געהאַט אַנגעגעבען דעם נאָמען פון דער פירמע וועלכע דער וואַיאַזשאָר פאַרטרעט, אָבער ער האָט פאַר קיין פאַל ניט געקענט זיך דערמאָנען דעם נאָמען.

ירמיהו׳ס אויגען האָבען פלוצים אויפגעשיינט.

— קורט פעדער זאָגסטו איז זיין נאָמען? לאָמיר אָפּקוקען אין מעלדונגס־אַמט. מיר מוזען ווי אַמשנעלסטען געפינען זיין וואוין־אָרט.

זיי האָבען אויסגעטרונקען די ביר און פאַרלאָזט דעם קאַפע. דער מעלדונגס־אַמט האָט זיך געפונען ניט ווייט פון דעם פעטערהאָף און אין וואָסערע צען מינוט שפּעטער האָט דער באַאַמטער צוגענומען ביי זיי דעם אַפּצאָל און אויפגעזוכט אין מעלדונגס־בוך דעם נויטיגען נאָמען.

— קורט פעדער, 36 יאָר אַלט. יאָ וואָל, מיינע הערן! ער האָט געוואוינט אויף זימער שטראָסע 22. ער איז געשטאָרבען דעם 16־טען יאַנואַר 1958...

ירמיהו און סענדער האָבען זיך איבערגעקוקט מיט שטוינונג.

— עס איז אוממעגליך אַזאַ זאַך. ער מוז דאָך וואוינען ערגעץ און זיין פאַרשריבען — האָט ירמיהו אַרויסגעמורמעלט. און פלוצים איז אים איינ־געפאַלען אַ געדאַנק.

ער האָט שנעל אויסגעפּילט אַ צווייטען צעטעלע, האָט באַצאָלט דעם קלוירק און יענער האָט גענומען נאָכזוכען אין די ביכער.

— נעכעס, אבא נעכעס... ניין, עס טוט מיר לייד, מיין הער. אַזאַ נאָמען איז ניט רעגיסטרירט.

ירמיהו און סענדער זענען אַרויס פון מעלדונגס־אַמט שטאַרק ענטוישטע.

— נו, וואָס טוט מען אַצינד? — האָט סענדער אַ פרעג געטאָן.

— דערמאָן זיך דעם נאָמען פון דער דראַג־פירמע, אָדער געפין שוין דיין עוואַ'ן — האָט ירמיהו אויסגערופען.

— עוואַ'ן קען איך זעהן ערשט האַלב נאָך פיר. מיר האָבען זיך אָפּגערעדט צו טרעפען. עס מיינט, זי האָט געזאָגט, אַז זי וועט וואַרטען אויף מיר; אויב איך וועל קענען קומען, זאָל איך דאָרט זיין.

— אַוואו?

— אין גאַרטען־קאַפע.

— דו וועסט דאָרט זיין געענוי האַלב נאָך פיר! מאַך עס בעסער פיר! — האָט ירמיהו אויסגערופען — הייס איר אָפּרופען די פירמע אין נאָמען פון דר. טרייבער. גיב וואָס פאַר אַ תירוץ דו ווילסט, אָבער געפין אויס קורט פעדער'ס אַדרעס.

— איך האָף אַז עס וועט מיר געלינגען... איך האָף — האָט סענדער געמורמעלט.

ער האָט זיך ניט געקענט מוחל זיין פאַר ניט לייגען מער אַכט אויף קליינִיגקייטען ווי דער נאָמען פון דער פירמע אָדער דעם נומער פון דעם „פאָלקסוואַגען" אַטאָמאָביל. ווען ער וואָלט ביי זיך פאַרצייכענט אין קאָפּ אָט די קליינִיגקייטען וואָלט דאָך איצט געווען אַזוי לייכט אויסצוגעפינען דעם דאָזיגען קורט פעדער...

✶

ירמיהו'ס עצה צו קומען מיט אַ האַלבער שעה פריער איז געווען אַ גוטע, ווייל עוואַ איז אויך געקומען פאַר דער אָפּגערעדטער צייט.

זי איז געווען גוט געשטימט. זי האָט באַקומען אַ שטעלע אין אַ פּריוואַטער קליניק מיט אַ בעסערען געהאַלט ווי דר. טרייבער האָט איר געצאָלט.

סענדער האָט פאַרגעשלאָגען צו פייערען די געשעהעניש מיט אַ פלאַש רהיין־וויין און בשעת'ן טרינקען האָט ער דערצעהלט עוואַ'ן אַ גאַנצע געשיכטע וועגען דעם אַז ער דאַרף האָבען אַ גוטען פאַרקויפער און עס איז אים איינגעפאַלען אַנצובאָטען קורט פעדער'ן דעם דזשאָב.

— ביי מיר וועט ער מאַכען אַ סך געלט און קיינער וועט אים ניט באַכשליידערן די מוסטערן — האָט ער געזאָגט.

עס איז אים ניט אָנגעקומען שווער איינצורעדען עוואַ'ן זי זאָל טעלע־פאָנירען צו דער „סולפאַלין" פירמע און רעדען כלומר'שט אין נאָמען פון דר. טרייבער'ן, בעטען קורט'ס אַדרעס.

— ווען דו וועסט רעדען וועט עס ניט זיין אויפפאַלענד. אויב איך וועל אָפּרופען וועלען זיי ווערען פאַרדעכטיגט — האָט סענדער געזאָגט.

עוואַ איז שוין געווען אונטער'ן איינפלוס פון דעם ווייַן און אַלץ האָט איצט אויסגעזעהן אין אירע אויגען זעהר לאַגיש. זי האָט געטאָן ווי סענדער האָט געבעטען, האָט זיך פאַרבונדען מיט דער דראָג־פירמע, האָט געזאָגט ווער זי איז, אין וועמענ'ס נאָמען זי רעדט און וואָס זי וויל.

די מיידעל אין דעם ביוראָ פון „סולפאַלין" האָט איר געגעבען קורט פעדער'ס אַדרעס אָהן שום שוועריגקייטען.

— דאָ האָסטו דאָס! — האָט עוואַ אויסגערופען מיט אַ טריאומפירענדען שמייכעל צו סענדער'ן — וועסט ניט גלויבען ווען דו וועסט הערען וואו ער וואוינט. געדענקסט ברונוואַלד, וואו מיר האָבען גענומען די שיף פאַר אַ שפּאַציר איבער'ן „זעי" (אזיערע)? אַלזאָ, דאָרט וואוינט ער. ער האָט אַן אייגענע הויז ביים „זעי". אָט איז דער אַדרעס: ברונוואַלד אַם זעי, פיכטען אַלעע, נומער 3. קורט פעדער. נו, בין איך ווערט אַ קוש?

— טויזענט קושען, דו ביזט איינע אין דער וועלט! — האָט סענדער אויסגערופען.

ער האָט מיט גרויס מיה זיך באַפרייט פון איר יענעם נאָכמיטאָג. זי איז געווען גרייט צו פייערען איר ערפאָלג ביז מאָרגען פאַרטאָג. ער האָט איר ערקלערט אַז דאָס קען ער זיך היינט ניט פאַרגינען און האָט איר צוגעזאָגט אַז ער וועט מיט איר פייערען אַן אַנדער טאָג, טאָקע פיללייכט מאָרגען.

זיי האָבען זיך אָפּגערעדט צו טרעפען צומאָרגענס זיבען אין אָווענט אין זעלבען פּלאַץ — אַ ראַנדעוואו וואָס איז קיינמאָל ניט צושטאַנדגעקומען...

די נייעס אויף דער ראַדיאָ

ירמיהו האָט געוואַרט אין האָטעל אויף סענדער'ס צוריקקער. עס איז געווען פינף מינוט נאָך זעקס ווען סענדער איז אַריינגעקומען אין צימער. ביים אָנבליק פון ירמיהו'ן איז דער יונג געבליבען שטעהן אַ פאַרגאַפּטער.

ירמיהו'ס געזיכט האָט געלויכטען מיט אַ מאָדנעם שיין. דער ראַדיאָ האָט

געגעבען נייעס. סענדער האָט געוואָלט עפּעס זאָגען אָבער ירמיהו האָט געפּאָכעט מיט דער האַנט ער זאָל ניט שטערן.

„...די נייעס האָט ממש עלעקטריזירט די גאַנצע וועלט. מענשען אין גאַס גראַטולירען זיך איינער דעם אַנדערען. קיינע איינצעלהייטען אויסער דעם פּרעמיער'ס מעלדונג זענען ניט אַרויסגעגעבען געוואָרען און די גאַנצע געשיכטע איז פאַרהילט אין אַ שלייער פון געהיימניס און איבערראַשונג".

— וואָס רעדט ער? וואָס איז געשעהן? — האָט סענדער אויסגערופען.

— ש...ש...ש! שווייג!

— אַ שעהנע מעשה! איך קום צו זיך אין צימער און מען לאָזט מיר ניט עפענען ס'מויל! — האָט סענדער אויסגעשריגען.

עס האָט אים פאַרדראָסען וואָס ירמיהו'ן געהט ניט אָן צי ער האָט באַקומען די נויטיגע אינפאָרמאַציע צי ניט. וואָס הערט ער זיך דאָרט צו די נייעס? וואָס איז עס דען אַזוי וויכטיג?

דער אנאונסער פון ראַדיאָ האָט אויסגערופען:

„און איצט וועלען מיר איבער'חזר'ן די נייעס: דער פּרעמיער פון ישראל האָט געמאָלדען אין דער כנסת אַז אַדאָלף אייכמאַן איז געכאַפּט געוואָרען און געפינט זיך אין מדינת ישראל וואו ער וועט געשטעלט ווערען פאַר אַ טריבונאַל פון גערעכטיגקייט".

ביי סענדער'ן האָט זיך אָפּגענומען די שפּראַך. ער איז אַראָפּגעזונקען אויפ'ן בעט און געבליבען זיצען אַ צוטומעלטער. עס האָט זיך ניט געגלויבט אַז ער חלום'ט ניט.

ירמיהו האָט פאַרדרעהט דעם ראַדיאָ.

— נו, וואָס זאָגסטו דערצו?! אייכמאַן געפּאַקט! אָט דאָס איז אַ שטיקעל אַרבעט! האָט ירמיהו אויסגערופען — איך שטעל מיר פאָר וואָס קומט איצט פאָר אין דער היים. דער עולם מוז זיין אויסער זיך.

— אָט ווי מירביידע! עס איז שווער צו גלויבען — האָט סענדער געזאָגט.

— וואָס האָסטו אויסגעפונען? — איז ירמיהו פּלוצים געוואָרען געשעפטמעסיג.

סענדער האָט אים דערלאַנגט דעם אַדרעס.

— עס איז אַרום פיר צי פינף מייל פון מינכען — האָט ער געזאָגט — איך בין דאָרט געוועזן איינמאָל מיט עוואַ'ן. אַ שעהנער פּלאַץ.

— נו, זעהסט ווי ער האָט אַלצדינג פאַרזיכטיג געפּלאַנעוועט? — האָט ירמיהו געפרעגט ביי סענדער'ן — ער האָט זיך געמאַכט פּיס, האָט געקויפט

אַ הויז אויסער דער שטאָט, האָט אַ קאַר, האָט זיך פאַרשאַפט אַ דייטשען פּאַספּאָרט אויף אַ פרעמדען נאָמען, וועלכער איז טויט אין מינכען אָבער איז גילטיג אין ברונוואַלד און אויך ביי דער דראַג־פירמע... דאָס איז אַ גוט דורכגעקלערטער פּלאַן, אויסגעאַרבעט ביז די מינדסטע אייגצעלהייטען... ניט אומזיסט האָט מען אים ניט געקענט ענטפּלעקען אַזוי לייכט. ער נעמט זיך צייט. זעה ווי לאַנג עס דויערט אים צו הרג׳ענען דעם דאָקטאָר טרייבער... זעה ווי ער האָט זיך געגומען צו מיר, איך מיין צו דר. דעמערונג. ער איילט זיך ניט. ער האָט צייט. איך וואָלט אַפילו געזאָגט אַז ער האָט אַ באַזונדערן געגוס פון אויסאַרבעטען די אייגצעלהייטען פון זיינע פּלענער.

— און וואָס זענען איצט אונזערע פּלענער? — האָט סענדער אַ פרעג געטאָן.

— מיר געהען קודם כל באַשטעלען אַ קאַר פאַר אונז, דאַן וועלען מיר אָפּעסען און זיך לאָזען אין וועג אַריין קיין ברונוואַלד־אַם־זעי.

— און דו ווילסט גאָרניט דערצעהלען דר. וועלינגער׳ן?

— נאָך ניט איצט. לאָמיר צוערשט אַליין וויסען וואו מיר זענען אין דער וועלט...

סענדער האָט אָפּגערופען די קאָמפּאַני וואָס פאַרדינגט אָטאָמאָבילען און געהייסען צושטעלען אַ גרויסע קאַר צום האָטעל אַ פערטעל נאָך זיבען. דאַן זענען זיי אַראָפּ אין רעסטאָראַן עסען.

ווען זיי זענען אַרויס פון רעסטאָראַן צו דער קאַר האָט אַ צייטונגס פאַרקויפער׳ס שטימע צוגעצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון ירמיהו׳ן און ער האָט געקויפט אַ שפּעטע אויסגאַבע פון דער אָוונט־צייטונג. דעם סאַמע אויבען־אָן האָט פאַרנומען אַ ריזיגער קאָפּ: „אייכמאַן געכאַפּט. געבראַכט קיין ישראל״. אונטען איז געווען אַ קלענערער קאָפּ וואָס האָט ניט וועניגער אינטערעסירט די דעטעקטיווס. ער האָט זיך געלייענט: „מינכענער דאָקטאָר הענגט זיך אויף״.

סענדער האָט מאָמענטאַל דערקענט דאָס בילד פון מאַן מיט׳ן פּליך און לאַנגען פּנים מיט וואָנצעס, אָפּשטאַרצענדע אויערן און אַ וועןדאַיק בערדעלע. דער דאָקטאָר איז געפונען געוואָרען האַלב נאָך פיר בייטאָג אין זיין קאַבינעט אָן אויפגעהאָנגענער. ער האָט געלאָזט אַ צעטעלע ערקלערענדיג אַז ער באַגעהט זעלבסטמאָרד און מען זאָל קיינעם ניט באַשולדיגען אין זיין טויט.

— איין סענסאַציע נאָך דער אַנדערער! — האָט ירמיהו באַמערקט — אַזאַ טאָג ווי היינט טרעפט ניט אָפט... עס געהט ווי געשמירט! איך האָף נאָר

אַז מיר וועלען פאַרענדיגען דעם טאָג ניט ערגער ווי מיר האָבען אים אָנגעהויבען.

— הלוואַי, פון דיין מויל אין גאָט'ס אויערען — האָט סענדער אויסגערופען.

*

סענדער האָט געטריבען די קאַר זעהר פאָמעליך. די פיכטען אַלע האָט זיך געשלענגעלט פאַראַלעל מיט'ן ברעג פון אזיערע אַרום הונדערט פוס פון ברעג. בייביידע זייטען פון וועג האָבען זיך דערהויבען גרינע נאָדעל־בוימער. די הייזער זענען געווען אָפּגערוקט איין הויז פון צווייטען, פאַררוקט צווישען די בוימער. די הייזער צום זייט פון אזיערע זענען געשטאַנען נאָהענט ביים וואַסער.

צווישען די בוימער האָט די אזיערע געגלאַנצט ווי אַ גרויער, מאַטער שפּיגעל אין וועלכען עס האָבען געפינקעלט די שטערענדלעך פון הימעל. טראָץ דעם וואָס עס איז שוין געווען ענדע מאַי איז די לופט געווען אַ קאַלטע און שאַרפע. עס האָט געשמעקט מיט פיכטען נאָדלען און מיט וואַסער.

דאָס הויז, ביי וועלכען זיי האָבען אָפּגעשטעלט די קאַר איז געווען אַ הילצערנע פון צוויי שטאָק; אַ וועראַנדע האָט אַרומגערינגעלט דאָס הויז. דער דאַך איז געווען אַ שפּיציגער מיט פיר טורעמלעך — אַ טורעם ביי יעדען ווינקעל. אין דער פינצטערניש איז געווען אוממעגליך צו זעהן דעם קאָליר פון הויז. אַלע פענצטער אויפ'ן ערשטען שטאָק זענען געווען העל באַלויכטען. עמיצער איז געווען אין הויז.

די דעטעקטיווס זענען אויסגעשטיגען פון קאַר און זענען צוגעקומען צום הויז, זענען אַרויף די פיר טרעפּ וואָס האָבען געפירט צו דער וועראַנדע. אויף דער טיר איז געהאָנגען אַ שווערע אייזערנע לאַפּע פון אַ בער. ירמיהו האָט עס אויפגעהויבען און אָפּגעלאָזט. דער קלאַפּ האָט אָפּגעהילכט מיט אַן אומהיימליכען קלאַנג.

עס האָבען זיך דערהערט שווערע טריט און פלוצים האָט איבער דער טיר זיך אָנגעצונדען אַן עלעקטרישער לאָמפּ.

— ווער איז דאָרט? — האָט אַ מענערשע שטימע זיך אָנגעפרעגט.

— מיר זענען פרעמדע... פּיליכט קענט איר אונז געבען אָנווייזונגען — האָט ירמיהו אויסגערופען — אונזער אָטאָמאָביל איז געבליבען אָהן בענזין.

די טיר האָט זיך צועפענט. קורט פעדער איז געשטאַנען פאַר זיי אָהן אַ היטעל. ער איז געווען אָנגעטאָן אין גרויע הויזען מיט אַ גרויער העמד אָהן אַ קראַוואַט. זיין רעכטע האַנט איז געווען פאַרשטעקט אין קעשענע.

— גוטען אָוונט! — האָט ירמיהו אויסגערופען.

— גוטען אָוונט!

— ענטשולדיגט פאַר דער שטערונג...

— קומט אַריין! דאָ איז דער טעלעפאָן און איר קענט אָפּרופען. די באַענסטע בענזין סטאַציע איז צוויי קילאָמעטער ווייט. זיי וועלען צושיקען עמיצען אייך צו העלפען — האָט קורט פעדער געזאָגט.

ער איז צוריקגעטראָטען פון טיר און די צוויי דעטעקטיווס זענען אַריין אין הויז. זיי האָבען זיך געפונען אין אַ גרויסען פאַרצימער וואָס איז געווען אַ טייל פון אַ ריזיגען צימער מעבלירט מיט שווערע, מאַסיווע מעבל. עס איז ניט געווען קיין וואַנט וואָס זאָל אָפּטיילען דעם פאַרצימער. אַ גרויסער הילצערנער טיש מיט שטולען האָט געדינט אַלס צוטיילער פוןביידע צימערן. אין גרויסען צימער איז געשטאַנען נאָך אַ טיש, אַ קלענערער, פאַרלייגט מיט פאַפּירען און צייטונגען. אַ ברייטע מאַסיווע סאָפאַ באַדעקט מיט לעדער, שווערע לעדערנע שטולען, אַ גלעזערנער קרעדענס מיט געפעס און אַ גרויסער אָפענער שראַנק מיט ביכער האָט דערגענצט די מעבל. ביי איין וואַנט איז געווען אַ גרויסער קאַמין אין וועלכען עס האָט געפלאַקערט אַ העלער פייער פאַרשפרייטענדיג אַן אַנגענעמע וואַרימקייט.

דער טעלעפאָן האָט זיך געפונען אויף דעם קלענערען טיש אין צווייטען צימער און קורט פעדער האָט מיט דער לינקער האַנט אַנגעוויזען ירמיהו'ן ער זאָל אַהין צוגעהן.

ירמיהו איז צוגעגאַנגען צום טיש, האָט זיך אַראָפּגעזעצט אין אַ לעדערנעם שטול און אויסגערופען אין אידיש:

— מיין נאָמען איז ירמיהו אַלמוג און מיין פריינט איז סענדער פאַלאַני. מיר קומען אַלס פריינט און איר דאַרפט ניט האַלטען אייער רעוואָלווער גרייט. מיר זענען ניט באַוואָפענט!

דער דעטעקטיוו האָט עס אַרויסגעזאָגט מיט אַ רוהיגער שטימע, איז געבליבען זיצען מיט ביידע אָרעמס אויף דער ברוסט. סענדער האָט זיך אויך געזעצט אַננעמענדיג ירמיהו'ס פּאָזע.

ביידע דעטעקטיווס האָבען ניט אַראָפּגענומען זייערע בליקען פון מאַן. יענער איז געבליבען שטעהן ווי אַ פאַרשטיינערטער. זיין געזיכט איז געוואָרען בלאַס. ער האָט זיך אַנגעשפאַרט מיט דער פלייצע אין ביכער־שראַנק. די שפּרינגענדע פלאַמען פון קאַמין האָבען געוואָרפען אַ טאַנצענדיגען אָפּשיין אויף זיין פנים און עס האָט זיך געדוכט אַז ער האַלט זיך אין איין קרימען.

דער אויסדרוק פֿון זיין פּנים איז אָבער געווען פֿאַרשטיינערט. נאָר אין זיינע אויגען האָט אויפֿגעבליצט אַ טיף פֿייערל.

אַ ווײַלע האָט געהערשט אַ שטילשווייגען. זיין שטימע איז געווען אַן אַנגעפּלאַצטע אָבער אַ פֿעסטע ווען ער האָט געפֿרעגט:

— ווער זענט איר און וואָס ווילט איר?

— מיר ווילען רעדען מיט אייך, אבא נעכעס.

זיין רעכטע האַנט איז ערשינען פֿון טאַש האַלטענדיג דעם רעוואָלווער.

— ווער זענט איר? — האָט ער איבערגע׳חזר׳ט זיין פֿראַגע. די האַנט מיט׳ן רעוואָלווער איז נאָכגעהאַנגען. ער האָט דעם וואָפֿען ניט געצילט, נאָר געהאַלטען אין האַנט און ירמיהו האָט געקענט זעהן אַז די האַנט ציטערט ניט.

— מיר זענען פֿון ישראל, דעטעקטיווס, פּריוואַטע דעטעקטיווס.

— מי שלח אתכם? (ווער האָט אייך געשיקט?) — האָט אבא נעכעס געפֿרעגט אויף עברית.

— אונז האָט געשיקט די משפּחה פֿון איינעם אַ שמעון ווייס ועלכער...

— ...איך ווייס! ער איז אומשולדיג! איך האָב אַלץ געטאָן אַראָפּצונעמען די שולד פֿון אים! — האָט אבא אויסגערופֿען.

— מיר ווייסען עס!

— טאָ וואָס זענט איר געקומען? ווער האָט אייך אויסגעזאָגט ווער איך בין?

— מיר האָבען זיך אַליין דערטראַכט.

— עס איז אַ ליגען! — האָט זיין שטימע פּלוצים אויפֿגעדונערט און די האַנט מיט׳ן רעוואָלווער האָט אַ צאַפּעל געטאָן. ירמיהו און סענדער האָבען געקענט זעהן ווי זיינע אויגען זענען פּלוצים געוואָרען אָנגעפֿילט מיט אַ פֿלאַמיגען האַס. ביי ירמיהו׳ן אין קאָפּ איז דורכגעלאָפֿען אַ געדאַנק אַז דער מענש איז ניט ביים זינען און איז געפֿערליך.

— עס איז ניט קיין ליגען! — האָט ירמיהו אויך דערהויבען זיין שטימע — מיר האָבען עס ניט לייכט אויסגעפֿונען. ערשט ווען מיר האָבען זיך דערוואוסט וועגען דאָקטאָר ברענזאָ׳ס ליסטע איז אונז קלאָר געוואָרען...

— ...אָה, איר ווייסט פֿון דער ליסטע!

זיין שטימע איז איצט געווען אַ רוהיגע, כמעט אַ פֿלעגמאַטישע. ער האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף דעם נאָענטסטען שטול געווענדעט מיט׳ן פּנים צוביידע דעטעקטיווס.

„דו ביסט נישט קיין מערדער"

— יאָ, מיר ווייסען וועגען דער ליסטע, אבא! מיר ווייסען אַלצדינג — האָט ירמיהו אויסגערופען אַראָפּלייגענדיגביידע הענט אויף די קני.

אבא איז מיטאַמאָל געוואָרען אַנגעשטייפט און זיין שטימע האָט איצט פאַרמאָגט אַ גרילצענדען טאָן.

— נעמט ניט אַראָפּ די הענט! איר ביידע! האַלט די הענט ווי פריער! — האָט ער אויסגעשריגען און אַ פאָכע געטאָן מיט׳ן רעוואָלווער — איך וועל זיך ניט שפּילען! איך וועל שיסען!

— וועסט עס ניט טאָן! — האָט ירמיהו אויסגערופען — דו ביזט נישט קיין מערדער! איך האָב דיר געזאָגט אַז מיר זענען ניט באַוואָפענט און איך גלויב ניט אַז דו וועסט שיסען.

— איך וועל! איך ראָט אייך ביידען ניט צו מאַכען קיין מינדסטע באַוועגונג.

— מיר זענען רוהיג! — האָט סענדער זיך אָפּגערופען — זעהסט דאָך אַז מיר זענען רוהיג.

— נאָך וואָס זענט איר געקומען? וואָס ווילט איר פון מיר? איך וועל אָפּרוימען יעדען וואָס וועט זיך שטעלען אין מיין וועג! יעדען! אַלעמען! אַלעמען...

ער איז געזעסען שטייף קוקענדיג אויף די פרעמדע מיט אַ ווילדען בליק, וואָס האָט געוואַנדערט פון איינעם צום צווייטען. זיין שטימע האָט איצט פאַרראַטען זיין אינערליכע אויפרודערונג. די בלאַסקייט איז פאַרשוואונדען פון זיין געזיכט וואָס איז איצט געווען פאַררויטעלט און די דעטעקטיווס האָבען געקענט זעהן ווי דינע טראָפּענס פון שווייס באַדעקען זיין שטערען.

— אבא, מיר זענען געקומען רעדען מיט דיר! — האָט ירמיהו אויס־געפופען מיט אַ רוהיגער שטימע — מיר ווילען פון דיר גאָרניט אויסער איין זאַך.

— וואָס אַזוינס? וואָס ווילט איר? רעדט! זאָגט מיר! וואָס אַזוינס ווילט איר פון מיר?

— מיר ווילען דו זאָלסט אונז אויסהערען.

— אויסהערען וואָס? וואָס זאָל איך אויסהערען? קיינער האָט מיר ניט וואָס צו זאָגען! קיינער קען מיר גאָרניט זאָגען.

— אפשר יאָ און אפשר ניט. צווערשט הער מיך אויס!

— רעד! איך הער! אָבער ביים מינסטען שריט וועל איך שיסען.

— מיר וועלן זיך ניט רירען און דו וועסט ניט שיסען! איך זאָג נאָכאַמאָל אַז דו ביזט נישט קיין מערדער.

אבא האָט פּלוצים געגומען לאַכען מיט אַ היסטערישער שטימע. ער האָט זיך אַזש געשטיקט ווען ער האָט אַרויסגעזאָגט:

— אויב איך בין ניט קיין מערדער בין איך ניט ווערט מיין נאָמען!

— אַט טאַקע דערפון וויל איך רעדען צו דיר! — האָט ירמיהו אויס־געשריגן — דו ביזט אבא נעכעס! אבא איז ניט יאָהאַן און ניט פריץ און ניט אַדאָלף... דער וועג מיט וועלכען דו האָסט זיך פאַרנומען איז ניט דיין וועג. האָסט געהערט די נייעס היינט נאָכמיטאָג? אַדאָלף אייכמאַן איז געכאַפּט געוואָרען און געפינט זיך אין אידישע הענט. ער וועט געשטעלט ווערען צו אַ משפט...

— יאָ, איך האָב עס געהערט! געהערט! אָבער דאָס איז ניט דער וועג! זייער משפט איז שוין געווען! זיי אַלע, די מערדער, האָבען מיט זייערע טהאַטען זיך אַליין פאַראורטיילט צום טויט! איך פיר אויס זייער אורטייל, זייער פאַרדינטען אורטייל — האָט אבא גענומען רעדען. מיט יעדען וואָרט איז זיין שטימע געשטיגען, זיך דערהויבען צו אַ געשריי.

— עס איז ניט אמת! — האָט ירמיהו אויסגערופען איבערשרייענדיג אבא׳ן — הער מיך אויס! — האָט ער גענומען רעדען שטילער — דו דער־נידעריגסט דיין נאָמען גע׳ירש׳ענט פון דיין טאַטען! דאָס וואָס דו טוסט איז ניט אונזער וועג. עס איז זייער וועג! דערנידעריג זיך ניט, פאַל ניט אַראָפּ צו דער שטופע פון די נאַצישער מערדער! דיין אידישער כבוד איז הויך, דערנידעריג אים ניט.

אבא׳ס אויגען זענען געוואָרען פינצטער. זיין קין האָט גענומען ציטערען. די דעטעקטיווס האָבען געקענט הערען דאָס קריצען פון זיינע ציין.

— מיין טאַטענ׳ס נאָמען... — האָט ער אַרויסגעזייעט פון צווישען פאַרקלעמטע ציין. זיין שטימע איז איצט געווען אַ טיפע, הייזעריקליכע — מיין טאַטענ׳ס נאָמען זאָגסטו... ווייסטו וואָס זיי האָבען געטאָן צו מיין טאַטען? ווייסטו וואָס עס איז געוואָרען פון מיין טאַטען, פון מיין שוועסטער... פון מיליאָנען ווי זיי? זייף! זייף! זייף צו וואַשען די שמוציגע פאַר־בלוטיגטע הענט פון די מערדער.

זיין שטימע האָט איצט געגרילצט און זיין גאַנצער פנים איז געווען צוקרימט אין אַ קאַנוואולסיווען טאַנץ וואָס האָט געמאַכט צוקען זיינע באַקען, דעם שטערען, די אויגען; זיין לינקע פויסט האָט געזעצט אין לעדערנעם ראַנד פון שטול.

— ...זיי זענען ערגער פון חיות. זיי מוזען אומגעבראַכט ווערען!

— מאָרד איז ניט קיין אידישע מידה...

— ...דו שווייג! דו ביזט ערגער פון זיי אויב דו...

— ...אבא! לאָז מיר רעדען! — האָט ירמיהו בייז אַ געשריי געטאָן — לאָז מיר דיר עפּעס זאָגען איידער דו...

— ...איך וועל ד י ר עפּעס זאָגען און דו הער מ י ך אויס! — איז אבא אויפגעשטאַנען פון שטול — קום מיר ניט פּרעדיגען קיין מאָראַל, אַפילו ניט קיין אידישע מאָראַל, ווייל אויך זי איז געשטאָרבען, ערמאָרדעט געוואָרען פון די דייטשע בעסטיעס! ווען איך וואָלט געהאַט די מעגליכקייט וואָלט איך זיי אַלעמען אומגעבראַכט! אַלעמען אָהן אויסנאַם! צום באַדויערען קען עס איין מענש ניט טאָן. טו איך נאָר מיינס. נאַ! אָט זעה! — האָט ער אַריינגעשטעקט די האַנט אין דער לינקער קעשענע און אַרויסגענומען עפּעס, עס אַ וואָרף געטאָן אויפ'ן טיש — דאָס איז מיין שטעמפּעל מיט'ן טינט־קישעלע. איידער אירביידע זענט אַנגעקומען האָב איך זיך געקליבען פאָרען צו פאַרדינען אַ מצווה. היינט בייננאַכט דאַרף שטאַרבען נאָך איינער פון די מערדער, איינער וואָס האָט אומגעבראַכט טויזענטער פרויען און קינדער, ווי מיין מוטער און מיינע שוועסטער, ווי דיינע שוועסטער, זיינע שוועסטער, אַלעמענס שוועסטער, אידישע, נאָר אידישע טעכטער. ער וואַרט אויף מיר, ער וואַרט אויף זיין פאַרדינטער שטראָף. זיי אַלע וואַרטען... היינט בייננאַכט דאַרף דער שטעמפּעל באַרירען זיין שטערען! קיינער וועט מיר ניט פאַרשטעלען דעם וועג פון נקמה. קיינער ניט! און נאָך אים וועט קומען אַ צווייטער, אַ זעקסטער און אַ צענטער...

— איך ווייס! נאָך אים קומט דר. ריכאַרד דעמערונג! — האָט ירמיהו אויסגערופען.

אבא האָט אים אַנגעקוקט מיט שטוינונג.

— ווי ווייסטו עס?

— איך ווייס. האָסט אים נאָכגעפאָלגט פון פאָסט...

— דו ווייסט דאָס אויך?

— איך ווייס עס און איך ווייס נאָך זעהר פיל.

— דו ווייסט צופיל פאַר דיין געזונט! — האָט אבא אויסגערופען — אויב דו ווייסט יאָ אַלצדינג דאַרפסטו מיר ניט קומען פּרעדיגען קיין מאָראַל.

— דר. טרייבער איז טויט. ער האָט זיך אויפגעהאַנגען היינט פאַרנאַכט — האָט ירמיהו אויסגערופען — זיין טויט איז געווען אַ דערלייזונג פאַר אים. זעהסטו דען נישט איין די זאַך, אבא? זעהסטו דען ניט איין אַז

אַ לעבעדיגער אַדאָלף אייכמאַן איז אַ גרעסערע שטראָף פון אַ טויטען אייכמאַן? איך מיין סיי פאַר אים, סאַי פאַר אונז און פאַר דער וועלט. איך שטעל מיר פאָר אַז די וואָס האָבען אייכמאַנ׳ען געכאַפּט...

אבא איז געשטאַנען מיט אַן אָפענעם מויל און זיין האַנט מיט׳ן רעוואָלווער האָט געציטערט. דער אויסדרוק פון זיין געזיכט, זיין בליק האָבען עדות געזאָגט אַז ער הערט ניט וואָס מען רעדט צו אים.

— טרייבער איז טויט? — האָט ער געשעפּטשעט — ער איז טויט? איך וויל עס ניט גלויבען... ער האָט ניט געוואָרט אויף מיר? ניט געוואַרט... איך האָב אומזיסט אויסגעפּלאַנעוועט אַלצדינג... היינט בייננאַכט האָט ער געדאַרפט שטאַרבען... היינט, פאַר האַלבער נאַכט. אַלץ איז שוין גרייט, אויסגערעכענט...

ער איז צוריק אַראָפּגעזונקען אין טיפען שטול. די האַנט מיט׳ן רעוואָל־וועור איז אַראָפּגעהאַנגען אַן אָנמעכטיגע איבער׳ן ווענטעל פון שטול.

— פאַרוואָס האָט ער ניט געקענט וואַרטען נאָך איין טאָג... פאַרוואָס?..

אבא האָט שטיל געכליפּעט און סענדער מיט ירמיהו׳ן האָבען זיך דורכגעוואָרפען מיט פיל־זאָגענדע בליקען.

דר. ברענזאָ׳ס צוואה

ירמיהו האָט געמאַכט אַ באַוועגונג זיך אויפצושטעלען. אבא׳ס האַנט איז מאָמענטאַל שטייף געוואָרען און ער האָט זיך שנעל אויסגעטשוכעט פון זיין שטימונג.

— ריר זיך נישט! איך וועל שיסען! — האָט ער אויסגעשריגען, אויפ־שטייענדיג פון שטול.

— איך ריר זיך ניט כאָטש איך זאָג דיר נאָכאַמאָל אַז איך האָב ניט מורא פאַר דיין רעוואָלווער. דו ביזט ניט קיין מערדער און וועסט מיך ניט שיסען.

— זיי ניט אַזוי זיכער ביי זיך! איך האָב נאָך ניט געענדיגט מיין אויפגאַבע, דעם נדר וואָס איך האָב גענומען אויף זיך! — האָט אבא אויס־גערופען — ווי לאַנג איך מוז בלייבען לעבען און פריי צו ערפילען מיין נדר וועל איך אָפּראַמען אַלע שטערונגען פון מיין וועג און איר זענט אַ שטערונג.

— מיר זענען דיר ניט געקומען שטערן נאָר העלפן!

אבא׳ס פנים האָט זיך פאַרקרימט.

— איך דאַרף ניט קיינעמ׳ס הילף! ווען איך האָב געדאַרפט הילף, האָט זיך אַפילו גאָט אָפּגעקערט פון מיר. איצט דאַרף איך ניט קיין הילף. איך

דאַרף נאָר מען זאָל מיר ניט שטערן. פאַרוואָס פאַרשטעהט איר עס ניט? איך האָב דאָך אַ ציל אין לעבען. אַהן דעם ציל איז מיין לעבען גאָרניט ווערט. וואָס מיינט איר ביידע, עס איז מיר אַזוי גרינג צו שטופּען די טעג און די נעכט? געהט אַריין צו מיר אין שלאָף־צימער, קוקט אָן מיין בעט. עס זעהט אויס ווי אַ געצעלט, רייפען מיט עלעקטרישע לעמפּלעך באַצויגען מיט אַ צודעק. אַהין שטעק איך אַריין מיין קערפּער די היץ זאָל וואַרימען מיינע פיס וועלכע איך האָב נישט. דער וועהטאָג איז אָן אייביגער, ער לאָזט מיר ניט פאַרגעסען אַפילו ווען איך וואָלט עס געוואָלט... ער האַלט אין איין שיסען גיפטיגע פיילען פון די קני צום מוח, פיילען וואָס זענען שטאָפּעטען צו דערמאָנען אַז איך בין ניט איינער פון די וואָס זענען געווען גליקליכער פון מיר און האָבען ניט איבערגעלעבט די יסורים צו בלייבען לעבען און געדענקען. וואָס ווייסט איר דען פון אַזאַ געפיהל? וואָס ווייסט איר ווי איך האָב דערפיהלט ווען איך האָב דערקענט אין דר. דיטריך דעם דאָקטאָר וועלכער האָט מיר אָפּגעזעגט אַ שטיק ביין פון פוס אַהן מיר צו געבען אַ טראָפּען וואַסער צו באַנעצען די ליפּען, שוין אָפּגערעדט פון איינגעבען אַ שלאָף געטראַנק. איך האָב עס אים דערמאָנט! איך האָב זיך גוט איינגעקוקט אין זיין פּנים צו זעהן ווי ער נעמט אויף די עראינערונג... אָה, איך בין געווען מענשליכער פון אים. איך האָב אים געדאַרפט צוזעגען שטיקער ווייז. איך האָב זיך געשעמט מיט מיין ווילדען אויסברוך פון משוגעת ווען איך האָב אים דערשטאָכען... יאָ, משוגעת! איך בין געוואָרען וואַנזיניג. דאַן האָב איך זיך באַרוהיגט און באַשלאָסען צוזוגעבען אַ סימבאָלישקייט צו זיין טויט, אים געבראַכט קיין דאַכאַו, זאָלען זיי אַלע וויסען וואָס עס מיינט. ווען איך וואָלט געהאַט גענוג צייט וואָלט איך אָוועקגעשליידערט זיין קערפּערביים קרעמאַטאָריע אויוון וואו די רעשטלעך פון זיינע מעדיצינישע עקספּערימענטען זענען פאַרברענט געוואָרען אויף אַש...

זיין פּנים איז איצט געווען צופלאַמט אָבער רוהיג. קיין איינציגער מוסקול האָט ניט אַ צוק געטאָן. נאָר זיינע אויגען האָבען געפלאַקערט מיט אַ ווילדען גלאַנץ און דער ציטער אין זיין שטימע האָט פאַראַטען די אינערליכע אויפרעגונג.

— דאָקטאָר דיטריך איז געווען מיינער אַ פּערזענליכער חשבון וועלכען איך האָב אָפּגעצאָלט. ווען איך ווייס פון אָנהויב אָן אַז ער איז עס, אַז מיר קענען זיך — וואָלט איך געבראָכען מיין נדר און וואָלט אָנגעהויבען מיט אים אַנשטאָט געהן לויט דער ליסטע ווי עס האָט אָנגעזאָגט דר. ברענזאָ אין זיין צוואה צו מיר.

— דר. ברענזאַ האָט דיר געלאָזט אַ צוואה? — האָט סענדער אַ פרעג געטאָן מיט פאַרוואונדערונג.

— יאָ! אַ צוואה פאַר דער וועלט, פאַר „יד ושם" און איך האָב עס גענומען אויף זיך דורכצופירען. איך ווייס אַז מיין צייכען פון נקמה קען ניט גרייכען אַלע מערדער — האָט ער אָנגעוויזען אויפ'ן טיש וואו דער שטעמפּעל מיט'ן טינט־קישעלע זענען געלעגען — איך ווייס אַז אַ מענשליכער לעבען איז קורץ. דעריבער האָב איך זיך באַשרענקט צו דאָקטאָר ברענזאַ'ס ליסטע. זי איז מיר געקומען צו דער האַנט אין אַ מאָמענט ווען איך האָב באַשלאָסען צו שטאַרבען, ווייל איך האָב ניט געהאַט צו וואָס צו לעבען. ער האָט מיר געגעבען אַ ציל וואָס זאָל באַרעכטיגען מיין לעבען. דעם ציל וויל איך דורכפירען. מיין שטעמפּעל פאַלט ניט נאָר אויף די וועלכע דאָקטאָר ברענזאַ האָט אָנגעצייכענט נאָר אויף זיי אַלעמען. ער וואַרפט אָן אַ פּאַניק אויף זיי. איך טאָר איצט ניט שטעהן בלייבען. איך מוז פאָרטזעצען און איר מוזט אָפּטרעטען פון מיין וועג.

ירמיהו האָט זיך פלוצים אויפגעשטעלט פון שטול. אבא איז צוריק־געטראָטען צום קאַמין. זיין האַנט מיט'ן רעוואָלווער האָט זיך אויפגעהויבען און געצילט אין דעטעקטיוו.

— ריר זיך ניט! — האָט ער אויסגעשריגען — איך וועל שיסען!

ירמיהו האָט פּאַמעלעך געטרייסעלט מיט'ן קאָפּ.

— וועסט עס ניט טאָן! דו ביזט ניט קיין מערדער, אבא!

— איך וועל שיסען!

— דו מוזט אַוועקלייגען דעם רעוואָלווער און מיטקומען מיט אונז — האָט דער דעטעקטיוו גערעדט רוהיג און געלאָסען — דו האָסט שוין דיינס אויפגעטאָן. דו נויטיגסט זיך איצט אין פריינטליכער הילף. מיר זענען דיינע פריינט.

ירמיהו האָט געמאַכט אַ שריט פאָראויס. אבא איז צוריקגעטראָטען אויף הינטערווייל[ע]כץ. זיין פנים איז געוואָרען בלאַס און אַ שווייס האָט אים באַשלאָגען. די אויסגעשטרעקטע האַנט מיט'ן רעוואָלווער האָט געציטערט.

— איך וואָרען דיר צום לעצטען מאָל! — האָט ער אַרויסגעכריפּעט — קום ניט נעהענטער.

אבא איז איצט געשטאַנען ביים סאַמען פלאַם פון קאַמין און סענדער האָט מיט שרעק צוגעזעהן ווי ער טרעט אַריין אי די גליהענדע קוילען. זיינע הויזען האָבען זיך אָנגעכאַפּט און גענומען ברענען.

דער יונג איז אויפגעשפרונגען ווי אַ געביסענער פון אַ שלאַנג.

— ירמיהו! ער ברענט! — האָט ער אויסגעשריגען.

אבא האָט געטאָן אַ בליק אַראָפּ און פּלוצים האָט ער זיך אַ דרעה געטאָן, אָנגעכאַפּט ביי דער זייט פון קאַמין אַ בלעכענים קרוג און געטאָן אַ הויב איבער׳ן קאָפּ. אַ פליסיגקייט האָט באַגאָסען זיינע האָר, דעם פּנים און די קליידער. עס האָט זיך דערפיהלט דער גערוך פון קעראָסין און פלוצים האָט דער פלאַם פון אונטען אַ שאָס געטאָן ארויפצו און פייערדיגע צונגען האָבען אַרומגעכאַפּט אבא׳ן פאַרוואַנדלענדיג אים אין אַ ברענענדען פּאַקעל.

ירמיהו האָט זיך געטאָן אַ לאָז צו אבא׳ן. יענער האָט אויסגעשאָסען.

— ריר מיך ניט אָן! — האָט ער געשריגען.

ירמיהו איז אָפּגעשפּרונגען אין אַ זייט. סענדער האָט אַ כאַפּ געטאָן איינעם פון די שווערע לעדערנע שטולען און האַלטענדיג עס פאַר זיך האָט ער גענומען זיך דערנענטערען צו אבא׳ן. יענער האָט אויסגעשאָסען דריי מאָל. סענדער האָט געפיהלט ווי צוויי קוילען האָבען געטראָפען אין שטול.

— אַוועק פון מיר! אַוועק! — האָט אבא געכריפּעט מיט אַ ווילדער שטימע — איך האָב גענומען פאַר זיי נקמה און איך וויל שטאַרבען מיט זייער טויט! ווי דו, טאַטע! ווי דו! אין פלאַמען! אין פייער!

ער האָט אויסגעשאָסען נאָך צוויי מאָל און דער רעוואָלווער איז געפאַלען ביי זיינע פיס וואָס האָבען איצט געפלאַקערט ווי צוויי ברענענדע זיילען. זיינע קליידער האָבען געברענט ווי פייערדיגע פליגלען, זיין קאָפּ איז געווען פאַרהילט אין פלאַמען און ער האָט פלוצים צוזאַמענגעבראָכען און איז געפאַלען צושפּריצענדיג פייערדיגע פונקען איבער׳ן צימער.

פאַר די אויגען פון די דעטעקטיוום איז דער לעבעדיגער פּאַקעל פלוצים פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ קליינעם קערפּערל ווי דער פון אַ קינד. דער קאַמין און אַלץ אַרום האָט איצט געברענט, די פלאַמען האָבען געפּויזעט ווי פייערדיגע לאַווע, האָבען דערגרייכט צום שראַנק פון ביכער און גענומען שפּרינגען אַרויפצו פון פּאָליצע צו פּאָליצע. אין דער צווייטער זייט האָבען די פלאַמען אַרומגעכאַפּט די פאַרהאַנגען ביים פענסטער און בליץ שנעל אַרויפגעקלעטערט צום סופית און זיך צושפּרייט איבער די ווענט.

דאָס אַלץ איז געשעהן אַזוי שנעל, אַז די דעטעקטיווס האָבען ניט געהאַט קיין צייט צו קומען צו זיך פון דער שוידערליכער סצענע וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט פאַר זייערע אויגען.

— קום, סענדער! — האָט ירמיהו אַ צי געטאָן זיין געהילף ביי דער האַנט.

— לאָמיר רופען פּאָליציי, פייערלעשער...

— קום! מיר'ן קיינעם ניט רופען. עס איז אפשר בעסער אַזוי!

ירמיהו האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם שטעמפּעל מיט'ן טינט־קישעלע פון טיש, עס אַריינגערוקט אין קעשענע און האָט גענומען לויפען צום אַרויס־גאַנג. סענדער איז געלאָפען נאָך אים. זיי זענען אַנטלאָפען ניט אַזוי פון די פלאַמען ווי פון דעם שווערען געשטאַנק פון ברענענדע האָר און פלייש...

דר. וועלינגער'ס פראַגע

עס איז געווען געגנבֿי ניין אין דער פרי און דר. וועלינגער איז אָקאָרשט געהאַט געקומען אין ביוראָ ווען ירמיהו מיט סענדער'ן זענען ערשינען און אים באַגריסט.

— מיר זענען געקומען זיך זעגענען — האָט ירמיהו געזאָגט — אָוועק־לייגענדיג פאַר דעם פּאָליציי־שעף אויפ'ן טיש אַ פּעקעלע.

— וואָס הייסט איר געזעגענט זיך שוין? און וואָס איז דאָס? — האָט וועלינגער געפרעגט אָנווייזענדיג אויפ'ן פּעקעל.

— עפֿענט אויף און טוט אַ קוק.

וועלינגער האָט אויפגעוויקעלט דעם פּאַפּיר און איז אַזש אויפגעשפּרונגען פון שטול.

— דער שטעמפּעל! — האָט ער אויסגעשריגען.

מיט ציטערדיגע הענט האָט ער געעפענט די בלעכענע קעסטעלע און אָנגעדריקט דעם שטעמפּעל אויף דעם בלויען קישעלע. דאַן האָט ער צוגעדריקט דעם שטעמפּעל צו אַ ווייסען פּאַפּיר.

— דאָס איז ער! דאָס איז ער! ווי קומט ער צו אייך! וואָס באַדייטעט עס?

— מיר האָבען אונזער אויפגאַבע פאַרענדיגט — האָט ירמיהו געזאָגט — דאָ האָסטו דעם שטעמפּעל. מער קיין קרבנות מיט דעם בלויען צייכען וועלען ניט זיין.

— אָבער די מערדער?

— דער מערדער! עס איז געווען איין מערדער און ער לעבט שוין ניט מער. ער האָט זיך פאַראייניגט מיט זיינע עלטערן און מיט זעקס מיליאָן אַנדערע פון זיין פאָלק — האָט ירמיהו געזאָגט.

וועלינגער האָט אים אָנגעקוקט מיט פאַרוואונדערונג.

— איך פאַרשטעה ניט. וואָס מיינט איר עס איז געווען איין מערדער? וואו איז ער? ווער זענען זיינע עלטערן? וואָס באַדייט עס?

וואַלטער קנאַבע איז ערשינען אין צימער און באַגריסט אַלעמען מיט אַ העפליכען „גוט מאָרגען”. ער האָט באַמערקט דעם אָפּגעשטעמפּעלטען פּאַפּיר און האָט אָנגעקוקט די אנוועזענדע מיט אַ פרעגענדען בליק.

— וואָס האָט פּאַסירט? ווידער דער בלויער צייכען?

— יאָ, דאָס איז דער אָריגינעלער שטעמפּעל! — האָט ירמיהו אויסגערופען — דער מערדער פון די דאָקטוירים איז טויט.

— און די אַנדערע מערדער? — האָט קנאַבע געשטעלט די זעלבע פראַגע ווי וועלינגער.

— עס איז געווען נאָר איינער — האָט ירמיהו געזאָגט — זעצט זיך, מיינע פריינט, און איך וועל אייך אויפקלערען די געהיימניס. אָבער צוערשט וויל איך פון אייך אַ צוזאָג אַז די געהיימניס וואָס איך וועל אייך ענטפּלעקען זאָל בלייבען אַ געהיימניס. עס איז גענוג אַז איר וועט מעלדען אַז איר האָט געלייזט די געהיימע מאָרדען פון „בלויען צייכען” און זיי וועלען מער ניט געשען. דער מערדער איז געווען קורט פעדער. ער איז פאַרברענט געוואָרען. דאָס וועט בלייבען די אָפיציעלע ווערזיע און די פּאָליציי וועט דערמיט שליסען די אויספאָרשונג. אויב איר נעמט אָן מיין באַדינג וועל איך אייך דערצעהלען די אמת׳ע פאַקטען.

וועלינגער און קנאַבע האָבען זיך איבערגעקוקט.

— דערצעהלט די פאַקטען! — האָט וועלינגער געזאָגט — איך האָב געהאָט די געלעגענהייט אייך צו דערקענען און איך ווייס אַז איר האָט מסתמא אַ באַרעכטיגונג פאַר שטעלען אַזאַ באַדינג.

— יאָ, הויפּטזעכליך היינט ווען אייכמאַן איז אין אונזערע הענט — האָט ירמיהו געשמייכעלט.

— עס איז געווען אַ גלענצענדע שטיקעל אַרבעט — האָט וועלינגער צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ — דייטשלאַנד האָט אים געדאַרפט כאַפּען. עס וואָלט אונז געהאָלפען אָפּווישען דעם שאַנד פלעק.

— איר האָט עס אָבער ניט געטאָן — האָט סענדער באַמערקט — עס זיינען פאַראַן אַ סך אייכמאַנס וועמען איר קענט נאָך כאַפּען אויב איר וועט זיך פאַרלייגען אויף זיי.

— יאָ, איר זענט גערעכט — האָט וועלינגער אַ זיפץ געטאָן — נו, לאָמיר הערען די פאַקטען.

— רופט אָפּ ברונוואַלד און געפינט אויס די איינצעלהייטען פון דער שרפה דאָרט — האָט ירמיהו געזאָגט.

— וועלכע שרפה? — האָט וועלינגער אים אָנגעקוקט מיט פאַרוואונ־דערונג.

— זיי וועלען שוין וויסען!

וועלינגער האָט זיך געהייסען פאַרבינדען מיט דער פּאָליציי אין ברונ־וואַלד און גערופען דעם שעף צום טעלעפאָן. ער האָט זיך איינגעהערט צו די איינצעלהייטען פאַרצייכענענדיג פון צייט צו צייט אויף אַ פּאַפּיר וואָס ער האָט געפונען פאַר נויטיג.

— יאָ, עס האָט דאָרט לעצטע נאַכט אָפּגעברענט אַ הויזביים זעי. די הויז האָט זיך געפונען אויף פּיכטען אַלעע און האָט געהערט צו איינעם אַ קורט פעדער, וועלכער האָט זי געקויפט מיט 20 מאָנאַטען צוריק. ער איז געוועזן אַ דראַג־קאַמיוואַיאַזשאַר און מען דענקט אַז ער איז פאַרברענט געוואָרען ווייל מען האָט געפונען זיין אָטאָמאָביל ביים הויז. ער האָט געלעבט אַליין, איז געוועזן אַ שטילער, אָפּגעזונדערטער מענש, האָט זיך ניט געמישט מיט שכנים. די פּאָליצי און פייערלעשער נישטערן איצט אין די חורבות צו געפינען די אורזאַכע פון פייער, ווי אויך די רעשטלעך פון קערפּער. דער פייער איז געשעהן אַרום ניין אין אָוונט.

— זיי וועלען געפינען די רעשטלעך פון קורט פעדער׳ס קערפּער אין די אַש און קוילען — האָט ירמיהו געזאָגט — מיר האָבען געזעהן ווי ער האָט זיך אָנגעצונדען. צום באַדויערען האָבען מיר אים ניט געקענט ראַטעווען און עס איז פילייכט גלייכער וואָס עס איז אַזוי געשעהן.

דער דעטעקטיוו האָט דאַן דערצעהלט פאַר דר. וועלינגער׳ן און וואָלטער קנאַבע׳ן די געשעהענישען פון דער פאַרגאַנגענער נאַכט און די וואָס האָבען געפירט צום שפּור פון אבא נעכעס׳ן. אין פאַרלויף פון דער גאַנצער צייט וואָס ירמיהו האָט גערעדט, הויפּטזעכליך ווען ער איז געקומען צו זיין באַזוך אין „יד ושם״ און דעם דאָקומענט פון דר. הילאַרי ברענזאַ, זיינען די צוויי צוהערער געזעסען מיט געבויגענע קעפּ און זיך געשעמט צו קוקען דעם דעטעקטיוו אין פּנים אַריין.

אַ שטילקייט האָט געהערשט אין צימער ווען דער דעטעקטיוו האָט פאַרענדיגט זיין ערצעהלונג. די שטילקייט איז געהאָנגען ווי אַ בלייענער צודעק, דריקענדיג אויף דעם געמיט.

דר. וועלינגער איז געוועזן דער ערשטער צו קומען צו זיך, זיך אַרויס־רייסען פון דער דריקענדער שטימונג. ער האָט אָנגענומען דעם שטעמפּעל פון טיש, אים געדרעהט מיט די פינגער באַטראַכטענדיג עס גלייך ווי ער זאָל עס זעהן דעם ערשטען מאָל.

— הער אַלמוג — האָט ער פּלוצים אויסגערופן אין דער שטיל — איך דאַרף אייך ניט זאָגן ווי טיף ערשיטערט איך בין פון דעם וואָס איך האָב געהערט און ווי אייביג דאַנקבאַר איך וועל פאַרבלייבן צו אייך און אייער געהילף. אייער באַדינג, וועלכן איר האָט געשטעלט פריער, וועלן מיר, פאַרשטעהט זיך, ערפילען. אָבער ערלויבט מיר צו שטעלן איין פראַגע און זאָגט מיר צו אַן ערליכען ענטפער.

— פרעגט! איך בין די גאַנצע צייט געווען ערליך מיט אייך! — האָט ירמיהו אויסגערופן.

— איך ווייס עס, און נעמט מיר ניט פאַר אומגוט וואָס איך האָב עס אַזוי אויסגעדריקט — האָט דער פּאָליציי־שעף פאַרטגעזעצט — איר האָט פריער געזאָגט אַז עס איז פיליכט גלייכער וואָס אבא נעכעס איז... איך מיין, וואָס עס איז אַזוי געשעהן... די שרפה... אָבער וואָס וואָלט געווען ווען עס פּאַסירט אַנדערש, ווען ער גיט זיך איבער אין אייערע הענט; וואָלט איר אים געבראַכט אַהער צו מיר, אים איבערגעגעבן אין אונזערע הענט?

ירמיהו איז געבליבן זיצען אַ פאַרטראַכטער. וועלינגער און קנאַבע האָבען ניט אַראָפּגענומען זייערע בליקען פון זיין געזיכט.

דער דעטעקטיוו האָט געריבען די באַק. זיין בליק איז געווען זעהר ערנסט ווען ער האָט גענומען רעדען:

— דעם אמת זאָגענדיג האָב איך ניט געוואוסט די גאַנצע צייט וואָס איך וועל טאָן ווען עס וועט קומען דערצו. נעכטען ביינאַכט, פאָרענדיג קיין ברונוואַלד, האָב איך געמיינט אַז מיר פאָרען כאַפּען אבא נעכעס'ן, כדי אים איבערצוגעבען אין די הענט פון געזעץ. אָבער זיצענדיג אין שטול, מיט די הענט פאַרלייגט אויף דער ברוסט, איינהערענדיג זיך צו אים, האָב איך געוואוסט אַז איך האָב זיך איינגערעדט... עס איז מיר געוואָרען קלאָר אַז באַלד נאָך מיין באַזוך אין ישראל, ווען איך האָב זיך דערוואוסט ווער דער מערדער איז — אַז שוין דאַן האָט אין מיר געלעבט אַ ספק.

ירמיהו האָט זיך אויסגעגלייכט אין שטול און געווענדעט דעם בליק צו וועלינגער'ן.

— איר ווילט וויסען דעם אמת? דער אמת איז אַז איך וואָלט אים ניט איבערגעגעבען אין אייערע הענט. איך האָב אים נעכטען געזאָגט, אַז מיר זענען געקומען אים העלפען — און דאָס איז געווען דער אמת. ער האָט זיך געגנויטיגט אין הילף... עס וואָלט געווען אַ פאַרקריפּלונג פון גערעכטיגקייט, אַ חוזק פון מענשליכע ליידען, אַ באַליידיגונג פון אַנדענק פון מיליאָנען

אומגעקומענע אידען ווען אבא נעכעס וואָלט גע׳משפט געוואָרען פון דייטשע ריכטער.

דר. וועלינגער האָט ניט געקענט אויסהאַלטען ירמיהו׳ס בליק. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגען און אַרויסגערעדט אין דער שטיל:

— איר האָט רעכט. ווי אומגעזעצליך דאָס זאָל ניט קלינגען זענט איר גערעכט... אַ דאַנק פאַר אייער אויפריכטיגקייט...

— ענדע —